STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07009

DERTSEYL DAYN ZUN!... AGODES UN YONTOYVIM FAR SHUL UN HEYM

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דערציייל דיין זון/ אפּרים גאָלדבערג

ES PROPIEDAD. QUEDA HECHO
EL DEPOSITO DE LEY.

נאכדרוק פארבאטן.

ארויסגעגעבן פון מחבר.

דערציי׳ל דיין זון!....

„והגדת לבנך"
(שמות י״ג ח)

אגדות און ימים טובים
פאר שול און היים

פון אונזערע אלטע אוצרות
פונעם
לעבעדיקן אידישן קוואל, –
דעם ניט אויסגעשעפטן.

געזאמלט און באארבעט
פון
אפרים גאלדבערג

בוענאס איירעס
התש״ח – 1948

ז גראנאטש

א י נ ה א ל ט פ ו ן ב ו ך :

ערשטע אפטיילונג

אגדות און עפיזאָדן

•

צווייטע אפטיילונג

שבת, ימים טובים און תעניתים

די לעגענדע

אין די גאָר אַלטע צייטן, ווען די וועלט האָט נאָך פון קיין לע-
גענדעס נישט געוואוסט און נישט געהאַט מיט וואָס צו פאַר-
אינטערעסירן די קינדער, האָט אַמאָל אַ קעניג פאַרמאָגט צוויי קינ-
דער, אַ זון מיט אַ טאָכטער, וועלכע ער האָט שטאַרק ליב געהאַט און
זיי דאָס גרעסטע פאַרגעניגן צוגעטיילט. גאַנצע טעג פלעגן זיי זיך
שפּילן אין אַ פּראַכט-שיינעם גאָרטן אַרום זיין פּאַלאַץ און האָבן פריילעך
פאַרבראַכט. בלומען האָבן געוואַקסן און דופטיקע ריחות צעשפּרייט.
צווישן די לאַנגע אַלייען פון די בלומען-בייטן זיינען די שטעגן געלעגן
באַדעקט מיט טייערע דימענט-שטיינער און גאָלדענע שטויבן, וועלכע
האָבן ווי טוי-פּערל העל געפינקלט אויף די רויזן-בלעטער. פרישע
קוואַלן האָבן מיט קלאָר-דורכזיכטיקע וואַסערלעך געשטראָמט און
הויכע פאָנטאַנען האָבן דין געשפּריצט און באַוואַסערט די אַרומיקע
גרינקייט, וועלכע זיי האָבן אָפּגעפרישט און באַלעבט. אין די טייכלעך
וואַסער זיינען גאָלדענע און זילבערנע פישעלעך געשוואומען און זיך
געשפּיגלט קעגן די זון-שטראַלן. אין גרויסע שטייגן, געפלאָכטן פון
גאָלד, זיינען אַלערליי מינים עופות אַרומגעפלויגן מיט פאַרשידנפאַר-
ביקע גרויסע פליגל. זינג-פויגל האָבן צווישן די ביימער זייערע זיסע
געזאַנגען געלאָזט הערן און אָנגעפולט דעם גאָרטן מיט פרייד און
לעבנס-לוסט.

פלעגן דאָרט דעם קעניגס קינדער פריילעך פאַרברענגען און הנאה
געהאַט. מיט דער צייט אָבער, האָבן זיי זיך מיט דעם צופיל גוטס
אָנגעזעטיקט און עס האָט זיי דערעסן דער גאָרטן מיט זיין גאַנצן
פּראַכט. וואָס אַ טאָג זיינען זיי געוואָרן מער אומעטיקער, עס האָט
זיי מורא'דיק געלאַנגווייליקט און זיי האָבן אליין נישט געוואוסט
וואָס זיי פעלט.

— ליבע קינדער מיינע! — האָט אין אַ טאָג זייער מוטער, די קע-
ניגין, זיך דערנענטערט צו זיי און זיי געדריקט צו איר ברוסט: — וואָס
פעלט אייך? פאַרוואָס זענט איר טרויעריק און שלעכט געשטימט?
דער גאָרטן איז דאָך פול מיט צויבער און פּראַכט, ער איז וואונדער-
לעך שיין און פאַרמאָגט די בעסטע מעלות, אַלץ וואָס אייער האַרץ
גלוסט. וואָס ווילט איר נאָך און וואָס פאַרלאַנגט איר?

— מיר ווילן, מאַמע, עפּעס אַ זאַך —האָבן די קינדער געענט-
פערט— אָבער מיר ווייסן ניט וואָס עס פעלט אונז.

האָט זיך די געטרייע קעניגין־מוטער פאַרטיפט אין זיך און גע־וואָלט טרעפן וואָס אירע ליבע קינדערלאַך פעלט.

— אַך, ווען איך זאָל קענען די מלאכים פון גן־עדן אַראָפּברענגען, — האָט זי געטראַכט, — וואָלטן זיי פאַר מיינע קינדער דאָס טעלערל פון הימל אַראָפּגעבראַכט און גלייך אין די הענט דערלאַנגט. אפשר וואָלט דאָס זיי צופרידן געשטעלט.

פלוצלינג האָט זיך אין דער בלויער לופט באַוויזן אַ וואונדערלעך שיין עוף, וועלכעס האָט זיך נידעריק צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט און גלייך אויפן שויס פון דער מוטער אַוועקגעזעצט, קוקנדיק אַרום זיך מיט וואונדער־אויגן, אָנגעגאָסן פול מיט חן און ליבשאַפט, ווי די אויגן פון קליינע און שיינע קינדער.

— אָך, ווי שיין, ווי ליב, עס איז דער דאָזיקער פויגל! — האָבן די קינדער צוזאַמען מיט דער מוטער זיך זייער דערפרייט. דאָך האָבן זיי נאָר פונדערווייטן באַטראַכט דאָס וואונדערלעכע פייגעלע און ניט געוואָגט אויסשטרעקן זייערע הענטלעך עס אָנרירן. באַלד אָבער, האָט עס זיך פון אָרט אויפגעהויבן און שוועבנדיק אין דער לופט, הין און צוריק אין אַ קרייז, איז עס פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער ווייטער הויך.

די קינדער האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן און נאָכגעפאָלגט מיט באַוואונדערונג דאָס פייגעלע, וואָס האָט זיך אַלץ העכער צו די הימלען געטראָגן, ביז זיי זיינען מיד געוואָרן קוקנדיק און עס פון אויג פאַרלוירן.

אַראָפּלאָזנדיק אָבער די אייגעלעך, האָבן זיי פלוצלינג דערזען אַ וואונדערלעך גאָלדן אייעלע, וואָס דאָס פייגעלע האָט אויפן שויס פון זייער מוטער געלייגט. עס האָט העל געגלאַנצט און געבלישטשעט ווי אַ ים־פערל.

— אַך, ס'אַ שיין אייעלע! — האָבן זיי מיט באַגייסטערונג אויסגע־רופן און מורא געהאַט עס אָנצורירן. די מוטער האָט געשוויגן און באַרניט געזאָגט. זי האָט נאָר געטראַכט, אפשר געפינט זיך אין דעם אייעלע אַזאַ זאַך וואָס קאָן דערפרייען זייערע הערצער און פאַרטרייבן דעם שווערן אומעט, וואָס פייניקט זיי נאָכאַנאַנד, שוין אַזוי לאַנג.

נאָכהער ערשט האָט דאָס מיידעלע אויסגעשטרעקט מיט גרויס פאָרזיכטיקייט איר זייד־גלאַט הענטעלע און געפרואווט עס אַ ריר טון. נאָך איר, האָט אויך דאָס ברודערל פאָרזיכטיק באַטאַפּט דאָס שיינע אייעלע און ביידע האָבן פאַראַמאָל אויסגעשריען: „דאָס אייעלע איז וואַרעם!” און ווען אויך די מוטער האָט דערויף לייכט איר האַנט אַרויפ־געלייגט, האָט די גאָלדענע שאָלעכץ זיך מאָמענטאַל אויף צוויי צע־שפּאָלטן און פון'ם אייעלע האָט זיך אויסגעשיילט אַ וואונדערלעך־שיין באַשעפעניש, ניט קיין פייגעלע, ניט קיין שמעטערלינג און אויך נישט קיין בינעלע. עס האָבן נאָר גלאַטינקע סאַמעטענע פליגעלעך געפלאַ־טערט און גלאַנצנדיק אָנטקעגן די זונען־שטראַלן, האָבן זיי די קינדער אין פאַנטאַזמישע וועלטן אַוועקגעטראָגן...

דאָס איז געווען די לעגענדע!

די מוטער האָט דאַן גלייך דערזען, אַז פון אירע קינדערס פּנים׳ער, איז ווי דורך אַ צויבערקראַפט פאַריאָגט געוואָרן יעדער מין זאָרג און לאַנגווייליקייט, וואָס האָבן זייער געמיט נידערגעשלאָגן, נאָר צולאַנגדיק קיין שום פרייליכע שטימונג צו זייערע יונג-צאַפּלדיקע הערצער. פון יענעם טאָג אָן האָבן די קינדער ליב באַקומען דעם וואַלד מיט זיינע פייגל, דעם גאָרטן מיט זיין געזאַנג, דאָס פעלד מיט די בלומען. די לעגענדע האָט פיל פרייד אין זייער לעבן אַריינגעבראַכט און זיי אויך פליגל באַשאַפן, מיט וועלכע זיי זיינען איבער אַלע עקן וועלט געפלויגן, וואו זיי האָבן לויטער געשוועבט און אין איין אויגנבליק צוריקגעקערט אַהיים, אויפגעלעבטע מיט פרישער שטימונג.

דאָס איז די געשיכטע פון דער ערשטער לעגענדע, וואָס האָט אַמאָל, מיט פיל יאָרן צוריק, דערמוטיקט דעם גייסט פון׳ם קעניגס קינדער און וועלכע דערפרייט ביז היינט יעדער פאַרשטאַנדיק און קלוג קינד, וועלכער הערט זי אויס, אָדער ער לייענט מיט אַן אָפן מויל.

ווי די פייגעלעך האָבן זיך אויסגעלערנט זינגען

אין די ערשטע טעג נאָך דעם וועלט-באַשאַף, האָט זיך אַנטפּלעקט די געטלעכע נאַטור אין איר פולן צויבער און פּראַכט. עס האָבן שטאַרק באַוואונדערט איר שיינקייט אַלערליי מינים באַשעפענישן און געשאַקלט מיט די קעפּ צוליב צייכן פון דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג. טער פון אַלעמען, זיינען די פייגל געבליבן דערשטוינט און פאַרוואונדערט, ווייל ווער נאָך ווי זיי איז אומשטאַנד אויסצומעסטן די וועלט אין איר לענג און ברייט, הויך און ווייטקייט? זיי קרייזן דאָך אַרום אַלע אירע עקן און באַקוקן איר גלאַנץ און רום. זיי באָדן זיך טאָג-טעגלעך אין מאָרגן-טוי אַנטקעגן די זון-שטראַלן און זעטיקן זייער דורשט אין קלאָרע וואַסער-שטראָמען צווישן די בערג, וואו זיי געניסן פריי און זאָרגלאָז פון גאָטס שיינער נאַטור-רייכקייט.

האָבן זיי געוואָלט אויסדריקן זייער האַרציקע באַגריסונג דעם וועלט-באַשאַפער, פאַר זיין וואונדערלעכן קונסט-ווערק, וואָס ער האָט בלויז מיטן וואָרט פון זיין מויל אַזאַ רייכקייט באַשאַפן. האָט זיי אָבער אויסגעפעלט די קונסט פון זינגען.

אַרומפליענדיק פון בוים צו בוים, פון בלום צו בלום, האָבן זיי נאָר צעעפנט ברייט זייערע שנאָבלען און אַרויסגעפּישטשעט צעבראָכענע טענער, אָן טעם און אָן אָרדענונג, אָן קלאַנג און געשמאַקלאַז. ווער עס האָט געוואָרקעט און ווער עס האָט געפייפט. איינע האָט געקוויטשעט הייזעריק, און אַ צווייטער האָט געסווישטשעט אַן טאָלק. עס האָט זיך אַזוי אַרום געהערט אַ מאָדנער געמיש פון אומבאַשטימטע קולות, וועל-

כע האבן זייער שלעכט אפגעקלונגען און פארהילכט די לופט מיט אומאנגענעמע שטימען, אומבא'טעמ'טע.

* * *

דער האר פון דער וועלט אבער, וועלכער ווייזט ארוים מיטגעפיל צו אלץ און אלעמען, האט גלייכצייטיק רחמנות געקראגן אויף די פייגעלעך, וואס רייסן זיך אומזיסט די העלדזער מיט פאלשע טענער און באשלאסן זיי צו שענקען די גוטע מתנה פון שיין זינגען. וואס האט ער געטון? ער האט אראפגעלאזט פון דער הויך-הימלישער געזאנג-קאמער (היכל השירה והזמרה) דריי יונגע מלאכים'לעך פון וואונדערלעכן אויסזען, מיט גין-גאלדענע פארביקן פליגל, ווי די דין-זיידענע שמעטערלינג-פליגלען, און זיי באזעצט אויף א גרינעם בערגל ביי א וואלד. די שיינע מלאכימלעך האבן זיך צעזונגען מיט זייערע געשמאקפולע זיסע קולות און אנגעפולט דעם וואלד מיט מארגן-געזאנג און מארגן-פרייד.

דערהערנדיק אזא מין נייעם זיסן געזאנג, פול מיט חן און טעם, האבן זיך מחנות'ווייז פייגל אהין א לאז געטון פון אלע עקן מיט א פויילעך פליגל-פאטשעריי, כדי צו כאפן דעם טאן און זיך אויסלערנען זינגען.

די מער פלייסיקע פייגל האבן זיך אוועקגעזעצט ווי שטרענג-געהארכזאמע תלמידים און אויסגעהערט נייגעריק דאס געזאנג פון זייערע לערער, די מלאכים. זיי האבן גוט געלערנט און אויסגע'חזר'ט די לעקציעס מיט גרוים חשק, א דאנק וועלכע זיי זיינען פארבליבן בארימטע זינג-פייגל פון גאטס גענאד. די פוילע אבער, די אומגעדולדיקע, האבן ניט געשאנקען קיין געהעריקע אויפמערקזאמקייט דעם לערנען. זיי זיינען זיך צעפלויגן אין אלע זייטן, ווייט ווייט, און אזוי ארום אפגעווארפן גאטס מתנה.

— ווען די געזאנג-לעקציע זאל זיי געגעבן ווערן אין נאכט-חלום, — האבן זיי זיך פארענטפערט — וואלטן זיי איר גערן אנגענומען. אבער זיך אוועקזעצן לערנען און חזר'ן, איז פאר זיי א באלעסטיקונג און פאדערט צופיל צייט-פארלוסט.

א טייל פייגל ווידער, ווי צום ביישפיל: פאפוגייען און טויבן, האבן שטאלצירט מיט זייערע שיין-קאלירטע פעדערן, פון פארשידענע פארבן און זיך באגנוגנט מיט זייער שיינקייט. צו וואס טויג זיי נאך קענען זינגען? — האבן זיי געטראכט, — זייערע קאלירן אליין וועלן זיי דאך באשיינען און בארימט מאכן איבער דער גאנצער וועלט. זיינען זיי טאקע פארבליבן ביז היינט צו טאג גאר שוואכע זינגער, וועלכע גרילצן און קוויטשען הייזעריק און שטום, ווארקען און פייפן מיט שפאט און מאכן פון זיך נאר חוזק און געלעכטער.

צו דעם בעסערן מין זינג-פייגעלעך, וואס דערקוויקן שטענדיק דעם

מענטשנס האַרץ מיט וואונדערבאַרע האַרציקע מעלאָדיעס און זיסע ניגונים, געהערן די גוטע קאַנאַריקלעך. זיי זיינען דאָן געזעסן שטיל און באַשיידן און אויפגענומען ערלעך מיט אָפענע מיילעכלעך און אויער-לעך די געשאַנקענע געטלעכע מתנה פון זייערע געטרייע מלאכים-לערער. די וואונדערלעכע הימל-זינגער. און דאָס, וואָס זיי האָבן דע-מאָלט איינגעשטודירט מיט פלייס און ווילן, מיט געדולד און חשק, איז זיי פאַרבליבן איינגעפלאַנצט אין די יונגע הערצער און טיף איינגע-קריצט אין זייער זכרון. זיי האָבן עס איבערגעגעבן בירושה צו זייערע קינדער און קינדס-קינדער, אויף אייביקע ציימן און דורות און עס לויבן זיי און בענטשן גאָט און לייט ביז היינט.

די שנאה צווישן קאַץ און הונט

איינצייטיק, און כמעט אין דער זעלבער שעה, זיינען קאַץ און הונט באַשאַפן געוואָרן.

מיט פיל פריינטשאַפט און צוטרוי האָבן זיך די צוויי באַשעפע-נישן איינגעלעבט איינס מיטן צווייטן און באַשלאָסן אַרויסצולאָזן זיך זאַלבענאַנד איבער דער וועלט זוכן שפּייז. וואָס עס וועט זיך נאָר טרעפן ביי דער ערשטער געלעגנהייט, זאָל זיין פאַרביידן גלייך. צוזאַמען וועט מען עסן, טרינקען, וואָס גאָט וועט געבן.

עס איז אָבער פאַרביי אַ טאָג, צוויי און דריי און זייער גאַנצע האָפענונג איז צערונען געוואָרן, קיין שפּייז האָט זיך פאַר זיי נישט געטראָפן. דער הונגער האָט וואָס ווייטער אָנגעהויבן ביידן שטאַרק צו פּייניקן. דעמאָלט האָט זיך דער הונט אָנגערופן צו זיין שותף:

— ביז וואַנען וועלן מיר אַזוי צוזאַמען הונגערן? — דו, קאַץ קענסט זיך דאָך גאָר לייכט איינאָרדענען אין אדם הראשונ׳ס הויז; דאָרט וועסטו עסן דיין ברויט צו זאַט און לעבן אַ גוטן טאָג! דאַקעגן איך, וועל גיין אין וואַלד און לעבן צווישן די ווילדע חיות, עס וועט מיר דאָרט געוויס ניט פעלן קיין עסן.

דעם דאָזיקן פאָרשלאַג האָט די קאַץ אַ צופרידענע אָנגענומען. די צוויי פריינט האָבן זיך ביי זיך פעסט באַשלאָסן, ניט אריינצוגיין איינער אין צווייטנס גבול. און אַזוי זיך אָפּגעזעגנט מיט אַ שבועה, ניט צו לעבן קיינמאָל אין הויז פון איין בעל-הבית.

אינ׳ם מענטשנס הויז, האָט זיך די קאַץ געפילט אַ גליקלעכע, גע-פרעסן פעטע מייז, גע׳גנב׳עט די בעסטע מאכלים און זיך געלאָזט וואוילגיין אויפן שענסטן אופן. דער מענטש האָט גראַד געפונען גרויסע נוצן אין איר „טעטיקייט” און ניט קוקנדיק אויף די שאָדנס וואָס זי מאַכט אָן אין שטוב, האָט ער זיך צו איר באַצוינגן מיט כבוד און צו-

געשיילט געוויסע פאַרגעניגנס. ער האָט איר נישט געשטערט צו פירן א רואיקן שטילן לעבן.

עס איז אַזוי אַוועק אַ געוויסע צייט און די קאַץ האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן אין׳ם געוועזענעם שותף.

דער הונט ווידער, איז אַוועק אין וואַלד און האָט געלעבט מיטן וואָלף אין איין הייל.

* * *

דערשפּירנדיק אָבער איינמאָל בײנאַכט פיס-טריט פון חיות, האָט ער זיך אויפגעהויבן מיט ליאַרעם און ביל׳עריי: געוואַלד גנבים! האָבן די חיות אים געוואָלט צערייסן און צעפּיצלען אויף שטיקער, ביז ער איז קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן צו דער מאַלפּע. אָבער אויך דאָרט האָט ער די זעלבע שטיק באַוויזן. די מאַלפּע האָט אים מוחל געווען זײַנע מונות און אָפּגעטריבן פון זיך. פון דאָרט האָט זיך דער הונט דערשלאָגן צו דער וואוינונג פון דעם שטילן שעפּס און פאַרבליבן צייטווייליק ביי אים וואוינען.

דערהערנדיק דאָ אויך שטילע טריט, זײַנען די זעלבע „קונצן" געשען: געוואַלד, ראַטעוועט, גזלנים!

צוליב זיין געפילדער און געשריי האָט די וועלף נאָכגעשפּירט דאָס אָרט פון דעם אומגליקלעכן שעפּס און אים געבעך פאַרצוקט.

דער זינדיקער נע-ונד׳ניק האָט נאָך אַלץ קיין מנוחה און רו נים געפונען און געמוזט וואַנדערן ווייטער, ביז ער איז ענדלעך אָנגעקומען צום מענטשן. און דוקא דאָ, אין מענטשנס הויז, איז אים גוט אַוועקגע-צוגען... דורך זײַן בילן און געשריי, איז דער מענטש געקומען אויף די שפּורן פון כל׳ערליי פאַרדעכטיקטע און גנבים, און זיי פאַריאָגט מיט פייל און בויגן. דערפאַר איז ער זייער נוצלעך געוואָרן פאַר זײַן בעל-הבית, וועלכער האָט אים געהאַלטן אַלס געטרייער הויז-היטער און איינם פון אַנדערן זײַנען צופרידן געבליבן.

דאָ האָט זיך אָבער די קאַץ אַוועקגעשטעלט פאַר אַ שטן און צע-שטערט דאָס גאַנצע גליק. מיט איין טענה האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן הונט, געביסן און געריסן פון אים שטיקער פון אַלע זייטן.

— צו וואָס ביסטו, פאַרשאָלטענער הונט, אַהער געקומען אין מיין גבול? פאַרוואָס האָסטו געבראָכן די שבועה, נים צו וואוינען אין איין הויז?

דער הונט האָט זיך געבויגן אין צענטן און פאַרענטפערט:

— נו, נאַרישע קאַץ, וואָס קען עס דיר שאַטן? דײַנע מאכלים וועל איך ניי ווי נים עסן, און דיין דירה נים פאַרכאַפּן. דו קענסט דאָך ווייטער פירן דײַן אָרט-לעבן: כאַפּן מייז און וואוינען אין דער וואַרים, אין דער זעלבער צייט ווען איך וועל ליגן אין דרויסן און אייך אַלעמען היטן פאַר גנבים און גזלנים.

די קאַץ איז אָבער בשום אופן ניט איינגעגאַנגען דערויף, און האָט געהאַלטן אין איין שרייען:

— ס'טייטש, פאַרוואָס האָסטו געבראָכן די שבועה?

פאַרן בעל-הבית האָט זי פאַר'מסר'ט דעם הונט אַלס גנב, און ווי פּאַסט איר צו וואוינען מיט אַ גנב, און אַזוי ווייטער דעם הונט געשפּרונגען אין די אויגן און געדראַפּעט מיט אירע שאַרפע נעגל.

דער הונט האָט איינגעזעען, אַז מיט דער קאַץ צו מאַכן אַ שלום איז אויסגעשלאָסן. האָט ער זיך אַריבערגעטראָגן אין הויז פון שת, (אדם הראשונ'ס זון) און פאַרבליבן דאָרט וואוינען.

אַזוי איז פון דעמאָלט אָן פאַרבליבן אַן אייביקע פיינטשאַפט און פאַרביסענער האַס צווישן קאַץ און הונט, וועלכע האַלט אָן אויף דורות און צייטן, פון קינדער אויף קינדס-קינדער.

דער בוים זינגט

אויפן דריטן טאָג פון וועלט-באַשאַף האָט גלייך אויפגעשפּראָצט דער ערשטער בוים און איז זיך צעוואַקסן שיין און הויך ביזן הימל. שלאַנק און שטאָלץ איז ער געשטאַנען, באַבלעטערט און באַצווייגט, באַגרינט און באַפּרוכפּערט.

דער סוד פון אייביק לעבן איז געלעגן באַהאַלטן אין יעדן שפּראָץ פון זיין עקזיסטענץ, און דער ריח פון זיינע בשמים האָט פאַרשמעקט אַלע עקן וועלט. מלאכים זיינען פון אים אַראָפּ און אַרויף, ווי אויף יעקב אבינו'ס לייטער און האָבן געזונגען געטלעכע געזאַנגען און לויב-לידער צום באַשאַפער פון הימל און ערד.

דער איינציקער וועלכער האָט זיך נישט באַטייליקט אין דעם מלאכים-געזאַנג און נישט געקענט עפענען דאָס מויל גאָט צו לויבן איז געווען דער בוים, ווייל דאָס מויל פון זיין שפּראָץ ליגט טיף אין דער ערד, באַהעפט צום אָרט פון וואַנען ער ציט די יניקה זיך צו דערנערן. איז דער אָרעמער בוים געשטאַנען שטום און באַ'צער'ט, אומעטיק און פאַרזאָרגט. שווערע טרערן האָבן אַראָפּגערונען פון זיינע צווייגן אויפן גראָז פון אונטן, און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ וואַסער.

— וואָס פּאַסירט מיט דעם שיינעם ריז, וואָס ער האַלט אין איין וויינען, אין דער צייט, ווען מיר פרייען זיך מיט אים? — האָבן זיך די מלאכים נישט געקאָנט אָפּוואונדערן און געפרעגט איינער ביים אַנדערן.

דאָס זעלבע איז אויך געשען אויפן פערטן טאָג: ווען די זון, לבנה און שטערן זיינען באַשאַפן געוואָרן, האָבן זיי אַלע פאַרהילכט די לופט מיט זיסע ניגונים צו גאָט און געלויבט זיין ליבן נאָמען דורך לויב-לידער. דער בוים אָבער, אַנשטאָט צו באַדאַנקען דער זון פאַר איר גוטסקייט און וואַרעמע שטראַלן, מיט וועלכע זי קושט אים געטריי, האָט ער אַראָפּגעבויגן זיין קאָפּ צו דער ערד און ביטער געוויינט. זיינע

בלעטער האָבן געוועלקט. די פרוכטן זיינען פון די צווייגן אראָפּגעפאַלן און האָבן געפוילט אין די טרערן-בעכן וואָס אונטער זיינע פיס.

דערזעענדיק דעם שטומען צער פון אָרעמען בוים, האָבן זיך די מלאכים אוועקגעשטעלט פאַרן געטלעכן טראָן (כסא-הכבוד) און האָבן געזאָגט:

— האר פון דער וועלט, אַלמעכטיקער גאָט, זע נאָר ווי דער בוים, וואָס דו האָסט באַשאַפן, שטייט זייער טרויעריק צווישן אונז, פריילעכע. מיר זינגען און לויבן דיך און ער גיסט מיט טרערן, זיין שיינקייט ווערט פון מאָל צו מאָל פאַרמינערט און זיין פראַכט גייט פאַרלוירן. וואָס פעלט אים?

— אַ מויל, אַ מויל פעלט אים אין קאָפּ, צו קענען עס עפענען און זינגען צו-גלייך מיט אייך —ענטפערט זיי דער וועלט-באַשאַפער.— גוט, מאָרגן וועל איך זען אומבאַדינגט פאַריכטן זיין חסרון און אים צו-פרידנשטעלן.

און אַזוי איז געשען: דער אויבערשטער, זיין נאָמען זאָל געבענטשט זיין, האָט געהאַלטן וואָרט און האָט מקיים געווען זיין צוזאָג.

אויפן פינפטן טאָג, ביים זון-אויפגאַנג, האָט גאָט באַשאַפן צווישן די פאַרשידענע מינים עופות אויך דאָס קליינע זינג-פויגעלע. פון דעם זעלבן בוימס בלימעלעך האָט ער עס אויסגעפורעמט און מיט אַ שלל פון רייך-פאַרביקע קאָלירן האָט ער באַפּוצט זיינע שיינע פעדערלעך, כדי עס זאָל זיין ענלעך צו אַ לעבעדיקן שפּראָץ, צו אַ פליענדיק בלימעלע.

דער וועלט-באַשאַפער האָט עס געבענטשט און געזאָגט:

— הער-אויס, מיין שיין קינדעלע: פון דעם בוים ביסטו געקומען און אויף אים וועסטו וואוינען דיין גאַנץ לעבן. ער וועט זיין דיין שוץ און דו — זיין מויל.

דאָס פייגעלע האָט זיך געפרייט מיטן בוים, און עס האָט צווישן די געדיכטע צווייגן זיינע אויסגעבויט אַ וואָרעמע נעסט און געזונגען לידער. דעם בוים ווידער האָט עס שטאַרק הנאה-געטאָן.

דער ווינשטאָק

אויפן דריטן טאָג פון דער וועלט-באַשאַפונג האָט זיך פון הימל דערהערט אַ שטימע: — זאָל די ערד זיך באַקליידן מיט גראָז, און פרוכט-בוימער זאָלן אויסוואַקסן!

אויסהערנדיק דעם וואונש פון באַשעפער, וועמענס וואָרט עס האָט מעכטיק אָפּגעקלונגען איבער אַלע וועלט-טיילן, האָט די שווארצע ערד אַ גרין מלבוש אָנגעטון און אַלערליי מינים פרוכטבוימער האָט זי פון זיך אַרויסגעגעבן. פאַרשידענע גראָזן האָבן אָנגעהויבן וואַקסן, בלומען האָבן געבליט און די לופט ווייט פאַרשמעקט.

— זעט נאָר, ס'איז וואונדערבאַר באַשעפעניש איך בין! — האָט דער מעכטיקער צעדער-בוים פון לבנון שטאָלץ אויסגערופן — איך פאַרמאָג דאָך שטאַרקייט, גוטן ריח, און אויך געדיכטן שאָטן. מיט די בעסטע מעלות בין איך דאָך פון דער נאַטור באַשאָנקען געוואָרן. אַלץ איז אין מיר פאַראַן. וואָס פעלט מיר דען נאָך?

— קוקט נאָר אָן די געטלעכע ברכה וואָס רוט אויף מיר! —האָט זיך געטראַכט דער טייטלבוים, — זעט נאָר מיין שיינע הויך, מיינע וואונדערלעכע צווייגן. אָך, ווי זיס מיינע פרוכטן זיינען!

— ווי די אידן צווישן די פעלקער, אַזוי שטיי איך צווישן די וואַלד-בוימער, — האָט דער עפּלבוים אויסגעשריען.

— ווי אַ רויז צווישן דערנער, זע איך אויס צווישן די נידערוואוק-סיקע שטרויכן — האָט דאָס הדס-בוימל זיך געגרויסט.

אַזוי האָט יעדער בוים אויף זיין שטייגער, ווי גרויס אָדער קליין ער זאָל ניט זיין, זיך געהאַלטן אין איין לויבן און רימען און באַוואונ-דערט זיין וואוקס און שיינקייט וויפיל ער האָט נאָך געקענט. אויסער דעם איינזאַמען ווינשטאָק-ביימעלע, וואָס איז געשטאַנען עלנט און האָט געשוויגן.

— איך, איינער אַליין, אַליין און גאַנץ אָפּגעזונדערט, —האָט ער זיך געטראַכט— שטיי דאָ. איך פאַרמאָג ניט קיין שטאַרקן שטאַם און קיין דיקע צווייגן, ניט קיין בלומען און קיין פרוכט אוודאי ניט...

טרויעריק און פאַרצווייפלט, איז אַ לאַנגע צייט דאָס ווינשטאָק-ביימעלע געלעגן נידעריק צו דער ערד, געטראָטן מיט די פיס פון אָקס און פון אייזל.

דערזעענדיק די געדריקטע שטימונג און געפאַלנקייט פון דעם שוואַכן ביימל, האָט זיך אין מענטשנס האַרץ דערויף דערוועקט גרויס רחמנות, ער האָט עס פון מיסט אויפגעהויבן און איבערן דאָך פון זיין ביידל אַרויפגעצויגן. דאָרט האָט אַ לייכט ווינטעלע גענומען צאַרט בלאָזן און דעם אָרימען ווינשטאָק אַ סוד אין אויער איינגערוימט:

— פאַל ביי זיך ניט אַראָפּ, אָרים ביימעלע, און ווער נישט אַנט-

מוטיקט. דו וועסט נאך דערלעבן בעסערע צייטן און זיך לאזן וואוילגיין.ווארט, האב אביסל געדולד!

און אזוי איז טאקע געשען:

די זון האט אירע ווארעמע שטראלן פון הויכן הימל געשיקט און אים אונטערגעווארעמט, געמוטיקט און געפעסטיקט.

און טאקע באלד, גאר אין א קורצע צייט ארום, האט זיך דער וויינשטאק שיין און פרעכטיק צעבליט. ער האט זיך מיט רייכע און פולבלוטיקע הענגלען וויינטרויבן באקליידט, וואס האבן זיך אין ליבטיקן פרימארגן אנטקעגן די זון-שטראלן געררויטלט, און ביי אלעמען פארוואונדערונג ארויסגערופן.

פון דאמאלט אן, שטייט דער בארימטער וויינשטאק הויך און שטאלץ, זאפטיק און פרוכטבאר, בליט און וואקסט יאר-איין, יאר-אויס, און אין דער זעלבער צייט, ווען פון אנדערעביימער איז שוין לאנג אפגעטרייסלט און אפגעקליבן געווארן די לעצטע פרוכט, שטייט ער נאך אין זיין פולן גלאנץ, באלאדן און באהאנגען מיט זאפטיקע, זיסע און געשמאקע הענגלען טרויבן, וועלכע דערפרייען גאט און לייט...

די זון, די לבנה און דער האן

אויפן פינפטן טאג פון דער וועלט-באשאפונג, זיינען זון און לבנה אלס צוויי גלייכע הויפט-באלייכטונגען, געווען שטארק צופרידן מיט זייער גורל, וואס אויף זיי איז אויסגעפאלן דאס גליק צו פארשפרייטן ליכט איבער דער וועלט.

זיצנדיק אין הימל, האבן זיי געשמועסט צווישן זיך און זיך דערציילט וואונדערלעכע צויבער-מעשה'לעך ארום דעם וועלט-באשאף.

אין א פאר טעג ארום איז דערשינען דער שטאלצער האן מיט זיין שיינעם קאם אויפן קאפ און האט אנגעהויבן פאטשן מיט די פליגל, קרייען און זינגען, טאנצן און שפרינגען. עס האט זייביידע זייער דערפרייט און גרויס פארגעניגן פארשאפט.

די זון איז מיד געווארן פון איר כסדרדיקן ארומשפרייזן איבער די אומענדלעכע הימל-האריזאנטן און האט זיך געוואלט גיין אפרוען, האט זי זיך הארציק געזעגנט מיט אירע צוויי ליבע פריינט און איז אוועק שלאפן.

בלייבנדיק אליין, אן דער זון, איז דער לבנה אומעטיק געווארן אויפן הארצן. ניט וויסנדיק וואס צו טון, האט זי זיך געווענדעט צום האן און אים געבעטן ער זאל איר פארווײלן מיט געזאנג און מיט טענץ, כדי זי זאל ניט ארײנפאלן אין א טרויער-שטימונג און אין איינזאמקייט.

דער האן האט אבער פונקט דאן אנגעוואוירן דעם גאנצן חשק צו

מאכן קונצן פאר דער לבנה. ער האט זיך גאר באליידיקט וואס זי שפאסט פון אים און הייסט זיך אים נאריש מאכן. ער האט איר קאפּ־טענאריש אפּגעזאגט און זיך אוועקגעדרייט אן א זייט.

דער לבנה האט שטארק פארדראסן אויף דער עקשנות׳דיקער האל־טונג פון שטאלצן האן וואס פאלגט איר ניט, האט זי אים אנגעכאפּט ביים דיקן קאם פון קאפּ און מיט כעס אראפּגעשליידערט פון הימל אויף דער ערד און אים דערקלערט אן אייביקן ברוגז.

אינדערפרי איז צוריקגעקומען די זון צו פארנעמען איר פלאץ אין הימל. דערזעענדיק ווי עס פעלט איר בעסטער חבר, דער האן, פרעגט זי גלייך אויף זיין אפּוועזנהייט און וויל וויסן וואו ער איז אהינגעקומען.

— איך האב אים אראפּגעווארפן אויף דער ערד דערפאר וואס ער האט מיך ניט געוואלט פאלגן — ענטפערט די לבנה אן אנגעברוגזטע און דערציילט וואס עס האט פּאסירט.

דער זון האט די מעשה זייער געערגערט און זי האט זיך אנגערופן מיט פארדראס:

— הער אויס, חבר׳טע. אויב דו האסט ניט געקענט לעבן בשלום און הויזן מיט אזא געטרייען פריינט ווי דער האן איז, קען איך זיך אויך ניט געפינען אין דיין געזעלשאפט און קען ניט וואוינען מיט דיר צו־זאמען. אלזא, שייד זיך אפּ פון מיר און פארנעם דיין פלאץ אויף ביי־נאכט און איך וועל פארזעצן מיין ארבעט ביי טאג.

אזוי האבן זיך פון דעמאלט אן די צוויי גלייכע פריינט צעשיידט: די לבנה האט פארמינערט איר שיין און איז פארבליבן א קלענערע נאכט־הערשערין און די גרויסע זון, דער סימבאל פון שלום און פרייד, האט זיך צעשטראלט און באלויכטן די וועלט ביי טאג.

דערוויסנדיק זיך וועגן דער זון׳ס געטריישאפט צו אים, האט זיך דער האן דערפרייט און געשוואוירן אייביקע ליבע און קעגנזייטיקע סימפּאטיע דער גוטער חבר׳טע זיינע, דער ליבהארציקער געטרייער זון.

— ערשט איצט זע איך, אז עס עקזיסטירט אמת׳ע פריינטשאפט אויף דער וועלט, —זאגט דער האן—א זאך וואס כ׳האב עס ביז היינט ניט געוואוסט.

פון דאן אן איז דער האן פארבליבן דער זון׳ס אייביקער גוטער פריינט, וועלכער וועקט איר אויף יעדן פרימארגן פון שלאף און פאר־שפּעטיקט קיינמאל ניט.

די ירושה

א מענטש האָט אַלע זיינע יאָרן געאַרבעט שווער און ביטער, גע-שפּאָרט א סענט צו א סענט און אָנגעקליבן א גרויסן קאַפּיטאַל. פאַר דעם גאַנצן געלט האָט ער זיך איינגעהאַנדלט א טייערן דימענט און אים זייער שטאַרק אָפּגעהיט.

אין א צייט אַרום איז דער מענטש געפערלעך קראַנק געוואָרן און געהאַלטן ביים שטאַרבן. האָט ער צוגערופן זיין זון, אים פאַרטרויט דעם סוד און געזאָגט:

— זע, זון מיינער! דאָס גאַנצע לעבן מיינס האָב איך אָן אויפהער געאַרבעט און זיך גענוג אָנגעמאַטערט. דערפאַר האָב איך אָפּגעשפּאָרט א ווערטפולן חפץ, א וואונדערלעכן דימענט, וועלכן איך לאָז דיר איבער בירושה. דאָרט און דאָרט ליגט ער, גיי און נעם אים. אָבער ווי דאָס אויג אין קאָפּ זאָל ער ביי דיר אָפּגעהיט ווערן. פאַר קיין שום געלט זאָלסטו אים ניט פאַרקויפן און קיינעם נישט ווייזן. ניי דיר אויף א קליין זע-קעלע, לייג אַריין דעם דימענט, און זאָל ער ביי דיר בלייבן אַלס איי-ביקער אַנדענק.

מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט האָט דער זון אויסגעהערט דעם פאָ-טערס לעצטע רייד און געטון אַלץ וואָס ער האָט אים פאַרזאָגט.

יאָרן זיינען איבערגעלאָפן. דער זון איז אַלט געוואָרן. און פונקט ווי אַמאָל זיין פאָטער, האָט ער צוגערופן אויך זיין זון, און אים אַנטפּלעקט דעם סוד וועגן דימענט און דאָס זעלבע אים אָנגעזאָגט.

דעם זונס זון האָט אויסגעהערט און אויסגעפאָלגט זיין פאָטערס פאַרלאַנג, וואָס איז אויך געווען דער פאַרלאַנג פון זיין זיידן: א ניי זע-קעלע האָט ער זיך אויפגעניית, אַריינגעלייגט אין דעם דאָס אַלטע, און זיין גאַנץ לעבן עס שטאַרק אָפּגעהיט. און ווען דאָס אייניקל האָט אויך צו א טיפער עלטער דערגרייכט, האָט ער פון זיין זון געפאָדערט דאָס זעלבע וואָס זיין פאָטער פון אים.

אַזוי האָט זיך די ירושה מיטן דימענט געצויגן פון פאָטער צו זון און פון זון צו אייניקל. און אַזוי ביז קינדס-קינדס-קינדער איז זי איבערגע-גאַנגען פון דור צו דור.

מיט יעדן נייעם דור, איז צוגעקומען א ניי זעקעלע, אין וועלכן עס איז אַריינגעלייגט געוואָרן דאָס אַלטע. ביז עס האָבן זיך אָנגעקליבן א גרויסע צאָל זעקעלעך אויף זעקעלעך, טאָרבעלעך אויף טאָרבעלעך, אָן א שיעור און אָן אַן ענדע.

און דער דימענט אַליין איז אין משך פון יאָרן, פון אַזוי פיל אָפּהי-טן אים, זיך פאַרלוירן צווישן די פיל זעקעלעך און איז פאַרגעסן געוואָרן פון זכרון ביז עס איז אויפגעשטאַנען א דור, וועלכער האָט אים אַרומ-געוויקלט פון די פולע זעקעלעך און אָפּגעשאַצט אין זיין גאַנץ גרויסער ווערט, וואו ער פינקלט און שיינט ווי דער ליכטיקער מאָרגנשטערן...

דאָס גאָלדענע ניסעלע

אין אַ געדיכטן גרינעם וואַלד, וואו זונען-שטראַלן האָבן פון הימל אַראָפּגעקוקט און באַגאָסן מיט ליכט יעדן הויכן בוים, האָט אַמאָל געלעבט אַ שיינער וועווערק, וועמען אַלע האָבן שטאַרק ליב גע-קראָגן:: דער וואַלד, די פייגל און אפילו אייניקע חיות. זומער, האָט ער אויסגעזען העל-געלבלעך, ווי מיט גאָלד באַצויגן. ווינטער-צייט, ווידער, ווען אַלץ אַרום איז דורכאויס ווייס געוואָרן, האָט ער זיך אין ווייסן באַקליידט, פון קאָפּ ביז די פיס אינגאַנצן ווייס. ציין האָט ער פאַרמאָגט, ווייסע, שאַרף-שפּיציקע און בייסנדיקע, מיט וועלכע ער האָט געקנאַקט ניס ווי מיט אַ צוואַנגל.

איינמאָל אין אַ טאָג, איז דורכן וואַלד פאַרבייגעלאָפן אַ מלאך מיט ווייסע פליגל און באַמערקנדיק מיט זיינע קלאָרע אויגן דעם שיינעם ווייס-קאָלירטן וועווערק, איז ער אים זייער געפעלן געוואָרן. מיט איין פלי הין און צוריק, האָט דער מלאך צום גן-עדן דערגרייכט, פון וואַ-נען ער האָט אָפּגעריסן אַ גאָלדן ניסעלע און עס אַ מתנה געבראַכט דעם ווייסן וועווערק, דעם ליבלינג פון וואַלד.

— נאַ דיר, אַ ניסל, ליבער וועווערק מיינער! — האָט דער מלאך מיט אַ צאַרטער שטימע עס אים גלייך דערלאַנגט אין מויל, — עס אויף, וועסטו גרוים הנאה האָבן. פון די גן-עדן בוימער האָב איך עס ספּעציעל פאַר דיינעטוועגן אָפּגעריסן, פון לעבנס-בוים אליין.

—אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דיר, ליבער מלאך! — האָט דער וועווערק מיט גרויס העפלעכקייט געענטפערט: יאָ, איך וועל אים עסן, אָבער נאָכדעם וואָס דו וועסט אַוועקפליען. איצט האַלט איך נאָך ניט דערביי, איך קען נאָך ניט עסן.

ווען דער גוטער מלאך איז פאַרשוואונדן, האָט דער וועווערק גענומען גוט באַטראַכטן די מתנה און געזאָגט:

— ניין, איך עס ניט אויף דאָס ניסעלע, בעסער וועל איך עס באַ-האַלטן אויף שפּעטער, ווען שלעכטע צייטן וועלן אָנקומען, אויף דער עלטער, ווען עס וועט מיר שווער זיין שפּייז צו געפינען, ערשט דאַן, וועט מיר די גאָלדענע מתנה געוויס צונוץ-קומען, כדי זיך ביים לעבן צו דערהאַלטן.

* * *

פיל זומערן זיינען פאַרשוואונדן און ווינטערס זיינען איבערגע-לאָפן. ניט איינמאָל האָט דער וועווערק געטראַכט וועגן זיין באַהאַל-טענעם אוצר'ל און שטאַרק געגלוסט צו כאַפּן עס אין מויל און אויפ-פרעסן מיט איין קנאַק, אָבער ביי יעדער געלעגנהייט, האָט אים דאָס האַרץ ניט דערלאָזט צו מאַכן דערפון אַן ענדע און עס צעקנאַקן.

— זאָל נאָך זיין, זאָל נאָך זיין, — האָט ער אַלץ די צייט אָפּגע-שטויסן און אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. ס'איז נאָך פריצייטיק, פאַרלוי-פיק, קען איך וואַרטן.

ענדלעך זיינען שווערע טעג אָנגעקומען און די לאַגע איז געוואָרן אַ קריטישע: דער וועווערק איז אַלט געוואָרן, די פיס האָבן זיך ביי אים אויסגעקרומט, זיין קאָפּ האָט אָנגעהייבן ציטערן פון שוואַכקייט, דאָס ווייסע מאַנטעלע זיינס וואָרעמט שוין מער ניט זיין אַלטן אָפּגעשוואַכטן קערפּער. עס איז שוין לאַנג אָפּגעריבן און אויסגעקראַכן. עס טויג שוין צו גאָרנישט.

— נו, איצט, מוז איך זיך נעמען צום ניסעלע, אומבאַדינגט, — האָט דער אַלטער וועווערק פעסט באַשלאָסן, דער הונגער דריקט דאָך מיך אַזוי גרויזאַם, פּשוט ניט איבערצוטראָגן.

אַרויסקריכנדיק פון ערגעץ־וואו, פון אונטער טרוקענע פאַרוועלקטע בלעטער די טייערע מתנה, האָט ער עס אין די לאַפּעס גענומען און זיך דערויף זאַט ניט געקענט אָנקוקן. דאָך האָט ער עס אין מויל אַריינגעלייגט — אָבער צעקנאַקן איז אים שוין געווען אוממעגלעך. זיין מויל איז שוין לאַנג געווען אויסגעליידיקט פון ציין.

* * *

פון וואַלד צו וואַלד, טאָג איין, טאָג אויס, פליט אַרום דער ווייסבאַפליגלטער מלאך און האַלט אין איין זוכן און נישטערן.

צוקומענדיק איינמאָל צו אַ הויכן בוים פון זעלבן ווייטן וואַלד, האָט דער גוטער מלאך דערזען, ווי גאָר פון אונטן, ליגט טויט אַ ווייסער וועווערק און ענג צווישן זיינע לאַפּקעס געפינט זיך פעסט איינגעקלאַמערט אַ גאָלדן ניסעלע, דאָס ניסעלע פון גן־עדן.

פ אַ ר ג י ט י ק ט   ד ע ם   ש אָ ד ן

אין אַ דאָרף האָט אַמאָל געלעבט אין אָרעם פאַרפאַלק, אַ פּויער און אַ פּויערטע, אין גרויס נויט. זיי האָבן אין שטוב ניט פאַרמאָגט קיין שטיקל ברויט אָנצועסן זיך צו־זאַט. קיינער האָט ניט געוואוסט פון זייער פּיין. אין דער שטיל האָבן די מענטשן זיך געמאַטערט און געליטן.

איינמאָל, אָבער, ווען דער הונגער האָט שטאַרק אָנגעהויבן פּייניקן די אָרעמע פאַמיליע, איז דער פּויער אַריינגעגאַנגען צו אַ נאָענטן שכן און געבעטן אַ ביסל קאָרן אָפּצומאָלן מעל. האָט אים דער שכן פאַר רחמנות געגעבן אַ מעסטל קאָרן, און דער מילנער האָט עס אומזיסט אָפּגעמאָלן.

טראָגנדיק פון מיל אַ שיסל מעל, אָפּצובאַקן ברויט אין דער היים, האָט פּלוצלינג אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער דרום־ווינט און פון פּויער׳ס האַנט צעבלאָזן דאָס מעל און עס העט ווייט, אין אַלע זייטן צעטראָגן.

איז דער פּויער געבליבן שטיין אינמיטן וועג מיט דער ליידיקער שיסל און זיך קיין עצה נישט געקענט געבן. פון זיינע אויגן האָבן גע־

גאַסן הייסע טרערן און אויף דער ערד אַראָפּגעריינען: — וואָס טוט מען איצט און מיט וואָס קומט מען אַהיים?

אוים פאַרצווייפלונג האָט ער זיך געלאָזט גיין וואוהין די פיס וועלן אים טראָגן, אַבי נישט קומען אַהיים מיט ליידיקע הענט.

אַריינקומענדיק אין אַ געדיכטן פינצטערן וואַלד, איז אים אַנט־קעגנגעקומען אַן אַלטע פרוי מיט אַ גוטמוטיקן מילדן שמייכל אויף די ליפּן.

— פרידן צו דיר, באַבע! — האָט דער פויער זי האַרציק באַ־גריסט און זיך העפלעך פאַרנויגט.

— זיי אויך געבענטשט, גוטער מאַן! — ענטפערט אים די אַלטיטש־קע, — ווער ביסטו און וואוהין גייסטו? וועלכער ווינט האָט דיר אַהער פאַרטראָגן, אין אַזאַ פאַרוואָרפן אָרט, וואו קיין פוס פון אַ חיה האָט עס נאָך נישט באַטראָטן און קיין פויגל פליט דאָ נישט פאַרביי?

— איך בין אַן אָרעמאַן — דערציילט איר אוים דער פויער זיין ביטער האַרץ — און קום איצט פון מיל, וואו כ'האָב אָפּגעמאָלן אַ שיסל מעל און עס אַהיימגעטראָגן אָפּצובאַקן ברויט פאַר מיין אָרעמער פאַ־מיליע, איז געקומען אַ בייזער ווינט און עס אינגאַנצן צעבלאָזן. וואַנ־דער איך איצט איבער וועגן און זוך דעם ווינט, כדי אים אָנקלאָגן פאַר גאָט.

— אויב אַזוי, קום מיט מיר! —רופט זיך אָפּ די פרוי— איך בין די מוטער פון די ווינטן; פיר קינדער פאַרמאָג איך: איינער הייסט מזרח־ווינט, דער צווייטער — מערב־ווינט, דער דריטער — דרום־ווינט און דער פערטער — קאַלטער צפון־ווינט. זאָג מיר, ווער פון די אַלע ווינטן האָט דיך אַזוי גרויזאַם באַרויבט און פון דיינע הענט די שיסל מעל אַרויסגעריסן?

— דער דרום־ווינט! —שרייט אוים דער פויער— ער האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט און צוליב אים הערשט הונגער אין מיין הויז!

נאָכגייענדיק דער אַלטער באַבע, האָט זי אים אַריינגעפירט אין אַ קליין שטיבעלע און געזאָגט: — אָט, דאָ וואוין איך. קריך אַרויף אויפן אויוון און דעק זיך איין וואָס וואַרעמער, ווייל באַלד וועלן אַלע מיינע פיר קינדער אָנקומען.

— צו וואָס איינדעקן זיך? — פרעגט דער פויער.

— וואָס הייסט צוליב וואָס? —ענטפערט די אַלטע— ווייסטו דען נישט, אַז מיין קינד, דער קאַלטער צפון־ווינט, קען דיך פאַרקילן!

איז דער פויער אַרויפגעקראָכן אויפן אויוון און זיך גוט צוגעדעקט מיט וואַרעמע קליידער.

* * *

דערווייל זיינען אָנגעקומען דער אַלטער'ס אַלע פיר קינדער, די ווינטן, און צווישן זיי דער דרום־ווינט.

— הער נאר אויס, דרום-ווינט! —זאגט די מוטער— אויף דיר איז פאראן א שווערע אנקלאגע. דו בארויבסט ארעמע און האסט גאר אויף קיינעם קיין רחמנות נישט. אט ליגט דא, ביי מיר אויפן אויוון אן ארעמער פויער, וועלכער האט קוים א שיסל מעל אין מיל אפגעמאלן, ברויט צו באקן, האסטו עס אים צעבלאזן און צו אלדי רוחות פאר־טראגן. אלזא, קער אים אום די מעל, אדער באצאל אים געלט פארן שאדן!

— גוט, מאמע, איך וועל דיך פאלגן און אים באלד פארגיטיקן.

דער ווינט האט אראפגערופן דעם פויער פון אויוון און אים דער־לאנגט א קליין קעסטעלע און געזאגט: — „נא דיר, פויערל, דאס קעס־טעלע און טראג עס אהיים. וועסט אין דעם געפינען אלצדינג, וואס דיין הארץ וועט גלוסטן: עסן און טרינקען, קליידער און צירונג, שאף און רינדער, פארמעגן און קינדער, — אלץ, וואס וועסט פארלאנגען, זאלס־טו זאגן: קעסטעלע, קעסטעלע, גיב מיר דאס און גיב מיר יענץ, וועט אלץ דיר געגעבן ווערן, לויט דיין וואונש!".

אריינקריגנדיק די טייערע מתנה, האט עס דער פויער אהיים גע־טראגן און אויפן טיש אוועקגעשטעלט. גאט האט אים געבענטשט מיט אלדאס גוטס און זיין מזל האט ווי די זון אויפגעשיינט.

האבן זיך פויער און פויערטע זייער געפרייט מיט דעם נייעם גליק, וואס איז זיי וואונדערלעך צוגעטיילט געווארן, נישט ווייסנדיק מער פון קיין נויט און ארעמקייט.

אזוי האט דער דרום-ווינט פארגיטיקט דעם ארעמאן זיין שאדן און אים באצאלט גליק און רייכקייט מיט דער פולער האנט.

דער פויער האט דאן גאט געלויבט און אים הארציק באדאנקט פאר זיינע גוטע שליחים.

פארבארגן זיינען די וועגן פון גאט!

אמאל אין א טאג, האט אראפגענידערט א מלאך פון גאט אויף דער ערד, צו זען די אויפפירונג פון מענטשן און ווי אזוי זיי לעבן אויף דער וועלט.

ארומשוועבנדיק איינער אליין, איז אים געווארן אומעטיק און ער האט מיטגערופן איינעם א מענטשן, וועלכער זאל אים באגלייטן אויף זיין ווייטן וועג.

זיינען זיי ביידע געגאנגען צוזאמען פון הויז צו הויז און זיך נייגע־ריק צוגעקוקט און צוגעהערט צו יעדע געשעעניש און פאסירונג וואס קומט פאר אין לעבן, און געווארפן בליקן אין אלע זייטן, אויף רעכטס און אויף לינקס.

אריינקומענדיק אמאל אין א פרימארגן אין א הויז, האט זיי דער בעל-הבית זייער פריינטלעך אויפגענומען און דערציילט, אז ער האט

זיך היינט איבערגעבעטן מיט זיינעם א שכן, וועלכער איז געווען לאנגע יארן זיינער א שונא און יענער האט אים דערלאנגט א גאלדע־נעם בעכער א מתנה, אלס צייכן פון פריינטשאפט.

פארלאזנדיק דאס הויז, האט דער מלאך אוועקגע׳גנב׳עט דעם גאל־דענעם בעכער און אים ארייגעלייגט טיף אין קעשענע.

— וואס האסטו געטון? — פרעגט אים דער באגלייטער. אזוי בא־דאנקסטו דעם מענטשן פאר זיין פיינער אויפנאמע און פאר דעם כבוד וואס ער האט דיר צוגעטיילט?

— שווייג, דו מענטש, ענטפערט דער מלאך, אזוי הייסט גאט!

גייענדיק ווייטער, זיינען זיי צוגעקומען צו א הויז פון א שטרענגען און בייזן באלעבאס, וועלכער האט זיי אפילו אויף דער שוועל ניט ארויפגעלאזט און געשריען: — גייט אייך פון דאנען, איך בין ניט גערן קיין געסט.

דער מלאך האט גארניט גערעדט, נאר ארויסגענומען פון קעשע־נע דעם גאלדענעם בעכער און דערלאנגט דעם בייזן מענטשן גלייך אין האנט.

— וואס איז דאס? — וואונדערט זיך דער באגלייטער און אויפ־גערעגטער.

— שווייג, דו מענטש! — ענטפערט ווייטער דער מלאך, אזוי וויל גאט!

* * *

אביסל שפעטער, זיינען זיי אריין אין א האלב־איינגעפאלן שטיבל, וואו עס האט זיי באגעגנט אן ארימער באלעבאס מיט א קרענקלעך פנים און זיך פארקלאגט, אז ער איז א לאנגע צייט געלעגן צו בעט. בעת זיין קראנקייט האט ער געליען געלט אויף רפואות און איצט זיינען צוגעשטאנען די בעלי־חובות און פאדערן דרינגענד דאס געלט, א ניט וועלן זיי פארקויפן זיין ארים שטיבל און אים ארויסטרייבן אויף דער גאס.

דער מלאך האט עס אויסגעהערט און גארניט געזאגט. נאר ביים פארלאזן דאס ארימע הייזל האט ער עס אנגעצונדן און עס איז אוועק מיטן פייער.

— פארוואס האסטו עס געטון? — כאפט זיך דער באגלייטער ביים קאפ. נישט גענוג, וואס דער מענטש לײדט אזוי פיל נויט און פיין, האסטו נאך געבראכט אויף אים א גרעסערע צרה?

— שווייג דו מענטש, אזוי הייסט גאט! — ענטפערט אים בייז דער מלאך.

פארזעצנדיק ווייטער דעם וועג זיינען זיי אריינגעגאנגען אין א שטוב זיך אפרוען. דארט האט געוואוינט אן אלטער מאן מיט זיין איינציקן קינד.

— זעגט, מיין האר, רופט זיך אן דער פאטער צום מלאך און

ווייזט מיטן פינגער אויף זיין קינד — ער איז מיין גאנצע טרייסט און דאס גאנצע גליק פון מיין לעבן.

— זייער גוט, — זאגט דער מלאך און גלעט דאס קינד איבערן קאפ.

ביים געזעגענען זיך, האט דאס קינד ארויסבאגלייט די געסט פון הויז און איז אביסל מיטגעגאנגען, כדי זיי צו ווייזן דעם וועג און זיך באלד צוריקקערן. ווי נאר אבער זיי זיינען פארבייגעגאנגען א טייך-וואסער, האט דער מלאך געכאפט דאס אינגל און אראפגעווארפן פון בריק גלייך אין טייך, וואו ער איז דערטרונקען געווארן.

* * *

אזא עוולה האט שוין דער מענש נישט געקענט פארשווייגן. עס האט אים געשווידערט דאס לייב פון אויפרעגונג און ער האט זיך צע-שריען מיט כעס: — דו ביסט נים קיין געטלעכער מלאך, נאר א וויל-דער שד. ס׳טייטש, ווי טוט מען עס אזא זאך? זאל דיר גאט באצאלן פאר דיינע גרויזאמע מעשים וואס דו האסט היינט באוויזן!

דער מלאך איז געווארן איין שטיק העליש פייער און האט אויס-געשריען צום מענטשן:

— דו נאר איינער, ווי אזוי קאנסטו ריכטיק אפשאצן מיינע מעשים, ווען דו פארשטייסט נים די פארבארגענע וועגן פון גאט. איך וועל דיר איצט אלץ דערקלערן: דער גאלדענער בעכער איז געווען באדעקט מיט גיפט. דער שונא האט געשלאסן א פאלשן שלום און איז אויסן געווען מיטן בעכער צו דערמארדן זיין שכן, האב איך אים צוליב דעם אוועקגענומען און דערלאנגט דעם בייזן מענטשן, וואס האט אונז פון הויז ארויסגעטריבן. דעם קראנקן ארעמאנס שטיבל, האב איך פאר-ברענט און אים גלייבצייטיק גליקלעך געמאכט: ער וועט אונטערן אש פון זיין חורבה געפינען אן אוצר, פון וועלכן ער וועט רייך ווערן און זיך קענען אויפבויען א ניי פרעכטיק הויז, אנשטאט זיין ארימער וואוי-נונג, וואס האט געהאלטן ביים איינפאלן און וואלט אים פארשאטן און דער׳הרג׳עט. וועגן דעם אלטנס זון וואס כ׳האב דערטרונקען אין טייך, איז די געשיכטע אזעלכע: איך האב אין אים פאראויסגעזען א צו-קונפטיקן רשע און מערדער, וועלכער וועט שטיין אויף די וועגן און בארויבן מענטשן. ער וועט אפילו זיין אייגענעם פאטער דערמארדן. דעריבער האב איך אים באצייטנס פון וועג אפגערוימט. זאל ער בעסער שטארבן קליינערהייט און נים דערלעבן אויסוואקסן און נים באוויזן זיינע גרויזאמקייטן און בייזע רשעות אויף דער וועלט. גאט ווייסט די צוקונפט פון יעדן מענטשן און אלץ וואס ער טוט איז גוט און געוואונטשן.

דער מענטש האט אויסגעהערט מיט פחד און שרעק דעם מלאך׳ס דערקלערונגען, וועגן זיינע וואונדערלעכע מעשים און זיך פארשעמט. ער האט שוין מער קיין פראגעס נישט געשטעלט און זיך נים אונטער-

גענומען נאכצופארשן די פארהוילענע וועגן פון גאט, וואס זיינען העכער פון זיין פארשטאנד און פון באגרעניצטן מענטשלעכן שכל.

אויפן גאלדענעם אינזל

אויף די ברויזנדע כוואליעס פון א גרויסן ים זיינען אמאל, צווישן פיל רייזנדע אויף א שיף, געפארן צוויי ברידער, וועלכע האבן זיך אונטערשיידט איינער פון צווייטן אין כאראקטער, און זייער ארט דענקען און פירונג. איינער האט געהאט א טבע זיך צו זארגן פארן מארגנדיקן טאג, ווייל ווער ווייסט וואס עס קאן פאסירן מיט א מענטשן אין דער נאענטער צוקונפט. דאקעגן דער צווייטער, האט געלעבט א גוטן טאג און ניט געוואלט וויסן וואס שפעטער וועט זיין.

איינמאל אין א טאג האט זיך געעפנט א לאך אין דער שיף. האט דער קאפיטאן צוגעפירט די שיף צום האפן פון א נאענטן אינזל און דארט פאראנקערט, כדי צו פאררריכטן דעם לאך. דערווייל זיינען אלע פאסאזשירן אראפ אויף דער יבשה און גענומען באטראכטן דאס אינזל און דארט ארומשפאצירט א פאר שעה.

דאס אינזל איז געווען וואונדערלעך שיין און האט באצויבערט יעדנס אויג. עס האבן דארטן געוואקסן הויך-שטאלצע בוימער, באלאדן מיט אלערליי זאפטיקע פרוכטן, גלוסטיק צום זען און צום עסן. פעטע גערטנער האבן זיך אויסגעשפרייט איבער דער לענג און ברייט פונ'ם גאנצן שטח, באצירט מיט פארשידן-קאלירטע בלומען און רויזן. ארום וועלכע עס האבן געשוועבט זינג-פויגל און פארהילכט די לופט מיט זייערע זיסע געזאנגען און צארט-קלינגענדיקע טענער, ווי גאלדענע גלעקלעך אין קעניגלעכע פאלאצן. קלארע וואסער-קוואלן ווי לויטער קרישטאל האבן געקוועלט און געשטראמט ארום און ארום, און האבן באוואסערט די ערד און זי אנגעטרונקען מיט שפע ווי א געטלעכן גן-עדן. אויסער דעם אלעם, האבן זיך אויך געפונען אין דער ערד דימענטן און ברילִיאנטן, גאלד און פערלשטיינער, דאס וואס מענטשן האבן אזוי ליב.

דערזעענדיק דאס געבענטשטע וואונדערלעכע ארט, האט עס איין ברודער גוט באטראכט און געזאגט:

— איך בין דא נישט מער ווי צייטווייליק, נישט מער ווי א גאסט אויף געציילטע שעה'ן, לאמיך ניט פארלירן קיין צייט און געניסן פון אלדאס גוטס וואס דא געפינט זיך. איך וועל אנקלייבן דימענטן און ווערטפולע אוצרות און זיין גליקלעך אויף מיין גאנץ לעבן.

— ס'איז נאך דא צייט — טראכט זיך דער צווייטער ברודער, ארומשפאצירנדיק איבער דעם אינזל. — פריער וועל איך זיך אנזעטיקן מיט דער רייכקייט פון דער שיינער נאטור און הנאה האבן און

עס וועט פאר מיר נאך קלעקן צייט צונויפצוזאמלען דימענטען און ברי־ליאנטען. זייער צאל איז דא אומגעהויער גרוים. איך וועל זיי אומעטום געפינען.

אזוי ארום האבן זיךביידע ברידער אוועקגעלאזט איבערן וואונ־דערלעכן אינזל, יעדער איינער אויף אן אנדער וועג מיט אן אנדער אידייען. דער ערשטער האט אויסגענוצט די קורצע צייט און געקליבן אוצרות, לויט זיין טבע צו באזארגן זיך אויף שפעטער. דער צווייטער ווידער, האט געקליבן נחת פון דער שיינער נאטור און זיך אנגע־שמרענגט צו פארשאפן וואס מער פארגעניגן. ער האט געגעסן די גע־שמאקע פירות און געטרונקען פרישע וואסער פון די קלארע קוואלן. ער האט זיך אויך אויסגעבאדן און אפגעפרישט זיין לייב אין די קילע טייך־וואסערן און נאכהער ערשט זיך אוועקגעזעצט און מיט גרוים הנאה אויסגעהערט דאס זיסע פויגל־געזאנג.

דערהערנדיק אבער פלוצלינג דעם ערשטן קלינג פון דעם שיפס־גלאק און באלד טאקע דעם צווייטן, אן אנזאג ארויפצוגיין וואס שנע־לער אויפן דעק פון דער שיף, ווייל זי האלט שוין ביים אפגיין, האט זיך דער פוילער ברודער דערמאנט אין די דימענטן און ברילאנטן, וואס ער האט אנגעוואוירן און נים באוויזן צונויפצוקלייבן צוליב פויל־קייט און אפלייגן אויף שפעטער. ער האט פארשפעטיקט דאס גליק און איז ארויף אויפן שיף א טרויעריקער, מיט ליידיקע הענט און פוסטע קעשענעס. אבער זיין מיזאמער און קלוגער ברודער האט ארומגעשפא־צירט אויף דער שיף א צופרידענער און גליקלעכער, צוליב די פולע זעק מיט רייכע אוצרות, גאלד און זילבער, דימענטן און ברילאנטן, וואס ער האט אנגעזאמלט אין דער קורצער צייט אויפן גאלדענעם אינזל און איז פארבליבן גליקלעך אויף זיין גאנץ לעבן.

* * *

דאס דאזיקע גאלדענע אינזל, וואו עס געפינען זיך רייכע אוצרות, — דאס איז די שולע, וואו קינדער לערנען דארט נאר געציילטע יארן.

וואויל איז דעם פלייסיקן שילער, וואס ווענדעט אן זיין גאנצע ענערגיע און גוטן ווילן און חשק צונויפצוקלייבן אין די דאזיקע גע־ציילטע יארן דעם רייכן אוצר פון תורה און חכמה, לערע און וויסנ־שאפט, וועלכע וועלן אים ברענגען גרוים נוצן און אוועקשטעלן אויף דעם גליקלעכן וועג. ווי איז אבער דעם פוילן, וואס פארנאכלעסיקט די לערע און פטר'ט אוועק די צייט מיט נארישקייטן. ער וועט ארוים פון שולע מיט ליידיקע הענט און מיט א פוסטן מוח, און וועט פאר־בלייבן אומוויסנד און אומגליקלעך אויף א לאנגן פינסטערן לעבנס־וועג...

דער מלאך איבער די ברעקלעך

געווען איז אַמאָל אַ ברודערל מיט אַ שוועסטערל, זייער שיינע צוויי קינדער. אין שולע האָבן זיי געלערנט פלייסיק און גוט געמאַכט די אויפגאַבן. אין דער היים, אָבער, האָבן זיי געהאַט אַ מיאוסע טבע, צו וואַרפן זיך מיט ברעקלאַך ברויט ביים עסן. ביי יעדן מאָל דערלאַנגען ברויט צום טיש פלעגן זיי אָנהויבן וואַרפן די ברעקלאַך אויף דער ערד און טרעטן זיי מיט די פיס אָדער צעלאָזן מיטן ווינט.

איינמאָל אין אַ זומער פאַרנאַכט, זיינען זייערע עלטערן אַרויסגעפאָרן שפּאַצירן אויסער דער שטאָט און האָבן מיטגענומען די קינדער מיט זיך.

דערזעענדיק פון וויטנס אַ וועוועריק אַרומשפּרינגען פון בוים צו בוים, האָבן אים די קינדער נאָכגעיאָגט און געוואָלט כאַפּן. דער וועוועריק איז געשפּרונגען אַלץ ווייטער און טיפער אין וואַלד ביז ער האָט זיי פאַרפירט העט ווייט און אָפּגעריסן פון די עלטערן, ווען זיי האָבן פאַרלוירן פון אויג.

די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט שווער און פינסטער און אָנגעוואָרפן אַ שרעק און גרויל אויף די קינדער, וועלכע האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט ווי פאַרלוירענע שעפּסעלעך איבערן וואַלד. זיי האָבן זיך צעוויינט און צעיאָמערט אויף אַ קול. צו קיינעמס אויערן האָט אָבער נישט דערגרייכט זייער ביטער געוויין און קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן.

פּלוצלינג האָט זיך פאַר זייערע אויגן באַוויזן פון גאַנץ ווייט אַ ליכט-שיין נאָך וועלכער זיי זיינען נאָכגעגאַנגען. צוקומענדיק צום אָרט, האָבן די קינדער דערזען שטיין אַ שיין אינגעלע, איינגעהילט אין אַ וויים-בלוי מאַנטעלע, פון וועלכן עס האָבן אַראָפּגעפינקלט ליכטיקע שטערנדלעך פון הימל. אויף זיין קאָפּ איז געשטאַנען אַ גאָלדן-גענ-פלאָכטן קוישעלע, אָנגעפּאַקט פול מיט ברעקלאַך, און וועלכן ער האָט אַלע ווײַלע אַריינגעשטעקט זיין האַנט און אַרויסנעמענדיק פון דאָרט ברעקלאַך, וועלכע זיינען אין איר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גאַנצע שטיקער ברויט האָט ער אַרויסגעטיילט צו אָרעמע קינדער, וועלכע זיינען געשטאַנען אַרום אים אין צוויי לאַנגע רייען.

האָבן זיך די פאַרבלאָנדזשעטע קינדער דערנענטערט און אויך געבעטן ברויט, ווייל דער הונגער האָט זיי שטאַרק געמאַטערט. דאָס אינגעלע-אַרויסטיילער האָט זיי אָבער אָפּגעשטויסן אויף צוריק און געזאָגט:

— ניין, אייך גיב איך נישט. איר זענט נישט ווערט צו קריגן קיין ברויט. איך בין דער מלאך פון די ברעקלאַך. איך שוועב אַרום איבער דער גאַנצער וועלט און קלייב צונויף ברעקל נאָך ברעקל און שפּייז מיט זיי אָרעמע קינדער. איר, אָבער, וואַרפט אַוועק די ברעקלאַך און פאַרניכטעט זיי. איר באַרויבט דערמיט הונגעריקע קינדער און רייסט

אוועק דעם ביסן ברויט פון זייערע מיילער. דערפאר טוט איר איצט אויך פארזוכן דעם טעם פון הונגער!

די קינדער האבן אנגעהויבן וויינען און געשוואוירן, אז זיי וועלן עס מער נישט טון און נישט ווארפן קיין ברויט אויף דער ערד.

דעם מלאך'ס הארץ איז דאן ווייכער געווארן און ער האט זיי דער־לאנגט שטיקלעך ברויט און געשטילט זייער הונגער. ער האט דערביי א פאן־געגעבן מיט זיינע פליגל איבער זייערע אויגן און זיי האבן דער־זען זייערע עלטערן און זיך שטארק דערפרייט. קוקנדיק ארום זיך, איז פון די קינדערס אויגן אלץ פארשוואונדן געווארן. זיי האבן ניט געזען מער, נישט דעם מלאך פון די ברעקלאך און נישט די ארעמע קינדער...

פון דאן אן האבן זיי אויפגעגעבן זייער שלעכטע געוואוינהייט און שטרענג אפגעהיט די ברעקלאך ברויט און זיי מער נישט געווארפן אויף דער ערד.

די שטאט פון אמת

אין א לאנד פון דער גרויסער און ווייטער וועלט, האט זיך גע־פונען א שטאט, וואס אירע איינוואוינער האבן קיינעם נישט אפגע־נארט און קיינמאל קיין ליגן נישט געזאגט. דערפאר האבן זיי לאנ־גע יארן געלעבט גליקלעך און צופרידן אויף דער געבענשטער ערד און קיינער איז יונגערהייט נישט געשטארבן.

דער נאמען פון דער שטאט איז זייער בארימט געווארן איבער פיל לענדער. מאסן מענטשן האבן אפט געוואלט אהין איבערוואנדערן, כדי צו ראטעווען זייער לעבן פון טויט.

זייער ווייניק פרעמדע האבן אבער געקאנט זיך איינבירגערן דארט אין דער דאזיקער מאדנער שטאט, ווייל ווער קען עס ביישטיין דעם נסיון פון נישט געשטרויכלט ווערן מיטן ווארט און זאגן לויטער אמת?

דאך איז געלונגען איינעם זייער אן ארנטלעכן מאן, וועמענס הויפט־ציל פון לעבן איז געווען נאר צו זאגן אמת, צו דערשלאגן זיך צו יענעם ארט. ער איז אהינצו אנגעקומען און פארבליבן דארט וואוינען.

ווען די איינוואוינער פון שטאט האבן אים דערקענט אלס אויפ־ריכטיקן און אמת־זאגער, איז ער פון זיי זייער פריינטלעך אויפגענומען געווארן. ער האט דארט חתונה געהאט און געבוירן קינדער, וועלכע ער האט געלערנט זיי זאלן אויך זיין פארזיכטיק מיטן ווארט און זיך אויסהיטן פון א ליגן.

האבן די קינדער שטרענג אפגעהיט די לערע פון זייער פאטער און אויך געפירט אן ארנטלעך לעבן.

דא האט אבער פאסירט א זאך וואס האט געבראכט אן אומגליק אויפן מענטשן:

אמאל, אין א גאר פרייער פרימארגן־שעה, ווען די באלעבאסטע

פון הויז איז נאך געשלאפן, האט פלוצלינג א שכנה אנגעקלאפט אין טיר און געהאלט אריינקומען, כדי ביי איר עפעס צו לייען.

— אנטשולדיקט, מיין פרוי איז איצט נישטא אין דערהיים — איז דער מאן איר אנטקעגנגעלאפן — קומט שפעטער!

ווען די שכנה איז אוועקגעגאנגען, האט ער זיך זייער געפרייט וואס אים איז געלונגען זי צו פטר'ן אויף א העפלעכן אופן, כדי ניט צו שטערן די רו פון זיין פרוי. ער האט גארניט באמערקט, אז ער האט געזאגט א ליגן.

* * *

אין א קורצער צייט ארום, איז זיין עלטסטער זון קראנק געווארן און נאך שווערע ליידן איז ער געשטארבן.

טאטע־מאמע האבן ביטער געוויינט און געקלאגט. עס האבן זיך צום געענדיקט די טרויער־טעג, און עגלעכס איז געשען מיטן יונגערן זון.

דערוייל האט די טרויעריקע ידיעה דערשיטערט די גאנצע שטאט. צום ערשטן מאל האט דארט געטראפן אז יונגע קינדער זאלן שטארבן ביים לעבן פון זייערע עלטערן.

מורא האבנדיק, אז דער טויט זאל ניט ווערן אן אפטער גאסט אין שטאט, זיינען די מענטשן צוגעשטאנען צום אומגליקלעכן פאטער, צו דערוויסן זיך ביי אים אין וואס עס באשטייט זיין זינד, וואס האט געבראכט דעם טויט אין שטאט אריין.

— איך פיל זיך אין גארניט שולדיק, — האט דער מענטש גע־ענטפערט.

נאך א שטרענגען פארהער אבער,האט ער זיך דערמאנט זיין זינד און געמוזט מודה זיין, אז ער האט אפגענארט די שכנה און גע־זאגט א ליגן, צוליב געטריישאפט צו זיין פרוי.

— אה, מיר האבן עס פאראויס פארשטאנען, אז דו ביסט גע־שטרויכלט געווארן מיט א ליגן — האבן די מענטשן זיך געבייזערט און געשריען. — ווען ניט, וואלט דאך דער טויט אהער ניט געקומען! איצט, זיי אזוי גוט און פארלאז אונזער שטאט, דו קענסט דא מער ניט וואוינען!

— גלויבט מיר אבער, מיינע פריינט, אז אומגערן האט זיך ארויס־געכאפט פון מיין מויל דער ליגן, צוליב מיין געטריישאפט צו מיין פרוי — האט דער מענטש געענטפערט.

— יא, מיר אנערקענען דיין ארנטלעכקייט און גוט הארץ — האבן די מענטשן צוגעשאקלט מיט די קעפ. — ליגן זאגן, איז אבער א העס־לעכע מידה, וואס פאראומרייניקט דעם מענטשן און ברענגט אן אומ־גליק אויף אנדערע. באפריי בעסער וואס שנעלער אונזער שטאט פון שרעקלעכן טויט!

מיט ביטערע טרערן אין די אויגן, איז דער מענטש געצוואונגען

געוואָרן אויסצואוואַנדערן פון דער געזיכערטער היים, וועלכע ער האָט פאַרלוירן צוליב איין לייכטזיניק וואָרט.

דער פויער, דער גרויסהאַלטער

אַ פויער האָט זיך יאָרן-לאַנג באַשעפטיקט ביי פעלד-אַרבעט און האָט דערמיט שטאָלצירט, מיינענדיק אַז די גאַנצע וועלט איז אָפּהענגיק פון אים און ער פון קיינעם נישט.

קומענדיק אַמאָל אויף אַ פאַרזאַמלונג פון פאַרשידענע בעלי-מלאכות, וואו יעדנס פאַך איז אָפּגעשאַצט געוואָרן לויט זיין ווערט און נוץ, האָט זיך דער פויער אויפגעשטעלט און אויסגעשריען:

— איר ווייסט, חברים, איך בין פיל מער נוצלעכער פאַר אייך אַלעמען און מיין פאַך איז דער הויפּט פון דער גאַנצער וועלט. מיין אַרבעט איז דער עיקר און אייערע — נישט מער ווי אַ צוגאָב.

— נישט ריכטיק! נישט ריכטיק! — האָבן מענטשן אויסגערופן פון פאַרדראָס.

— און דאָך איז עס אַזוי! — שרייט דער פויער מיט שטאָלץ — אירע אַלע זענט אָפּהענגיק פון מיר. ווען איך זאָל נישט באַאַקערן דאָס פעלד, נישט פאַרזייען און נישט אָפּשניידן די תבואה, וואו וואָלט איר גענומען צום עסן?

מענטשן האָבן אויסגעהערט זיינע שטאָלצע רייד און זיי גוט גע-נומען אין אכט.

אַרויסגייענדיק צו-מאָרגנס אין פעלד צו דער אַרבעט, האָט ביים פויער געפּלאַצט אַ ראָד פון וואָגן.

ער איז באַלד אַוועק צום שמיד.

— מאַך מיר צורעכט דעם וואָגן — בעט דער פויער:

— איך וויל נישט! — ענטפערט אים דער שמיד קאַטעגאָריש.

— פאַרוואָס ווילסטו נישט? —בייזערט זיך דער פויער— אָן אַ וואָגן וועל איך דאָך נישט קענען צונויפזאַמלען די תבואה!

—וואָס גייט עס מיך אָן? —לאַכט דער שמיד— זאָל די גאַנצע וועלט וויסן אַז זי איז אָפּהענגיק פון פויער און דער פויער איז אָפּ-הענגיק פון שמיד.

דער פויער האָט זיך פאַרשעמט און אָנגעהויבן בעטן מיט גוטן דעם שמיד, ער זאָל אים פאַרריכטן דעם וואָגן.

— יאָ, איך וועל דיר טון די אַרבעט —זאָגט דער שמיד— נאָר דו מוזט גלייך גיין אויסשרייען פאַר אַלעמען, אַז איך בין אבסאָלוט נישט אָפּהענגיק פון דיר.

ניט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָט דער פויער געמוזט אַנער־קענען זיין אונטערטעניקייט און אויסגעשריען:

— אַלע זיינען אָפּהענגיק פון פויער, אויסער דער שמיד.

דער שמיד האָט זיך דערפרייט און צורעכט געמאַכט דעם פויערס וואָגן. מענטשן האָבן געהערט און גוט אין אַכט גענומען די ווערטער.

* * *

אין אַ פּאָר טעג אַרום צעריסן זיך ביים פויער די שיך. ווענדעט ער זיך צום שוסטער, ער זאָל אים מאַכן אַ פּאָר נייע שיך.

— ניין, איך וויל נישט! — זאָגט אים אָפּ דער שוסטער.

— פאַרוואָס ווילסטו ניט? — שרייט דער פויער — ווי אַזוי קען איך אַרויסגיין אַרבעטן באָרוועס אין פעלד, וואו עס וואַקסן שטעכיקע דערנער. איך וועל זיך דאָך צעשניידן די פיס.

— וואָס אַרט עס מיך? — צעלאַכט זיך דער שוסטער — זאָל די וועלט וויסן אַז אַלץ איז אָפּהענגיק פון פויער און ער הענגט אָפּ פון מיר.

דער פויער האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ פאַר בושה און אָנגע־הויבן בעטן מיט גוטן ביים שוסטער אַ פּאָר שיך.

— יאָ, פויער, דו האָסט ביי מיר אַ פּאָר שיך! — זאָגט דער שוס־טער — דו מוזט אָבער פריער פאַר אַלץ אויסשרייען עפנטלעך, אַז איך בין ניט אָפּהענגיק פון דיר.

ניט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָט זיך דער פויער אוועקגע־שטעלט און אויסגעשריען:

— אַלץ אין דער וועלט איז אָפּהענגיק פון פויער, אויסער דער שמיד און דער שוסטער.

דער שוסטער איז געווען צופרידן און האָט באַזאָרגט דעם פויער מיט שיך. אַנדערע מענטשן אָבער האָבן עס געהערט און גוט אין זינען געהאַט.

גייען פאַרביי נאָך עטלעכע טעג און דער פויער דאַרף אָנקומען צום מילנער אָפּצומאָלן זיין תבואה.

— ניין, ניין, איך וועל דיין ווייץ ניט מאָלן — עקשנ'ט זיך אײַן דער מילנער.

— ס'מייטש? — קלאָגט זיך דער פויער — ווי באַלד דו וועסט ניט מאָלן מיין תבואה, וועל איך דאָך שטאַרבן פון הונגער און ווי אַזוי וועל איך קענען אַרבעטן?

— וואָס גייט עס מיך אָן? —ענטפערט אים דער מילנער קאַלטבלוטיק— זאָל די וועלט וויסן וואָס פאַרא ווערט דער פויער האָט אָן דעם מילנער.

אויך דאָס מאָל איז דער פויער געצוואונגען געוואָרן אוועקשטעלן זיך אין גאַס און אויסשרייען אויף אַ קול, אַז זיין אַרבעט איז אָפּהענגיק פון מילנער.

ערשט דאַן האָט דער מילנער אָפּגעמאָלן זיין תבואה און איז געווען צופרידן. מענטשן האָבן עס אויסגעהערט און איינגעקריצט זיינע ווערטער אין זייער זכרון.

* * *

עס זיינען ווידער אַמאָל אַריבער אַ פּאָר וואָכן און דער פויער איז אַרוים אין פעלד צו זיין אַרבעט. דער טאָג איז דאַן געווען זייער אַ הייסער. די זון האָט געבראָטן און געברענט ווי אַ צעהיצטער קאַלך־אויוון און געזעצט דעם פויער אין קאָפּ.

ניט קענענדיק אַריבערטראָגן די שרעקלעכע היץ, איז ער אַוועק צום קירזשנער און געוואָלט קויפן אַ היטל.

— ניין, איך פאַרקויף דיר ניט קיין היטל — זאָגט דער קירזשנער.

— פאַרוואָס? — הויבט אָן דער פויער צו בעטן — איך קען דאָך ניט שטיין אין פעלד און אַרבעטן אין בלויזן קאָפּ. די זון האָקט מיר אין קאָפּ משוגע צו ווערן.

— וואָס איז מיין דאגה? —שמייכלט דער היטלמאַכער— זאָלן מענטשן וויסן צי אַ פויער קען זיך באַגיין אָן אַ היטל אויפן קאָפּ.

אַ פאַרשעמטער איז דער פויער געפאַלן אויף די קני און האָט געמוזט שרייען אין דער הויך דאָס זעלבע וואָס פריער, אַז ער איז אָפּהענגיק פון קירזשנער. ער האָט ערשט דאַן געקראָגן אַ היטל צו פאַרדעקן זיין קאָפּ פון דער גליענדיקער זון.

אַזוי האָט דער פויער אין משך פון דער צייט געמוזט אָנקומען צום שניידער, צום סטאָליער, צום שמיד, צום קצב, צום דאָקטער און צום אַפּטייקער. אומעטום, צו וועמען ער האָט זיך נאָר געווענדעט מיט אַרבעט, איז אים אָנגעקומען מיט ביטערע צרות און האַרץ־קלעמעניש. יעדער איינער האָט אים מיט די פיס געטראָטן און געצוואונגען איבער־חזר'ן, אַז ער הענגט אָפּ פון אים.

דאָס צעטל פון די בעלי־מלאכות וואָס דער פויער האָט צו זיי געדאַרפט אָנקומען איז טאָג־טעגלעך געשטיגן און געוואַקסן אַלץ מערער.

אריינקומענדיק אין א טאג צו א שערער האט ער גענומען אויס-שרייען:

— אלע זיינען אפהענגיק פון פויער, חוץ דער שמיד און דער שוס-טער, דער קירזשנער און דער מילנער, דער שניידער, באנדער, בעקער, שערער, דאקטער און חוץ דעם און יענעם, א. א. וו.

די צונג האט זיך אים פארפלאנטערט אין מויל. ער איז געווארן מיד, צעטומלט און צעמישט פון אויסרעכענען אלע בײ די נעמען.

ענדלעך איז ער געקומען צום שכל און אויסשיסנדיק מיט א גע-לעכטער פון זיך אליין, האט ער אויסגעשריען הויך אויפן קול:

— אלע זיינען אפהענגיק פון פויער און דער פויער איז אפהענ-גיק פון אלעמען...

דעם פרוכטהענדלערס שטערן...

א קעניג האט זיך אמאל ארויסגעלאזט אין א לויטערן אוונט אויף א שפאציר אין פעלד, באגלייט פון זיין שטערנזעער.

גייענדיק אזוי זאלבענאנד געארעמט, שטארק פארטיפט אין א הייסן געשפרעך, האט דער קעניג אויפגעהויבן זיינע אויגן אין דער הויך און דערזען ווי צווישן די אומצאליקע אויסגעשפרייטע שטערן אין הימל, שיינט איינער און פינקלט ווי א לייכט-טורעם און באלויכט דעם גאנצן האריזאנט.

— וועמענס שטערן זאל עס זיין? — פרעגט פארוואונדערט דער קעניג זיין באגלייטער, אנווייזנדיק מיטן פינגער צום הימל.

— אט, א, דער ליכטיקער שטערן איז דעם און דעם פרוכטהענד-לערס, הער קעניג! — ענטפערט דער שטערנזעער. ער איז איינער פון די גליקלעכסטע מענטשן אויף דער וועלט און א גרויסער בר-מזל, וועל-כער וועט מיט דער צייט ארויפשטייגן אויף דער העכסטער שטופע פון גליק און באריםט ווערן אלס גאר גרויסע פערזענלעכקייט.

— אויב עס געפינט זיך אין מיין מדינה אזא גליקלעכער מענטש, וויל איך אים קענען פערזענלעך — באפעלט דער קעניג קאטעגאריש. — זאל ער צו מיר קומען.

גלייך צומארגנס איז דורך א ספעציעלן שליח פון קעניג, אפגע-זוכט געווארן דער גליקלעכער פרוכטהענדלער, וועלכער איז געשטא-נען א דערשראקענער אין קעניגלעכן פאלאץ, ניט וויסנדיק צוליב וואס און ווען ער איז אהין געבראכט געווארן.

— ווער ביזטו און מיט וואָס באַשעפטיקסטו זיך? — פרעגט אים דער קעניג.

— איך בין פון פאַך אַן אָרימער פּאַרקויפער פון גרינוואַרג און פרוכט — האָט דער מענטש אַ ציטערנדיקער געקניט און געבוקט זיך. איך האָב מיט קיינעם קיין שום געשעפטן ניט און בין קיין עוולות ניט באַגאַנגען. איך ווייס ניט צוליב וואָס מען האָט מיך אַהער אויפגעפאָדערט. ווי קומט צו מיר איבערהויפּט אַזאַ כבוד און גליק, צו האָבן די זכיה צו זען דעם קעניג פּערזענלעך?

— פון היינט אָן — דערקלערט אים דער קעניג — וועסטו זיך שוין מער ניט באַשעפטיקן מיט דיין אָרימער פּרנסה פון האַנדלען מיט פרוכט. אנשטאָט דעם וועסטו ווערן אַ דאָקטער אַן היילן קראַנקע!

— הער קעניג! — האָט דער מענטש ניט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט דאָ פאָר מיט אים און איז אריין אין גרויס פאַרלעגנהייט — איך בין אַ פּראָסטער און אומגעבילדעטער מאַן, וועלכער האָט ניט די מינדעסטע אנונג אין מעדיצין, ווי קענט איר מיר פאָרשלאָגן אַזאַ איידעלן פאַך? לאָזט מיך פריי, דערבאַרעמדיקער קעניג, וואָס האָב איך געזינדיקט?

— שוויַיג און דערמאָן גאָר ניט פאַר קיינעם און היט אָפּ מיין באַפעל — שטעלט אָן דער קעניג כלומרשט אַ ברוגז פנים.

— אוי, אַן אומגליק! — טראַכט דער פרוכט־פאַרקויפער — שלעכטע מענטשן האָבן אויף מיר אַ בלבול אויסגעטראַכט פאַרן קעניג, כדי צו נשעפען זיך צו מיר און מיך פון דער וועלט אומברענגען. פאַרפאַלן, דעם קעניגס פאַראָרדענונג מוז איך אויספאָלגן, ווי קען דען זיין אַנדערש?

גאָר אינגיכן, האָט דער מענטש פאַרקויפט זיין פרוכט־געוועלב און פאַרן אָפּגעלייזטן געלט האָט ער זיך אויסגעפוצט אין שיינע קליידער און געדונגען אַ באַקוועם נייע וואוינונג אין צענטער פון שטאָט, צוגעפּאַסט פאַר אַ דאָקטער, איבער אַלע גאַסן האָט מען אויפגעקלעפּט מעלדונגען וועגן אַ נייעם באַרימטן דאָקטער וואָס איז ערשט אָנגעקומען און היילט פאַרשידענע קראַנקייטן.

מענטשן ליידנדע אויף שווערע חולאת'ן האָבן זיך אָנגעהויבן ציען פון אַלע עקן שטאָט צום ניי־אָנגעקומענעם מעדיקער, וועלכע האָבן אין אים ניט אָנגעהויבן דערקענען דעם געכטיקן פרוכט־הענדלער, צוליב זיין נייער קליידונג און אויסגעשטאַטע קאַנסולטאַריע. איינעם האָט ער פאַרשריבן וואַסער מיט צוקער, אויסגעמישט מיט אַזעלכע קרייטעכצער, אַן אַנדערן, מאַנדלען־זאַפט, פאַרפראַוועט מיט בוימאייל און אַזוי ווייטער.

גליקלעכערוויַיזע האָבן די באַבסקע רפואות געהאָלפן און געזונט געמאַכט קראַנקע אין גאָר אַ קורצער צייט.

זיין נאָמען האָט אָפּגעקלונגען איבער דעם גאַנצן געגנט ווי עפּעס

א וואונדער. און זיין שטערן האט געשיינט העל מיט גרויס מזל, ווי עס האט פאראויסגעזאגט דעם קעניגס שטערנזעער.

* * *

אין איינעם א טאג, האט זיך אין זיין קאנטאלטאריע געלאזט אונטערזוכן איינער א פישער, וועלכער האט ביים פיש-פאנגען אויפן טייך געכאפט א שטארקע פארקילונג און געקראגן א בלוט-פארזעצונג אויף דער ברוסט, פונקט אנטקעגן הארץ און געליטן גרויסע שמערצן, וועלכע האבן אים אין צען איינגעבויגן.

באטראכטנדיק דעם חולה, האט דער דאקטער אויסגעפונען זיין לאגע גאנץ ערנסט, דאך האט ער אים געהייסן איינרייבן מיט אזא ווארימע פעטקייט און איינדעקן מיט א פאר קאלדרעס, כדי ער זאל גוט אפשוויצן.

אין עטלעכע טעג ארום איז זיך טאקע די מכה צעגאנגען און דער מענטש איז פאלקאם געזונט געווארן.

אין דרייסיק טעג ארום האט דער פישער פארווארפן זיין נעץ אין טייך און ארויסגעכאפט א וואונדערלעכן גרויסן און פעטן פיש, וואס איז ווערט געווען א סך געלט. ער האט אים אוועקגעטראגן צום דאקטער, אלס באלוינונג פאר זיין גוט באהאנדלען אים, אין די שווערע טעג פון זיין קראנקייט.

דער דאקטער ווידער, האט זיך נישט פארגונען צו באנוצן דעם פיש פאר זיין אייגענעם געברויך, נאר אים גלייך אוועקגעפירט צום קעניג א מתנה, וועלנדיק דערמיט ארויסווייזן דאנקבארקייט פאר דעם גענאד וואס ער האט מיט אים געטון און דערהויבן צו אזא שטופע צו ווערן א בארימטער דאקטער פון אזא פארנעם.

צוקומענדיק אבער צום פאלאץ, איז ער געוואויר געווארן אז דער קעניג ליגט צו-בעט געפערלעך קראנק און זיין לאגע איז האפנונגסלאז: ביים מיטאג-עסן האט ער איינגעשלונגען א ביינדל, וועלכעס שטעקט אים אין האלז, נישט ארופצושלינגען און נישט אויסצושפייען. עס וואכן ארום זיין בעט די גרעסטע דאקטוירים און געפינען נישט קיין מיטל. דער חולה ווערט דערוויל פון מינוט צו מינוט ערגער און זיין לאגע קריטישער.

— לאזט מיך אריין, איך בין דער און דער בארימטער דאקטער!

— בעט ער ביי די לייבוועכטער. דערזעענדיק דעם אריינגעקומענעם דאקטער, האט דער קעניג גלייך דערקענט זיין אמאליקן פרוכטהענדלער און אויסגעבראכן אין א גרויס געלעכטער. ער האט אזוי געלאכט, ביז ער האט אנגעהויבן שטארק הוסטן און אויסגעשפיגן דעםביין פון האלז און איז אזוי ארום געראטעוועט געווארן פון א זיכערן טויט.

— צוליב דיר בין איך לעבן געבליבן —האט אים דער קעניג צוגערופן און גענומען קושן און האלזן— געערכט איז געווען מיין שטערנ-

זעער, וועלכער האָט אין יענער נאַכט דערקענט דיין שיינענדיקן שטערן און דיר אַ ליכטיקע צוקונפט פאַרזיכערט. וואויל איז דעם וואָס איז גע־בוירן געוואָרן מיט אַזאַ גליק ווי דו!

דער קעניג האָט דעם רעטער זיינעם געשאַנקען ווערטפולע מתנות און אים גליקלעך געמאַכט אויפן גאַנצן לעבן און זינט דאַן האָט ער זיך כסדר געפונען אין קעניגלעכן פּאַלאַץ אַלס גאָר נאָענטער און גרעסטער ראַטגעבער, וואָס האָט דעם קעניג פון טויט געראַטעוועט...

צוויי שכנים...

צוויי מענטשן פון צוויי באַזונדערע ראַסן און אָפּשטאַמען, האָבן זיך אַמאָל באַקאַנט און געשלאָסן פריינטשאַפט, מיט דער צייט זיינען זיי צופעליקערווייזע אויך געוואָרן שכנים און זיך צוגעוואוינט איי־נער צום צווייטן ווי אייגענע ברידער.

איינער האָט געשטאַמט פון די ווילדע ברוינע אַמעריקאַנער און דער צווייטער — פון די העכסט־ציוויליזירטע אייראָפּעער. דאָך האָט אַ געטרייע חבר'שאַפט זיי פאַרבונדן און פאַראייניקט. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק באַדינט און געטון טובות.

איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג־שעה קומט אריין דער ווילדער צו זיין שכן און בעט ביי אים אַ ביסל טאַבאַק פאַר זיין לולקע. האָט דער ווייסער וואָס איז גאָר קיין קאַרגער ניט געווען, אריינגעשטעקט די האַנט אין טאַש און אים דערלאַנגט אַ שפּאָר ביסל טאַבאַק. איז ער אַוועק אַהיים אַ צופרידענער. ער האָט גלייך אָנגעפּולט זיין לולקע און גערוי־כערט מיט גרויס הנאה.

צומאָרגנס אינדערפרי, לויפט ער אריין צו זיין שכן מיט אַ גאָלדן רענדל אין האַנט און זאָגט:

— זע, פריינט־לעבן, אָט די מטבע האָב איך נעכטן געפונען אין טאַבאַק און האָב זי דיר אָפּגעבראַכט. נאַ, נעם זי אָפּ, ווייל עס איז דיינע.

דער ווייסער האָט זייער באַוואונדערט דאָס ערנטלעכקייט פון זיין שכן און זיך אָנגערופן:

— נו, און ווען דו זאָלסט מיר ניט געווען אָפּגעגעבן דאָס רענדל, וואָלט איך עס דען געפאָדערט ביי דיר, צי איך וואָלט דיך אין עפּעס חושד געווען? פאַרוואָס האָסטו פאַר זיך ניט גענומען די מציאה?

דער ווילדער האָט דאַן אַרויפגעלייגט זיינע ביידע הענט אויפן האַרצן און אַזוי דערקלערט:

— זעסט, מיין פריינט, אָט דאָ, ביי מיר אינעווייניק, וואוינען צוויי שכנים, איינער אַ שלעכטער און דער צווייטער אַ גוטער, איז אָט וואָס פאַרגעקומען: בשעת איך האָב דערזען דאָס רענדל אין מיין האַנט, איז גלייך אויפגעשפרונגען דער שלעכטער שכן פון מיין האַרץ און האָט

געזאָגט: — לאָז עס איבער פאַר זיך, עס איז דיינס. — ניין, עס איז דעם ווייסנס, — שרייט אוים אויף אַ קול דער גוטער שכן, קער עס אים אום! — דער ווייסער האָט עס דיר געגעבן אַ מתנה — זאָגט דער שלעכטער. — ניין, טאַבאַק האָט ער דיר געגעבן און ניט קיין גאָלדן רענדל. — שטעלט זיך אויף דער גוטער שכן און ווערט אויפגעקאָכט פאַר בושה.

אַזוי האָבן זיך מיינעביידע שכנים געאַמפּערט און געקריגט אַן אויפהער. זאָגט דער גוטער: קער אום, עס איז ניט רעכט צו פאַרכאַפּן פרעמדס, בעט דער שלעכטער מיט גוטן: — לאָז עס איבער און קויף דיר דערפאַר אַ גלעזל שנאַפּס און דו וועסט זיך מחיה זיין. איך אַליין אָבער האָב ניט גערוט און געליטן די גאַנצע נאַכט פון שלאָפלאָזיקייט און קיין דרימל איז אויף מיינע אויגן ניט געקומען, ביז כ'האָב דערצויגן דעם טאָג. אה, אויב איר זענט אַזעלכע קריגער און קעמפער, וואָס רויבן צו מיין רו און רואינירן מיין געזונט — האָב איך געזאָגט, וועל איך באַלד גיין און צוריקקערן דעם אייגנטימער זיין רענדל, כדי אייך פאַרשפּאָרן אַן אַרבעט, איר זאָלט ניט האָבן איבער וואָס זיך צו קריגן. און אַזוי איז טאַקע געשען: ווי נאָר כ'האָב זיך אויפגעהויבן פון פלאַץ און געגומען די מטבע און האָנט אוועקצוטראָגן זי צו דיר, איז צווישן ביידע שכנים פון מיין האַרץ שלום געוואָרן. זיי האָבן אויפגעגעבן זייער קאַמף און מיר צורו געלאָזט.

דער ווייסער האָט זייער ערנסט אויסגעהערט די חכמה פון זיין חבר און דערפון אָפּגעלערנט, אַז צוויי ווילנס און געדאַנקען פירן שטענדיק אַן אַ קאַמף אינ'ם מענטשנס וועזן, איינער אַ גוטער און דער צווייטער אַ שלעכטער. (יצר טוב ויצר רע) און יעדער וויל אים געווינען אויף זיין זייט. דער מענטש אָבער, מוז אָנווענדן די גרעסטע אָנשטרענגונג און זען, אַז דער גוטער ווילן זאָל אומבאַדינגט באַקעמפן דעם בייזן און שלעכטן און אים אונטערטעניק מאַכן. דאַן וועט ער זיך ראַטעווען פון אומגליק און וועט אַרוים גאַנץ, פיזיש און גייסטיק...

דאָס אָרעמע שוסטערל

אין אַ שטאָט האָט אַמאָל געלעבט אַן אָרנטלעכער און פרומער שוסטער, אָבער אַ גרויסער אָרעמאַן, וועלכער האָט מער ניט פאַרמאָגט ווי נאָר איין איינציק שטיקל לעדער אויף איין פּאָר שיך אויפצוניייען. אין אָוונט, פאַרן גיין שלאָפן, האָט ער צעשניטן דאָס שטיקל לעדער, לויט דער מאָס פון אַ פּאָר שיך און זיך געלייגט אָפּרוען. ביים אויפשטיין אָבער, גאַנץ פרי, צו דער אַרבעט איז פאַר זיינע אויגן געשטאַנען אַ פאַרטיקע פּאָר שיך אויפן טיש, שיין אָפּגעאַרבעט און אויסגעפוצט.

— ווער האָט דאָס מיר ביינאַכט די שיך אויפגעניית? — האָט ער זיי נייגעריק באַטראַכט און זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן.

דערווייל איז אָנגעקומען אַ קונה און דערזעענדיק די שיינע שיך, האָט ער זיי געקויפט און באַצאָלט אַ גוטן פּרייז פאַר וועלכן דער שוסטער האָט אייגעקויפט סחורה צו אויסאַרבעטן צוויי פּאָר שיך.

אויסמעסטנדיק די לעדער אויף צוויי פּאָר, האָט ער איר צעשניטן און זיך געלייגט שלאָפן. צומאָרגנס איז ווידעראַמאָל דער זעלבער נס געשען: אויפן טיש זיינען געשטאַנען צוויי פּאָר לוקסוס-שיך, פון דער שענסטער אויסאַרבעטונג, אַן איין פעלער, אויף וועלכע עס האָבן זיך באַלד באַוויזן בעלנים און באַצאָלט גוט געלט צו איינקויפן לעדער אויף פיר פּאָר שיך.

דער שוסטער האָט דעם זעלבן אָוונט צעשניטן די סחורה און אַרבער־געלאָזט אויפן טיש און צומאָרגנס זיינען געשטאַנען גרייט פיר פּאָר געפּלעקלטע שיך פון דעם לעצטן מאָדעל און שענסטן אויסזע, וואָס האָבן דאָס אויג פאַרכאַפּט און צוגעצויגן קונים, וועלכע האָבן זיך אפילו ניט געדונגען פאַר פּרייז און באַצאָלט וויפיל מען האָט געפאָדערט.

אַזוי האָט זיך די זאַך איבערגע׳חזר׳ט טאָג־טעגלעך און דאָס אָרימע שוסטערל און אויפגעריכט געוואָרן און האָט באַקומען מיט דער צייט אַ סך רייכטום.

* * *

איינמאָל, פאַר אַ יום־טוב, רופט זיך אָן דער שוסטער צו זיין פרוי:

— זעסט, טייערע, שוין אַ צייט ווי מיר ווערן גאַכט־נאָך־נאַכט גליקלעך און מיר ווייסן נאָך אַלץ ניט דורך וועמען און ווער איז עס דער, וואָס מיעט זיך אַזוי געטריי פאַר אונזערטוועגן. מיר וועלן היינטיקע נאַכט פּרואוון זיין וואַך און זען ווער עס העלפט אונז מיט אַזאַ פלייס און מיזאַמקייט אין דער אַרבעט!

— יאָ, פאַרוואָס דען ניט? —ענטפערט די פרוי— איך בין גרייט מיט דיר צו זיצן די גאַנצע נאַכט.

האָבן זיי אָנגעצונדן אַ ליכט אויפן טיש און זיך אליין באַהאַלטן אין די ווינקלען פון צימער. ער, צווישן די קליידער פון שאַפע און זי — הינטערן טיש, און ביידע האָבן שטילערהייט אָפּגעוואַרט דאָס וואונדער.

אַרום האַלבער נאַכט זיינען אין שטוב אריינגעקומען צוויי שרעטעלעך, נאַקעטע און שיינינקע אַזעלכע וואָס האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים שוסטער־טיש און אָנגעהויבן ענערגיש צו אַרבעטן. מיט זייערע קליינע פינגערלעך האָבן זיי מיט נאָלן געבויערט און געקלאַפּט מיט האַמערלעך, לאַנגע דראָטוועס געצויגן און פלעקלעך אריינגעקלאַפּט אין די זוילן, ביז שיינע שיך זיינען פיין אַרויסגעוויקט געוואָרן אויפן

מיש, גרייט צום פאַרקויפן. נאָכהער האָבן זיי זיך פון די שוסטער-בענקלעך אויפגעהויבן און דאָס הויז פאַרלאָזט מיט שנעלע טריט, און עס איז פון זיי קיין שפּור ניט פאַרבליבן.

— זע נאָר, מיין מאַן, די געטריישאַפט פון די קליינע מענטשלעך!

— זאָגט אויף מאָרגן די פרוי צו איר מאַן.— זיי האָבן דאָך אונז רייך געמאַכט און מיר דאַנקען זיי מיט גאָר ניט אָפּ. ווי איך האָב געזען, גייען זיי אַליין נאַקעט און באָרוועס און פרירן פון קעלט. איך נעם זיך אונ-טער אויפצונייען פאַר זיי העמדעלעך און הויזלעך און אויך זאָקן וועל איך אויסשטריקן פאַר זייערע פיסעלעך און דו ניי-אויף פאַר זיי שיך.

— יאָ, ביסט גערעכט, מיין פרוי, —גיט צו דער מאַן— מיר וועלן טאַקע אַזוי טון. און נאָך אין זעלבן טאָג אוונט-צייט, האָבן זיי זיך ביי-דע אָוועקגעזעצט און צוגעגרייט די אַלע זאַכן אין אַ פּעקל, וועלכן זיי האָבן אויפן טיש אַוועקגעלייגט און אַליין זיך ווידעראַמאָל אין די ווינקלען פאַרשטופּט, כדי צו זען ווי אַזוי די וואונדערלעכע מענטשע-לעך וועלן די מתנה אויפנעמען.

* * *

ביינאַכט האָט זיך ווידעראַמאָל באַוויזן דאָס זעלבע וואונדערלעכע פּאָרל קליינוואַרג און געוואָלט תיכף אָנהויבן אַרבעטן. ווי נאָר אָבער זיי האָבן צעבונדן דאָס פּעקעלע און די שיינע מתנות אין די הענט גענומען, זיינען זיי זייער דערפרייט געוואָרן און די צוגעפּאַסטע מלבו-שימלעך אויף זייערע קערפּערלעך אָנגעטון: הייזעלעך און העמדעלעך, זעקעלעך און שיכעלעך, וועלכע זיי האָבן מיט די צאַרטע פינגערלעך געגלעט און אויפן קול פרייליכע לידער געזונגען. אַרבעטן אָבער האָט זיך זיי שוין מער ניט געגלוסט.

— אָך, זיינען מיר איצט מיט אַמאָל פיין באַקליידט געוואָרן און מיר זעען אויס שיין און רייך. צי וואָס-זשע טויג אונז שוין זיין אָרימע שוסטערלעך? — האָבן זיי זיך צעזונגען און צעטאַנצט... אויפן טיש זיינען זיי געשפּרונגען און אַרום די שוסטער-בענקלעך געטאַנצט אַ פריילעכן קאַראַהאָד, ביז זיי האָבן זיך אַזוי טאַנצנדיק לאַנגזאַם פון צי-מער אַרויסגערוקט און אויף אייביק פאַרשוואונדן פון שוסטערס הויז, וואוהין זיי זיינען שוין מער קיינמאָל ניט געקומען און צומאָל די שפּורן פאַרגעסן. ער אָבער, דער שוסטער, איז שוין פאַרבליבן רייך און גליק-לעך אויף זיין גאַנץ לעבן...

דער ציפּרעס

אין אַ געדיכטן וואַלד, צווישן שטאָלצע הויך-וואוקסיקע ביימער, איז געשטאַנען אַ נידעריקער ציפּרעס, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין באַקלאָגן זיין לעבן און געזאָגט: „זעט נאָר ווי אַלע ביימער פון וואַלד שטייען אַזוי שיין באַוואַקסן מיט גרינע בלעטער און צווייגן, נאָר איך איינער אליין פאַרמאָג גאָרנישט, אויסער שטעכיקע נאָדלען, וואָס ברענגען קיינעם קיין נוצן נישט. אוי, גאָט, פאַרנעם מיין געבעט און גיב מיר גאָלדענע בלעטער!". מיט אַזאַ תּפילה האָט ער אויסגעגאָסן זיין האַרץ און דער לופט אריין און איז איינגעשלאָפן.

אויפכאַפנדיק זיך גאַנץ פרי פון שלאָף, האָט דער ציפּרעס געטראָפן זיינע צווייגן באַדעקט מיט גאָלדענע בלעטער, וועלכע האָבן געגלאַנצט אַנטקעגן דער זון און אים צוגעגעבן אַ פּרעכטיקן אויסזען. — ווער קאָן זיך איצט צו מיר גלייכן? — האָט ער מוטיק און שטאָלץ אויסגערופן — איך בין דאָך איצט באַשאָנקען מיט אַזאַ גליק, וואָס קיינער פון די ביימער פאַרמאָגט עס נישט. אָך, ס'אַרא גליק, ס'אַרא רום!

זיין פרייד האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. נאָר אין זעלבן טאָג איז פאַרבייגעגאַנגען אין וואַלד אַ וואַנדערער און דערזען פונווייטנס גאָלדענע בלעטער אויף אַ בוים, איז ער מיט איילנדיקע טריט צוגעלאָפן און זיי אָפּגעריסן ביז איינעם און אָנגעפולט זיין זאַק, וויפיל ער האָט נאָר געקאָנט.

— אוי, ווי פאַרשעמט און אומגליקלעך איך בין איצט געוואָרן! — האָט דער ציפּרעס ווידער געקלאָגט. — אַלע ביימער שטייען באַדעקט מיט גרינע בלעטער און איך איינער בין פאַרבליבן הויל און נאַקעט. וואו איז אַהינגעקומען מיין גאָלדענע צירונג, וואָס האָט מיך געמאַכט אַזוי פּרעכטיק? איך וואָלט זיך געשעצט גליקלעך, ווען ב'זאָל כאָטש פאַרמאָגן איינפאַכע גלעזערנע בלעטער. — אַזוי האָט ער געבעטן און איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

אינדערפרי, ביים זונען-אויפגאַנג, האָבן אַראָפּגעהאַנגען פון זיינע צווייגן שיין-געשליפענע גלעזערנע בלעטער, וועלכע האָבן געפינקלט ווי רובינען-שטיינער און אים באַשיינט פון אויבן ביז אַראָפּ.

— אָך, ווי גרויסאַרטיק איך זע איצט אויס! — האָט ער ווידער זיין פריערדיקן שטאָלץ באַקומען, — ווער פון די וואַלד-ביימער קאָן איצט מיט מיר קאָנקורירן?

פּלוצלינג האָט אויסגעשטורעמט אַ שטאַרקער ווינט אין וואַלד, וועלכער האָט צעטרייסלט דעם ציפּרעס. זיינע גלעזערנע בלעטער האָבן גענומען קלאַפּן איינס אינעם צווייטן מיט אַ מעכטיקן קלאַנג, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געשלאָגן און געפירט אַ שווערן קאַמף צווישן זיך, ביז זיי זיינען מיטאַמאָל אויף שטיקלאַך און פיצלעך צעבראָכן געוואָרן

און אראפגעפאלן אויף דער ערד, ווי נישטיקע שטיקלעך גלאז פון צע־בראכענע כלים.

— אוי, אן אומגליק, א חרפה און א בושה! — האט דער ציפרעס ווייטער געקלאגט. — אלע מיינע שכנים שטייען באקליידעט אין זייערע גרינע מלבושים און איך איינער — הויל און בלויז. הער צו גאט, מיין תפילה און גיב מיר גרינע בלעטער!

אויך דאס מאל איז זיין וואונש דערפילט געווארן: פריש־זאפטיקע בלעטער האבן זיינע צווייגן באדעקט און דעם גאנצן וואלד פארשמעקט מיט זייערע געשמאקע ריחות.

— איצט פארמאג איך אויך גרינע בלעטער, צוגלייך מיט אלע ביימער. קענן וועמען איך וועל זיך שוין מער נישט שעמען מיט מיין נאקעטקייט, — האט דער ציפרעס אנגעהויבן לאכן אויפן קול און זיך ווייטער גענומען בארימען.

* * *

אין א קורצער צייט ארום איז אנגעקומען א הונגעריקע טשערעדע ציגן, וועלכע האט דערשמעקט פונדערווייטנס דעם פרישן ריח פון גרינע בלעטלאך. זיי האבן זיך האסטיק געווארפן אויף דעם נידעריקן בוים, וואו מען האט מיט בלויז אויפהויבן דעם קאפ דערלאנגט די פריי־שע שפייז. יעדע האט אפגעריסן בלעטער וויפל זי האט נאר געקענט פארכאפן, און אזוי צעפרעסן דעם בוים, ביז עס איז אויף אים קיין איין בלעטל אויף קיין רפואה נישט פארבליבן.

— איצט האב איך אלץ פארלוירן און פארמאג שוין גארנישט — האט זיך דער ציפרעס ביטער צעוויינט. — נים קיין גאלדענע בלעטער, נישט קיין גלעזערנע און צומאל, אויך נישט קיין איינציק גרין בלעטעלע, וואס דאס קלענסטע ביימעלע פארמאגט יא. אוי, גאט, האב אויף מיר רחמנות און קער מיר אים צוריק מיינע נאדלען. לאמיך שוין לעבן רואיק און זיין זיכער, אז קיינער וועט מיר קיין שלעכטס נישט טון. ביי די ווערטער איז ער מיט פארביטערט הארץ איינגעשלאפן.

אויפכאפנדיק זיך באגינען, נאך איידער דער מארגנשטערן איז אויפגעגאנגען, האט דער ציפרעס דערזען זיינע אמאליקע נאדלען און האט זיך זייער דערפרייט, ווייל קיינער האט נישט געוואגט זיי אנרירן, צוליב זייערע שטעכיקע שפיצן און שארפקייט. ערשט דאן האט ער זיך באנוגנט מיט דעם ליבן חלק, וואס די נאטור אליין האט אים בא־שאנקען פון זיין געבוירן אן. ער האט אויפגעהערט באקלאגן זיין לעבן און קיינמאל מער נישט געשטרעבט צו גרעסערס פון זיך. זינט דאן האט ער שוין נים מקנא געווען קיין שום בוים אין וואלד.

ניט געוואָלט שווערן אפילו אויף אַן אמת

אַ רייכער מענטש, וועלכער האָט געשטרעבט אויסצולעבן זיינע יאָרן ערנטלעך און מיט אַ ריינעם געוויסן, האָט זיך פאַרגעגומען קיינמאָל נישט צו שווערן אפילו אויף אַן אמת. ווי פאַר פייער האָט ער געהיט זיין מויל פון אַ שבועה. אזוי האָט ער געפירט גרויסע געשעפטן און געפירט אַ גליקלעך לעבן.

ענדלעך, ווען ער איז אַלט געוואָרן און האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער צוגערופן זיין איינציקן זון און איבערגעבנדיק אים דאָס פאַרמעגן, האָט ער אים שטרענג אָנגעזאָגט: — זע, זון מיינער, איך לאָז דיר איבער אַ רייכע ירושה, וואָס באַשטייט פון אַ גרויס פאַרמעגן, וועלכעס איך האָב דערוואָרבן נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס איך האָב זיך געהיט פון אַ שבועה. אלזאָ, זאָלסט אומבאַדינגט פאָרזעצן ביין אויף דעם זעלבן וועג און אויך קיינמאָל ניט שווערן און דו וועסט לעבן גליקלעך!

— יאָ טאַטע, דיין וואָרט וועל איך זיכער אויספאָלגן — האָט דער זון טיף גערירט מיט הייסע טרערן זיך האַרציק אָנגערופן און זיך געזעגנט מיטן פאָטער, וואָס פאַרלאָזט אים אויף אייביק.

נאָכן פאָטערס טויט, ווי עס האָבן זיך נאָר געענדיקט די טרויערטעג, האָט דער זון גלייך גענומען אָנפירן מיט די געשעפטן און דערביי גוט אינזינען געהאַט די צוואה.

אַמאָל אין אַ טאָג, זיצנדיק איינער אליין אין געשעפט, האָבן זיך אויף דער שוועל באַוויזן אומבאַקאַנטע מענטשן און געפאָדערט פון אים אַ גרויסע סומע געלט, אַלס חוב, וואָס דער פאַרשטאָרבענער האָט ביי זיי אַמאָל געליען.

וויסנדיק אָבער אַז זיין גאָטזעליקער פאָטער איז קיינעם קיין געלט נישט שולדיק געבליבן, האָט דער זון פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָ צו טון מיט איינפאַכע שווינדלער, וועלכע זיינען געקומען אויף אַ נידערטרעכטיקן אופן אויסנאַרן ביי אים געלט.

— איך ווייס גאָרנישט פון אַזעלכע חובות — טענה'ט דער זון — מיין פאָטער איז דאָך געווען גענוג רייך און האָט אין משך פון זיין גאַנץ לעבן נישט געדאַרפט אָנקומען צו קיינעם נאָך אַ הלואה!

— אויב אַזוי, קום-זשע מיט אונז אין געריכט, דאָרט וועסטו שווערן — צווינגען אים די שווינדלער מיטצוגיין מיט זיי.

— בעסער וועל איך אוועקגעבן מיין גאַנץ פאַרמעגן, אנשטאָט צו גיין שווערן און פאַרלעצן מיין פאָטערס צוואה. — באַשליסט דער זון, זעענדיק זיך אין קלעם, און נעמט זיי טאַקע גלייך אויסצאָלן דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין קאַסע. אים זיינען מער ניט פאַרבליבן ווי פופציק גילדן וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים.

— שווער אונז, אז דו האסט שוין מער נישט קיין געלט — שטייען צו אים צו די איבערפאלער און פאלשע בעלי-חובות.

היטנדיק זיך אבער ווייטער פון א שבועה, האט ער זיי אויך אוועקגעגעבן די לעצטע פופציק גילדן און איז אליין פארבליבן מיט ליידיקע הענט, אן איין סענט און אן א שטיקל ברויט אין שטוב. דערצו נאך האבן אים די געמיינע פארשווינער אנגעקלאגט אין געריכט פאר וועלן פארכאפן זייער געלט און אים פארשפארט אין תפיסה, וויאזוי ער האט באדארפט אפקומען א שטראף און זיצן ארעסטירט א געוויסע צייט.

לאנג האט די ארעמע פאמיליע זייערע געליטן הונגער און שווערע נויט. די פרוי האט געוואשן פרעמדע וועש און געשפייזט איר מאן אין תפיסה און די קינדער אינדערהיים.

* * *

אין איינעם א טאג האט די פרוי געוואשן וועש ביים טייך. פלוצלינג איז אנגעפארן א שיף און דער קאפיטאן האט גענומען געפאנגען די פרוי אלס דינסט און וועשין פאר דער מאנשאפט.

צוזעענדיק פונדערווייטנס דעם אומגליק, זיינען די קינדער געלאפן אין תפיסה אריין און געמאלדן דעם פאטער וועגן דעם. אויס רחמנות, האט דער טורמע-פארוואלטער באפרייט דעם ארעסטירטן, כדי ער זאל קענען ארבעטן און דערנערן זיינע עלנדע קינדער.

גלייך נאכן באפרייען זיך, האט דער פאטער זיך אוועקגעלאזט אין א שיף אויפזוכן זיין פרוי.

דער ים האט אבער שטארק אויפגעברויזט און צעבראכן די שיף, האט זיך דער מענטש אנגעכאפט אין א ברעט און איז פארטראגן געווארן אין א ווייטער מדינה, וואו ער איז געווארן א פאסטוך פון פי.

זיצנדיק אמאל ביים ברעג, צווישן שלענג און ווילדע חיות, איז ער אריינגעפאלן אין גרויס פארצווייפלונג, דערמאנענדיק זיך אין זיין ביטערן גורל: — וואו זיינען איצט מיינע קינדער, און וואס איז מיט מיין ליבער פרוי געווארן? מיין פארמעגן איז פארשוואונדן און איך אליין בין פארוואגלט, און וואס וועט ווייטער זיין? פון גרויס דערשיטערונג איז ביי אים רייף געווארן א געדאנק: אריינשפרינגען אין טייך און זיך דערטרונקען.

— באגייט נישט דעם לייכטזיניקן שריט, דו מענטש איינער! — דערהערט זיך פלוצלינג א שטימע פון א וואונדערלעכער געשטאלט, וואס איז באלד פארשוואונדן געווארן. שטיי אויף און זוך גוט אט דא, אויף דעם פלאץ, וועסטו געפינען אן אוצר פון דימענטן און בריליאנטן. דערפאר וואס דו האסט אפגעהיט דיין פאטערס באפעל און הייליק געהאלטן זיין צוואה, ביסטו ביטער פארארעמט און אומגליקלעך געווארן,

דיין מזל וועט אָבער פון איצט אָן געענדערט ווערן און גרויס גליק וועט דיך באַגלייטן.

דער מענטש האָט זיך פון אָרט אויפגעהויבן און צעגראָבן די ערד, וואו ער האָט פון אונטער אַ שטיין אַרויסגעגרונטעוועט אוצרות און אַ גרויס פאַרמעגן.

פאַר אַ סך געלט האָט ער געדונגען אַ ספּעציעלע שיף און זיך דער־שלאָגן אַהיים אין זיין לאַנד. ער האָט אויפגעבויט רייכע פּאַלאַצן אין גרויסע שטעט און דערפעך. ער אליין איז איבער זיי געוואָרן דער הערשער און האָט פאַרוואַלטעט מיט זיין פאַרמעגן.

מיט דער צייט האָבן זיך אויך די פרוי מיט די קינדער צו אים צוריקגעקערט. די פרוי איז געוואָרן אַ קעניגן און די קינדער פּרינצן און פּרינצעסינס און אַלע צוזאַמען האָבן אַ גליקלעך לעבן געפירט...

אַ ליבהאָבער פון וויין

דאָס אידישע לאַנד איז פאַרצייטנס געווען געבענטשט מיט אַלדאָס גוטס. וויין האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער.

אַרום יעדער הויז האָבן געבליט און געוואַקסן פרוכטבאַרע וויינ־שטאָקן. עס האָבן פון זיי אַראָפּגעהאַנגען שווערע און וואַניקע ענגלען ווייַנטרויבן פון וועלכע עס האָבן געטריפט זיסע זאַפטן און געדרינגען גלייך אין מויל אריין.

אין איינער אַ שטאָט האָט געלעבט אַ מענטש אַ ליבהאָבער פון וויין. טאָג־איין, טאָג־אויס, האָט ער געהאַלטן אין איין זויפן און טרינ־קען פון די בעסטע ווינען. ער איז געווען באַקאַנט אַלס אַזעלכער, וועמען מען האָט אָפט געטראָפן וואַלגערן זיך איבער די גאַסן פון שטאָט מוים־שיכור.

אַ זון האָט אָבער דער דאָזיקער מאַן פאַרמאָגט, זייער אַ דערצוי־גענעם און מיט אַן איידעלן כאַראַקטער. עס האָט אים ביז גאָר גע־קרענקט די מיאוסע אויפפירונג פון׳ם פאָטער, וועלכער האָט פאַר־שאַפט זיין גאַנצער פאַמיליע בושה און ווייטיק. וואָס קען מען אָבער טון, ס׳איז דאָך פאָרט אַ טאַטע?...

מיט טרערן אין די אויגן האָט ער זיך אַפטמאָל געבעטן ביים פאָ־טער און דערקלערט די אומאַנגענעמלעכקייט און שאַנדע וואָס ס׳קומט אויס דער גאַנצער פאַמיליע צו ליידן צוליב זיין וויין טרינקען.

האָט זיך בעת־מעשה אויסגעדוכט, אַז דער פאָטער פילט מיט דעם זון און וואַרפט אַוועק זיין געוואוינהייט. זיינען אָבער אַריבער אייניקע טעג, און דער שכור האָט צוריקגעקערט צו זיין פלעשל, אַרומגעוואַנ־דערט איבער די גאַסן פון שטאָט, פון איין שענק צום צווייטן. קוים וואָס ער האָט זיך אויף די פיס געהאַלטן.

דער פארשעמטער זון האט אלץ געטראכט און געזוכט מיטלען און איז ענדלעך געפאלן אויף א קלוגער עצה:

אין א שיינעם טאג האט ער איינגעקויפט א סך פולע קריגלעך מיט וויין, אוועקגעשטעלט זיי אין שטוב און דערלאנגט דעם פאטער טרינקען וויפיל נאר ער האט פארלאנגט און געוואלט.

— זאל ער זיך כאטש נישט ארומבלאנקען צווישן די שענקן, צו-גלייך מיט אלערליי געמיינע שיכורים — האט זיך דער זון געטראכט — וועל איך אזוי פיל בושה נים ליידן.

דעם פאטער איז דווקא די זאך געפעלן געווארן. ער האט צוגעזאגט צו בלייבן אין שטוב און האט זיך טאקע א לענגערע צייט געלאזט האווילגיין מיט דעם אנגעגרייטן וויין־אוצר און אזוי גליקלעך און זארג-לאז געלעבט...

דער קלוגער זון האט אבער געזוכט פארשידענע מיטלען אפצו-האלטן זיין פאטער פון שיכרות. ער האט אלץ נים אויפגעגעבן די האפ-נונג, אז דער פאטער זאל זיך סוף כל סוף פארבעסערן און ענדערן זיין געוואוינהייט.

איינמאל, אין א רעגנדיקן טאג, ווען אלע גאסן זיינען פול געווארן מיט וואסער און בלאטע, ליים און זומפ, האט זיך דער זון צוריקגעקערט אהיים, און פאר זיינע אויגן האט זיך באוויזן א שרעקלעכע סצענע:

עפעס איינער א שכור האט זיך געוואלגערט אין א רינשטאק. די קליידער זיינען ביי אים געווען צעריסן און פארשמוצט; דאס פנים באדעקט מיט בלאטע און די הענט פארוואונדעט און צעדראפעט, און פון די פיס האט געיושעט בלוט. קענטיק, אז פון צופיל אנטרינקען זיך און וואקלען קוים אויף די פיס, איז ער געפאלן און שטארק צעשעדיקט זיין גאנצן קערפער.

* * *

דעם דאזיקן מאמענט האט דער זון אויסגענוצט. ער איז גלייך אריין אין הויז און געטראפן זיין פאטער זיצנדיק א פריילעכן ביי די קריגלעך וויין און אריינגיסן אין זיך איין כוס נאכן אנדערן.

— קום נאר, טאטע מיט מיר ארויס אין גאס, וועל איך דיר עפעס ווייזן — האט דער פארביטערטער זון אנגעוויזן דעם פאטער דאס טרויעריקע בילד פון דעם אומגליקלעכן מאן.

ער איז אויסן געווען צו געבן דעם פאטער א ביישפיל, אפשר וועט ער דערפון זיך ארפנעמען א מוסר, מ׳ארא ביטערן סוף עס האט דער וואס לאזט זיך אריין אין צופיל טרינקען...

ווי דער פאטער האט זיך אבער דערנענטערט צום שכור און אריינ-געקוקט אין זיין פנים, האט ער זיך גלייכצייטיק איינגעבויגן, אויפגע-רעקט זיין חבר פון „פאך" און אריינגעשריגן אים אין אויער אריין:

— ברודער! טו א טובה און זאג מיר, וואו האסטו געקראגן אזא

געשמאַקן שאַרפֿן געטראַנק, וואָס קען אַזוי דערפֿרייען גאָט און לייט?...

אויסהערנדיק די דאָזיקע פֿראַגע פֿון שכור'ן פֿאַטער, איז דער זון נאָר מער אַנטוישט און פֿאַרביטערט געוואָרן, זיין האַרץ האָט אים פֿאַרקלעמט פֿאַר בושה און ווייטיק. דאָך האָט ער אהיימגענומען דעם פֿאָטער און אַזוי פֿון אים גע׳ליטן מיט טיפֿן שמערץ אין האַרץ דאָס גאַנצע לעבן.

די וואַלד-בלימעלעה

ווען גאָט האָט באַשאַפֿן די שיינע בלומען אויף דער וועלט, וועלכע זיינען אים ליב און טייער געוואָרן, האָט ער זיך נאָכגע־פֿרעגט ביי יעדע איינציק בלימעלע באַזונדער, וואו עס וויל וואוינען. האָט נאָר אַ בלום איין וואָרט אַרויסגערעדט און אַנגערופֿן דעם אָדער יענעם פּלאַץ, וואָס עס האָט געפֿעלט איר, האָט איר גלייכצייטיק אַ מלאך פֿון הימל אַהין אַוועקגעטראָגן און פֿאַרפֿלאַנצט.

פֿאַרשידענע געגנטן און פּלעצער האָבן די בלומען אויסגעקליבן: אייניקע האָבן דורכאויס פֿאַרלאַנגט בערגיקע געגנטן און אַנדערע טאָלן. די, האָבן אויסגעקליבן זומפּיקע ערדן און יענע, אויף טרוקענעם באָדן. דעם וואַלד אָבער האָט קיין איינע פֿון זיי ניט דערמאָנט, צוליב זיינע געדיכטע צווייגהאַפֿטיקע ביימער, וועלכע פֿאַרטונקלען די שיין און פֿאַרשטעלן מיט זייערע דיקע בלעטער די זון־שטראַלן. — זיי פֿילן-אַן דעם וואַלד מיט שאָטן און פֿינסטערניש, און בלומען נויטיקן זיך אין זון און אין לופֿט, האָבן זיי געטראַכט, און וואו האָבן מיר עס דאָרט?

ווי נאָר דער ערשטער פֿרילינג איז אויף דער וועלט דערשינען, ווען פֿעלדער און גערטנער האָבן זיך צעבליט און אויסגעפּוצט אין בלי־מעלעך פֿון אַלערליי מינים און קלאַסן, וועלכע האָבן מיט דופּטיקע ריחות וויט פֿאַרשמעקט, איז דער וואַלד געבליבן געשטאַנען אַזוי איינ־זאַם און אומפֿרוכטבאַר, אַז עס איז אַ רחמנות געוועזן אויף אים צו קוקן. בלויז פּוסטע ביימער מיט ליידיקע צווייגן האָבן אין דער לופֿט גערוישט און די וועלט פֿאַרטויבט.

האָט זיך דאַן צעכליפּעט דער אַלטער וואַלד און הייסע טרערן האָבן פֿון זיינע אויגן געראָנען: — אוי, בלימעלעך! איר מלאכים-אייגע־לעך! —האָט ער זיך מיט טרויער און בענקשאַפֿט אָנגעהויבן בעטן— פֿאַרוואָס האָט איר אין מיר, ליבע קינדערלעך, פֿאַרגעסן? טוט מיר אַ טובה און קומט אַהער וואוינען! דערפֿרייט מיך אויך מיט אייער צוי־בער און רום. זאָלן צוליב אייך די פֿייגל צו מיר קומען און בויען זייערע נעסטן אויף מיינע צווייגן, אויב נישט, בין איך דאָך פֿאַרלוירן אויף אייביק...

האָבן ווינטן פֿאַרטראָגן זיינע טרערן-טראָפּן און אין די בלומער־

בעכערלעך אריינגעטריפט און זיי אָנגעפולט. אַ יונג, צאַרט, באַשיידן בלימעלע, איז פון די טרערן שטאַרק גערירט געוואָרן און עס האָט זיך אָנגערופן צו אירע חבר'טעס, די נאָענטע שכנים: „קומט מיט מיר, בלו־מען, לאָמיר גיין טרייסטן דעם אַלטן וואַלד, ס'איז אַ רחמנות! לאָמיר פּרוּוון זיך דאָרט באַזעצן און אים דערמוטיקן אויף דער עלטער. קומט, ווער וויל מיך באַגלייטן?".

האָבן זיך בלומען און בלימעלעך ביי די הענטעלעך גענומען און זיך אַוועקגעלאָזט אין וואַלד אריין, וואו זיי האָבן געטראָפן באַקוועמע פּלעצער צווישן הויך גראָז, באַשיצט פון ברענענדיקע זונען־שטראַלן און האָבן זיך דאָרט באַזעצט. דער וואַלד האָט מיט גרויס ליבשאַפט אויפגענומען זיינע געסט און זיי האַרציק באַדאַנקט און באַגריסט.

פייגל האָבן באַזונגען זייער אָנקומען און הילכיק אַרויסגעטרעלט זייערע זיסע לידער און וואונדער־טענער. פליגן פון פאַרשידענע פאַרבן און קאָלירן און שמעטערלינגען מיט לאַנגע זיידענע פליגל, האָבן דאָרט זייער וואוינאָרט געפונען. זיי האָבן פריי גענאָסן פון די געשמאַקע ריחות, וואָס די בלומען האָבן ווייט און ברייט פאַרשפּרייט, ווי די גוטע באַלזאַמען.

דער אַלטער וואַלד האָט שנעל אָן זיין טרויער פאַרגעסן און אויפס־ניי אויפגעלעבט פול מיט פרייד און האָפנונג אויף דער צוקונפט.

פון דאַן אָן אָנערקענט דער וואַלד די טובה וואָס די בלימעלעך האָבן אים געטון און דעם גרויסן כבוד, וואָס זיי האָבן אים פאַרשאַפט. ער באַשיצט זיי ווי אַ געטרייער פאָטער זיינע קינדער. מיט זיינע גע־דיכטע צווייגן און בלעטער באַהאַלט ער זיי אויס פון אַ מענטשלעך אויג, עס זאָל חלילה קיין האַנט זיי נישט וועלן אָפּקנייפן און פריצייטיק זייער לעבן פאַרשניידן...

אָפּגעהאַלטן פון אַ פאַרברעכן...

אַ מענטש איז אַ לאַנגע צייט געזעסן אָן פּרנסה און ניט געהאַט פון וואָס אַ טאָג איבערצוקומען. צוליב נויט האָט ער ענדלעך באַ־שלאָסן ווערן אַ רויבער: אַוועקשטעלן זיך דאָרט, וואו די וועגן צע־שיידן זיך און איבערפאַלן יעדן דורכרייזנדער, און באַרויבן אַלץ וואָס יענער פאַרמאָגט.

דעם ערשטן טאָג איז ער געזעסן אין זיין באַהעלטעניש און אָפּ־געוואַרט דעם קרבן, וואָס זאָל אים אין די הענט אריינפאַלן.

זיצנדיק אַזוי, האָט זיך פלוצלינג, פונדערווייטנס, פאַר זיינע אויגן באַוויזן אַ גרויסאַרטיקע קאַרעטע, איינגעשפּאַנט צו צוויי ריזיקע אַדלער־פערד, אין וועלכער ס'איז געפאָרן אַ רייכער מאַן.

מיט אַ בליץ־שנעלקייט האָט זיך דער רויבער פון זיין באַהעלטע־

ניש אַרויסגעקוקט און מיט אויסערגעוויינלעכער געוואַגטקייט זיך אויף אים אַרויפגעוואָרפן, אַרויסכאַפּנדיק פון זיין האַנט אַ בייטל מיט געלט. נאָכהער ערשט האָט ער זיין קרבן געבונדן מיט אַ שטריק און צוגע־פירט צו אַ נאָענטן טייך.

— אין טייך וועל איך דיך אַריינוואַרפן! — האָט דער רויבער גע־שריען צום דערשראָקענעם מענטשן, נישט וועלנדיק צומאָל הערן זיין וויי־געשריי און בעטן זיך מיט טרערן אין די אויגן, אים שענקען דאָס לעבן.

— פּאַראַומרואיק נישט מיינע קלאָרע דורכזיכטיקע וואַסערן מיט אומשולדיק בלוט, דו מערדער אייגער! — האָבן די כוואַליעס פון טייך, צעשטורעמטע און שטאַרק אויפגעברויזטע אויסגעשריען און דעם מער־דער פון זיך אָפּגעשטויסן.

— איך וועל דיך אין פייער פאַרברענען! —האָט דער רויבער זיין קרבן ווידער געדראָט.— פאַרשמוץ מיך נים! —האָט אַ פייער־צונג אים אין פּנים אַריין אַ סמאַליע געטון, דו מיאוסער רויבער! —

— וועל איך דיך אויף אַ בוים אויפהענגען! — האָט דער איבער־פאַלער געשלעפּט דעם מענטשן אין טיפן וואַלד אַריין.

דיביימער האָבן אָבער אָנגעהויבן ציטערן ווען דער מערדער האָט זיך צו זיי דערנענטערט. זייערע צווייגן האָבן זיך פון שרעק געבויגן און די בלעטער האָבן מיט אַ טרויעריקן גערויש זיך באַוועגט.

— האָסט קיין רעכט נים מיט בלוט אונז צו באַפלעקן, דו נידער־טרעכטיקער פאַרשוין! — האָבן זיי אים אין אויער איינגערוימט.

— אויב אַזוי! — האָט זיך דער גזלן צעבייזערט — וועל איך דיך לעבעדיקערהייט אין דער ערד אַריינלייגן, און ער האָט גלייך אָנגע־הויבן גראָבן אַ טיפן גרוב פאַר זיין קרבן.

די ערד האָט אָבער אונטער יעדן באַריר פון זיין גראָבאייזן אויפ־געטרייסלט און שרעקלעכע קולות האָבן פון אירע טיפענישן אַרויס־געשריען:

— וואָס האָסטו מערדער, צו מיר? ווילסט מיך פאַראומריינִיקן מיט אומשולדיק בלוט?

דער רויבער האָט זיך דאָן אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און ווען ער האָט זיך איבערצייגט אַז קיינער וויל זיין קרבן נים צונעמען, האָט זיך ביי אים אין האַרצן דערוועקט אַ חרטה־געפיל. ער האָט דעם מענ־טשן דאָס געלט צודיק אין האַנט אַריינגעלייגט און אָנגעהויבן זיך צו פאַרענטפערן און ריינוואַשן זיין זינדיקן געדאַנק.

— זע מיין האַר! —האָט ער געזאָגט,— איך וואָלט דיך דאָך גע־קענט מיט מיינע הענט דערשטיקן, אָדער מיט מיין שאַרפן מעסער דערשטעכן. בין איך דאָך אָבער אויך אַ קינד פון דער נאַטור, דעריבער האָב איך קיין האַרץ נישט דיר שלעכטס צו טון...

דער רויבער האָט איבערגעבעטן דעם רייכן מאַן פאַר די צרות וואָס ער האָט אים פאַרשאַפט און דער רייכע ווידער, האָט זיך געלאָזט איבערבעטן און אים אויף זיין קאַרעטע אַרויפגענומען און זיי זיינען ביידע ווי די בעסטע גוטע פריינט אין שטאָט אריינגעפאָרן.

די קלוגע קעניגין

צוויי מענטשן וועלכע האָבן זיך אַמאָל צוזאַמענגעטראָפן אויף אַ וועג, וואָס פירט פון אַ דאָרף אין שטאָט אריין, האָבן געפונען דריי בייטעלעך געלט און זיך זייער דערפרייט מיט זיי. עס האָט אָבער באַלד אויסגעבראָכן צווישן זיי אַ קריגעריי וועגן דער מציאה.

— איך האָב דער ערשטער דערזען דאָס געלט — שרייט איינער — געהערן צו מיר צוויי בייטעלעך און דיר קומט נאָר איינס.

— איך האָב זיי פריער אויפגעהויבן — טענה'ט דער צווייטער — זיינען צוויי מיינע.

נישט קענענדיק זיך אויסגלייכן מיט גוטן, זיינען זיי אוועק צום קעניג אויף אַ משפט.

— גוט, איך וועל אייך משפט'ן, — זאָגט דער קעניג. — איר מוזט מיר אָבער ענטפערן אויף אַ שווערער פראַגע וואָס איך וועל אייך דאָ שטעלן און וועמענס ענטפער עס וועט מיר בעסער געפעלן, דער באַקומט צוויי בייטעלעך מיט געלט.

— יאָ, זאָל דער קעניג פרעגן! — שרייען אים ביידע ווי מיט איין קול.

— וואָס איז אויף דער וועלט דאָס שנעלסטע, דאָס פעטסטע און דאָס זיסטע? — פרעגט דער קעניג און וואַרט אויף אַן ענטפער.

— ניטאָ קיין שנעלערס פון אַ פויגל, קיין פעטערס פון אַ חזיר און קיין זיסערס פון צוקער — כאַפּט זיך איינער אַרוים מיט אַן ענטפער. — דער צווייטער אָבער, האָט געשוויגן. ער האָט געבעטן דעם קעניג אים געבן אַ פּאָר טעג צייט זיך גוט באַטראַכטן, כדי אויסגעפינען די רעטעניש.

קומענדיק אהיים אַן אומעטיקער, האָט דער מענטש זיך פאַרקלאָגט פאַר זיין קלוגער טאָכטער און איר דערציילט דעם קעניגס פראַגע, אויף וועלכער ער פאָדערט אַ באַלדיקן ענטפער.

— שנעלער פון אַלץ איז דאָס אויג, פעט איז די ערד און ניטאָ קיין זיסערס פונם לעבן, — אַזוי האָט די קלוגע טאָכטער געענטפערט, און געבעטן דעם פאָטער ניט אָנגעבן איר נאָמען דעם קעניג.

אויפן צווייטן טאָג איז דער מענטש געקומען אין פּאַלאַץ מיט דעם קלוגן ענטפער. דער קעניג האָט אים באַוואונדערט און דערלאַנגט דעם מענטשן גלייך אין האַנט די צוויי בייטעלעך מיט געלט. ער האָט אים

אָבער געקומען אויף אַ פּטרהער און אויסגעפּאַרשט, ווער עס האָט אים אַזאַ קלוגן ענטפער אויסגעלערנט. נאָך לאַנג קווענקלען זיך, האָט דער מענטש געמוזט זאָגן דעם אמת, אַז ניט עמיץ אַנדערש ווי נאָר זיין אייגענע טאָכטער.

— אויב אַזוי, וויל איך זי זען און זיך באַקענען מיט איר — זאָגט דער קעניג — ברענג זי מיר אומבאַדינגט!

ניט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָט דער מענטש געמוזט שיקן רופן זיין טאָכטער און זי פאָרגעשטעלט פאַרן קעניג.

פאַרפירנדיק מיט איר אַ געשפּרעך אויף פאַרשידענע טעמעס פון לעבן, איז דער קעניג אַנטציקט געוואָרן פון איר טיפן שכל און האָט אויך באַוואונדערט איר שיינקייט.

— מיין קעניגן וועסטו זיין און מיט דער מלוכה-קרוין וועל איך דיין קאָפּ באַצירן, — זאָגט דער קעניג — האָב מיט מיר חתונה, ווייל דו ביסט מיר זייער געפעלן געוואָרן. איין תנאי, אָבער, נעם איך מיט דיר אויס: זאָלסט זיך נישט מישן, ניט אין מיינע פריוואַטע געשעפטן און אין מלוכה-ענינים אוודאי ניט.

דער קעניג האָט מיט איר חתונה געהאַט און זי זייער ליב באַקומען.

* * *

טרעפט זיך אַמאָל אין אַ טאָג אַזאַ געשיכטע: צוויי פּויערים זיינען געגאַנגען פון דאָרף אין שטאָט אַריין. איינער האָט געשלעפּט מיט די הענט אַ וואָגן פול מיט סחורה און דער צווייטער האָט געפירט אַ יונג אייזעלע אין מאַרק אַריין צום פאַרקויפן. ביים אָפּרוען זיך אינמיטן וועג, רופט זיך אָן דער וואָגן-שלעפּער צום אייזל-פירער: — ליי מיר, גוטער ברודער, דיין אייזעלע, וועל איך עס איינשפּאַנען אין וואָגן, ביז מיר וועלן קומען אין שטאָט. עס גייט דאָך סיי ווי ליידיק און מיר איז שווער צו שלעפּן די משא. האָט דער פּויער רחמנות געהאַט אויף זיין חבר און אים געליען דאָס אייזעלע. אָפּגייענדיק אַ געוויסע שטרעקע, איז געשען אַן אומגליק: דאָס שוואַכע אייזעלע וואָס איז נאָך ניט געוואוינט געווען צו אַרבעט, איז פּלוצלינג אַנידערגעפאַלן אונטער דער שווערער משא, און האָט זיך שוין קיין לעבעדיקס ניט אויפגעהויבן.

— אוי, צוליב דיר איז מיין אייזל געפאַלן טויט. באַצאָל מיר דעם שאָדן! — האָט דער פּויער אָנגעהויבן שרייען.

— ניין, עס קומט דיר ניט צו באַצאָלן — שרייט דער צווייטער — האָסט דאָך געוואוסט אַז דיין אייזל איז אַ שוואַכס, אַ סימן, האָסט עס געפירט צו פאַרקויפן, כדי דערפון פּטור צו ווערן, פאַרוואָס האָסטו עס מיר געליען? איך בין אומשולדיק!

זיינען זיי ביידע אַוועק צום קעניג און אויסדערציילט זייערע טענות. האָט דער קעניג אַרויסגעטראָגן אַ פּסק, אַז דער אייגנטימער

פון וואָגן מוז באַצאָלן פאַרן אייזל און אויב ער פאַרמאָגט ניט קיין געלט, דאַרף מען פון דער סחורה אויפמאַכן. איז דעם פויער געוואָרן שלעכט אויפן האַרצן, ווייל ער איז געווען אָרים און די סחורה איז נישט געווען זיינע.

* * *

צומאָרגנס, ווען דער קעניג האָט זיך געלאָזט גיין גאָט בעטן, איז דער פויער געקומען צו דער קעניגין און זיך ביטער צעוויינט, אויסדערציילנדיק פאַר איר זיין לאַגע און געבעטן, זי זאָל זען אויס־פועל'ן ביים קעניג צו פאַרלייכטערן זיין שטראָף, ווייל ער האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן.

— איך האָב פאַר דיר אַן עצה: —רופט זיך אָן די קעניגין, אַ טיף געריירטע פון זיינע טרערן— שטעל זיך אַוועק ביים טייך, וואו דער קעניג גייט פאַרביי גאָט בעטן און פאַרוואַרף אַ ווענדקע פיש צו כאַפּן, דאָרט וואו דאָס וואַסער איז זייער פלאַך. וועט דיך דער קעניג פרעגן: ווי אַזוי ווילסטו כאַפּן פיש אין אַ טרוקענעם טייך? זאָלסטו ענטפערן: ווי אַזוי קען אַ קעניג פאַר'משפט'ן אַן אָרימען פויער צו באַצאָלן געלט פאַר אַן אייזל אין דער צייט ווען ער פאַרמאָגט גאָרניט?!

דער פויער האָט געפאָלגט די עצה און אַזוי געענטפערט דעם קעניג און זיך דערביי צעוויינט.

דער קעניג האָט גלייך פאַרשטאַנען אַז דאָ איז פאַרמישט זיין פרוי, וועלכע האָט אים די עצה געגעבן, האָט ער איר אַ צאָרנדיקער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם פאַקט, וואָס זי איז קעגן אים באַגאַנגען און עובר געווען אויפן אָפּמאַך, וואָס איז צווישן זיי געשלאָסן געוואָרן, ניט אריינצומישן זיך אין זיינע געשעפטן.

— מיר מוזן זיך איצט שיידן! —זאָגט דער קעניג— איך וועל אָבער פריער איינאָרדנען אַ רייכע סעודה, פונקט אַזעלכע ווי אין דעם אָוונט פון אונזער חתונה: מיר וועלן צוזאַמען עסן און טרינקען, נאָכהער אָבער, נאָכן עסן, מעגסטו דיר נעמען דאָס בעסטע און שענסטע פון מיין פּאַלאַץ, וואָס נאָר דיין האַרץ גלוסט און קער זיך צוריק אַהיים צו דיין פאָטערס הויז. מיר קערן זיך מער ניט אָן איינער מיטן אַנדערן.

וואָס האָט די קעניגין געטון? זי האָט ביי דער רייכער סעודה אָנגעטרונקען איר מאַן מיט אַלטן וויין, פון וועלכן ער איז שטאַרק שיכור געוואָרן און האַרט איינגעשלאָפן. נאָכהער האָט זי אים אריינגעלייגט אין אַ ווייכער קאַרעטע און אַוועקגעפירט אין איר פאָטערס הויז.

אויפכאַפּנדיק זיך גאַנץ פרי פון שלאָף, אַן אויסגעניכטערטער, האָט זיך דער קעניג דערזען אין אַ בעט ביי זיין שווער אין הויז.

— וואָס איז געשען? —פרעגט ער זיין פרוי— ווי קום איך אַהער?

— האָסט דאָך מיר געהייסן נעמען דאָס בעסטע פון דיין פּאַלאַץ, האָב איך געזוכט און ניט געפונען קיין בעסערן חפץ פון דיר אליין.

דו ביסט דאָס בעסטע פון מיין לעבן און איך האָב דיך דערפאַר גע־נומען אהער.

דער קעניג האָט ערשט דאַן פאַרשטאַנען, ווי ווייט עס דערגרייכט די חכמה פון זיין פרוי און ער האָט זי נאָך מער ליב באַקומען און פון דאַן אָן די מינדעסטע זאַך ניט געטון אָן איר עצה.

די צוויי לעבלאַך ברויט

איינער אַ גרויזאַמער, בייזער קעניג, וועלכער האָט איינגעפירט אין לאַנד אַ גאַנצע רייע ווילדע געזעצן, האָט צווישן אַנדערע אויך פאַר־אָרדנט אָפּצושאַפן אַלערליי צדקה־אַנשטאַלטן און הילפס־פאַריינען, וואָס האָבן ביז דאַן עקזיסטירט.

לויט אַ שטרענגען דעקרעט, אונטערגעשריבן פון קעניג אַליין, איז פאַרבאָטן געוואָרן נישט צו דערלאַנגען אפילו קיין שטיקל ברויט אַן אָרימאַן, און דער יעניקער וואָס וועט נישט אויספאָלגן, וועט מען אים די הענט אָפּהאַקן.

מענטשן האָבן אָפּגעשטעלט שטיצעס און גלייך אויפגעהערט מיטהעלפן איינער דעם צווייטן, נישט נאָר מיט געלט, נאָר צומאָל אויך מיט אַ טרונק וואַסער. אין לאַנד איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ שרעק־לעכע טיראַניע און האַרטהאַרציקייט פון מענטש צו מענטש, צוליב דער גרויסער מורא פאַרן קעניג.

מאַכט זיך אַמאָל אין אַ טאָג, אַז אַ הונגעריקער אָרימאַן האָט זיך אַריינגעריסן אין אַ שטוב פון אַ פרוי און געבעטן אים דערהאַלטן דאָס לעבן מיט אַ שטיקל ברויט.

— איך וואָלט דיר גערן געגעבן ברויט צו עסן —פאַרענטפערט זיך די פרוי— איך האָב אָבער מורא פאַרן קעניג, ער זאָל מיר די הענט נישט אָפּהאַקן.

— האַרציקע פרוי, האָב רחמנות! —האָט דער הונגעריקער אָנ־געהויבן בעטן מיט טרערן אין די אויגן— איך באַשווער דיך אין נאָמען פון גאָט, וועלכער שפּייזט יעדער לעבעדיק באַשעפעניש, זאָלסט מיר אומבאַדינגט געבן עפּעס צו עסן. אויב ניט גיי איך אוים פאַר הונגער און פאַל אַוועק אַ טויטער פאַר דיינע אויגן!

דערהערנדיק גאָטס נאָמען און טיף גערירט פון אָרימאַנס טרערן, האָט דער פרוי שטאַרק פאַרקלעמט ביים האַרצן און אויס רחמנות אויף אַזאַ אומגליקלעכן, האָט זי אים דערלאַנגט די לעצטע צוויי לעבלאַך ברויט, וואָס האָבן זיך געפונען אין איר שטוב.

דערוויסנדיק זיך וועגן דער געוואַגטקייט פון דער פרוי, וואָס האָט איבער געוועזן אויף אַ רעגירונגס־געזעץ און געשטיצט אַן אָרימאַן מיט

ברויט, האָט דער אויפגערעגטער מושל זי געהייסן ברענגען און אָן א שום משפט איר אָפּגעהאַקט די הענט.

גרויסע ווייטיקן און שווערע שמערצן האָט די אומגליקלעכע פרוי געליטן ביז עס האָבן זיך איר פאַרהיילט די וואונדן.

יאָרן זיינען פאַרשוואונדן, צייטן זיינען איבערגעלאָפן און אַלדאָס־בייז פאַרשלונגען, און אויך די דאָזיקע טראַגעדיע איז כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן.

אין א צייט אַרום זיצט אַזוי דער קעניג און שמועסט מיט זיין מו־טער וועגן פאַרשידענעס, צווישן אַנדערעם זאָגט ער צו איר:

— אפשר ווייסטו, מאַמע, פון א פיינער פרוי, וואָלט איך חתונה געהאַט פאַר איר.

— אַט, דאָ, נישט ווייט, מיין זון! —ענטפערט די מוטער— וואוינט א יונגע פרוי, אַן אויסערגעוויינלעכע שיינהייט, קלוג ווי דער טאָג און שיין ווי די זון. עס פעלן איר אפילו ביידע הענט, דאָך פאַרמאָגט זי אַזוי פיל שיינקייט און רייץ, פשוט צו באַוואונדערן זי. דערצו נאָך לייטיש, פיין און גוטהאַרציק.

— ברענגט זי צו מיר! — האָט דער קעניג באַפוילן.

ווי נאָר די פרוי האָט זיין שוועל באַטראָטן און אויף אים מיט אירע שיינע אויגן א בליק געוואָרפן, האָט זי אים באַצויבערט און זיין האַרץ געוואונען. ער האָט גלייך באַשטימט מיט איר חתונה האָבן און מיט דער קרוין איר קאָפּ באַצירט.

נים פאַרגינענדיק אָבער דער פרוי דאָס באַשערטע גליק צו זיין א מלכה און הערשן איבערן לאַנד, האָבן בייזע צינגער גענומען איינ־רעדן דעם קעניג, אַז דער גרעסטער שונא זיינער איז זיין אייגענע פרוי, וועלכע איז א פאַרעמטערין און זוכט א געלעגנהייט אים אומצוברענגען, אוים נקמה דערפאַר, וואָס ער האָט איר אַמאָל די הענט אָפּגעהאַקט.

גלויבנדיק אין רכילות און אין פאַלשע רייד, האָט ער זי פון פּאַ־לאַץ אַרויסגעטריבן און פאַרשיקט ערגעץ אין א ווייטן מדבר, צוזאַמען מיט איר קינד, וואו זי האָט געלעבט איינזאַם, עלנט און פאַרצווייפלט און שטענדיק געהאַלטן אין איין וויינען און באַקלאָגן איר ביטער מזל.

* * *

אַמאָל אין א טאָג, ווען די זון האָט זיך צעגליט אין דער הייסער מדבר, איז די פרוי שטאַרק פאַר'חלש'ט געוואָרן פון דורשט. זי האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיטן קינד אויפן אַקסל זוכן א טרונק וואַסער. צוקו־מענדיק צו א טייך, וואו זי האָט זיך אָנגעבויגן א טרונק טון, איז דאָס קינד אַראָפּגעפאַלן פון איר אַקסל אין וואַסער אריין און פאַרשוואונדן פון דער אויבערפלאַך.

די אומגליקלעכע פרוי האָט אויפגעהויבן א גרויס געוואַלד און

שרעקלעך געשריי. ווער קען איר אבער העלפן אט דא, אין דער וויסטער מדבר?

זיצנדיק אזוי פארביטערט, איינגעהילט אין טיפן צער און נישט האבנדיק פאר וועמען איר טרויער און ביטער הארץ אויסצוגיסן, זיינען פלוצלינג נעבן איר אויסגעוואקסן צוויי אומבאקאנטע מענטשן, וועלכע האבן זיך בליץ-שנעל אריינגעווארפן אין טייך און ארויסגעראטעוועט איר קינד א לעבעדיקס, פריש און געזונט, גלייך ווי עס וואלט מיט אים גארנישט פאסירט.

פארפירנדיק מיט זיי נאכהער א געשפרעך, האט די פרוי זיי אויסדערציילט איר לאגע, ווער זי איז און וואס עס האט מיט איר פאסירט; ווי דער קעניג האט זי גרויזאם באהאנדלט דערפאר, וואס זי האט א הונגעריקן מיט ברויט געזעטיקט.

— ווילסטו אפשר, מיר זאלן דיר אומקערן דיינע הענט? — האבן זי די וואונדערלעכע מענטשן געפרעגט.

— אוי, גאט מיינער! הלוואי וואלט דאס געשען — האט די פרוי זיי פאראויס באדאנקט און פול מיט האפנונג געקוקט זיי אין די אויגן.

פלוצלינג איז געשען א וואונדער און ביידע הענט זיינען איר אנגעוואקסן.

— ווייסטו ווער מיר זיינען? — האבן די וואנדערער זי געפרעגט.

— מיר זיינען דיינע צוויי לעבלאך ברויט, מיט וועלכע דו האסט אמאל אפגעראטעוועט א מענטשן פון הונגער-טויט. דאנק גאט וואס ער האט איצט דיין קינד פון טויט לעבעדיק-געמאכט און דיר די הענט צוריקגעקערט. דיין מזל וועט זיך ענדערן און וועסט ווידער פירן א גליקלעך לעבן.

די מענטשן זיינען פארשוואונדן געווארן אין דער ווייטקייט און קיין מינדסטער שפור איז פון זיי נישט פארבליבן.

ווען דער קעניג האט זיך דערוואוסט וועגן דעם גרויסן נס, וואס איז מיט זיין פרוי געשען אין דער מדבר, האט ער פארשטאנען אז נישט אנדערש, ווי נאר צוליב איר גוטהארציקייט און רחמנות אויף ארימע האט מיט איר אזעלכעס געקענט טרעפן. ער האט זי צוריק געבראכט אין פאלאץ, וואו זי האט גליקלעך געלעבט און דערצו האט ער אפגעשאפט אלע שלעכטע גזירות פון זיין לאנד...

דער שניידער און די לבנה

אַמאָל, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, איז אַן אָרימער שניידער געזעסן אין זיין האַלב-איינגעפאַלן שטיבל און געאַרבעט טאָג ווי נאַכט איבער טרוקענעם שטיקל ברויט. אָוונט-איין, אָוונט-אויס פלעגט פאַרבייגשוועבן די שיינע זילבערנע לבנה און האָט אַריינגעקוקט מיט נייגעריקייט אין פענסטער פון דעם אָרימען בעל-מלאכה, וועלכער זיצט איינגעבויגן איבער זיין אַרבעט, אָן אָפּרו, און אים שטאַרק באַדויערט.

ער ווידער, פאַרטון אין דער אַרבעט, האָט ווייניק וואָס אַכט געלייגט אויף דער הימל-העררשערין וואָס הענגט אַזוי הויך איבער זיין קאָפּ און איר קיין באַזונדער אויפמערקזאַמקייט ניט געשאָנקען. ער האָט גענייט און געשטעפּט, נאָך אַ שטאָך מיט דער נאָדל און נאָך אַ שניט מיט דער שער, אַלץ מערער און פלייסיקער, מיט גרויס אינטערעס פאַר דער אַרבעט.

איינמאָל אָבער, אין אַן אָוונט, טרעפנדיק דאָס שניידערל ליגן אויסגעצויגן אויף זיין בעטל אַן אַרבעט, האָט עס דער לבנה געוואונדערט און זי האָט אים אַזוי ווי אין אויער איינגערוימט:

— אָרעמער, אָרעמער שניידער!

— מיט וואָס קען איך דיך דינען, שיינע מאַיעסטעטישע לבנה?

— איז דער שניידער גלייך פון בעט אַראָפּגעשפּרונגען און זיך זייער העפלעך אַ פּאָר מאָל פאַרנויגט פאַר דעם שיינעם געשטאַלט פון איר קעניגלעכן אויסזען.

— ווי איך זע, —רופט זיך אָפּ די לבנה מיט גרויס מיטגעפיל— ביזטו היינט צו טאָג אַרבעטסלאָז, אָן איין שטאָך אַרבעט. איך וואָלט זיין אַ בעלן באַשטעלן ביי דיר אַ מלבוש. ערשטנס, איז דאָך אַ מצוה צו העלפן אַן אָרעמען אַרבעטער, דערצו נאָך אַזאַ פלייסיקן ווי דו. צווייטנס, קומט מיר אָפּטמאָל אויס ליידן קעלט אויף מיינע ווייטע רייזעס און וואַנדערונגען איבער קאַלטע לענדער, וואו איך ווער ממש פאַרפרוירן. אַ פראַק און אַ וועסטל, גלויב איך, וועלן מיך גאַנץ גוט וואַרעמען. אויך וואָלטן מיך מענטשן, דוכט זיך, מער געשעצט און רעספּעקטירט ווען איך זאָל זיין שיין אָנגעטון און ניט גיין נאַקעט. דאָס מלבוש מוז אָבער געמאַכט ווערן דורכאויס פון בעסטן שטאָף און צוגעשניטן העכסט מאָדערנע און נעט, צוגעמאָסטן און איינגעפּאַסט אין דער טאַליע פונקט אויף מיר. דערפאַר וועל איך לאָזן אויסשטעפּן אויף דער פאַלע פון קלייד דיין נאָמען און וואוינאָרט, וואָס וועט דיך באַרימט מאַכן אומעטום. דו ווייסט דאָך, אַז איך באַרייז די גאַנצע וועלט אין איר לענג און ברייט; אויסער דעם, וועל איך אַלע אָוונט צוקומען צו דיין פענסטער און באַלויכטן דיין צימער בשעת דו אַרבעטסט, עס זאָל דיר געניג ליכטיק זיין. נו, קענסט זיך אונטערנעמען מאַכן אַזאַ שטיקל אַרבעט?

קוקט דער שניידער איר אריין גלייך אין פּנים און ענטפערט מיט גרויס דרך-ארץ:

— יאָ, מיין האַרינטע, איך וואָלט אוודאי וועלן אָננעמען דיין באַשטעלונג, איז עס אָבער אַביסל שווערלעך. האָסט עפּעס אַ מאָדנע פיגור: פון אויבן און פון הינטן שמאָל, אינמיטן ווידער גרעבלעך און קרום-קיילעכדיק פּונקט ווי אַ סערפּ. אין אמת'ן איז דאָס גאַר קיין לייכטער ענין ניט, דאָך וועל איך מוזן נאָכקומען דיין וואונש און זען אויסמיטלען פון דיינעטוועגן אַ צוגעפּאַסט שיין מלבוש, לויט דער לעצטער מאָדע און פון בעסטן געוואַנט.

דער שניידער האָט באַלד אַראָפּגענומען דער לבנה אַ פּינקטלעכע מאָס און איינהאַנדלענדיק פון דער בעסטער סחורה, איז ער די גאַנצע וואָך געזעסן איינגעבויגן, און אָן אָפּרו געאַרבעט.

ביים אָנמעסטן אָבער דעם פראַק, אין זיבן טעג אַרום, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער קליענטין זיינער דער לבנה, איז צוגעקומען אַ גרעב פון אַ האַלב ברויטל.

— אוי, אַן אומגליק! — האָט זיך דער שניידער געקלאַפּט מיט די הענט און קאָפּ פאַר אַנגסט, וואָס דאָס מלבוש איז ענג, און די לבנה אַליין איז אויך טרויעריק געוואָרן.

— ווייסטו וואָס? — האָט אים די לבנה געגעבן אַן עצה — קויף צו נאָך אַ מעטער סחורה און מאַך ברייטער דעם פראַק; וואָס אַרט דיר? איך וועל דיר פאַר אַלץ באַצאָלן וויפיל עס וועט אָנטרעפן און אין אַ וואָך אַרום וועלן מיר זיך זען, זיי געזונט!

* * *

אוועקזעצנדיק זיך אויפסניי צו דער אַרבעט, האָט דער שניידער געזיפצט און געקרעכצט:

— פאַרפאַלן, מען מוז אַרויסענדיקן צום באַשטימטן טאָג — האָט ער מיט די לעצטע כוחות זיך אָנגעשטרענגט און געאַרבעט.

ענדע וואָך האָט זיך באַוויזן די לבנה און ווי נאָר ער האָט איר געוואָלט אָנמעסטן דאָס מלבוש, האָט ער פאַרצווייפלט אויסגעשריען:

— אוי, אַ בראָך צו מיר, עס איז דאָך גאַר נישט די וואָס געווען, עס איז דאָך אַ קיילעכדיקע שיסל.

— ניין, האַרינטע מיינע, טייערע לבנה. עס איז דאָך אוממעגלעך —האָט דער שניידער מיט אַנגסט פאַרגעזעצט— עפּעס ביסטו געשוואָלן געוואָרן און זעעסט אויס ווי אַן אַרבוז. נישטאָ אַלזאָ, קיין האָפענונג, אַז דער פראַק זאָל אויף דיר גוט זיין!

— יאָ, ביסט טאַקע נעבעך גערעכט, אָרעמער שניידער — פאַרענטפערט זיך די לבנה פאַרשעמט — איך בין פעט געוואָרן. איך פאַרזיכער דיר אָבער ביי מיין ערן-וואָרט, אַז פון היינט אָן און ווייטער, וועל איך אויף קיין האָר ניט פעטער ווערן.

— אויף דײַן וואָרט, חשוב'ע פרײַנדין מײַנע, קען איך אָבער שוין מער נישט שטעלן — האָט דער שנײַדער, אַרויסגעזאָגט אַנטשלאָסן. זאָל זײַן וואָס ס'וויל זיך, דעם פראַק נעם איך מער ניט אין האַנט.

דאָך האָבן זי זיך בײַדע פרײַנטלעך געזעגנט. די לבנה האָט צוגעזאָגט קומען אויף דער דריטער וואָך, ווען זי האָט זיך טאַקע באַוויזן אָבער גאָר אַנדערש ווי ס'פֿאָריקן מאָל: פֿאַרצערט, מאָגער און האַלב-פֿאַרמינערט! דער שנײַדער האָט ברייטער געמאַכט דאָס מלבוש מיט דער צוגעקויפטער סחורה וואָס ער האָט אינגאַנצן פֿאַרנוצט, אָבער אומזיסט, אומזיסט, עס טויג ערשט נישט.

— געגנוג שוין פֿאַר מיר! — האָט ער ענדלעך אויסגערופן אַ צער-בײַזערטער און שטאַרק אויפגערעגטער — מיט אַזאַ קליענטין ווי דו, האָב איך שוין קיין געדולד ניט צו האַנדלען; גיי דיר געזונטערהייט, גענוג, איך קען מער ניט, אַ סוף!

אַרויסשליידערנדיק מיט כעס דאָס קלייד אין דרויסן דורכן אָפענעם פֿענסטער, האָט דער שנײַדער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זײַן אָרעמען געלעגער אַ מידער און אַנטוישטער, וואו ער איז לאַנג געלעגן ווי פֿאַר-שטאַרצט, מיט האַלב-פֿאַרמאַכטע אויגן און באַדויערט זײַן אומזיסטיקע אַרבעט, וואָס ער האָט מיט אַזוי פֿיל מי געלייסטעט.

די לבנה איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך בײַם אָפענעם פֿענסטער און איז ענדלעך פֿאַרשוואונדן צווישן וואָלקנס אין די הויכע ווײַטקייטן.

פֿון דאַמאָלסט אָן און ווײַטער, ביז הײַנטיקן טאָג, גייט זי אַרום נאַקעט און הויל, אומבאַקליידעט און אומבאַפּוצט און באַדויערט, וואָס קיין שום שנײַדער אויף דער וועלט קען איר נישט צופּאַסן און אָנ-מעסטן אַ מלבוש, וואָס זאָל איר באַשײַנען...

אָנגעפּולט אַ זאַק מיט רייד...

אין אַ לאַנד האָט אַמאָל געלעבט אַ פּאַסטוך-אינגל, זייער אַ שיי-נער און קלוגער, אָבער אַן אָרעמער. ער האָט גאָרנישט פֿאַרמאָגט, אויסער אַ צוויבער-פּייפעלע אין זײַן טאָרבעלע, וואָס איז בײַ אים געווען טײַערער פֿון דער טײַערסטער זאַך אויף דער וועלט. ווען ער פֿלעגט אָנהייבן פּייפן מיט זײַן וואונדערלעך פּייפעלע, פֿלעגן עס דערהערן די שעפּסעלעך פֿון די ווײַטסטע פֿלעצער און זיך צוזאַמענקלײַבן אַרום אים און לעקן זײַנע הענט און די טריט פֿון זײַנע פֿיס.

זיצנדיק אַמאָל אין פֿעלד אַרום זײַנע שעפּסעלעך, אין אַ הייסן זומער-טאָג פֿון חודש תּמוז, מיטן פּייפל אין האַנט, האָט דער פּאַסטוך אויפגעהויבן זײַנע אויגן און דערזען ווי אַ מענטש דערנענטערט זיך און גייט גלײַך צו אים. דער מענטש איז נישט געווען קיין אַנדערער,

ווי דער קעניג פון דער מדינה, וועלכער איז אהין פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן.

— אוי, שלעכט, —טראַכט זיך דער אינגל.— ער קומט אוודאי אוועקרויבן ביי מיר מיין טייער פייפעלע.

און גיין גייט דער קעניג ניט גלייך, נאָר ער וואַקלט זיך און פאַלט פון די פיס, ווייל ער איז אָנגעטרונקען און טויט שיכור. אין מיטן וועג טרעפט ער אָן אויף אַ זומפּיקן אָרט פון אַ טיפער בלאָטע און שטעקט אריין איין פוס, וויל ער אים אַרויסציען פון זומפּ, קריכט ער אריין מיטן צווייטן פוס און בלייבט שטיין פאַרזונקען מיט ביידע פיס אין בלאָטע ביזן האַלבן קערפּער, און קען בשום אופן נישט אַרויס פון אומגליקלעכן אָרט.

— אוי, אַ רחמנות, מען מוז אים אַרויסהעלפן, ער איז דאָך פאָרט אַ קעניג!

אריינלייגנדיק דאָס פייפעלע טיף אין טאָרבעלע אריין, איז דער גוטער פּאַסטוך אויף גיך צוגעלאָפן צום קעניג און אים אַרויסגעצויגן ביי די אויערן פון דער בלאָטע. ער האָט אים צוגעפירט צו אַ נאָענטן טייכל און גוט אַרומגעוואַשן און ריין געמאַכט.

— אַ דאַנק דיר, גוט אינגעלע! האָסט מיך געראַטעוועט ביים לעבן. איך באַשווער דיר אָבער, זאָלסט עס קיינעם נישט דערציילן — בעט זיך דער קעניג און כאַפּט אים קושן און האַלזן.

— ניין, ניין, קיינעם וועל איך גאָרנישט דערציילן. אויב דו אליין, הער קעניג, וועסט זיך פאַר קיינעם נישט אַרויסכאַפּן. אויף מיינע נאמנות! — פאַרזיכערט אים דער פּאַסטוך.

דעם קעניג איז עס געפעלן געוואָרן. ער האָט זיך האַרציק געזעגנט מיטן פּאַסטוך און אוועקגעלאָזט זיך צוריק אַהיים.

* * *

דער קעניג האָט פאַרמאָגט צוועלף שיינע הירשן מיט הויך-געפלאָכטענע צווייגן-הערנער, וועלכע ער האָט זייער ליב געהאַט און אַן איין-און-איינציקע ליבע טאָכטער, אַ בילד-שיינקייט.

איינמאָל אין אַ טאָג זיינען אַנטלאָפן די שיינע הירשן פון קעניגס הויז און זיך לאַנג ניט צוריקגעקערט. האָבן זיך אַלע דינער און קנעכט אוועקגעלאָזט איבער שטעט און דערפער אויפזוכן די הירשן און קיין איינעם פון זיי ניט געפונען. האָט דאַן דער קעניג געהייסן אויסרופן:

— ווער עס וועט אויפזוכן מיינע הירשן און זיי מיר אָפּברענגען, דעם וועל איך געבן מיין איינציקע שיינע טאָכטער פאַר אַ פרוי!

דערוויסנדיק זיך וועגן דער מעלדונג, האָט דער יונגער פּאַסטוך אָנגעפּילט זיין טאָרבע מיט ברויט, גענומען דאָס צויבער-פייפעלע אין האַנט און זיך אוועקגעלאָזט איבער פעלדער און וועלדער אויפזוכן די הירשן.

ארויסקומענדיק אויפן פרייען פעלד, אונטער די בלויע הימלען, האט דער פאסטוך אנגעהויבן וואונדער־לעך פייפן מיט זיין צויבער־פייפעלע: „טו־טו־טו או־או!" זיינען זיך באלד צונויפגעלאפן אלע צוועלף שיינע הירשן, וועלכע דער פאסטוך האט אפגעפירט צום קעניג און געזאגט:

— אט האסטו דא, הער קעניג, אלע דיינע צוועלף הירשן. איצט גיב מיר דיין שיינע טאכטער פאר א פרוי!

אנקוקנדיק דעם ארימען אפגעריסענעם און אפגעשליסענעם אינגל, האט דער קעניג חרטה געקראגן אויף דער גאנצער געשיכטע און געזוכט א תירוץ, ווי פטור צו ווערן פון אים.

— יא, האסט טאקע אויפגעטון א גרויסע זאך —זאגט דער קעניג — מיין טאכטער איז אבער וואונדערבאר שיין און קלוג, אויב דו זוכסט באמת צו געווינען איר הארץ און מ׳ט איר חתונה האבן, מוזטו מיר באווייזן נאך א גרעסער וואונדער:

— איך האב געהערט וועגן דיר אז דו קענסט זייער שיין רעדן, וועל איך היימן ברענגען א גרויסן זאק און דו שיט אים אן מיט רייד. רעד אזוי לאנג אריין אין זאק, ביז ער וועט פול ווערן. וועסטו עס באווייזן צו טון, קריגסטו שוין דאס גליק חתונה צו האבן מיט מיין טאכטער, אן שום טענות.

— גוט, איך קען עס טון, זאגט דער פאסטוך און נעמט אויף דעם קעניגס פארשלאג מיט פרייד.

מען האט גלייך געבראכט א גרויסן זאק מיט א ברייטן צעעפנטן מויל. צוויי קעניגלעכע דינער האבן אים געהאלטן ביי ביידע עקן און דער פאסטוך־אינגל האט זיך אוועקגעשטעלט ארייגרעדן אין אים, אויסשיטנדיק א מבול פון רייד. זייער פיל דערציילונגען האט ער דער־ציילט. א סך שיינע, קלוגע און אינטערעסאנטע דערציילונגען, אן א סוף און אן אן ענדע און דער זאק איז נאך אלץ ניט אנגעפולט געווארן.

שטייט דאס גאנצע פאלק און לאכט, נאר די כלה, די שיינע פרינ־צעסין, זיצט טרויעריק און וויינט. זי האט זייער ליב דעם יונגן פאסטוך און זעט אז פון דער ליבע וועט זיך גארניט אויסלאזן, ווייל ווי קען א מענטש אנפולן א ליידיקן זאק מיט פוסטע רייד און ווערטער?

— וואס וויינסטו, ליבע כלה? — ווענדעט זיך צו איר דער פאס־טוך און זאגט: כלה, זארג ניט, איך וועל עס אלץ קענען באווייזן. לאך בעסער, לאך אביסל און באווייז מיר דיינע ווייסע פערל־ציין.

ענדלעך, נאכן אויסשיטן רייד נאך רייד און ווערטער נאך ווער־טער אין אן אפענעם מויל פון א ברייט־צעעפנטן זאק, וואס ווערט ניט פול, האט דאס אינגל אויסגעשריען הויך אויף א קול:

— הערט און שטוינט, מיינע הערן! ערשט איצט האב איך זיך דערמאנט אן אמת׳ע געשיכטע, טאקע וועגן קעניג אליין, א געשיכטע וואס וועט אייך אלעמען פאראינטערעסירן און וועט זיכער אנפולן דעם

גרויסן זאַק. דאָס האָט פּאַסירט פּערצן טאָג אין חודש תמוז פון פאַריקן יאָר.

ווי נאָר דער קעניג האָט דערהערט אַז ער גייט דאָ אַנטדעקן דעם סוד וועגן זיין שיכרות, ווי אַזוי ער האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון דער בלאָטע, איז ער אויף שנעל צוגעלאָפן צום זאַק און אַריינקוקנדיק אין אים, האָט ער אָנגעהויבן שרייען:

— דער זאַק איז דאָך שוין פול, פול!

האָבן אַלע געקוקט אין ליידיקן זאַק אריין און זיך געוואונדערט וואָס קומט דאָ פאָר. דאָך אָבער, ווען דער קעניג אַליין שרייט: „פול, פול!" האָט קיינער ניט געוואָגט צו זאָגן אַנדערש.

האָבן זיך דערהערט פון אַלע זייטן קולות:

— דער זאַק איז פול!

דאָס הויז האָט געשטורעמט פון די געשרייען. די ווענט האָבן געציטערט און די כלה האָט געלאַכט:

— כאַ, כאַ, כאַ! מיין חתן האָט אָנגעפולט דעם זאַק מיט רייד, כ'אַראַ וואונדער. כאַ, כאַ, כאַ!

—אָך, טויגסטו זיך אויס, דו גוטער פייפער, דו שיינער רעדנער,

— האָט דער קעניג געקלאַפּט דעם יונגן פּאַסטוך אין פּלייצע — אָט האָסטו מיין טאָכטער, גיי און האָב מיט איר חתונה.

כלי־זמר האָבן געשפּילט, פויקן האָבן געפּויקט, זינגער האָבן געזונגען און פּאָרלעך האָבן געטאַנצט:

— מזל־טוב אייך חתן־כלה, מזל־טוב!

מען האָט געהוליעט און געשפּרונגען, געגעסן און געטרונקען און אַלע צוזאַמען האָבן זיך געפרייט. אַ שאָד, וואָס מיר זיינען דאָרט ניט געווען!

אַ טשערעפּאַכע, אַ פּלאַפּלערקע

אין אַ שיין ווייט לאַנד, נאָענט צו די אינדישע גרעניצן, האָט אין אַ טייכל פון קעניגלעכן באַשאָטנדיקן גאָרטן געוואוינט אַ טשערעפּאַכע.

פלעגט די טשערעפּאַכע האָבן אַ טבע צו פּלאַפּלען טאָג ווי נאַכט און שיטן מיט ליגנס. זי האָט גערעדט צו די פּאַפּוגייען אויף די ביימער, צו די פיש אין וואַסער און צו די פייגל אין די נעסטן. אַלעמען פלעגט זי פאַרדולן די קעפּ מיט אויסגעטראַכטע נאַרישע באָבע־מעשיות און אויסגעדראָשענע לעגנדעס ,וועלכע האָבן מיד געמאַכט די צוהערער, ביז זיי זיינען זיך צעלאָפן ווייט, ווייט.

— אָך, ס'אַראַ נאַרישע פּלאַפּלערקע די טשערעפּאַכע איז, — האָבן זיך פאַרקלאָגט די פיש וואָס אויפן גרונט פון טייכל. זי אַנטפּלעקט די סודות וועגן אונזער באַהעלטעניש צו די גרויזאַמע פישער, וועלכע קומען אַהער און פאַנגען אונז אין זייערע נעצן.

— זעט נאָר, די רכילות׳ניצע — רופט זיך אָן אַ יונגער פּאַפּוגאַי. זי דערציילט די מאַלפּעס, אַז מיר פּאַפּוגייען לאַכן-אָפּ פון זייערע לאַנגע עקן און קרומען זיי נאָך. מאַכט אָן אַ שנאה צווישן די צוויי פריינט-לעכע משפחות, וואָס לעבן זיך כסדר בשלום.

— אָך, ס׳אַרא פּלוידער-זאַק און אונטערפירערין עס איז די טשע-רעפּאַכע! — האָט זיך צעצוויטשערט אַ פויגל אין נעסט. עס איז פון איר נים אויסצוהאַלטן!

מאַכט זיך אַמאָל אַזאַ געשיכטע:

אין איינעם אַ הייסן זומער-טאָג, איז די טשערעפּאַכע אַרויסגע-קראָכן פון טייכל זיך וואַרימען אַנטקעגן דער זון. פּונקט דעמאָלט זיי-נען אַראָפּגעפלויגן פון דער הויך צוויי ווילדע קאַטשקעס און האָבן זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען ביים ברעג טייכל.

— וואוהין פליט איר, שיינע קאַטשקעס? — פרעגט זיי די טשע-רעפּאַכע.

— מיר פליען זייער אין אַ שיינעם געגנט, צום „גאָלדענעם טאָל", וואָס געפינט זיך צווישן גרינע בערג — ענטפערן זיי איר.

— אָך, ס׳אַרא שיינער נאָמען, זאָגט מיר, איז דאָרט אויך פאַראַן אַ טייכל וואַסער?

— וואָס פאַר אַ פראַגע? — ענטפערן די קאַטשקעס — די גאַנצע געגנט איז דאָרט אַ פּעטע און פרוכטבאַרע. עס פליצן דאָרט וואַ-סער-שטראָמען און טייכן, שיינע און וואונדערלעכע. קום, פלי מיט אונז, וועסטו זען!

— אָך, ליבע פריינט, איך וואָלט אייך באַגלייט מיטן גרעסטן פאַר-גענוגן, מיר האָט זיך שוין לאַנג דערעסן מיין וואוינאָרט, צוליב די פיל שונאים וואָס איך פאַרמאָג דאָ. ווי קען איך אָבער פליען? מיר פעלן דאָך פליגל!

— ווייסטו וואָס? ס׳איז דאָ אַן עצה — זאָגן צו איר די קאַטשקעס

— מיר וועלן ברענגען צו-טראָגן אַ גראָבן שטעקן. איינע פון אונז וועט אָנהאַלטן מיטן שנאָבל ביי איין עק און די צווייטע ביים אַנדערן. דו ווידער, וועסט אָנגעמען מיט דיינע ציין דעם מיט פון שטעקן און אַזוי וועלן מיר דיך אויפהויבן און פליען צוזאַמען צום געוואונטשענעם אָרט. דו מוזט אָבער זיין זייער פאָרזיכטיק ניט צו עפענען דאָס מויל, כדי דו זאָלסט חלילה נישט אַראָפּפאַלן אויף דער ערד.

— יאָ, פריינט-לעבן, מיר איז גאָר ניט שווער צו האַלטן פאַר-שלאָסן דאָס מויל. איך וועל עס זיכער טון.

* * *

אין אַ פּאָר מינוט אַרום, האָבן זיך די קאַטשקעס אויפגעהויבן מיטן שטעקן, אויף וועלכן עס האָט זיך נאָכגעהאַנגען אינמיטן די טשערע-פּאַכע מיט אַ פאַרמאַכט מויל און זיי זיינען אַלע דריי צוזאַמען געפלויגן.

— פאר געזונטערהייט און אייל זיך ניט אזוי שנעל אהיימקומען!

— האבן איר נאכגעשריען די פיש און באגלייט מיט וואונדער-בליקן איר הויך פליען. די משערעפאכע האט זיי אפילו געוואלט אפענטפערן מיט א „זייט געזונט”, נאר צוליב מורא ניט צו עפענען דאס מויל, האט זי זיך אפגעהאלטן.

פליענדיק איבער וועלדער און פעלדער, שטעט און דערפער, ימים און טייכן, האט עס דער משערעפאכע איבראשט און איר האט זיך געוואלט א פלאפל טון, וועגן דעם רום און שיינקייט פון דער נאטור, האבן איר אבער די קאטשקעס שטרענג געווארנט צו האלטן ס'מויל, ווייל עס דראט מיט אראפפאלן אין א גרוב און צעשמעטערט ווערן צום טויט.

פארבייפליענדיק א דארף, זיינען געשטאנען פויערטעס און געארבעט אין גארטן. איינע האט א קוק געטון אין דער הויך און אויסגעשריען מיט געלעכטער:

— זעט נאר, חבר'טעס, ווי צוויי קאטשקעס טראגן א משערעפאכע אויף א שטעקן!

די משערעפאכע האט זיך באליידיקט פון דעם חוזק-געלעכטער און געוואלט געבן דער פויערטע א פארציע מוסר פאר איר אפלאכן, זי האט זיך אבער גלייכצייטיק באהערשט און נאך שטארקער איינגעקלאמערט די ציין אין שטעקן, כדי ניט צו ברענגען אויף זיך אן אומגליק.

צוקומענדיק שוין נאענט צו די גערטנער וואס פירן צום גאלדענעמאל, האבן זיך דארט קינדער געשפילט אויף א גרינעם פלאץ. דערזעענדיק דעם וואונדערלעכן פלי-צוג, ווי צוויי קאטשקעס האלטן אין זייערע שנאבלען א שטעקן, אויף וועלכן עס שלעפט זיך נאך א משערעפאכע מיט א גראבן בויך, האבן זיי אויפגעהויבן א געשריי און געווארפן שטיינער אין דער הויך, טרעפנדיק איר איינעם אין בויך. אזא חוצפה האט זי שוין נישט געקענט פארשוויגן און עס האט איר ארויסגעבראכט פון די כלים.

וואס איז אבער געווען דער סוף?

ווי נאר די משערעפאכע האט בייז צעעפנט איר מויל און גענומען שילטן די קינדער, איז זי אראפגעפאלן פון שטעקן אויף א שטיין אין פעלד. זי איז צעשמעטערט געווארן אויף פיצלעך און ניט דערלעבט צו זען דעם „גאלדענעם טאל”.

דער קעניג, דער בעל-תשובה

מיט יאָרן צוריק, האָט אין אַ לאַנד געהערשט אַ קעניג, וועלכער פלעגט שטאַרק דריקן זיינע אונטערטאַנען און זיי גרויזאַם פאַרפאָלגן. דעריבער האָט ער ביים פאָלק קיין אַנדער נאָמען נישט געהאַט, ווי נאָר: „דער גרויזאַמער הערשער".

אַ קללה איז ער געוואָרן פאַרן לאַנד, און יעדער איינער האָט אים געוואונטשן דעם טויט.

— אָך, ווי דערלעבט מען שוין, אַז דער רשע זאָל שטאַרבן! — האָט זיך ביי יעדן בירגער פון טיפן האַרצן אַרויסגעריסן אַ שטילער קרעכץ. — אפשר וועט אַנשטאָט אים אַ בעסערער דעם טראָן באַטרעטן און מיר וועלן קענען פרייער אָפּעטעמען.

איינמאָל האָט דער קעניג פאַררופן אַ מאַסן-פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער דאָס פאָלק איז מיט שרעק און ציטער געקומען, נישט וויסנדיק וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און וואָס פאַרא שטרענגע פאָדערונגען אים קען איינפאַלן דאָ אַרויסצושטעלן.

צום פיל טויזנט-קעפּיקן עולם האָט זיך דאָן דער קעניג אַליין מיט פאָלגנדן אויפרוף געווענדעט:

— הערט אויס מיין וואָרט, געשעצטע פאַרזאַמלטע! — האָט ער זיין רייד אָנגעהויבן — דערוויסנדיק זיך וועגן אייער האַס און בייז האַרץ, וואָס איר טראָגט אויף מיר צוליב די צרות, וואָס ווערן אייך טאָג-טעגלעך פאַרשאַפט, האָב איך געקראָגן גרויס חרטה. עס פלאָגט מיך שטאַרק מיין געוויסן און איך האָב באַשלאָסן צו פאַרבעסערן אייער לאַגע. אַ נייע עפּאָכע פון אַ גליקלעך, רואיק לעבן וועט זיך פון היינט-צו און וויטער פאַר אייך אָנהויבן. קיינער וועט מער נישט געדריקט ווערן און קיין עוולה וועט קעגן קיינעם נישט באַגאַנגען ווערן.

אַזוי האָט דער קעניג איבערגעבעטן דאָס פאָלק און מיט דער צייט טאַקע גענומען פאַרווירקלעכן זיין צוזאָג: אין יעדער שטאָט און דאָרף האָט ער אַריינגעשיקט בעסערע גובערנאַטאָרן און אָרנטלעכע באַאַמטע, וועלכע האָבן נישט געמאָנט קיין גרויסע צינזן און קיין שטאַרקע מלוכה-שטייערן פון דער באַפעלקערונג נישט געפאָדערט.

גרויס אָרדענונג איז אומעטום איינגעפירט געוואָרן. בריקן האָט מען געבויט און וועגן זיינען פאַרריכט געוואָרן; ריכטיקע געזעצן האָבן די ריכטער אין לאַנד איינגעפירט, לויט וועלכע מענטשן זיינען אָרנטלעך גע'משפט געוואָרן און זיינען ווי געהעריק פאַרטיידיקט געוואָרן.

* * *

דאָס פאָלק האָט אויפגעלעבט און ליב-געקראָגן דעם קעניג. — צייטן האָבן זיך געביטן און מיט זיי צוזאַמען דער כאַראַקטער פון קעניג, — האָבן מענטשן באַוואונדערט די גרויסע געשעעניש — דאָך, נישט קע-

נענדיק פאַרשטיין וואָס מיטן קעניג איז פּלוצלינג פאַרגעקומען, האָט איינער פון זיינע גאַר־נאָענטסטע לייב־וועכטער אים אין אַ טאָג געפרעגט:

— הער קעניג! וואָס איז מיט דיר געוואָרן, וואָס דו האָסט געענדערט דיין כאַראַקטער? אַלע דיינע יאָרן האָסטו דאָך אַזוי פאַרפאָלגט דיינע אונטערטאַנען און זיי געפּייניקט און מיט אַמאָל ביסטו גוט געוואָרן... דערציי‌ל מיר די סיבה, וואָס האָט דיך דערצו באַוואויגן.

— אָט וועל איך דיר דערקלערן — ענטפערט אים דער קעניג.

— איך בין אַמאָל דורכגעפאָרן אין אַ וואַלד, האָב איך דערזען ווי אַ הונט האָט נאָכגעיאָגט אַ פוקס, וועלכן ער האָט דערגרייכט און אים צעביסן אַ פוס. פון גרויס שמערץ און ווייטיק, האָט דער פוקס יאָמערלעך געשריען. ווי דער הונט איז ווייטער געלאָפן, האָט אַ רייטער אויף אַ פערד אויף אים אַ שטיין געוואָרפן און אים אַ פוס איבערגעבראָכן. רייטנדיק אויפן פערד, וואָס האָט זיך אין אַ שנעלן גאַלאָפּ געלאָזט, איז ער מיטאַמאָל אַראָפּגעשליידערט געוואָרן אין אַ טיפן גרוב אריין, וואו ער האָט זיך צעבראָכן רוקן און לענד... פּלוצלינג האָט זיך פון ערגיץ־וואו באַוויזן אַ גיפטיקע שלאַנג און דאָס פערד צעביסן אויף טויט... עס איז אונטערגעלאָפן אַ מענטש מיט אַ האַק און דער שלאַנג דעם מוח צעשמעטערט... באַלד האָט זיך פון וואַלד אַ בייזע חיה אויפן מענטשן אַרויפגעוואָרפן און אים אויף שטיקער צעריסן... וואָס ווייטער איז געווען, געדענק איך שוין נישט.

און דער קעניג האָט פאַרגעזעצט:

— פון דעם אַלץ, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען, האָב איך זיך אַראָפּגענומען אַ מוסר און זיך אָפּגעגעבן רעכענונג, אַז יעדער איינער ווערט באַלוינט לויט זיינע מעשים: דער שלעכטער און גרויזאַמער פאַר זיין שלעכטער אויפפירונג און דער גוטער פאַר זיין גוטס און איך האָב באַשלאָסן צו פאַרבעסערן מיין וועג און באַהאַנדלען מענטשן גוט און ערנטלעך.

גוטע פריינט — בעסער פון געלט

אַ פאָטער האָט אַמאָל געשוואוירן זיינע צען זין, אַז אינ׳ם טאָג פון זיין שטאַרבן, וועט ער זיי איבערלאָזן ירושה זיינע אָפּגעשפּאָרטע טויזנט גילדן וואָס ער פאַרמאָגט, — הונדערט גילדן אויף אַ חלק.

אין אַ צייט אַרום האָט זיך, צוליב ניט קיין פאַראויסגעזעענע סיבות זיין פאַרמעגן פאַרמינערט אויף הונדערט גילדן און אים איז ניט פאַרבליבן מער ווי ניין הונדערט. האָט ער דעם דערמאָנטן קאַפּיטאַל צעטיילט נאָר צווישן ניין זין, און איינער פון זיי, דער קלענסטער איז פאַרבליבן אָן אַ חלק ירושה.

— ס׳טייטש פאָטער — האָט זיך דער קלענסטער געקלאָגט — פאַר־

וואָס האָסטו מיך פאַרטיילט? דיין גאַנץ פאַרמעגן האָסטו מיינע ברידער אָפּגעגעבן, און מיך אָן איין פּרוטה איבערגעלאָזט! איז דען רעכט אַזוי? צי בין איך ניט איינער פון דיינע קינדער?

— מיין קינד! —האָט געענטפערט דער פאָטער— איך האָב דאָך געגעבן אַ שבועה און מיין וואָרט אַרויסגעזאָגט, ווי אַזוי־זשע קען איך דען אַנדערש טון? דו מוזט מיר מוחל זיין אויף דיין חלק, ווייל דו ביזט דער קלענסטער. די ניין הונדערט גילדן וועלן דיינע ניין ברידער ירש'ענען, דערפאַר אָבער לאָז איך דיר איבער ירושה מיינע צען גוטע פריינט און בעסטע חברים, מיט וועלכע כ'האָב מיין גאַנץ לעבן פאַרבראַכט, און געטיילט זיך מיט זיי מיינע פריידן און ליידן. אויב דו וועסט זיך מיט זיי גוט פאַרהאַלטן, גלויב איך, אַז זיי וועלן דיר ברענגען פיל נוצן און מסתמא דיך ניט פאַרלאָזן. זע ,מיין קינד, פאָלג אויס דיין פאָטערס באַפעל, וועט דיר גוט זיין!

אַזוי האָט דער אַלטער פאָטער זיך אָפּגעזעגנט מיט זיינע צען זין, וועלכע האָבן זיין בעט אַרומגערינגלט, און ערנהאַפט מיט אַ ריינעם געוויסן אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

די ניין זין האָבן באַלד נאָכן פאָטערס טויט זיך צעטיילט מיטן פאַרמעגן, באַקומענדיק יעדער איינער זיין פעטן חלק ירושה, הונדערט גילדן, לויטן פאַרשטאָרבענעמס פאַרזאָג, און יעדער איינער פון זיי האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַן אַנדער לאַנד אריין, צו האַנדלען מיטן געלט.

דאָקעגן, דער קלענסטער ברודער איז פאַרבליבן אין דער היים אַ באַזאָרגטער און אַ נידערגעשלאָגענער, ניט וויסנדיק וואָס מ'הויבט אָן צו טון. ווי אַזוי אָרדנט מען זיך איין, אַז קיין געלט איז נישטאָ, און קיין שום מיטהילף פון די ברידער אויך נישט.

* * *

זוכנדיק אַזוי עצות און פאַרשידענע מיטלען, האָט זיך דער אָרעמער זון מיט אַמאָל דערמאָנט אין זיין פאָטערס אָנזאָג פאַר זיין טויט, וועגן דער רייכער ירושה וואָס עס בלייבט פאַר אים: די צען גוטע פריינט. ער האָט אָנגעהויבן זוכן אַ געלעגנהייט, ווי אַזוי זיך מיט זיי צו פאַרשטענדיקן און זייער סימפּאַטיע געווינען. — דער פאָטער איז דאָך אַ קלוגער מענטש געווען, זיינען מן הסתם זיינע ווערטער ניט געזאָגט געוואָרן גלאָט אַזוי אין דער וועלט אריין. ער האָט מיר געהייסן זיך דערנענטערן צו די פריינט, האָט ער דאָך דערמיט עפּעס געמיינט...

דער אָרעמער זון האָט זיין פאָטערס ווערטער גענומען אין באַטראַכט און זיי פאַרווירקלעכט: ער האָט פאַרמאָגט איין און איינציקן גילדן, איז ער מיט אים אַוועק אין מאַרק, איינגעקויפט עסנוואַרג און גענומען משקאות אויף באָרג. ער האָט אַלץ אויסגעשטעלט אויף געגרייטע טישן און איינגעלאַדן זיין פאָטערס בעסטע צען גוטע פריינט.

לאַזנדיק זיך וואוילגיין ביים שיינעם מאָלצייט, האָט ער ניט פאַר-

געכן זיי אויסצודערציילן זיין געדריקטע לאַגע, אויף וואָס פאַר אַ באַשטאַנד ער איז פאַרבליבן נאָכן פאָטערס טויט, ווי אָרעם און עלנט ער איז איצט. ער האָט זיי אויך דערציילט וועגן די לעצטע ווערטער פון זיין פאָטער, אַז ער זאָל ניט פאַרלאָזן קיין גוטע פריינט און מיט זיי ניט איבעררייסן די באַציאונגען, כדי צו האָבן ביי וועמען אַן עצה צו פרעגן. די געטרייע פריינט האָבן אויפמערקזאַם אויסגעהערט זיינע רייד און פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ הייליקער חוב עס ליגט איצט אויף זיי, ארויסצוהעלפן פון נויט אַ געטרייען זון, וועלכער האָט אַזוי גוט פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטערס רייד: ניט איבעררייסן קיין לאַנג-יעריקע פריינטלעכע באַציאונגען מיט בעסטע חברים און גוטע פריינט. יעדער פון זיי האָט אין אַ געהויבענער שטימונג מיטגעשטייערט פון זיינעט-וועגן עפּעס פון זיין פאַרמעגן: ווער ס'האָט אים געשענקט אַ קו, און ווער אַ פעטע שאָף, איינער אַ שטיקל פעלד, דער צווייטער אַ חלק גאָרטן.

די שאָף און רינדער, האָבן מיט דער צייט געבוירן קעלבער און שעפּסן, די פעלדער און גערטנער זיינען —אויף זיין מזל— מיט פיל תבואה און פרוכטן באַוואַקסן געוואָרן. דער אָרעמער מענטש איז אין אַ קורצער צייט אָרום רייך געוואָרן, אין דער צייט ווען זיינע ברידער האָבן זייער ארייגעכאַפּטן ירושה-קאַפּיטאַל שוין לאַנג געהאַט אָנגעוואוירן.

דעמאָלט האָט ער ערשט פאַרשטאַנען די קלוגע ווערטער פון זיין פאָטער, און ביי זיך פעסט באַשלאָסן, צו האַלטן זיך פריינטלעך צו חברים, און ניט צו פאַרלאָזן זיי, ווייל געלט ווערט מען אָן, און גוטע פריינט — קיינמאָל ניט, ווי דאָס האָט באַמערקט דער קלוגסטער פון אַלע מענטשן אין זיין צייט: דיין פריינט, און דיין פאָטערס פריינט, זאָלסטו נישט פאַרלאָזן.

דער ווינטער און זיין מאַכט

דער אַלטער בייזער ווינטער האָט זיך גרויזאַם צעצאָרנט און אָנגעהויבן אויסגיסן זיין ביטער האַרץ אויף אַלץ און אַלעמען וואָס פאַרבאַנט נאָר אין זיך אַ לעבעדיקן אָטעם. צום ערשטן האָט ער זיך אַ נעמען געטאָן צו די פייגעלעך. אויפהויבנדיק אַ ווילדן שטורעם-ווינט, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן צו דער ערד ביז איינעם, די בלעטער פון די ביימער און זיי צעבלאָזן אין אַלע זייטן. זיינען די ביימער אַנטבלויזט געוואָרן און געבליען שטיין פאַרשעמט, הויל און נאַקעט. די פייגל האָבן אָנגעוואוירן זייערע וואַרעמע נעסטן-היימען און געליטן נויט און קעלט. דאָך האָבן זיי ניט פאַרצווייפלט: אין איינעם אַ שיינעם פרימאָרגן, האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט און זיינען אַפּגעפלויגן מחנות'ווייז מיט אַ פריילעך פליגל-פּאַטשעריי אין וואַרעמע לענדער, איבער ווייטע ימים

און הויכע בערג, וואו די האַנט פון קאַלטן ווינטער האָט זיי ניט דער־גרייכט.

זעענדיק זיין דורכפאַל, האָט זיך דער ווינטער נאָך מער צעבייזערט און איז באַפאַלן די חיות און בהמות פון הויז און פעלד. ער האָט איינגעהילט אין אַ ווייס־דיקן שניי־מאַנטל, בערג און טאָלן, פעלדער און וועלדער און פאַרקאַוועט די צווייגן פון די ביימער מיט אייז־טשוועקעס, ניט דורכלאָזנדיק אפילו איינע פון זיי.

די חיות אָבער, האָבן אויסגעלאַכט די קעלט און זיך באַוואָרנט מיט וואַרעמע האָר־מאַנטלען אַרום זייערע קערפּערס. דערצו נאָך האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין טיפע היילן און געקוקט מיט חוזק דעם ווינטער גלייך אין פּנים אַריין. די וועווערקע האָט זיך פאַרקליבן אין אַ נאָרע און געהאַלטן אין איין קנאַקן אירע ניס וואָס זי האָט פאַרגרייט דעם גאַנצן זומער; דער האָז איז אַרומגעשפּרונגען פון צווייג צו צווייג אי־בער די שטאַמען פון בוימער און צעוואַרעמט זיין גוף דורך שפּרינגען; דער בער ליגט אין זיין הייל און זויגט אַ לאַפּע פון זיינע פיס און ווערט זאַט. פערד און אָקסן, קי און שעפּסן, שטייען רואיק אין זייערע וואַ־רעמע ווינטער־שטאַלן. זיי קייען שטרוי און היי און פאַרטרינקען מיט וואַרעמע וואַסער.

דעם ווינטער האָט עס זייער געקרענקט און ער האָט זיך אַרויפ־געוואָרפן אויף די פיש פון וואַסער און אָנגעהויבן אויך זיי אַרויסווייזן זיינע גרויזאַמקייטן. אַרויסשיקנדיק זיינע בייזע משרתים, האָבן זיי פאַרוואָרפן אייז־בריקן אויף די אויבערפלאַכן פון טייכן און ים־אויסגוסן. אַלץ איז פאַרצויגן געוואָרן מיט אייז און געבליבן שטיין פאַרגליווערט. די פיש אָבער האָבן זיך באַלד אַן עצה געגעבן און אַראָפּגענידערט צו די טיף־טיפעניש פון די אָפּגרונטן, וואו זיי האָבן זיך באַהאַלטן און אויס־געמיטן די בייזע מאַכט פון ווינטערס טרויעריקע שליחים.

— וואַרט אַ ווײַלע — טראַכט זיך דער בייזער ווינטער — לאָמיר זיך נאָר אַ פּעסטן נעם־טון צו די מענטשן, וועלן זיי מיך אָקאָרשט דער־קענען, איך וועל זיך שוין מיט זיי אָפּרעכענען!

ניט לאַנג געטראַכט האָט דער ווינטער אַרויסגעהויכט פון זיך אַן אָטעם־פראָסט, וועלכער איז אַריינגעדרונגען טיף אין די הייזער דורך די ווענט און האָט פאַרצויגן די פענסטער מיט ווייסן פראָסט.

מענטשן האָבן אָבער באַלד אָנגעטון פוטערנע מאַנטלען און דיקע פעלצן. זיי זיינען אַרוים אין וואַלד, אָנגעהאַקט האָלץ, אויסגעהייצט די אויוונס אין זייערע הייזער, און זיי האָבן דעם פראָסט ניט געפילט.

דער ווינטער האָט עס דערזען און געקריצט מיט די ציין פאַר פאַר־דראָס. באַזונדער איז ער אַנטוישט געוואָרן, דערזעענדיק ווי אפילו קליינוואַרג מאַכט זיך פון אים קיין וועזן ניט און שרעקט זיך קנאַפּ וואָס אָפּ פאַר זיין קעלט: קינדער גליטשן זיך שטיפעריש איבערן אייז און שפּילן זיך פריילעך און לוסטיק. זייערע בעקלעך רויטלען זיך פאַר

פרייד, זיי ווערן צעהיצט און האָבן גרויס הנאה פון דער שפיל. אייניקע זאמלען צונויף שניי-קוילן און שטעלן פון זיי אויף סטאַטועס, גיסן אויף זיי וואַסער און רופן נאָך דעם פראָסט צו הילף, ער זאָל זיי וואָס שנעלער פארגליווערן און פארהאַרטעוועו ווי שטיין.

דעם ווינטער ערגערט עס זייער און ער פרואווט אפילו מיט כעס קנייפן און צופן די אויערן פון איין אינגל, דערנאָך פון א צווייטן; געפינט אָבער דאָס קינד א מיטל: ער כאַפּט א שטיקל שניי אין האַנט און רייבט אָן זיין פארפרוירענעם אויער אָדער די נאָז און דערוואַרעמט זיך.

צוקוקנדיק ווי עס גליקט אים ניט זיין בייזער אַנגריף און זיין שווערע מי גייט פארלוירן, האָט זיך דער אַלטער ווינטער ביטער צעוויינט. זיינע אויגן גיסן מיט טרערן און צעגייען זיך ווי א פוילער רויך נידערט אַראָפּ פון די דעכער אין א טריבן האַרבסט-טאָג, ניט איבערלאָזנדיק נאָך זי קיינע שפורן. ענדלעך באַהאַלט ער זיין פנים פאַר בושה און טרעט-אָפּ, פאַרשעמט און פאַרביטערט, אַנטוישט און האָפענונגסלאָז, מאַכנדיק א וועג פאַרן פרילינג.

דער גלח און דער שמיד

אינ'ם פינצטערן מיטלאַלטער האָבן די אידן איבערגעלעבט זייער שווערע צייטן און גרויזאַמע פארפאָלגונגען מצד זייערע קריסטלעכע שכנים, וועלכע האָבן אויפן געמיינסטן אופן נידערגעשעצט אונזער אַלטן גלויבן און אַרויסגעוויזן שנאה און פאַרביסענעם האַס צו יעדן איינעם וואָס רופט זיך אָן מיטן נאָמען „איד".

אָפטמאָל פלעגן די גלחים, געשטיצטע פון דער רעגירונג, אַרויסרופן אידישע פערזענלעכקייטן און רבנים אויף עפנטלעכע דיסקוסיעס און געפרואווט פאַרלוימדן און ביליק מאַכן די אידישע רעליגיע, אַלס די ערגסטע פון דער וועלט.

אמאָל האָט איינער אַן אַנטיסעמיטישער גלח אין א קליין שטעטל פון בלויז פראָסטע אַרבעטער, געפאָדערט פון די דאָרטיקע אידישע איינוואוינער א פאַרשטייער, וואָס זאָל זיין א געבילדעטער מאַן, כדי צו פאַרפירן מיט אים א געשפרעך איבער רעליגיעזע אַנגעלעגנהייטן.

זיינען אַלע אידן פון שטעטל געוואָרן זייער פארצווייפלט און זיך קיין עצה ניט געקענט געבן, צוליבן מאַנגל אין אַזא פערזאָן, וועלכער זאָל זיך קענען אויס'טענה'ן מיטן גלח. פאַררופנדיק אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אין שטאָט-שול, האָבן זיי געזוכט א פאַסיקן מענטשן פאַר דעם צוועק און נישט געפונען.

פלוצלינג איז פון צווישן דעם עולם אַרויסגעטראָטן איינער א געוויסער שמיד מיט א פאַרקוילט פנים, א ברייטביינערדיקער יונג מיט א פאָר גראָבע הענט ווי צוויי שטיקער אייזן און זיך אָנגעבאָטן אַלס פאַרשטייער צו דיסקוטירן מיטן גלח וועגן רעליגיע.

— דערלויבט מיר, ברידער, צו שטעלן זיך מיט אים אין פארבינ-דונג —האט דער שמיד שטארק געבעטן.— וועט ער מיך באזיגן, וועט מען זאגן: א פראסטן שמיד האט ער באזיגט, וועל איך אבער אים מנצח זיין, וועלן עס אלע באוואונדערן, ווי אזוי אן איינפאכער ארבע-טער און אומגעבילדעטער מענטש וואס האט קיינמאל ניט געלערנט, האט דאך איבערגעשטיגן א געלערנטן גלח.

* * *

ניט האבנדיק קיין אנדער ברירה, האט אים דער עולם אנגע-טרויט די דאזיקע מיסיע.

אינ׳ם באשטימטן טאג, האט זיך אין דער אנוועזנהייט פון א גרויסער צאל אידן און קריסטן אוועקגעשטעלט דער גלח אין קלוים-טער, ארויסרופנדיק זיין קעגנער דעם אידישן פארשטייער, אויף א שמועס.

— איך בין אבער ניט קיין רעדנער און פארשטיי ניט אייער שפראך —רופט אוים דער שמיד צום גלח.— לאמיר בעסער זיך אדורכ-שמועסן דורך צייכנס און סימנים.

— גוט, זאל זיין אזוי — באשטייט דער גלח.

זיי זיינען ביידע ארויפגעגאנגען אויף דער בימה, און געשטעלט זיך איינער קעגן אנדערן און פארפירט א געשפרעך דורך פאלגנדע סימנים און האנט-צייכנס:

דער גלח האט אויפגעהייבן זיין האנט און אנגעוויזן צום הימל. האט דער שמיד אראפגעלאזט די האנט צו דער ערד. אויפהויבנדיק א צווייט מאל די האנט האט דער גלח געוויזן דריי פינגער, האט דער שמיד געשטעלט נאר איין פינגער. צום דריטן מאל האט דער גלח פא-נאנדערגעשפרייט זיינע פינגער, האט דער שמיד פונקט פארקערט צוזא-מענגעדריקט זיין פויסט און געהאלטן שטייף די האנט. צום פערטן מאל, האט דער גלח ארויסגענומען א פלאש רויטן וויין און געוויזן זיין קעגנער. האט דער שמיד ארויסגענומען פון קעשענע א ווייס שטיקל קעז און עס געוויזן אלעמען. דאן איז דער גלח רויט געווארן פאר בושה און האט אראפגעלאזט דעם קאפ, האבן אלע קריסטן אין זיין פנים דער-קענט, אז דער איד האט אים באזיגט.

— דערקלער אונז, גרויסער גייסטלעכער, די באדייטונג פון די צייכנס דורך וועלכע האסט מיטן אידן דיסקוטירט — האבן זיך די קריסטן געווענדעט צום גלח. — ווי אזוי האט אזא פראסטער שמיד באוויזן דיך איבערשפארן?

— ערשט איצט אנערקען איך די גרויסקייט פון די אידן — ענט-פערט דער גלח. — אפילו אזא אומוויסנדער, ווייט פון יעדער לערע און וויסנשאפט, פארמאגט דאך אין זיך גרויס חכמה, דורך וועלכע ער האט מיך פיר מאל באזיגט. ווען איך האב אויפגעהויבן מיין האנט צום

הימל און אים געפרעגט דורך אַ צייכן, וואו איז די ברכה וואָס מען האָט אייך געבענטש צו זיין גלייך ווי די שטערן פון הימל? האָט ער אַראָפּגעלאָזט זיין האַנט צו דער ערד און אָנגעוויזן אויף דער זאַמד ביים ברעג ים. דאָס הייסט: כאָטש מיר אידן ווערן פון די פעלקער מיט די פיס געטראָטן ווי זאַמד, וועט דאָך אַמאָל פאַרווירקלעכט ווערן די גאַנצע ברכה צו זיין אַזוי פיל... ווי די שטערן אין הימל און ווי די זאַמד ביים ברעג ים. נאכהער האָב איך אויפגעהויבן דריי פינגער, אלס צייכן אויף דער פראַגע: פאַרוואָס גלויבן ניט אידן גלייך ווי מיר אין דער דריי-אייניקייט: הייליקער גייסט, מוטער און זון? האָט ער מיר געוויזן איין פינגער אלס ענטפער, אַז אידן אַנערקענען ניט מער, ווי נאָר דעם איינציקן גאָט אין הימל. פאַנאַנדערגעשפּרייט האָב איך מיינע פינגער, אלס אָנדייט ווי דאָס אידישע פאָלק איז צוליב עקשנות, צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן איבער אלע עקן וועלט. דערויף האָט ער אָבער צוזאַמענגעדריקט זיין פויסט, אָנווייזנדיק: אַז כאָטש אידן זיינען צעוואָרפן צווישן אלע פעלקער, דאָך פאַראייניקט זיי זייער רע-ליגיע, ביי וועלכע זיי האַלטן זיך פעסט, אלס אייגנאַרטיק און פאַריי-ניקט פאָלק. אנשטאָט דעם צייכן פון רויטן ווייַן, מיט וועלכן כ'האָב אים געוואָלט איבערצייגן, אַז זיין פאָלק איז זייער זינדיק, האָט ער אַרויסגענומען ווייסן קעז, אַ סימבאָל פון פאַרגעבונג און אָנגעוויזן, אַז די צרות און פאַרפאָלגונגען וואָס אידן שטייען-אויס פון זייערע שונאים אין גלות, לייטערן זיי פון יעדער זינד און מאַכן זיי זויבער און ריין.

אויסהערנדיק אַזעלכע קלוגע באַוויזן און פעסטגעשטעלטע איבער-צייגונגען, האָבן די קריסטן באַוואונדערט דעם אידישן פּראָסטן אַרבע-טער פאַר זיין טיפער חכמה. זיי האָבן פאַרלאָזט דעם קלויסטער, און צוריקגעקערט אַהיים אַנטוישטע און געפּלעפטע.

— און וואָס האָסטו באַצוועקט מיט דיינע צייכנס? — פרעגן די אידן זייער פאַרשטייער, דעם שמיד.

— גאַנץ פשוט! — ענטפערט ער זיי: — ווען דער גלח האָט אויפגעהויבן זיין האַנט אינדערהויך, אַ סימן אַז ער וויל מיך אויפהענ-גען אויף אַ הויכן בוים, האָב איך דאַן אַראָפּגעלאָזט מיין האַנט אין דערנידער, אָנווייזנדיק אים אויף דער ערד, ער זאָל זיך נאָר ניט איילן, אַט דער נאַרישער גוי'עץ איינער, ווייל ניין איילן אין דער ערד וועל איך אים אַריינלייגן, אויב ער וועט נאָר וואַגן מיר עפּעס שלעכטס טון. אַנטקעגן זיינע דריי פינגער וואָס ער האָט אויפגעהויבן מיר אויסצו-שטעכן די אויגן, האָב איך אים נאָר איין פינגער געוויזן, מיט וועלכן איך קען אַזאַ נישטיקן קאַרליק דעם קאָפּ צעשמעטערן, ס'זאָל פון אים קיין געדעכעניש ניט בלייבן. מיין שטאַרק צונויפגעדריקטע פויסט, וועלכע כ'האָב געהאַלטן גרייט אַראָפּצולאָזן אויף זיין קאָפּ, האָט אויף אים געוואָרפן גרויס מורא. ער האָט דאַן באַשלאָסן מיך איבערבעטן מיט רויטן ווייַן. — אַך, מיט פאַרגעניגן! — האָב איך מסכים געווען.

צוליב דעם האָב איך גלייך אַרויסגענומען אַ ווייס שטיק קעז צו פאַר-בייסן און שליסן מיט אים שלום...

פאַראַרעמט געוואָרן צוליב אַן אוצר

אַ פויער, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן געטריי באַאַרבעט זיין פעלד און געגעסן ברויט צו-זאַט, איז איינמאָל אין אַ ליכטיקן זומער-פרי-מאָרגן, ווען אַ העלע זון האָט פון הימל אַראָפגעשיינט און די וועלט באַלויכטן, געווען אין פעלד און האָט געאַקערט.

פלוצלינג האָט דער אַקער אָנגעטראָפן אויף אַ שטיינערדיקן באָדן און די ערד פון אָרט נישט געקענט רירן. דער פויער האָט גלייך גע-כאַפּט זיין שאַרפן רידל און אָנגעהויבן אונטערגראָבן דעם האַרטן באָדן. און אַזוי גראָבנדיק, האָט זיך פאַר זיינע אויגן פלוצלינג אַנטפּלעקט אַן אוצר פון גאָלדענע רענדלעך און זילבער-שטיקלעך, וואָס עמיצער האָט מיט יאָרן צוריק פאַרגראָבן אין דער טיפקייט פון דער ערד.

מיט גרויס שטוינונג און פרייד האָט ער אַרויסגעצויגן דעם אוצר פון אונטער דער ערד און אים אַוועקגעטראָגן שנעל אַהיים. ער האָט פאַרופן פריינט און באַקאַנטע, כמעט דאָס גאַנצע דאָרף, און זיי גע-וויזן דאָס גרויסע גליק, וואָס גאָט האָט אים באַשערט.

פון דאַן אָן זיינען אין פויערס הויז טאָג-טעגלעך איינגעאָרדנט גע-וואָרן רייכע מאָלצייטן און פייערלעכע שמחות פאַר אומצאָליקע געסט און באַזוכער, וואָס האָבן זיך פון אַלע עקן דאָרף געצויגן, כדי צו באַ-גריסן אים צו זיין אויסטערלישן גליק, וואָס איז אים צוגעשיקט גע-וואָרן פון הימל. מען האָט דאָרט געטאַנצט און געהוליעט, געגעסן און געטרונקען און זיך געלאָזט וואוילגיין אויפן רייכסטן שטייגער. דאַקעגן האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן אָן זיין פעלד און עס מער ניט באַאַרבעט.

— צו וואָס טויג אים צו האָרעווען מיטן שווייס פון זיין געזיכט? — האָט ער געטראַכט — ווען ער קען שוין לעבן אָן דעם.

* * *

יאָרן זיינען אַזוי פאַראיבער און צייטן האָבן זיך געביטן. צוליב דעם, וואָס דעם פויער האָט זיך נישט געגלוסט צו אַרבעטן, זיצנדיק כסדר פאַרלייגט די הענט און געגעסן נאָר פון גרייט געלט, איז דער אוצר פון טאָג צו טאָג קלענער געוואָרן, וואָס ווייטער אַלץ מער האָט ער זיך אויסגעשעפּט, ביז ער האָט ניט געסטייעט און אנשטאָט אים האָבן ביים געוועזענעם פויער אין שטוב אָנגעהויבן הערשן פיין און נוים.

דאָס פעלד ווידער, נישט געמיסטיקט און נישט צעגראָבן, איז אין פאַרלויף פון דער צייט פאַרהאַרטעוועט און פאַרשטיינערט געוואָרן,

און נאָר דערנער און שטעכעלקעס האָבן פון צווישן די שטיינער אַרויס־געשפּאַרט.

ענדלעך, ווען דער געוועזענער פויער האָט שוין ניט געקענט מער פאַרטראָגן זיין נויט און פּיין האָט ער זיך גענומען פאַרריכטן זיין טעות. פון ערגעצוואו האָט ער דעם אַקער־אייזן אַרויסגעשלעפּט און זיך אין פעלד אַרויסגעלאָזט. מיט זיין גאַנצער הויך האָט ער זיך אויפן שטיינערדיקן פעלד אויסגעצויגן און עס מיט טרערן באַגאָסן.

— פעלד מיינס! —האָט ער ביטער געקלאָגט— האָסט דאָך מיך אַמאָל גליקלעך געמאַכט, לאָז זיך איצט אויך צעאַקערן, כדי איך זאָל קענען פון דיר אַ שטיקל ברויט ציען! איך שטאַרב דאָך פון הונגער!

— ניין! —האָט אַ קול פון דער ערד אַרויסגעשריגן— צו־שפּעט ביזטו געקומען. האָסט דאָך מיך נישט געוואָלט באַארבעטן, דערפאַר מאַקע בין איך פאַרהאַרטעוועט און פאַרשטיינערט געוואָרן. פאַר־שטייסטו דען נישט, אַז געלט פאַרשווינדט, אין דער צייט ווען די ערד ווערט קיינמאָל ניט צוגע׳גנב׳עט און צוגע׳גזל׳ט, זי פאַרשווינדט נישט און ווערט נישט ווינציקער. ווער עס באַארבעט איר נאָר געטריי, עסט ברויט צו־זאַט. דו האָסט דאָך מיך פאַרנאַכלעסיקט און פאַרגעסן, פאַר־זיכערנדיק זיך אויף רייכקייט. אַלזאָ, גיי איצט און עס מיינע שטיינער און דערנער!

אַזוי האָט דאָס פעלד מוסר געזאָגט דעם לייכטזיניקן פויער און אים פון זיך אָפּגעשטויסן.

אַ קראָליק מיט פליגל...

אין אַ וועלדל, נישט ווייט פון אַ דאָרף, האָט אַמאָל געלעבט אין אַן אויסגעהוילטן בוים אַ יונגער קראָליק, צוזאַמען מיט זיין מוטער. ער איז געוואַקסן שיין און צאַרט, באַדעקט מיט אַ מילך־ווייס פעלעכל און מיט זייער קלאָרע אייגעלעך. זיינע אויערלעך האָט ער אָנגעשפּיצט און מיט די פיר ווייסינקע פיסעלעך איז ער אויף די צווייגן פון בוים אַרומגעשפּרונגען אַן אויפהער. די מוטער פלעגט קוקן אויף איר קינדס וואונדערלעכער שיינקייט און שטאַרק הנאה האָבן.

ער אליין אָבער איז שטענדיק געווען אומעטיק און פאַרזאָרגט, און האָט קיין פריילעכע מינע נישט באַוויזן. פאַרוואָס? פּשוט, צוליב נאַרישקייטן און לייכטזיניקייט, ווייל ער האָט געהאַט אַ טבע אַלעמען מקנא זיין. דעם וועווריק האָט ער מקנא געווען אויף זיין שיינעם עק; דעם נאָדלער — אויף זיינע שטעכיקע האָר, וואָס שטייען ווי משוועקעס אויף זיין קערפּער; דער גאַנז אויף אירע רויטע פיס. און אַזוי אויך אַלע אַנדערע באַשעפענישן.

דער מוטער פלעגט עס פאַרדריסן און זי האָט נישט אויפגעהערט

שטראָפן איר קינד און אים לערנען נישט גלוסטן קיין פרעמדע שייג־קייט, נאָר זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס גאָט האָט אים באַשאָנקען און צוגעטיילט. האָט אָבער דאָס נאַרישע קראַליקל ניט געוואָלט הערן און געדענקען וועגן אַזעלכע רייד און זיי אין אכט נישט גענומען.

גייט אַמאָל פאַרביי אַ פערד און רופט זיך אָן:

— ווייסטו וואָס, ליבער קראַליק? אָט־דאָ נישט ווייט פליסט אַ מזל'דיק טייכל מיט ריין־קלאָרע וואַסערלעך, גיי־צו און קוק אריין אין דעם. גיב אַ שפרונג דריי מאָל און זאָג וואָס דו פאַרלאַנגסט, וועט דאָס טייכל דערפילן דיין וואונש. פּרוּאוו אַזוי טון, און עס וועט רעכט זיין!

האָט זיך דער לייכטזיניקער קראַליק דערפרייט מיט דער עצה און איז גלייך צוגעלאָפן צום טייכל. דאָרט האָט ער געטראָפן שטיין אַ פייגעלע מיט זייער שיינע פליגעלעך און ער האָט אים מקנא געווען, און אויסגעשריען הויך: — ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, איך זאָל האָבן אַזעלכע פליגל!

פּלוצלינג איז אַ נס געשען און דעם קראַליק האָט אָנגעהויבן שטעכן אין די זייטן. ער האָט דערשפּירט אַ ווייטיק פּונקט ווי דאָן, ווען עס האָבן אים די ערשטע ציין ארויסגעשפּראָצט. ער איז באַדעקט געוואָרן מיט פעדערן און האָט באַקומען צוויי פליגל.

* * *

צוריקקערנדיק אַהיים נאָכן זון־אונטערגאַנג, ווען עס איז שוין שטאָק־פינסטער געוואָרן, האָט דער קראַליק געוואָלט אריין אין לאָך פון בוים זיך לייגן שלאָפן. האָט אים אָבער די מוטער נישט דערקענט און נישט אריינגעלאָזט, ווייל זי האָט קיינמאָל נישט געזען קיין קראַ־ליק מיט פליגל.

— מאַמע, לאָז מיך אריינגיין שלאָפן! — בעט זיך דער קראַליק מיט אַ געוויין.

— ניין, דו ביזט נישט מיין קינד, גיי דיר פון דאַנען! — שטויסט אים אָפּ די מוטער.

דער קראַליק האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום וועווערקע און געוואָלט ביי אים איבערנעכטיקן, האָט דער וועווערקע צוגעשלאָסן פעסט די טיר און אים נישט געלאָזט באַטרעטן די שוועל, ווייל ער האָט אויך קיינ־מאָל נישט געזען קיין קראַליק מיט פליגל.

צוקומענדיק צו דער גאַנז, האָט אויך דאָס זעלבע פּאַסירט: ווי נאָר זי האָט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ און דערזען דעם אומגעוואוני־שענעם גאַסט, וואָס איז צו איר געקומען, האָט זי אַרונטערגענומען אַלע אירע עופה'לעך אונטער די פליגל און זיי באַהאַלטן פאַר מורא.

אַזוי האָט זיך דער קראַליק אַרומגעשלעפּט פון איינעם צום צווייטן און קיין רו נישט געפונען, ביז ער איז צוגעקומען צום פערד און זיך

דארט אוועקגעלייגט אויף דער הארטער שטרוי, וואס האט אים שטארק געשטאכן און נישט געלאזט איינשלאפן אויף איין מינוט.

אויפהויבנדיק זיך באגינען א צעבראכענער, נאך א שלאפלאזער נאכט, איז ער דאך ארויף אויף א בארג, וואו ער האט צעשפרייט זיינע פליגלען און געפרואווט פליען, איז ער אבער באלד מיד געווארן און אראפגעפאלן אויף א קוסט פול מיט דערנער. ער האט זיך צעשטאכן דאס לייב און געליטן שמערצן.

— אוי, מאמע, מאמע! — אויקעט דער קראליק און וויינט. זיין קול האט אבער נישט דערגרייכט צו דער מוטער, נאר צום פערד, וועלכער האט אויף אים רחמנות געהאט און לאנגזאם ארויסגעצויגן די שטעכיקע נאדלען פון זיין קערפער.

— מיין געטריי פערד! — שרייט אוים דער קראליק אן אנטויש-טער — איך וויל שוין מער נישט קיין פליגל, זיי ברענגען מיר נישט קיינע נוצן אויסער ווייטיק און שאדן. גיב מיר אן עצה, ווי אזוי פטור ווערן פון זיי?

— גיי ווידעראמאל צום טייכל —זאגט דאס פערד.— גיב אויפסניי דריי מאל א שפרונג און בעט עס זאל ביי דיר אפנעמען די פליגל און דו וועסט געהיילט ווערן.

דער קראליק האט נישט פארלוירן קיין צייט און געטון ווי דאס פערד האט אים גע'עצה'ט. איז א וואונדער געשען און די פליגל זיינען פון אים פארשוואונדן, גלייך ווי ער וואלט זיי קיינמאל נישט געהאט.

ער האט זיך דאן צוריקגעקערט צו זיין מוטער, וועלכע האט אים גלייך דערקענט אלס איר קינד און זיך מיט אים זייער דערפרייט, און פון דעמאלט אן האט ער זיין גאנץ לעבן שוין מער קיינעם נישט מקנא געווען.

דער קעניג און דער אידישער שניידער

אין א לאנד האט אמאל געלעבט א קעניג, וועלכער פלעגט זיך ליב האבן צו וויצלען און פרעגן רעטענישן. אלע זיינע גענעראלן און הויפטמענער האבן געמוזט זיצן ארום אים און אויסהערן זיינע וויצן און לאכן, צי איז יא געווען פון וואס, צי עס איז ניט געווען.

איינמאל האט דער זעלבער קעניג צונויפגערופן אלע זיינע הארן און דינער און צו זיי אזוי גיזאגט:

— הערט־אוים, מיינע געטרייע דינער, איך וועל אייך פרעגן דריי רעטענישן און אויב איר וועט מיר אין דריי טעג ארום נישט געבן קיין ריכטיקע ענטפערס, וועל איך אייך פארשיקן אין א ווייטן מדבר און דארט פארשפארן אין א פארשלאסענער פעסטונג. זאגט מיר קודם־כל וויפיל בין איך ווערט, וואס טראכט איך און וואו איז די מיט פון דער וועלט?

זיינען די קלוגע גענעראלן און דינער געזעסן דריי טעג און דריי נעכט, פארטראכט און פארקלערט און בשום אופן נישט געקענט גע-פינען קיין ענטפערס אויפן קעניגס פראגעס.

זיי זיינען ארומגעגאנגען ווי אן קעפ, טרויעריק און פארצווייפלט און זיך קיין עצה נישט געקאנט געבן וואס צו טון.

קומט אריין אין איינעם פון די טעג דעם קעניגס א גענעראל צו א אידישן שניידער באשטעלן א מאנטל, גיט אים דער שניידער א קוק אין פנים און פרעגט אים:

— זאגט מיר, מיין הער, וואס זענט איר היינט עפעס אזוי אומע-טיק און זעט אויס אזוי שלעכט?

דער גענעראל האט נישט לאנג געטראכט און אנטדעקט פארן שניידער דעם סוד פון זיין טרויעריקן געמיט.

— זארגט נישט, ליבער הער, — רופט זיך אן דער שניידער גע-לאסן. איך נעם זיך אונטער צו פארענטפערן דעם קעניג אלע זיינע פראגעס. ברענגט מיר נאך קליידער פון א גלח, איך זאל זיך אין זיי פארקליידן און פירט מיך אוועק צום פאלאץ.

* * *

ברענגענדיק דעם שניידער די געפאדערטע קליידער, האט ער זיך פארשטעלט פאר א גלח און איז אוועקגעפירט געווארן צום קעניגס פאלאץ, וואו ער איז געבליבן שטיין אין דרויסן און געווארט.

אין דעם זעלבן טאג האט דער קעניג געשיקט רופן זיינע הארן און האט זיי געפרעגט:

— נו, האט איר שוין געפונען ענטפערס אויף מיינע רעטענישן?

— ניין, הער קעניג, דערוויל נאך נישט —ענטפערט איין גענע-ראל.— מיר האבן אייך אבער געבראכט איינעם א גלח, זייער א קלו-גער מאן, וועלכער שטייט אין דרויסן אוןווארט איר זאלט אים אריינ-רופן. ער וועט אייך קלאר און דייטלעך אלץ פארענטפערן און באשיידן די שווערסטע רעטענישן, וואס זיינען פאר אונז פארהוילן.

שיקט דער קעניג אריינרופן דעם גלח און שטעלט אים די זעלבע פראגעס:

— וויפיל בין איך ווערט? — פרעגט צום ערשטן דער קעניג און ווארט אויף אן ענטפער.

— נישט מער ווי צען טאלער, הער קעניג! — ענטפערט דער שניידער אין די גלח׳ישע קליידער און שמייכלט.

דערהערנדיק אזא ענטפער פון „גלח׳ס" מויל, וואס איז א באליי-דיקונג פארן קעניגס כבוד און זייער א ביליקע אפשאצונג, איז די הארן באפאלן א שרעק, זיי האבן מורא געהאט, אז ער וועט זיי מיט אים צוזאמען שטרענג באשטראפן.

— וואס, נישט מער ווי צען טאלער? דו לאכסט פון מיר, פא-טערל? — צעבייזערט זיך דער קעניג.

נעמט דער שניידער אַרויס פון קעשענע אַ קליין סטאַטועלע, אין דער פאָרם ווי אַן אָפּבילד פון אַ גענטשקע, און זאָגט:

— אָט, האָב איך ערשט היינט געקויפט דאָס אָפּגעטל און באַצאָלט נישט מער ווי צוואַנציק טאָלער. זענט איר דאָך, הער קעניג, דער צווייטער פון גאָט, נו, זאָגט אַליין, האָט איר מער די ווערט ווי אַ העלפט?

דער קעניג האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, און געשטעלט די צווייטע פראַגע:

— נו, און וואו איז די מיט פון דער וועלט?

דער גלח האָט אָפּגעטראָטן אַ פּאָר טריט צוריק, אַריינגעשטאָכן זיין שטעקן אין דער ערד און געזאָגט:

— אָט-אָ-דאָ, איז די מיט פון דער וועלט. און אויב דער קעניג גלויבט נישט, זאָל ער זיך מטריח זיין און איבערמעסטן די וועלט, וועט ער זען.

— וואָס טראַכט איך איצט? — קומט די דריטע פראַגע.

— אַ, איר טראַכט איצט אוודאי הער קעניג, אַז איר רעדט מיט אַ גלח, זאָלט איר אָבער וויסן, אַז איך בין נישט קיין גלח און נישט קיין הייליקער, נאָר אַ פּשוט'ער אידישער שניידער, אַן אָרעמאַן. און אַזוי רעדנדיק האָט דער שניידער אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם גלח'ישן מאַנטל און איז געבליבן שטיין מיט דער גאָדל-פּאָדים אין האַנט און אַנגעהויבן נייען.

דער קעניג האָט באַוואונדערט די טיפע חכמה פון אידישן שניידער. ער האָט אים דערלאַנגט טייערע מתנות און אָפּגעשיקט אַהיים.

פון דאַן אָן האָט ער אויפגעגעבן זיינע שפּאַסערייען און זיך אויפגעהערט צו וויצלען. ער האָט מער נישט באַלעסטיקט זיינע גענעראַלן מיט נאַרישע רעטענישן און וויצן.

דער פילאָזאָף און דער מאַטראָז

אַמאָל האָט איינער אַ ווויסנשאַפטמאַן, אַ באַריממטער פילאָזאָף, געקראָגן אַן איינלאַדונג אויף אַ שמחה צו זיינעם אַ פריינט אין אַ דאָרף פון יענער זייט טייך, וואוהין מען האָט באַדאַרפט צופאָרן מיט אַ שיף.

דער געלערנטער איז אויפגעשטאַנען גאַנץ-פרי און אויפגעלייגטער און האָט זיך אויסגעפּוצט אין זיינע שיינע יום-טוב'דיקע מלבושים לכבוד דער רייזע.

צוועקלאָזנדיק זיך צום טייך, האָט ער דאָרט געטראָפן שטיין אַן אָרעמען מאַטראָס מיט אַ זעגל-שיף. ער האָט זיך באַדונגען מיט דער פּרייז פאַר אַריבערפירן אים דעם טייך און זיך איינגעשיפט אין קליינעם שיפל, אָפּצורייזן צו זיין פריינט אויפן יום-טוב.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ ליכטיקער און שיינער. אַ העלע זון האָט אַראָפּגעשיינט פון די הויכע לויטערע הימלען און באַלויכטן מיט העלער שיין די קלאָרע בלויע וואַסערן פון טייך, און אים געגעבן אַן אויסזען פון אַ ווייס-געשליפענעם שפּיגל.

אַרום איז געווען רואיק און שטיל. דאָס שיפל האָט געשפּאָלטן די לויטערע וואַסער-כוואַליעס פון טייך און זיך געטראָגן לאַנגזאַם איבער דער אויבערפלאַך, דערווייטערנדיק זיך אַלץ מער און ווייטער פון ברעג.

זיצנדיק אין שיפל, האָט דער געלערנטער געהאַלטן אויפגעהויבן זיין קאָפּ צום הימל און האָט זיך פאַרטיפט אין פילאָזאָפישע געדאַנקען.

דער מאַטראָס האָט אַראָפּגעקוקט אין וואַסער און איז אַנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט, ערנסט און פאַרזיכטיק.

פלוצלינג האָט דער געלערנטער אויפגעוואַכט ווי פון אַ שלאָף, און ווענדנדיק זיך צום מאַטראָס, האָט ער אים געפרעגט:

— זאָג מיר, חבר מאַטראָס, האָסטו אַמאָל געלערנט פילאָזאָפיע?

— ניין, מיין האַר, איך ווייס נישט וואָס דאָס איז אַזוינס — ענט־פערט דער מאַטראָס דערשטוינט, נישט וויסנדיק די באַדייטונג פון וואָרט.

— אַה, אויב דו ווייסט נישט וואָס פילאָזאָפיע איז, האָסטו פאַר־לוירן אַ העלפט פון דיין לעבן... אַ שאָד, זייער אַ שאָד — זאָגט דער פי־לאָזאָף און קוקט דעם מאַטראָס אין די אויגן מיט באַדויערונג.

דער מאַטראָס האָט אַנגעפירט מיטן שיפל און דער פילאָזאָף איז אַלץ מער געזעסן פאַרזונקען אין מחשבות.

* * *

אין אַ פּאָר מינוט אַרום ווענדעט זיך ווידער אַמאָל צו אים דער געלערנטער און פרעגט:

— נו, און וועגן מאַטעמאַטיק ווייסטו עפּעס?

— ניין, מיין האַר! קיין מאַטעמאַטיק האָב איך קיינמאָל נישט געלערנט, — ענטפערט דער אָרעמער אַרבעטער און זיין פנים רויטלט זיך פאַר בושה.

— נו, און אין היסטאָריע האָסטו אַ ידיעה?

— ניין, מיין האַר, דאָס אוודאי נישט!

— וואָס? קיין היסטאָריע אויך נישט?! אַה, אויב אַזוי, האָסטו פאַרלוירן צוויי-דריטל פון דיין לעבן! — זאָגט דער געלערנטער און שטעכט אָדורך זיין חבר מיט אַ חוזק-שמייכל אויף די ליפּן.

דער מאַטראָס האָט איינגעגראָבן זיין פנים אין שיפל און עס גע־פירט מיט אַלע זיינע כוחות.

פלוצלינג האָבן זיך פאַרוואָלקנט די הימלען און פאַרדעקט די זון. פון מינוט צו מינוט איז געוואָרן אַלץ מער פינסטערער און עס האָט אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער שטורעמווינט פון וועלכן עס האָבן אויפ־

געבּרויזט די כוואַליעס און געוואָרפן דאָס שיפל מיט די צוויי רייזנדע ווי אַ ניסל. נאָך אַ ביסל וועלן עס די בייזע כוואַליעס פאַרשלינגען און אַראָפּשלעפּן צום סאַמע אָפּגרונט.

אַ שרעק און ציטער זיינען אָנגעפאַלן אויפן געלערנטן און ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפן דנאָ פון שיפל, אָנהאַלטנדיק זיך ביי די פּאָלעס פון מאַטראָס׳ מאַנטל, און זיינע ליפּן האָבן געמורמלט אַ שטילע תפילה.

דער מאַטראָס האָט זיך אָנגעשטרענגט און דורך פאַרשידענע מיטלען געקירעוועט דאָס שיפל אויף אַלע זייטן, כדי עס אָפּצוראַטעווען פון אומגליק און עס צופירן צו אַ געזיכערטן אָרט.

די לאַגע האָט זיך אָבער וואָס וויטער פאַרערגערט און אַ גרויסע נעפּאַר האָט געשוועבט איבער זייערע קעפּ.

זעענדיק אַז עס איז שלעכט און דאָס שיפל האַלט ביים אונטערגיין, האָט זיך דער מאַטראָס געווענדעט צו זיין געלערנטן פּאַסאַזשיר און אים געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, ליבער פריינט, קענט איר שווימען?

— אוי, ניין, געטרייער חבר, — ענטפערט דער פילאָזאָף פאַרצווייפלט און עס קלאַפּט אים אַ צאָן אין אַ צאָן פאַר שרעק.

— אַה, אויב אַזוי —רופט זיך אָן דער מאַטראָס אין אַ זיכערן טאָן— האָט איר, מיין ליבער הער, פאַרלוירן אייער גאַנץ לעבן!..

אַרבעט צאָלט זיך אָפּ

אַ קעניג האָט אַמאָל געלאָזט אויסבויען פאַר זיך אַ פּאַלאַץ צום וואוינען, אין וועלכן עס האָט באַדאַרפט איינגעאָרדנט ווערן אַ גרויס-אַרטיקער סאַלאָן מיט גלאַנץ און לוקסוס, באַפּוצט מיט דער שענסטער מאַלעריי און קונסט-צייכענונג, ספּעציעל פאַר אויפנעמען קעניגלעכע געסט און אָנגעזעענע דעלעגאַציעס פון פאַרשידענע פעלקער און לענדער.

דערוויסנדיק זיך וועגן צוויי באַרימטע קונסט-מאָלער פון זיין לאַנד, האָט זיי דער קעניג העפלעך איינגעלאַדן און צוגעזאָגט אַ גוטן לוין, אויב זיי וועלן במשך פון אַ יאָר צייט באַווייזן אויסצומאָלן דעם סאַלאָן מיט רייכע פאַרבן און קונסט-בילדער.

די גראַנדיעזע אַרבעט האָט ער פאַנאַנדערגעטיילט צווישן ביידע אויף צוויי העלפט און איינמיטן אויפגעהאָנגען אַ פאָרהאַנג, כדי יעדער איינציקער באַזונדער זאָל טון זיין אַרבעט רואיק און אומגעשטערט פון צווייטן. אויף יעדנס חלק איז אויסגעפאַלן נאָר די העלפט אַרבעט פון סאַלאָן.

פאַרשיידן זיינען אָבער געווען די צוויי קינסטלער, לויט זייער כאַראַקטער און פירונג: איינער זייער אַ פלייסיקער און רירעוודיקער.

דער צווייטער ווידער, פונקט דער היפוך: פויל און נאַכלעסיק, וואָס ליגט אַלץ אָפּ אויף מאָרגן...

האָט זיך טאַקע דער מיזאַמער קינסטלער גלייך צומאָרגנס אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט גרויס פליים און פאַראַנטוואָרטלעכקייט און באַוויזן נאָר אין אַ קורצער צייט אויסצומאָלן אַ האַלבן סאַלאָן מיט פאַרשידענע מינים חיות און פייגל, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי לעבעדיקע, מיט נשמה און גייסט און באַצויבערט יעדנס אויג. זיי האָבן אַרויסגערופן באַוואונדערונג ביי אַלעמען.

אין דער זעלבער צייט, פֿלעגט דער חבר זיינער זיצן אין שענק און פאַרברענגען מיט גוטע ברידער און אַלערליי לײדיקגייער, געגעסן און געטרונקען, און זיך געלאָזט וואוילגיין אויפן חשבון פון זיין רייכן געהאַלט וואָס ער וועט אַמאָל קריגן ביים קעניג.

— ווען וועסטו אָנהייבן אַרבעטן? — האָבן אים חברים געפרעגט.

— עס איז נאָך דאָ צייט — האָט ער קאַלטבלוטיק געענטפערט, און אָפּגעלייגט די אַרבעט פון טאָג אויף טאָג.

אַזוי זיינען איבערגעלאָפן וואָכן און חדשים און דער פוילער מאָלער האָט קיין פענזל ניט איינגעטונקען און איז אַרומגעגאַנגען מיט פאַרלייגטע הענט.

זעענדיק אָבער אַז עס זיינען פאַרבליבן געציילטע טעג, וואָס דער סאַלאָן מוז אָפּגעגעבן ווערן דעם קעניג אַ פאַרענדיקטער, איז ער זייער באַזאָרגט געוואָרן און אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער אַ פּאָר טעג, ביז ער איז ענדלעך געפאַלן אויף אַן עצה: צוקלייבנדיק אַזאַ מין העלע פאַרב, וואָס שיינט אָפּ און גלאַנצט ווי געשליפן שפּיגל-גלאָז, איז ער אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַריין אין סאַלאָן, האָט זיך ענערגיש אַ נעם געטון צו דער אַרבעט און איינס און צוויי, אָפּגעפאַרבט מיט דער שפּיגל-פאַרב זיין חלק ווענט, און אויפהויבנדיק נאָכהער דעם פאַרהאַנג פון דערמיט, האָבן די העל־אָפּגעפאַרבטע ווענט אָפּגעשפּיגלט אויף זיך די גאַנצע קינסטלערישע וואונדער-אַרבעט פון אַנטקעגנאיבער, מיט איר פראַכט און שיינקייט. עס האָט ניט געפעלט אפילו קיין איין און איינציקער שטריך.

* * *

אין אַ יאָר אַרום, פונקט צום באַשטימטן טערמין, איז דער קעניג געקומען, אין דער באַגלייטונג פון זיין סוויטע אָנקוקן דעם סאַלאָן, ווי אַזוי די צוויי קינסטלער האָבן אים אויסגעמאָלט.

אַריינקומענדיק צום ערשטן אין דער העלפט פון פלייסיקן אַרבעטער, איז ער אַנטציקט געוואָרן און האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט וואָס ער זעט דאָ. די קרעפטיקע קונסט-ווערק און רומפולע מאָלעריי, האָט אים איינפאַך באַצויבערט און אָנגעפולט זיין האַרץ מיט אַ געפיל פון טיפער דאַנקבאַרקייט צום גאָט-געבענטשטן טאַלאַנטפולן קינסטלער.

ווי דערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן, ווען ער האָט גלייכצייטיק אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג און דערזען אויף די ווענט אָפּגעשפּיגלט די זעלבע אַרבעט, קאָפּ קעגן קאָפּ, מויל קעגן מויל און פליגל קעגן פליגל, די גאַנצע אַרבעט פון פליסיקן מיט אַלע דעטאַלן. דאָ, האָט זיך דער קעניג אָפּגעגעבן רעכענונג, וועגן דעם שווינדל און רמאות וואָס עס איז אָפּגעטון געוואָרן מצד דעם צווייטן קינסטלער. דאָך, האָט ער דעם פאַדראָס געטראָגן אין האַרץ, שווייגנדיק, און האָט קיינעם גאָרנישט געזאָגט.

דערפאַר אָבער, ווען די צוויי קינסטלער זיינען געקומען נאָך באַלוינונג, האָט דער קעניג אָוועקגעלייגט אויפן חלק פון פליסיקן מאַלער אַ זעקל פול מיט גאָלדענע רענדלעך, דימענטן און בריליאַנטן און אויך אַנדערע קאָסטבאַרע חפצים, אַלס לוין פאַר זיין אַרבעט. אויפן צווייטנס טייל איז אָבער גאָרנישט געלעגן.

— וואו איז מיין באַלוינונג? — האָט דער פוילער קינסטלער געפרעגט מיט אַ ווייטיק אין האַרצן.

— דיין לוין, איז דיין אַרבעט! — האָט אים דער קעניג מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף דער שפּיגל-וואַנט, וואו עס האָבן זיך אַרויסגעזען אָפּגעשפּיגלט פון אַנטקעגנאיבער די גאָלדענע באַלוינונג פון דימענטן און בריליאַנטן וואָס געהערן צו זיין ערלעכן מיזאַמען חבר און ערנסטן קינסטלער. — גיי, נעם זיי און געניס פון דיין אַרבעט!...

דער אומעטיקער קעניג און דאָס לאַכנדיקע מיידעלע

מיט הונדערטער יאָרן צוריק, האָט געהערשט אין אַ ווייט לאַנד אַ יונגער קעניג, וועלכן מ'האָט גערופן דער „אומעטיקער קעניג". דער דאָזיקער נאָמען האָט זיך אים צוגעפּאַסט, ווייל ער אַליין איז שטענדיק געווען טרויעריק און האָט אויך אָנגעוואָרפן אַן אומעט און נידערגעשלאָגנקייט אויף יעדן מיט וועמען ער איז געקומען אין באַרירונג. ער פלעגט ליגן גאַנצע טעג אין זיין שיין-אויסגעפּוצטן שלאָף-צימער, אויסגעצויגן אויף זיין גאָלדענעם בעט מיט זיידענעם בעטגעוואַנט און געהאַלטן אין איין גענעצן פון לאַנגווייליקייט. קוקנדיק אויף אים, האָבן אויך זיינע דינער און לייב-וועכטער געגעניצט און אָנגעפולט דעם פּאַלאַץ מיט אומעט.

— אוי, אוי, — האָט דער קעניג געאָויקעט און געגעניצט, איך גיי אויס, פון אומעט און לאַנגווייליקייט. מיינע עלטערן זיינען אויך געשטאָרבן מיטן זעלבן טויט. די צויבערער האָבן וועגן מיר פאָראויסגעזאָגט נאָך ביי מיין געבוירן ווערן, אַז אויב איך וועל זיך ניט פאַרווילן און כאָטש איינמאָל האָבן פאַרגעניגן איידער איך וועל אַלט ווערן צוואַנציק יאָר וועל איך שוין שטאַרבן פון אומעט און טרויער.

— אוי, אַן אומגליק — האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ זיינע דינער און קנעכט און צוגלייך מיט אים געגעניצט.

— בע, בע, —האָט געגעניצט דער קעניג,— אין פיר און צוואַנציק שעה אַרום, ווער איך אַלט צוואַנציק יאָר און דער אומעט איז נאָך ניט אָפּגעטראָטן פון מיר אפילו אויף קיין איין רגע.

— בע, בע, — האָבן געענטפערט זיינע דינער און נאָכגעגעניצט זייער קעניג מיט פולע מיילער. — ס'איז ביטער!

באַלד האָט דער קעניג געהייסן אויספּויקן מיט פּויקן איבער אַלע מדינות, נאָענטע און ווייטע און מעלדן דורך טרומייטן און שופרות, אַז וועמען עס וועט געלונגען דורך קונצן און שפּאַסרייען אויפלעבן זיין טרויעריקן געמיט און אים פאַרווייַלן מיט עפּעס וואָס, דעם וועט ער גליקלעך מאַכן אויף אייביק און דערהויבן וועט יענער ווערן צום העכסטן ראַנג פון אַ מלוכה-מאַן.

* * *

אין עק דאָרף פון אַ נאָענטער מדינה, צווישן פעלדער און וועלדער, איז געשטאַנען אַן אָרים שטיבל. דאָרט האָט געוואוינט אַ פּויער מיט זיין פרוי און צוועלף קינדער, אַלע שיינע און געראָטענע, און צווישן זיי האָט אַרויסגעשיינט דאָס פּנים'ל פון אַ צאַרט און חנ'עוודיק טעכ-טערל מיטן נאָמען עליזה. אַ פריידיקע און שטענדיק לאַכנדיקע האָט זי מיטגעריסן מיט איר פרייד און גע'עכטער דעם טרויעריקסטן מענ-טשן אויף דער וועלט, ער זאָל אויך אָנהויבן לאַכן.

אין אַ צייט אַרום, איז ביים אָרעמען פּאָר-פאָלק געבוירן געוואָרן נאָך אַ קינד, אַ דרייצנטער. האָבן טאַטע-מאַמע געזיפצט און באַקלאָגט זייער לאַגע, וואָס זיי וועלן ניט האָבן קיין שפּייז פאַרן ניי-געבוירענעם קינד, ווייל זייער ברויט און קאַרטאָפל האָבן קוים געקלעקט פאַר די צוועלף קינדער.

עליזה האָט זיי אָבער געטרייסט און געזאָגט:

— זאָרגט ניט, טייערע עלטערן. איך האָב זיך אויסגעלערנט קאָכן און באַקן, שפּינען און וועבן, וועל איך גיין אַרבעטן און פאַרדינען געלט, כדי אייך צו העלפן שפּייזן מיין יונג ברודערל. זי האָט דערביי גע-לאַכט און פריילעך געמאַכט אירע עלטערן, ביז זיי האָבן פאַרגעסן אין זייער נויט.

אַוועקלאָזנדיק זיך אַמאָל אין אַ פרעמד לאַנד זוכן אַרבעט, איז זי צוגעקומען צו אַן אָרט, וואו עס איז געווען אָנגעשריבן אויף אַ גאָל-דענעם טויער מיט דימענטענע אותיות פאָלגנדיקע ווערטער: „דאָ איז די מלוכה פון אומעטיקן קעניג". ביים טויער האָט זי געטראָפן ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד צוויי וועכטער, וועלכע האָבן זיך געוואָ-רעמט אַנטקעגן דער זון און געהאַלטן אין איין זיפצן און געניצן.

— עפנט־אויף, גוטע מענטשן, איך וויל אריינקומען צו אייך אין לאנד! — בעט זיך ביי זיי עליזה.

האָבן די וועכטער געעפנט דעם טויער און איר אריינגעלאָזט.

— וואָס קרעכצט איר אַזוי? — פרעגט עליזה.

— אוי, אַן אומגליק! — זיפצן ווייטער די מענטשן: אין אַ שעה ארום וועט אונזער יונגער קעניג שטאַרבן.

— אויף וואָס פאַראַ קרענק ליידט ער? — ווערט זי נייגעריק צו וויסן.

דערציילן איר די געטריע וועכטער וועגן זייער קעניג, וועלכער איז שטענדיק באַ׳צער׳ט און ליידט פון אַן אומעט, וואָס דריקט אים אויפן הארצן, ביז צום שטאַרבן.

— איך וועל אויסהיילן אייער קעניג פון דער דאָזיקער קרענק און וועל פאַרטרייבן זיין געדריקטע שטימונג — זאָגט עליזה —. און האָט אָנגעהויבן לאַכן אויף איר שטייגער, הילכיק, ביז די וועכטער האָבן זיך אויך שטאַרק צעלאַכט אָן אויפהער. זיי האָבן צוריק פאַרשלאָסן דעם טויער און אוועקגעפירט דאָס מיידעלע צום קעניג.

* * *

צוקומענדיק צום פאַלאַץ, האָט זי דערזען זייער פיל מענטשן אויסגעשטועלט אין אַ רייע, וועלכע זיינען געקומען פאַרווילן דעם טרויעריקן קעניג דורך פאַרשידענע קונץ־שטיק. איינער, למשל, האָט געטראָגן אויף זיין פנים אַ לאַנגע רויטע באָרד און אַ העל בראַנז קאָלירטן פאַרוק אויפן קאָפּ. ער האָט אַלע ווײַלע צעעפנט זיין מויל און געשלונגען שאַרפע שווערדן ווי לאָקשן. אַ צווייטער קונצנמאַכער האָט אַראָפּגעכאַפּט זיין שוואַרצן הוט פון קאָפּ און צערייבנדיק אים מיט די הענט, איז דער הוט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַנאַריק, וועלכער איז אַרומגעפלויגן אין דער הויך און דערנאָך זיך אים געשטעלט אויפן קאָפּ און שיין געזונגען. אַ דריטער האָט אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ קליין זילבערן פייפעלע און אָנגעהויבן פייפן, זיינען זיך צונויפגעפלויגן אַלערליי מינים זינג־פייגל און האָבן פאַרהילכט די לופט מיט זיסע געזאַנגען און צוויטשעריי. אַזוי האָבן נאָך קונצנמאַכער איינער נאָכן אַנדערן באַוויזן פאָקוסן און וואונדער, יעדער אויף זיין שטייגער, כדי דעם קעניג פריילעך מאַכן, ער זאָל לאַכן.

עליזה׳ן איז אויסגעקומען צו שטיין די לעצטע און וואַרטן אויף איר רייע.

דער ערשטער איז אריינגעלאָזט געוואָרן צום קעניג דער שווערדן־שלינגער. ווי נאָר אָבער ער האָט צעעפנט זיין מויל און געוואָלט וויזן זיין אַרבעט, האָט דער קעניג אָנגעהויבן גענעצן: בע־בע. איז דעם קונצנמאַכער אויך באַפאַלן אַ שטאַרק גענעצן און האָט אים געמאַכט אוממעגלעך פאַרצוזעצן זיין קונץ־שפּיל.

—וואָס ביזטו געקומען מיר העלפן געניצן, דו פוילער איינער ? אזוי פאַרווילסטו מיך ? — האָט זיך דער קעניג צעשריען און געהייסן זיינע הויף-לייט אַרויסטרייבן דעם פאַלשן קונצנמאַכער און אים באַגלייטן מיט אַ פּאָר שטעקנס אין די פּלייצעס. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט אַ צווייטן און מיט אַ דריטן קונצן-מאַכער און אויך מיט אַלע אַנדערע, וועלכע האָבן, קוקנדיק אויפן קעניג, אָנגעהויבן געניצן און שוין פאַרשפּאַרט באַווייזן זייערע קונצן. זיי זיינען איינער נאָכן אַנדערן אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון קעניגס פּאַלאַץ און האָבן געקראָגן גוט אָנגעבראָכן די ביינער.

דער זייגער האָט אָנגעהויבן קלונגען און עס האָט אויסגעשלאָגן די צוועלפטע שעה.

— אַך, מיין גאָט ! —האָט זיך דער קעניג אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שרעקלעכן חלום— אָט איצט איז אַן עק צו מיין לעבן. איך שטאַרב פון אומעטיקייט !

— וואַרט אַ ווײַלע, הער קעניג ! —האָט אים געמאָלדן איינער פון זיינע לייבוועכטער— דאָרט אין הויף שטייט אַ מיידעלע, וואָס וויל אייך זען. זי פאַרזיכערט אייך אָפּצוראַטעווען פון טויט.

אַריינקומענדיק אין פּאַלאַץ, האָט די שיינע עליזה באַצויבערט דעם קעניג מיט איר ליכטיק פּנים׳ל און מיט אירע וואונדערבאַרע שיינע אויגן, וועלכע האָבן באַשטראַלט יעדן ווינקעלע און עס אָנגעפולט מיט פרייד און זון-שיין.

* * *

דערזעענדיק דעם קעניג ווי ער ליגט פויל אויף זיין רייך בעט און געניצט ווילד און נאַריש, האָט זי אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיק קלינגענדיקן געלעכטער, ווי נאָך קיינמאָל נישט און האָט געפּאַטשט מיט די הענט. זי האָט געלאַכט און געטאַנצט, געטאַנצט און געלאַכט, אָן אויפהער.

קוקנדיק אויפן מיידעלע, האָבן אַלע אַנוועזנדע אין קעניגס פּאַלאַץ אָנגעהויבן לאַכן און זיך געהאַלטן ביי די זייטן, ביז זיי זיינען פון צופיל געלעכטער צו דער ערד געפאַלן.

אויפן קעניגס ליפּן האָבן זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז באַווייזן לייכטע שמייכלען. דערזעענדיק אָבער דערנאָך זיינע גראָב-בייכיקע דינער און קנעכט, ווי זיי ליגן אויף דער ערד און קייכן פון געלעכטער מיט ווילדע קולות, ווי די צעהירזשעטע פערד, איז אים אויך וואָס ווייטער און לענגער אַ שטאַרקער געלעכטער באַפאַלן, ביז ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן פון בעט און געלאַכט באַגלייך מיט אַלעמען, הילכיק און פריילעך, אָן אָפּהאַלט און אָן ענדע. דער פּאַלאַץ איז אָנגעפולט געוואָרן מיט פרייד און געלעכטער, אַז די ווענט האָבן אַזש געציטערט.

— טייער מיידעלע ! — איז ענדלעך דער קעניג אַרויפגעפאַלן

עליזה'ן אויפן האלז און זי געקושט און געהאלזט: — כא, כא, כא. איך וועל דיר נישט אפלאזן; כא, כא, כא, ביי מיר אין פאלאץ וועסטו בלייבן; כא, כא, כא, מיין פרייד און פארגעניגן וועסטו זיין; כא, כא, כא, ווילסט דא בלייבן, כא, כא כא? וואס זאגסטו פריילעך מיידעלע, כא, כא כא?

פון דאמאלט אן איז עליזה פארבליבן וואוינען אין פאלאץ, אלס דעם קעניגס פרייד און שפיל, וועלכע האט מיט איר שטענדיקן געלעכטער און מוטיקער שטימונג פארטריבן זיין טרויער און אים אויפגעלעבט.

אין א צייט ארום האבן זיי חתונה געהאט. עליזה איז געווארן די קעניגין פון לאנד און האט געפירט א גליקלעך לעבן.

די העלדישקייט פון א געפאנגענעם

צוויי פיינטלעכע ארמייען האבן אמאל געפירט צווישן זיך קריג און געקעמפט קעגנזייטיק אויפן שלאכט-פעלד מיט פארביטערונג. איין ארמיי איז באשטאנען פון ווילד-שווארצע אפריקאנער און די צווייטע — פון ווייסע אייראפעער. ענדלעך, האט די ווייסע צוגעשפילט דאס מלחמה-מזל: זיי האבן אפגעהאלטן א גרויסן זיג און צעקלאפט דעם שונא אויפן גאנצן פראנט.

נאכיאגנדיק די רעשטן פון דער אנטלאפענער ארמיי, האבן די ווייסע פארכאפט אין געפאנגענשאפט זיבן שווארצע סאלדאטן, און זיי פאר'משפט צום טויט, דורך אפהאקן די קעפ מיט א שווערד.

איינמאל אין א טאג, קומט צו לויפן דער ווייסער גענעראל און הייסט ארויספירן די זיבן קריגס-געפאנגענע און שטעלט זיי אויס אין איין שורה, כדי אויסצופירן איבער זיי דעם טויט-אורטייל און הינריכטן אלע צוזאמען מיט איינמאל.

— הערט אויס, פארשאלטענע שקלאפן! — רופט ער זיך אן מיט שטאלץ צו די ארעמע געפאנגענע, וועלכע זיינען געשטאנען מיט אראפגעבויגענע קעפ און האבן געציטערט פאר קעלט און הונגער — ווער פון אייך וויל זיך אונטערנעמען באווייזן א בריה'שאפט און אפהאקן די קעפ פון זיינע חברים, דעם וועל איך שענקען דאס לעבן און גענצלעך באפרייען פון געפאנגענשאפט. האבן עס אלע אויסגעהערט גלייכגילטיק און קיין איינער פון זיי האט זיך דערויף ניט געכאפט און ניט געוואגט אויפהויבן א האנט אויפן צווייטן, כדי צו פארדינען זיך דאס לעבן אויפן חשבון פון זיינע פריינט.

— נו, איר ווילט מיך ניט פאלגן און טון וואס איך הייס? — צעבייזערט זיך אויף א קול דער גענעראל, דערזעענדיק זייער אנטשלאסנקייט און פעסטן כאראקטער. — זעט, אויב קיינער פון אייך וועט עס ניט טון מיט גוטן, וועל איך אייך דערצו צווינגען!

ער האָט אַרויסגערופן איינעם פון דער שורה און אים געדראָט מיט די פויסטן אין פנים, אַז אויב ער וועט ניט פאָלגן און ניט טויטן זיינע חברים, וועט ער גרויזאַם געפייניקט ווערן מיט איבערמענטשלעכע ליידן, וואָס קיינער האָט נאָך אַזעלכעס ניט געליטן זינט די וועלט שטייט.

— גוט, מיין האַר, איך וועל אייך פאָלגן —ענטפערט דער געפאַנ־גענער— דערלויבט מיר נאָר פריער אָנשלייפן דאָס מעסער, וואָס איז לעצטנס שטאַרק טעמפּ געוואָרן.

וואָס האָט געטון דער געפאַנגענער? ווי נאָר ער האָט געקראָגן די שווערד און איר גענומען גוט אָנשאַרפן, האָט ער זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט, קיינער זאָל ניט זען און אָפּגעשניטן אַ העלפט פון זיין רעכ־טער האַנט.

— אוי, אָן אומגליק, אַ גרויסער אומגליק האָט מיט מיר געטראָפן, מיין האַר! — איז ער צוגעלאָפן צום גענעראַל מיט דער פאַרוואונדע־טער האַנט, פון וועלכער עס האָט געזעצט דאָס בלוט. — אוי, וואָס טוט מען? איך קען דאָך איצט ניט אויספאָלגן אייער באַפעל.

דער וויסער גענעראַל אָבער, אַן אויסגעפּרוּווטער מיליטער-מאַן און פאַרשטאַנדיקער מענטש, האָט זיך גלייך געגעבן רעכנונג וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ. ער האָט פאַרשטאַנען אַז ניט אַנדערש ווי נאָר דאָס געטריישאַפט צו חברים, כדי זיי ניט צו פאַראַטן, האָט באַ־וואויגן דעם מענטשן צו באַגיין אַזאַ געפערלעכן שריט און זיך זעלבסט פאַרוואונדן און מזיק זיין; כדי צו בלייבן טריי און געווויסנהאַפט צו זיינע מיטקעמפער, וועלכע פאַרטיידיקן צוזאַמען זייער פאָלק און לאַנד מיט זייער אייגן בלוט.

אַ טיף גערירטער ביז טרערן פון דער דאָזיקער פּאַסירונג, האָט דער גענעראַל חרטה געקראָגן אויף זיין באַשלוס. עס האָט זיך דער־וועקט אין זיין האַרץ אַ רחמנות-געפיל צו די אומשולדיקע געפאַנגענע, וועלכע ער האָט געשאָנקען דאָס לעבן און זיי באַפרייט פון די קייטן.

דער הינקענדיקער און דער בלינדער

ביי א גרויסער שול אין ירושלים, וואוהין עס פלעגן קומען טאג-טעגלעך מאסן באזוכער, זיינען שטענדיק געזעסן צוויי ארעמעלייט און געבעטן נדבות. איינער א הינקענדיקער און דער צווייטער א בלינדער.

מיט דער צייט אבער, האט זיך זייער לאגע פארערגערט: דער עולם איז פון טאג צו טאג געווארן ווינציקער און האט אויפגעהערט צו קומען באזוכן די שול.

די צוויי ארעמעלייט, האבן דאן אנגעהויבן קלאגן און וויינען:

— ס'טייטש, פון וואגען וועלן מיר איצטער לעבן?

איינמאל אין א פרימארגן, האט זיך פאר דער שול פלוצלינג באוויזן א געטלעכער מאן אין אן איינפאכער מענטשלעכער געשטאלט און זיך צו זיי געווענדעט מיט פאלגנדע ווערטער:

— הערט אויס, איר אומגליקלעכע קאליקעס! איר זיצט דאך דא צו בעטן נדבות. פארמאג איך אבער איצט קיין סענט ניט אייך צו געבן. אנשטאט דעם, בין איך גרייט אייך צו שטיצן מיט מיין כח און אויסהיילן געענצלעך אייערע פעלערן, איר זאלט פולקאם געזונט ווערן. נאכדעם, וועל איך אייך מיט פיל פארמעגן באשענקען, אזוי אז איר זאלט קיינמאל ניט דארפן אנקומען צו קיין מענטשן. איך ווארן אייך אבער, זייט פארזיכטיק, אז איר זאלט קיין שום עוולה ניט באגיין, דאן וועט דאס רייכקייט וועט צו אייך קומען, כדי די נויט זאל זיך ווידעראמאל צו אייך ניט אומקערן. גייט גלייך אהיים, וועט איר דארט טרעפן אנגעגרייט יעדער אין זיין וואוינונג גרויסע אוצרות און רייכטומער, פון וועלכע איר וועט גליקלעך לעבן אלע אייערע יארן. זעט אבער, שטרענג אפצוהיטן מיינע ווערטער. זייט גוט און פרום, שטיצט ארימע און געדריקטע מיט דער רייכקייט וואס איר וועט ביי אייך אין דערהיים געפינען, וועט זיך עס ביי אייך האלטן, אויף אייביקע צייטן און דור-דורות.

אויסהערנדיק אזעלכע הארציקע טרייסט-ווערטער, ארוסגעזאגטע מיט א זיכערן און פעסטן טאן פון אזא היילי‌ק מויל, זיינען די צוויי ארעמעלייט דערשטוינט געווארן און אויף זיך גענומען צו זיין גוט-הארציק און מילד צו יעדן איינציקן און דערצו האבן זיי נאך צוגע-שווארין.

ווי נאר דער פרעמדער איד איז פארשוואונדן, זיינען ביידע פולקאם געזונט געווארן, און האבן אויפגעלעבט. דער קרומער האט גלייכע פיס באקומען און דער בלינדער איז זעעוודיק געווארן.

אין זייערע היימען האבן זיי רייכע פארמעגנס געפונען, מיט וועלכע זיי האבן אנגעהויבן פירן גרויסע געשעפטן.

דער געוועזענער הינקעדיקער האט פאר א גרויסער סומע געלט זיך איינגעהאנדלט אקסן און דער אמאליקער בלינדער האט איינגעקויפט

שאף. אזוי זיינען ביידע געוועזענע אָרעמע קאַליקעס שטאַרק רייך געוואָרן.

* * *

אין אַ צייט אַרום, האָט זיך דער זעלבער הייליקער מאַן צו זיי ווידער אַמאָל באַוויזן אין געשטאַלט פון אַן אָרעמען וואַנדערער, וואָס האָט פאַרלוירן איין האַנט און גענומען איינציקווייז אויספּרואוון ביידע גבירים, צי וועלן זיי מקיים זיין זייער אַמאָליקן צוזאָג און שבועה.

צום ערשטן, האָט ער זיך געווענדעט צום רייכן אָקסן-הענדלער און צו אים אַזוי געזאָגט:

— שענק מיר, דו גוטער מענטש אַן אָקס, וועל איך אים פאַרקויפן און פאַרן געלט קענען שפּייזן מיין אָרעמע פאַמיליע. גאָט וועט דיר דערפאַר העלפן און באַהיטן פון קראַנקייט. זעסט דאָך, ווי אומגליקלעך איך בין און קען ניט אַרבעטן מיט איין האַנט!

— וואָס ביסטו געקומען מיך אַנשרעקן, דו שלעפּער איינער? — האָט זיך דער אָקסן-הענדלער בייז צעשריען אויפן קול, — וואַרט, אָט וועל איך דיר ווייזן מיין שטאַרקע האַנט, — און זיך געוואָרפן אויף אים שלאָגן. דערזעענדיק זיך אין געפאַר, האָט דער געטלעכער מאַן אַן אויפגערעגטער פאַרלאָזט דאָס הויז פון נידערטרעכטיקן מענטשן.

פאַרשטעלנדיק זיך אויפסניי אין אַלטע צעריסענע מלבושים, ווי אַן אָרעמער בלינדער בעטלער, וועמען אַ קליין אינגל פירט ביים האַנט, האָט ער זיך צום אַמאָליקן בלינדן אָוועקגעלאָזט, וועלכער האָט איצט פאַרמאָגט רייכע טשערעדעס שאָף און האָט אים דאָס זעלבע פאַרגעשלאָגן:

— שענק מיר, געטרייער מאַן אַ שעפּסעלע איך זאָל דערמיט דערנערן מיין אָרעם הויז-געזונד, גאָט וועט דיר אָפּצאָלן צען מאָל אַזוי פיל!

דער שעפּסן-סוחר האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן, און מיט פיל רחמנות און גוטהאַרציקייט אַריינגעפירט דעם פרעמדן צו זיך אין הויז, וואו ער האָט פאַר אים אַ רייכן און געשמאַקן מיטיק אָוועקגעשטעלט.

נאָכן עסן איז ער אָוועק אין זיין טשערעדע, האָט אויסגעקליבן די שענסטע דריי שאָף און זיי אים אָוועקגעשאָנקען.

— מיטן גאַנצן האַרצן גיב איך דיר די שאָף, נעם זיי און פאַרבעסער דיין לאַגע!... — האָט ער זיי צום מענטשן צוגעפירט.

דער געטלעכער מאַן האָט גלייך אַרונטערגעצויגן די מאַסקע פון זיין פּנים און זיך געלאָזט דערקענען צום געוועזענעם אָרעמען בלינדן, צו וועמען ער האָט זיך מיט יאָרן צוריק באַוויזן, ווען ער איז געווען אָרים און אים באַשאָנקען מיט רייכקייט.

— דיין חבר האָט גאָר פאַרגעסן אין זיין אַמאָליקער נויט און האָט פאַרהאַרטעוועט זיין האַרץ צום אָרעמען און געדריקטן! — האָט דער וואונדערלעכער מאַן אויסגעשריען — דערפאַר וועט ער צוריק אָרים

ווערן און זיין גאנץ פארמעגן וועט איבערגיין צו דיר, צוליב דיין גוטס-קייט און איידלקייט.

ביי די ווערטער איז ער באלד פארשוואונדן געווארן, ניט איבער-לאזנדיק נאך זיך קיין שפורן.

עס האט לאנג נישט געדויערט, ווי דער רייכער אקסן-הענדלער האט זיין גאנץ פארמעגן אנגעוואוירן און ווידער אלס הינקענדיקער און ביטעריער ארעמאן, האט ער זיך צוריק געמוזט אוועקזעצן אויף די וועגן און בעטן נדבות.

דער וואונדערלעכער שניידער

צוויי קעניגן האבן אמאל פארפירט צווישן זיך א שרעקלעכע מלחמה, צוליב א נייטראלער זאנע לאנד, אויף וועלכער יעדער פון זיי האט געווארפן אן אויג און עס געוואלט פארכאפן.

בעת'ן קאמף זיינען רייך-באפעלקערטע געגנטן געווארן חרוב און מיליאנען לעבנס האט דאס קריגס-פייער פארשלונגען.

ענדלעך, נאך א לאנג-דויערנדיקער בלוט-באד זיינען די קעניגן גע-קומען צו אן אויסגלייך: ווער ס'וועט ברענגען א יחוס-בריוו, אז ער שטאמט פון א שענערער און גרעסערער משפחה, דעם וועט געהערן דאס לאנד.

האט מען גלייך גענומען פארשן און נאכזוכן אין אלטע ארכיוון, וואו עס האט זיך ארויסגעוויזן לויט די יחוס-ביכער, אז איינער פון די קעניגן איז נישט מער און נישט ווייניקער, ווי המן האגגי'ס אן אור-אייניקל, וועמענס גרויסארטיקער יחוס און שיינער זיידע גיט אים דאס רעכט אויפן לאנד, און מען האט עס אים טאקע אפגעגעבן.

באלד נאכן איבערנעמען דעם באזיץ פון דער נייער זאגע ערד, האט דער דאזיקער קעניג אנגעהויבן ארויסגעבן שרעקלעכע אנטי-אידישע געזעצן און גרויזאם פארפאלגט די אידן.

פונקט ווי זיין עלטער-זיידע, דער אמאליקער אנטיסעמיט און פאר-ביסענער אידן-פרעסער, המן הרשע, האט ער זיך געהייסן ברענגען א אידן מיטן נאמען מרדכי, וועמען ער זאל אויפהענגען אויף א בוים; אויף דער אידישער באפעלקערונג פונם איבערגענומענעם לאנד, האט ער ארויפגעלייגט א קאנטריבוציע פון צען טויזנט זילבער-טאלער, אויסצוצאלן ביז א באשטימטן טערמין, און אויב ניט וועט ער אלע אידן פון זיין לאנד פולשטענדיק אויסראטן.

דערוויסנדיק זיך פון דער ביטערער גזירה, איז אויף די אידן אנ-געפאלן א שרעק און פחד און זייער לאגע איז געווארן א שטארק-פארצווייפלטע.

נישט געפינענדיק פאר זיך קיין אויסוועג און עצה, זיינען זיי אין

די שולן געלאָפן און גוזר-תענית געווען. זיי האָבן גלייכצייטיק אויך געשיקט שליחים צו די גרעסטע פרומע לייט און צדיקים פון דור, זיי זאָלן גאָט בעטן, אַז די גזירה זאָל וואָס-שנעלער אָפּגעשאַפט ווערן.

* * *

איינמאָל זיינען די שליחים אָנגעקומען אין אַ שטאָט, וואו אַ גרויסער צדיק און הייליקער מאַן האָט געוואוינט. אויסדערציילנדיק אים די געשעעניש, האָט ער צו זיי אַזוי געזאָגט:

— פאָרט שוין אַפּ אַהין און אַהין און דאָרט, אויסער דער שטאָט, וואוינט אַן איינפאַכער אָרעמער שניידער, וואָס פאַרלאַטעט אַלטע בגדים, ווענדעט זיך אין מיין נאָמען צו אים, ער זאָל אייך העלפן.

אָנקומענדיק אַהינצו, האָבן די שליחים טאַקע געטראָפן הינטער דער שטאָט, אין אַן איינגעהויקערט צעבראָכן שטיבל, דאָס אָרעמע שניידערל ביי דער אַרבעט און אין נאָמען פון באַרימטן צדיק זיך צו אים געווענדעט נאָך רעטונג.

— ווער בין איך, וואָס איך זאָל זיך שטעלן פאַרן קעניג? —האָט ער זיי געענטפערט— וואָס קען אַזאַ פּשוט'ער שניידער, אַן אָרימאַן אויפטון?

דאָך האָט ער זיי געהייסן אַהיימפאָרן און קיין מורא ניט צו האָבן.

דעם קעניגס פירונג איז פון שטענדיק אָן געווען אַזעלכע: ער פלעגט זיך אַלע טאָג אויפהויבן באַגינען פון בעט און אַרומשפּאַצירן אין הויף אַ פּאָר שעה הין און הער. אין דער צייט, האָבן שוין אַלע זיינע דינער און לייב-וועכטער געוואוסט, איז שטרענג פאַרבאָטן דער צוגאַנג צו אים פון וועלכן נישט איז פרעמדן.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, ביים אויפכאַפּן זיך פון שלאָף, האָט דער קעניג געטראָפן שטיין ביי זיך אין צימער אַן אָרים-געקליידעטן אידן. איז ער געוואָרן מורא'דיק אויפגעבראַכט, און כאַפּנדיק די ביקס, האָט ער געוואָלט דערשיסן דעם געוואַגטן אידן, צוזאַמען מיט די וואַך-סאָלדאַטן, וואָס האָבן אים דערלויבט אריינרייסן זיך אין פּאַלאַץ אין אַזאַ פריער שעה.

פּלוצלינג האָט אַ געהיימע האַנט אויפגעהויבן דעם קעניג אין דער הויך, פאַרטראָגן אַ הונדערט מייל ווייט פון פּאַלאַץ און אים אַרונטערגעוואָרפן צווישן קברים אויף אַ בית-עולם, וואָס איז געווען אַרומגע-צוימט מיט אַ הויך-געמויערטן פּאַרקאַן. דאָרט איז ער דעם גאַנצן טאָג געלעגן הונגעריק און דורשטיק, און נישט פאַרשטאַנען וואָס מיט אים קומט דאָ פאָר.

פאַרנאַכט-צו האָט ער דערהערט מענטשן-טריט פון יענער זייט פּאַרקאַן.

— האָט רחמנות אויף מיר און ראַטעוועט מיך פון הונגער-טויט!

— האָט דער קעניג מיט אַ בעטנדיקער שטימע אָנגעהויבן שרייען.

באַלד האָט זיך נעבן אים באַוויזן אַ הויכער אָרעמאַן מיט צוויי זעק אויף די פּלייצעס, פון וועלכע ער האָט אַרויסגענומען ברויט און אים געגעבן עסן.

* * *

דעם צווייטן טאָג האָט דאָס זעלבע פּאַסירט. אַזוי האָט געדויערט זיבן טאָג נאָכאַנאַנד. אויפן אַכטן טאָג האָט ער אָנגעהויבן דעם אָרעמאַן שטאַרק בעטן, ער זאָל אים פון דאַנען אַרויסנעמען און פירן צו אַ ישוב, וואו מענטשן געפינען זיך, כדי ער זאָל קענען אַרבעטן און נישט זיצן פאַרשפּאַרט צווישן קברים און אַרויסקוקן אויף אומזיסטיק ברויט. זיין פאַרלאַנג איז דערפילט געוואָרן: נאָך אין זעלבן טאָג האָט דער אָרעמאַן אים אַוועקגעפירט אין אַ וואַלד, וואו ער האָט געקראָגן אַרבעט און געמאַכט שינדלען צו די דעכער. אַזוי האָט דער געוועזענער קעניג אָפּגעאַרבעט אַ געוויסע צייט און געטרייסט אַלע מאָל דאָס פּאַך און אויסגעפּועל'ט בעסערע באַדינגונגען און ביסלעכווייז האָט ער זיך צוגעפּאַסט צו אַזאַ לעבן, פאַרגעסנדיק ווער און וואָס ער איז אַמאָל געוועזן.

איינמאָל, אין אַ טאָג, האָט זיך צו אים באַוויזן דער אָרעמאַן און געזאָגט:

— הער־אויס פריינט־לעבן! ביז וואַנען וועסטו זיך געפינען אין אַזאַ לאַגע? ביזט דאָך פאָרט אַן עקס־קעניג! פאָר אַוועק אין יענער שטאָט, דאָרט איז דער קעניג געשטאָרבן, וועסטו חתונה האָבן מיט דער מלכה און אָנטון די קרוין אויפן קאָפּ, רעגירן וועסטו איבערן לאַנד און פירן מלחמות. איין זאַך אָבער פאָדער איך פון דיר: זאָלסט תיכף ומיד מיר אונטערשרייבן אַ פּאַפּיר, אַז אַלע גזירות און באַגרענעצונגען אויף אידן, וואָס דו האָסט בעת דיין הערשאַפט אַרויסגעגעבן, זאָלן אומבאַדינגט אָפּגעשאַפט ווערן און קיין שום קראַפט נישט האָבן.

דער קעניג האָט אויסגעפאָלגט דעם שטרענגן באַפעל און דעם אָרעמאַן גלייך אין האַנט אַריין דערלאַנגט אַן אונטערגעשריבן פּאַפּיר, לויט זיין פאָדערונג און פאַרלאַנג.

ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ וויטער מדינה, דאָרט חתונה געהאַט מיטן פאַרשטאָרבענעם קעניגס פרוי. ער האָט רעגירט דאָס לאַנד מיט גרויס שטרענגקייט, געפירט מלחמות און פאַרגאָסן פיל בלוט.

אַרומרייזנדיק לענדער, איז ער ענדלעך אָנגעקומען אין אַ שטאָט, וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער ענלעך צו דער, וואו ער האָט מיט יאָרן צוריק געקיניגט. דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ האָט ער דערקענט, אַז דאָס איז דער זעלבער, אין וועלכן ער האָט אַמאָל געוואוינט. ביי זיך אין צימער האָט ער געטראָפן דעם זעלבן אָרעמאַן פון יענעם געוויסן פרימאָרגן, האַלטנדיק אין האַנט אַן אָנגעשריבן פּאַפּיר מיט זיין אייגענער חתימה, אָפּצושאַפן און צו'ירן אַלע גזירות אויף אידן.

דער קעניג האָט דאָן פאַרשטאַנען און זיך ערשט אָפּגעגעבן רעכענונג ווער דער וואונדערלעכער אָרעמאַן איז, וועלכער האָט באַוויזן אין משך פון פופצן מינוט אים אויפצוהויבן העכער פון דער צייט. אַ שרעק און ציטער איז אים באַפאַלן. זיין באַציאונג צו די אידן איז דאַן געוואָרן אַ פיל בעסערע און לייכטערע.

די שלאַנג, דער מענטש און דער פוקס

צופוסנס פון אַ הויכן באַרג, אונטער אַ פעלזן-שטיין, איז אַמאָל נאָך האַלבן טאָג געלעגן די שלאַנג טיף איינגעגראָבן אין איר נאָרע און געהאַלטן ביים אנטשלאָפן ווערן. פּלוצלינג אָבער, האָט אַן אומגליק פּאַסירט: פון פעלזן-באַרג האָט זיך אַ שטיין אָפּגעריסן און פאַלנדיק אין דער נידער, האָט ער פאַרשטאָפּט דאָס מויל פון דער נאָרע, וואו די שלאַנג איז געבליבן ליגן פאַרשפּאַרט, נית צו רירן זיך פון אָרט און איז געוועזן אויסגעשטעלט אומצוקומען פון הונגער און דורשט.

דערזעענדיק אויפן דריטן טאָג אַ וואַנדערער, וועלכער איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען, האָט אים די שלאַנג אָנגעהויבן בעטן מיט אַ וויינענדיק קול, ער זאָל רחמנות האָבן אויף איר לעבן און אַראָפּנעמען דעם שטיין פון דער נאָרע, שווערנדיק דערביי מיט כל'ערליי שבועות, אַז זי וועט אים דערפאַר זייער שיין באַלוינען. זינט די וועלט שטייט — האָט זי געזאָגט — איז נאָך קיין מענטש אַזוי נית באַלוינט געוואָרן פון דער שלאַנג פאַר אַ טובה.

אינ'ם מענטשנס האַרץ האָט זיך דערוועקט אַ שטאַרק מיטגעפיל צום אָרעמען באַשעפעניש און ער האָט גלייך אַראָפּגענומען דעם שווערן שטיין פון דער נאָרע, און די שלאַנג איז אַרויס אויף דער פריי און אָפּגעאָטעמט. האָבן זיך ביידע אַוועקגעלאָזט אין וועג און זיינען געווען צופרידן.

— באַצאָל מיר מיין לוין — זאָגט דער מענטש, אָפּגייענדיק אַ געוויסע שטרעקע — ווייל איך מוז זיך שיידן פון דיר און זיך פאַרנעמען אויף אַן אַנדערן וועג.

— וואָס פאַראַ לוין? — בייזערט זיך די שלאַנג — איך וועל דיך באַלד אויפעסן לעבעדיקערהייט מיט די ביינער. שוין דריי טעג ווי איך לייד הונגער און האָב נית וואָס צו עסן.

— ס'טייטש, איז דער מענטש דערציטערט געוואָרן פאַר שרעק און האָט זיך געכאַפּט ביים קאָפּ — כ'האָב דאָך דיך פון אַ זיכערן טויט געראַטעוועט, ווילסטו מיר גאָר אַזאַ רעה טאָן? לאָמיר צו-וואַרטן ביז עס וועט אימיצער אָנקומען און וועט משפט'ן צווישן אונז!

האָבן זיך באַלד פאַר ביידנס אויגן באַוויזן צוויי ראָבן אויף אַ בוים. ווי נאָר אָבער דער מענטש מיט דער שלאַנג האָבן זייערע טענות

איידערציילט, האבן די ראבן ניט לאנג געטראכט און ארויסגעטראגן א פסק, אז די שלאנג האט רעכט אויפצועסן דעם מענטשן, ווייל די גאנצע וועלט פירט זיך אזוי: פאר א טובה באצאלט מען מיט א רעה און ניט מער! דערביי האבן זיי אויך געהאפט צו קריגן א פעטן חלק פונם מענטשנס פלייש.

— ניט אזעלכע רויבער קענען זיין ריכטער, —רופט זיך אפ דער מענטש— מיר וועלן זיך פארלאזן אויף אן אנדערן.

* * *

דערזעענדיק פון ווייטנס אנקומען אן אלטן וואלף, צוזאמען מיט זיינע קינדער, די הונגעריקע וועלפעלעך, זיינען זיי שנעל צוגעלאפן און געבעטן ער זאל זיי משפט'ן. האט דער וואלף אויסגעהערט די שלאנג און איר פולקאם בארעכטיקט צו פון מיטן מענטשן וואס איר הארץ גלוסט, ווייל דער הונגער ברענגט צו אלץ. אויך זיינע הונגעריקע וועלפעלעך, האבן עס באשטעטיקט. די ראבן האבן דערווייל אנגעקוואלן פון נחת און שוין געווארט מיט אפענע מיילער אויף דער פעטער סעודה, פון וועלכער זיי וועלן געניסן.

דער מענטש אבער, האט אויך דעם אורטייל אפגעווארפן און דורכ־אוים פארלאנגט א דריטן ריכטער, א מער אויפריכטיקן. זיינען זיי אלע אוועק צום לייב, דעם וואלד־קעניג און געפאדערט פון אים א ריכטיקן משפט.

דעם לייב אבער, איז שווער געווען אליין צו אורטיילן וועגן אזא שווערן ענין אין דער אפוועזנהייט פון זיין הויפט־ראטגעבער, דעם קלוגן פוקס. האט ער אים איינגעלאדן אויסצופארשן גענוי די זאך און משפט'ן צווישן זיי.

דאס געשריי און ליארעמען אבער פון ביידע צדדים און דערצו נאך פון די צוויי ראבן, האבן דעם פוקס די אויערן פארטויבט און ער האט זיך אנגערופן: — זעט, מיינע הערן, איך קען צווישן אייך קיין טאלק נים דערגיין. עס איז פאר מיר אומפארשטענדלעך, וואו און ווי אזוי די זאך איז פארגעקומען. קומט מיט מיר צום פלאץ פון דער געשעעניש. זאל די שלאנג ווייזן, וואו זי איז געווען פארשפארט און דער מענטש — ווי אזוי ער האט זי געראטעוועט, דאן וועט פאר מיר קלאר ווערן די גאנצע געשיכטע, ווייל אונטער די אויגן קען מען גאר ניט ווייסן.

זיינען זיי אלע אוועק צו יענעם ארט. די שלאנג איז צוריק אריין אין דער נארע און דער מענטש האט מיט די לעצטע כוחות דעם שטיין ארויפגעווארפן.

— גוט, איצט איז אלץ אין ארדענונג —זאגט דער פוקס— וויל דער מענטש, זאל ער אראפנעמען דעם שטיין און דאן, אויב די שלאנג וועט וועלן, קען זי אים אויפעסן. זי האט רעכט!

דערזעענדיק זיך אויסער געפאר, האט זיך דער מענטש זייער דער־

פרייט, געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און איז שנעל אַנטלאָפן פון יענעם אומגליקלעכן אָרט. די שלאַנג אָבער, ליגט נאָך ביז היינט אין לאָך און וואַרט אַז דער מענטש זאָל קומען און אָראָפּנעמען דעם שווערן שטיין פון דער נאָרע און זי וועט אים דאַן אויפעסן...

דער שמעטערלינג און די בלום

אין אַ גאָרטן האָט געוואַקסן אַן איינזאַמע בלום.

— אַך, איז דאָס אַ באַשיידענע שפּראַצונג, — האָט איר יעדער מויל געלויבט און באַוואונדערט, — זי ווייסט דאָך פון קיין אַנדער זאַך נישט אין דער וועלט, ווי נאָר צו בליען און אַנטוויקלען זיך, זויגן די דערקוויקנדיקע זאַפט פון דער מוטער-ערד און וואַרעמען זיך אַנט-קעגן די ליכטיקע פרימאָרגן-זונענשטראַלן, כדי אַנצופולן דאָס לעבן מיט פרייד און פאַרגעניגן. דאָס איז איר הויפּט-ציל און ניט מער, — האָבן אַלע אָפּגעשאַצט אירע מעלות.

אין דער אמת'ן אָבער, איז זי דאָס נישט געווען, נאָר דווקא אַ האַרט-האַרציקע און אייפערזיכטיקע.

אַמאָל איז פון ערגעצוואו אַנגעפלויגן אַ פּראַכטפולער שיינער שמעטערלינג, אין סאַמעט-גאָלד-קאָלירטע פליגלען געקליידעט און מיט חנ'עוודיקע שוואַרצע פינטעלעך און פלאַטערנדיק אַרום איר בעכער, האָט ער איר זיסע זאַפט געזויגן.

— ווי וואַגסטו, אומדערבאַרעמדיקער, פון מיר מיין חיות אויסצו-ציען? — האָט זיך די בלום איינגעקאָרטשעט און געשטעלט אַ ווי-דערשטאַנד. און אַזוי רעדנדיק, האָט זי גענומען ביסלעכוויז שאָק-לען איר שטאָם, כדי אים פון זיך אַראָפּשליידערן.

— זיי נישט אַזוי קאַרג און שלעכט, ליבע בלום! — האָט זיך דער שמעטערלינג אַנגעהויבן ביי איר בעטן. — דו אַליין דערנערסט זיך דאָך אויך פון דער גוטער ערד, וועלכע שפּייזט אַלעמען געטריי און מילד, בייטאָג און ביינאַכט זויגסטו איר פרישע פעטקייט, אַזוי אַז די זאַפט, וואָס געפינט זיך אין דיר, איז דאָך ניט אינגאַנצן דיין אייגענע. אַלזאָ, לאָז מיך אויך לעבן און געניסן!

די איינגע'עקשנטע בלום האָט אָבער פון קיין זאַך נישט געוואָלט וויסן און דעם אָרעמען שמעטערלינג פון זיך בייז אַראָפּגעטרייסלט.

נישט האָבנדיק קיין אויסוועג, האָט דער שמעטערלינג איר פאַר-לויפיק פאַרלאָזט און איז אַוועקגעפלויגן זוכן זיין שפּייז ביי אַנדערע בלומען. נישט געפינענדיק אָבער קיין בעסערס, האָט ער זיך געמוזט צוריקקערן אַ הונגעריקער צו דער זעלבער בלום און מיט גוטע רייד אַנגעהויבן פירן מיט איר אונטערהאַנדלונגען:

— אויב דו ווילסט, שיינע בלום —האָט ער איר פאַרגעשלאָגן—

וועל איך דיר באשענקען מיטן געוועב פון מיינע רומפולע קאלירטע פליגל, כדי דו זאלסט ווערן דער רום און גלאנץ פון גאנצן גארטן. לאז מיך נאר שטילן מיין דורשט מיט דעם זיסן זאפט וואס דו פארמאגסט.

דער דאזיקער אנבאט איז דער בלום שטארק געפעלן געווארן.

האט דער שמעטערלינג גלייך באדעקט אירע בלעטלעך מיט א טייל פון זיינע וואונדערבארע סאמעט-קאלירטע פארבן. אזוי אז בידע האבן אויסגעזען ווי איין גרויסע פון גאלד-געוועבטע קאלירטע בלום, און ווער עס האט זיי נאר באמערקט, האט פון זיי קיין אויג נישט אראפ־געלאזט.

זייער צופרידן איז איצט דער שמעטערלינג געווארן, וואס ער עסט ניט קיין אומזיסטיק ברויט און באצאלט גוט פאר זיין ביסל שפייז. ער האט נאך טיפער איינגעטונקען זיין צינגל אין דער בלומס פרישן בעכערל און געטרונקען זאפט מיטן פולן מויל.

* * *

אין א קורצער צייט ארום אבער האט די בלום ווייטער זיך אנ־גענומען מיט פארדרוס און אנגעהויבן ווארפן און טרייסלען אירע בלע־טער. דעם קאפ האט זי אינדערהויך פארריסן און אנגעהויבן באדויערן און באקלאגן איר מזל.

— גאט מיינער! — האט זי אויסגערופן — פארוואס בין איך אזא זינדיקע באשאפן געווארן, צו פארבלייבן אויף מיין גאנץ לעבן א צו־געבונדענע צו דער מיאוסער ערד? טאג און נאכט בין איך דאך ווי א צוגעשמידטע אין קייטן צו איין און דעם זעלבן ארט, צומאל מיט קיין אבער נישט א ריר צו טון. וואלט דען פאר מיר נישט פיל גלייכער גע־ווען פריי צו זיין ווי דער שמעטערלינג, וועלכער פליט ארום אהין און אהער. אמאל דא און אמאל דארט? אך, ס׳ארא אומגליקלעכע שפרא־צונג איך בין!

— האסטו זיך גאר נישט וואס צו באקלאגן אויף דיין לעבן, דו שיינע בלום! — האט איר אפגעענטפערט דער שמעטערלינג — דיין געשמאקער ריח און ליבער דופט דערפרייט דאך גאט און לייט. ווער עס גייט נאר פארביי דיר, בויגט דעם קאפ פאר דיין שיינקייט און גענימט פון דיין ריח. דו ווערסט פון יעדן מויל געבענטשט און באגריסט אלס די גאט־געבענטשטע שיינע בלום!

— וואס מיר שיינקייט און וואס מיר ריח! — ווען מיינע פיס זיינען ווי געפענטעטע, אן א שום באוועגונג — ברוגז׳ט זיך א פאר־ביטערטע די בלום. קלאגנדיק זיך אזוי, איז פלוצלינג פארביי־געלאפן א יונג מיידל, וועלכע האט געזוכט א שיינע בלום אין גארטן צו באפוצן איר ניי קלייד צו איר געבורטסטאג און דערזעענדיק פון וויטן אזא וואונדערבארע שיינע רויז, האט זי האסטיק איר אויסגעריסן מיטן ווארצל.

— אַך, ווי גוט! —האָט זיך די בלום דערפרייט— דערשפּירנדיק זיך לייכט און רירעוודיק, בויגזאַם און לוסטיק. איר קערפּער איז דאָך פון דער פינסטערער ערד אויפגעהויבן געוואָרן און ווי פון קייטן האָט זי זיך באַפרייט, צוגלייך מיט די פייגל פון הימל.

באַלד אָבער האָט זי דערפילט אַ שטאָך אין זייט און צום מיידלס קלייד איז זי צוגעשפּילעט געוואָרן.

נאָך אין זעלבן טאָג האָט איר ריח אויסגעוועפּט. די בלעטעלעך אירע זיינען פאַרוועלקט און פאַרטרוקנט געוואָרן און פאַרנאַכט איז זי שוין געלעגן אַ פאַרשעמטע אין מיסט אויף דער גאַס...

דער מענטש און זיינע קליידער

אַ רייכער מאַן האָט אַמאָל איינגעאָרדנט אַ גרויסאַרטיקן מאַלצייט לכבוד דער חתונה-פייערונג פון זיין עלטסטער טאָכטער.

אין אַן אויסגעפּוצטן העל-באַלויכטענעם סאַלאָן, זיינען געשטאַנען געגרייטע טישן מיט די געשמאַקסטע מאכלים און בעסטע געטראַנקען, צו וועלכע עס האָבן באַדאַרפט קומען איינגעלאַדענע פריינט און באַקאַנטע, זיך לאָזן וואוילגיין און פאַרברענגען ביזן ווייסן טאָג אריין.

פּלוצלינג, איידער דער מאַלצייט האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זיך אין סאַלאָן באַוויזן אַן אָרים-געקליידעטער אַלטער מאַן און זיך אוועקגעזעצט ביים טיש.

ווען די געסט האָבן אָנגעהויבן זיך צונויפקומען, האָט איינער באַמערקט דעם אַלטן שלעפּער, איז ער צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— זייט אַזוי גוט, ר' איד, און רוקט זיך אָפּ אַביסל ווייטער, כדי דאָס פּלאַץ זאָל בלייבן פאַר מיר.

דער אַלטער האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן און אויסגעפאָלגט דעם באַפעל.

זיצנדיק שוין אַביסל ווייטער, איז צוגעקומען אַ צווייטער שיין-געקליידעטער מאַן און פון אים דאָס זעלבע געפאָדערט:

— רוקט אייך, פעטער און לאָזט זיך מיר זעצן — האָט אים יענער מיט די עלנבויגנס געשטופּט.

אַביסל שפּעטער, האָט אויך אַ דריטער און אַ פערטער אים באַלעסטיקט מיט אַזעלכע פאָדערונגען און אים גערוקט אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז ער איז צו דער טיר צוגעשפּאַרט געוואָרן, וואו עס האָט אים אָנגעכאַפּט איינער זייער אַ שטרענגער דינער און נאָר אינגאַנצן צרויסגעוואָרפן.

די געסט ווידער, האָבן די לאַנגע טישן באַזעצט און ביז נאָר שיין פאַרבראַכט, און אויף שנעל זיך פאַרגעסן אין דעם אָרעמען אַלטן, וועל-

כער איז דא אזוי באליידיקט געווארן, פריער פון די געסט און שפע-טער פון דינער, אז א שום געפיל פון רחמנות.

* * *

אין א פאר שעה ארום, עפנט זיך פלוצלינג די טיר און אויפן שוועל באווייזט זיך א העכסט-עלעגאנטער מאן אין ווידענע מלבושים, מיט א טייערן פוטערנעם הוטל אויפן קאפ און אין האנט טראגט ער א שטעקן מיט א גאלדן הענטל.

דערזעענדיק דעם רייך-געקליידעטן גאסט, האבן זיך די מענטשן אויפגעהויבן פון די פלעצער און מיט הארציקע באגריסונגען אים אויפ-גענומען, ניט ווויסנדיק וואס מיט אים פריער צו טון. ווער ס'האט אים ביים טיש אוועקגעזעצט און ווער ס'האט אים דערלאנגט עסן.

—אפשר פארלאנגט איר, טייערער הער, אן אנדער מין וויין? — האט איינער געפרעגט, — אפשר שמעקט אייך ניט דאס עסן? — האט זיך אינטערעסירט א צווייטער — וועט מען אייך דערלאנגען עפעס בעסערס.

זיצט אזוי דער דאזיקער מאן ביים טיש מיט א ברוגז פנים און גיט צומאל קדן שמייכל ניט. פלוצלינג האט ער זיך פון ארט א הויב געגעבן, געכאפט האסטיק די גאנצע שיסל פעטע יויך, וואס איז פאר אים געשטאנען און באגאסן זיינע שיינע קליידער פון אויבן ביז אראפ.

— ערשט דא גישט לאנג, מיט א פאר שעה פריער —האט ער אז אויפגערעגטער אויסגעשריען— האט איר מיך אזוי גראב באהאנדלט און צוליב מיינע ארעמע מלבושים פון דעם סאלאן ווי א הונט ארויס-געווארפן, און איצט, ווען כ'בין פאר אייך דערשינען מיט א רייכן אויס-זען, טיילט איר מיר צו אזא כבוד וואס כ'האב אים ניט פארדינט. גע-הער דאך ניט מיר דער דאזיקער כבוד, נאר מיין מאנטל און שיינע מלבושים, וועלכע האבן אייך אזוי פארכאפט...

ביי די דאזיקע ערנסטע ווערטער, איז דער מאן אויף א וואונדער-לעכן אופן פארשוואונדן און קיינער האט נישט באמערקט וואוהין און ווי אזוי...

דאן האבן אלע געסט פארשטאנען, אז דאס איז געווען א הייליקער מאן, וועלכער איז געקומען זיי אויפמערקזאם מאכן און שטראפן פאר זייער לייכטזיניקייט און שלעכטער האנדלונג.

די פייערלעכע שמחה, איז ביי זיי פארוואנדלט געווארן אין א טרויער און זיי זיינען באהערשט געווארן פון א טיפער הרמה.

דריי ברידער

דריי ברידער האָבן אַמאָל געוואַנדערט אין אַ ווייסטער מדבר. דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער. אַ פייערדיקע זון האָט געפלאַקערט מיט איר גאַנצער קראַפט און געברענט אומדערבאַרעמדיק. די הויט פון זייערע לייבער איז שוואַרץ געוואָרן ווי אַן אָנגעברענטער טאָפּ. אויך די האָר אויף זייערע קעפּ זיינען פון נאָטן שווייס צוזאַמענגעדרייט געוואָרן און אָפּגעטשמאַליעט, גלייך ווי זיי וואָלטן געזעסן נעבן אַ ברענענדיקן קאַלך-אויוון. פון שרעקלעכן דורשט און מידקייט זיינען אַלע דריי ברידער אַנידערגעפאַלן צו דער ערד, האַלב-פאַרחלש'טע.

פּלוצלינג איז געשען אַ נס: עס האָט זיך פון דערווייטנס באַוויזן פאַר זייערע אויגן אַ באַגרינטס שטיקל לאַנד, מיט אַ וואַסערל אינמיטן.

איינער פון זיי, דער יונגסטער פון אַלע, האָט דער ערשטער אַהין דערגרייכט און געטראָפן אַ פרישן קוואַל מיט קלאָר-לויטערע וואַסער. ער איז צוגעלאָפן און געטרונקען. נאָכהער האָט ער זיין קערפּער געוואַשן און געבאָדן זיך איינמאָל און צוויי-מאָל, ביז ער איז געוואָרן אָפּגעפרישט און אויפגעלעבט און זיך ממש מחיה געווען, גלייך ווי ער וואָלט אַ נייער מענטש געוואָרן. די הויט פון זיין לייב איז געוואָרן לויטער, איינגעטונקען אין ראָזע קאָלירן. זיינע האָר האָבן זיך אויסגעצויגן און אויסגעגלייכט. נאָכהער ערשט, האָבן זיי זיך אין שייןגעקרייזלטע לאָקן אויף זיין קלאָר-ווייסן האַלדז אַראָפּגעלאָזט. ער איז געוואָרן מילד און גוטמוטיק ווי אַ קינד.

באַלד איז אָנגעלאָפן דער צווייטער ברודער. אָנקומענדיק אַהינצו האָט ער געטראָפן די וואַסער פון קוואַל פאַרמינערט און אומריין, ווייל זיין ברודער האָט איר מיט די פיס מוטנע געמאַכט בעת'ן באָדן זיך. דאָך האָט ער פון דעם וואַסער געטרונקען און אין איר זיך אויסגעבאָדן. די הויט פון זיין לייב איז אָבער ניט געוואָרן אַזוי העל און פאַרביק ווי ביי זיין ברודער. ער איז אַרויס פון דאָרט געל ווי זאַמד. אויך זיינע האָר האָבן זיך ניט פאַרשענערט. זיי זיינען ניט ווייכער געוואָרן און ניט געקרייזלט, ווי ביי זיין ברודער, און די אויגן — ווי נאָר עס האָבן אַרייןגעשפּריצט אין זיי זעמדעלעך פון דעם מוטנעם וואַסער — זיינען צוזאַמענגעצויגן געוואָרן זייערע ברעמען און זיי האָבן זיך מאָדנע אויסגעקרומט.

* * *

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אָנגעיאָגט דער דריטער ברודער, דער עלטסטער פון אַלע, זייער אַ מידער און פאַר'חלש'טער. ער איז צוגעלאָפן צום קוואַל אַ דורשטיקער און ניט געפינענדיק מער ווי אַ ביסל מוטנע וואַסער ביים סאַמע גרונט, איז ער אַנידערגעפאַלן און האָט אָנגעהויבן לעקן מיט דער צונג און זויגן פון דער נאַסער זאַמד די לעצטע פייכטקייט און זיין דורשט ניט געשטילט. ווען באָדן זיך איז שוין

קיין רייד ניט געווען. ער איז פון דאָרט אַוועק אַנטווישט און אָפּגעגאַרט, נישט אָפּגעפרישט און נישט באַנייט. די הויט פון זיין לייב איז פאַרבליבן שוואַרץ ווי קויל, פונקט ווי פריער: די האָר פון קאָפּ פאַרפלאָנטערט און אָפּגעסמאַליעט. אויסער די ליפּן פון זיין מויל און די שפּיצן פינגער פון זיינע הענט און פיס, וועלכע האָבן באַרירט די פייכטע זאַמד פון אויסגעשעפּטן קוואַל, זיינען עטוואָס באַנעצט געוואָרן. ער האָט אַ פאַרביטערטע געהאַט טענות צו זיינע ברידער דערפאַר וואָס זיי האָבן אויף אים נישט געוואַרט און אויסגענוצט די וואַסער בלויז פון זייערטוועגן. אַ וואָרט און אַ וואָרט, עס האָט זיך פאַרפירט אַ העפטיקער קאַמף צווישן ברודער און ברודער, וואָס האָט געבראַכט צו בייז בלוט און געשלעג, דערפאַר וואָס איינער איז פאַרלאָפן דעם צווייטן דעם וועג און אויסגעליידיקט דעם ברונעם.

די ברידער האָבן זיך צעשיידט ברוגז׳ע: יעדער איז אַוועק אויף אַן אַנדער וועג און פאַרכאַפּט אַ באַזונדער טייל פון דער וועלט, זיי זיינען זיך פאַרבליבן אייביקע שונאים.

די דאָזיקע דריי ברידער זיינען די ערשטע עלטערן פון וועמען עס שטאַמען אָפּ אַלע פעלקער און ראַסן: שוואַרצע, געלע און ווייסע, וועלכע האָבן זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער אַלע טיילן פון דער וועלט און צווישן וועלכע עס הערשט נאָך ביז היינט גיפטיקע שנאה און האַס, וואָס זייערע ערשטע עלטערן האָבן זיי איבערגעלאָזט בירושה פאַר דור־דורות. זיי, די ברידער, האָבן זיך ניט צעטיילט גלייך אויף גלייך מיט דעם וואַסער אויף אַ גערעכטן שטייגער, ווי עס וואָלט באַדאַרפט זיין, נאָר יעדער איינציקער האָט פאַרכאַפּט פאַר זיך וואָס מער און ניט געזאָרגט פאַרן צווייטן. דערפאַר גיסן זיך פון דאַמאָלסט אָן טייכן בלוט. מענטשן־בלוט גיסט זיך ווי וואַסער, אין כסדר׳דיקע מלחמות.

איין קוואַל אָבער, איז נאָך דאָך פאַרבליבן אויף דער וועלט, אַ ליימערער און ריינער, וואָס קוועלט דורכאויס מיט אַ לעבעדיקן וואַסער־שטראָם און וועט זיך קיינמאָל ניט אָפּשטעלן. דאָס איז דער פרידנס־קוואַל, וועלכער וועט סוף־כל־סוף אין ענדע פון די צייטן אַנטפּלעקט ווערן. די מענטשן פון דער וועלט וועלן טרינקען פון אים און זיך זעטיקן. זיי וועלן זיך רייניקן און וואַשן און אַרויסקומען געלייטערט אין דער ליכט פון העלע זונען־שטראַלן פון אַ נייעם פרידנס־פרימאָרגן, וואָס וועט אויפשיינען אויף דער וועלט. שווערדן וועלן אין גראָבאייזנס איבערגעשמידט ווערן און די שפּיזן — אין שנייד־מעסערס. אַ פאָלק צו אַ פאָלק וועט ניט הויבן קיין שווערד און מען וועט מער ניט פּראַקטיצירן קיין מלחמה־קונסט. אַלע מענטשן, אָן אונטערשייד פון ראַסע און גלויבן, וועלן זיך פאַרייניקן אַלס קינדער פון איין פאָטער אין הימל.

— קינדער פון אייביקן פאטער, דער שעפער פון פרידן און גערעכטי־קייט. דאן וועלן ברכה און אחדות באהערשן די גאנצע וועלט אויף אלע אייביקייטן.

✻

דער שמעטערלינג

ניט ווייט פון א בלומען־ביים אונטער דער שאלעכץ פון א בוים, האט א ווערימל געהאט זיין נעסט.

נאכט און נאכט, ווען די גאנצע נאטור איז געווען פארזונקען אין הארטן שלאף, אויך בלומען האבן געדרימלט אויף זייערע שטעקעלאך, פלעגט דאס ווערימל ארויסקריכן פון באהעלטעניש, צושלענגלענדיק זיך צו א צארטער בלום און אראפבייסן דאס בעכערל און אזוי צו א צווייטער און א דריטער. אמאל איז עס צוגעקומען צו א רויזנשטרויך און געפרואווט ארויפקריכן, האבן אים אבער די נאדלען זייער געשטאכן און דעם וועג פארצוימט. האט דאס ווערימל פאר פארדראס אונטער־געגראבן דעם רויזנשטרויך און צעפרעסן זיין שטאם, צוזאמען מיט די בלעטער.

אויך א יונגביימעלע, וועלכעס האט נאר־וואס געהאט צעעפנט די ערשטע קנאספן האט דאס בייזע ווערימל ביטער באהאנדלט: די בלעטער צוזאמען מיט די בלומען האט עס פארניכטעט, אז ביז אינ־דערפרי איז דערפון קיין שפור ניש'ט געבליבן. זייער גרויזאם האט דאס קליינע פארניכטערל די גאנצע נאכט געוועלטיקט אין גארטן און פאר־אורזאכט גרויסע שאדנס. ביים זון־אויפגאנג אבער, ווי נאר עס האט זיך דערהערט דער ערשטער פויגל־געזאנג, פלעגט עס פארשוואונדן און ליגן באהאלטן א גאנצן טאג, וואו עס האט געטראכט נאר פון פאר־ניכטונגס־פלענער און דערביי גרויס הנאה געהאט.

א שרעקלעכע שנאה האט דאס קליינע מזיק'ל געפילט צו גארטן און צו זיין פראכט. באזונדערס אין פרילינג־צייט, ווען אלץ האט אויפ־געלעבט און זיך צעבליט: די זון שיינט, פייגעלעך זינגען און די גאנצע נאטור שאלט פון פרייד...

— זעט נאר, אלצדינג ווערט באנייט מיט פריש לעבן — טראכט ער זיך — אויסער מיר, וואס מוז ליגן באגראבן אין דער פינצטער. ניט קיין פליגל פארמאג איך צו פליען, ניט קיין פיס צו שפרינגען אויף גרינע צווייגן. דערנידעריקט און פארשעמט איז מיין לעבן, און איך ווער גע־טראטן פון יעדנס פוס!

נעמענדיק זיך שטארק צום הארצן פון דער טרויעריקער לאגע, האט עס אומגעדולדיק ארויסגעקוקט אויף די שווארצע נאכט־שאטנס, כדי זיך צו קענען נוקם זיין אומגעשטערט אין גארטן, ווען עס בא־טראכט פאר א בלוטיקן שונא.

צו־נישט ווערט אבער די גאנצע שנאה פון ווערימל, דערזעענדיק

דעם גאָרטן פון טאָג צו טאָג שענער און פּראַכטפולער. עס פּלאַצט ממש פון קנאה.

* * *

אַמאָל, באַנינען צייט, ווען דער גאָרטן איז געשטאַנען הייליק און שיין און האָט אויסגעזונגען שטילערהייט זיין פרימאָרגן-ליד, איז דאָס פאַרביטערטע ווערימל אַרויפגעקראָכן לאַנגזאַם אויף אַ רויז און האָט אויסגערופן:

— „געגוג מיר שוין צו לעבן אַזוי פאַרשעמט. אָט דאָ, אויף דער רויז מוז איך וואַרטן אויפן גערטנערס לאַפּעטע, וועלכע וועט מיך פאַרניכטן, אָדער אַ פויגל-שנאָבל זאָל מיך פאַרצוקן. סיי ווי איז מיר מיין לעבן פאַרמיאוסט!“.

— „זום-זום-זום... פאַרשאָלטענער וואָרעם — האָט זיך דערהערט דאָס זשומען פון אַ בין, וועלכע האָט אַרומגעקרייזט אַ צאַרטע בלום, — ווי אַזוי וואַגסטו מיט דיין העסלעכן קערפּער צו באַרירן אַ הערלעכע איידעלע בלום? קריך שוין אַראָפּ פון דאַנען, אויב ניט...“

— אַ, האָסט מורא, איך זאָל ניט פאַרדאַרבן מיט מיין גיפט די בלום? —האָט דער וואָרעם איר אָפּגעענטפערט— ווער האָט דען אין מיר אַריינגעגאָסן דעם גיפט-בעכער, אויב ניט די זון-שטראַלן, פון וועלכע דו שעפּסט דיין גאַנץ פאַרגעניגן? אָט אַ דאָ, קעגן דער שיינענדיקער זון, וועל איך אויסליידיקן מיין גיפט און וועל שטאַרבן; געגונג מיר שוין צו לעבן ווי ביז איצט און פאַרבלייבן די שרעק פון דער נאַטור!

דערהערנדיק אַזאַ ביטער קלאָגן און וויי-געשריי פון פאַרצווייפלטן באַשעפעניש, האָט די זון דערויף שטאַרק רחמנות געקראָגן. פון צווישן די בוימער-צווייגן האָט פלוצלינג אַראָפּגענידערט אַ גאָלדענער שטראַל, אַ לויטערער און וואַרימער, וועלכער האָט צו דער רויז דערגרייכט און אַרויסציענדיק דעם וואָרעמס גיפט, האָט ער פון אים אויסגעוועבט דינינקע פעדימלעך און באַדעקט זיין קליין קערפּערל מיט אַ זיידן קנייִלעכל. רואיק איז דער וואָרעם געשלאָפן אין ווייכן קנויל, וואו די זונען-שטראַלן האָבן אים געוואָרעמט.

איינמאָל אין אַ שיינענדיקן פרימאָרגן, האָט דער גאָלדענער שטראַל אַ קוש געטון דעם קנויל און אים צעעפנט.

אויפכאַפּנדיק זיך פון שלאָף האָט זיך דאָס ווערימל דערזען אין ווייסע פליגל, פונקט אינ׳ם זעלבן געשטאַלט פון אַ ווייסער רויז. מיט די פליגל האָט עס אָנגעהויבן פאָכן און שוועבן איבערן גאָרטן, צווישן פאַרשידענע בלומען און פילפאַרביקע רויזן, וואו עס האָט פיל פאַרגעניגן געהאַט און געשעפּט תענוג.

קינדער זיינען געקומען אין גאָרטן און דערזען ווי אַ לעבעדיקע בלום שוועבט און צאַפּלט אין דער לופטן איבער די רויזן, האָבן זיי איר מיט פרייד באַגעגנט און אַ נאָמען געגעבן: „שמעטערלינג“.

דער קעניג און זיינע ראטגעבער

אין פאלאץ פון איינעם אן אראבישן קעניג אין שפאניע, האבן זיך געפונען צוויי ראטגעבער, א איד און א קריסט. דעם אידן, דעם חכם און שארפן מוח, וועלכער פלעגט אפטמאל ארויסזאגן קלוגע איינפאלן אין געלונגענע עצות וועגן מלוכה-ענינים, האט דער קעניג געשעצט און הארציק ליב געקראגן און אים טאקע דערהויבן איבער אלע.

דאס האט שטארק געערגערט דעם קריסטלעכן ראטגעבער און אים טיף געקרענקט. אין זיין הארץ האט זיך א ברענענדיקער האס צו-פלאקערט צום אידן, אויף וועלכן ער האט געפרואווט אויסטראכטן ביל-בולים און געמיינע ליגנס, כדי צו פארטונקלען זיין פערזענלעכקייט און פארמינערן זיין כבוד אין די אויגן פון קעניג. עס האט זיך אים אבער נים איינגעגעבן.

איינמאל אין א פרימארגן, האט זיך דער קעניג ארויסגעלאזט אויף א שפאציר איבער די גאסן פון שטאט, אין דער באגלייטונג פון זיין קריסטלעכן ראטגעבער. אויפן וועג, האבן זיי פארפירט געשפרעכן וועגן פארשידענע טעמעס און זיינען אויך ארויפגקומען אויף אידן. דאן האט דער קעניג גענומען אויסלויבן זיין אידישן ראטגעבער, דערציילנ-דיק זיינע חכמות און קלוגע געדאנקען און אויסגעלויבט צוליב אים דאס גאנצע אידישע פאלק, אלס קלוגע און באגאבטע נאציע.

דאקעגן, דער מיטשמועסער זיינער, האט געדרונגען דאס פארקער-טע און געפרואווט איבערצייגן דעם קעניג אז ער לעבט אין טעות:

— די קריסטן זיינען פון אייביק אן קליגער און פארמאגן מער שארפ-זיניקייט פון די אידן — האט ער געטענה׳ט.

דער קעניג אבער, האט זיך געהאלטן ביי זיין מיינונג, אז די אידן זיינען דאס קלוגסטע פאלק פון דער וועלט, און אפילו זייערע קליינע קינדער צייכענען זיך אוים מיט מער חכמה פון די קריסטלעכע.

* * *

אנקומנדיק אין א גאס ביים עק שטאט, האבן זיי באמערקט, ווי צוויי גרופעס קינדער שפילן זיך: איינע א קריסטלעכע און די צווייטע — א אידישע.

— דא קענען מיר זיך איבערצייגן וועך פון ביידע גרופעס קינדער זיינען קליגער, — האט דער קעניג פארגעשלאגן דעם ראטגעבער — מיר וועלן פון ביידע גרופעס ארויסרופן קינדער און זיי שטעלן א קלוגע פראגע און לויטן ענטפער, וועט אונז לייכט זיין צו באשטימען, וועלכעס פאלק גיט ארוים קלוגערע מענטשן, די קריסטן צי די אידן?

דעם ראטגעבער איז געפעלן געווארן דער פלאן. ער האט זיך העפ-לעך פארנויגט פארן קעניג און גענומען אויספאלגן זיין באפעל.

ארויסרופנדיק פון דער קריסטלעכער גרופע א אינגעלע פון א יאר

זיבן, האט דער ראטגעבער זיך געווענדעט צו אים מיט פאלגנדער פראגע:

— זעסטו קינד, מיין באק? אויב דו וועסט זי אנרירן מיט דיין הענטל און מיר א פאטש טון, אז איך זאל זיך ניט דארפן אנבויגן און דיר, ווידער, זאלסט זיך פון ארט ניט רירן, — וועסטו דאס באווייזן, דאן גיב איך דיר א מתנה מיין גאלדענעם זייגער.

אויסהערנדיק די געשטעלטע פאדערונג, איז דאס קינד געבליבן שטיין און מיט שרעק אפגעענטפערט דעם ראטגעבער:

— מיין הער! ווי קען איך דאס טון? דו בימט דאך א גרויסער מענטש, הויך ווי א צעדער-בוים און איך בין א קינד, קליינגעוואקסיק און נידעריק! גיי דיר, אלזא, דיין וועג און שטער ניט מיין שפיל.

דער קעניג מיטן ראטגעבער, האבן זיך באלד דערנענטערט צו דער צווייטער גרופע, וואס איז באשטאנען דורכאויס פון אידישע קליינוואַרג, און ווענדנדיק זיך צו איינעם א קינד, אויך פון זעלבן וואוקס, האט דער ראטגעבער אים דאס זעלביקע פארגעשלאגן, צוזאגנדיק דעם גאלדענעם זייגער אלס מתנה.

דאס אידישע אינגעלע האט זיך הילכיק צעלאכט און אפגעענט־פערט דעם ראטגעבער אזוי:

— געשעצטער הער! איך וועל דיר אויסשטרעקן מיין רעכטן פוס, גיב אים א קוש, גאר ניט אנבויגנדיק זיך צומאל אויף א האר. וועסטו עס באווייזן צו טון, דאן וועל איך אויך דערפילן דיין פארלאנג...

דער קעניג האט א דערשטוינטער זיך געבומען איבערקוקן מיט זיין קריסטלעכן ראטגעבער און באמערקט ווי זיין פנים איז געווארן טויט און רויט פאר בושה און אנטוישונג, ניט וויסנדיק וואס צו ענט־פערן...

צוליב א טראפן האניק...

אין א ווייטן לאנד פון דער גאר גרויסער וועלט, האט אמאל גע־וואוינט א מאן מיטן נאמען בוקיה, זייער אן ארנטלעכער און גוט־הארציקער מענטש, דערצו נאך אויך א רייכער, וועלכער האט פאר־מאגט פרוכטבארע גערטנער פול מיט בינשטאקן מיט געשמאקן האניק.

בוקיה האט גע'שמ'ט אלס רייכער האניק-סוחר, וועמענס הויז עס איז שטענדיק געווען געפאקט מיט קונים, וועלכע האבן אים גוט בא־צאלט פאר זיין סחורה און אים דערצו נאך שטארק באדאנקט.

יאר-יערלעך פלעגט דער דאזיקער רייכער אייגנטימער איינא־דענען א פייערלעכע שמחה פאר געסט און פריינט, וועלכע האבן צו־זאמען פריילעך פארבראכט און געגאסן פון דאס גליק פון זיין הויז און אים הארציק באגריסט.

ניט ווייט פון אים, אין די מדבר-סטעפעס, האט איינער א פאסטוך מיטן נאמען רחביה, געפיטערט זיינע טשערעדעס שאף און זיך מיט קיין זאך אין דער וועלט ניט אינטערעסירט, אויסער מיט זיינע שעפסן און ציגן, וועלכע ער האט געטריי אפגעהיט. מיט זיי און נאר מיט זיי האט ער טאג ווי נאכט פארבראכט, געגעסן און געטרונקען, און צומאל קיין איינציק שעפסעלע פון אויג נישט אראפגעלאזט.

יעדן שבת פלעגט רחביה זיך אוועקלאזן אין נאענטן דארף איינ-קויפן שפייז פאר דער וואך און ווידער זיך אומגעקערט צוריק אין זיין רואיקן פאסטוך-געצעלט, וואו ער האט געלעבט זארגלאז און צופרידן. דערהערנדיק אמאל וועגן דעם געשמאקן האניק, וואס מענטשן קויפן און האבן גרוים הנאה, האט אים אויך א חשק אנגענומען. רחביה האט ציימווייליק איבערגעגעבן די שאף אונטער דער אויפזיכט פון זיינע געהילף-פאסטוכער, גענומען א קריגל אין האנט, ווי אויך זיין געטרייען הונט און זיך אוועקגעלאזט אין שטאט אריין נאך האניק.

אינמיטן וועג האט ער דערזען א דריי־שטאקיק הויז, וואו די פענסטער זיינען געווען אפן צו אלע פיר זייטן.

באטראכטנדיק גוט די געביידע מיט אירע הויכע קוימענס, פון וואנען עס האבן ארויסגעזעצט געדיכטע זיילן רויך, האט ער פלוצלינג באמערקט א מענטשן ארויסקומען פון דארט.

— זאגט מיר, פריינט-לעבן, וואס פאר א מין הויז איז עס? — וואנדעט זיך רחביה צום מענטשן מיט גרוים נייגעריקייט.

— אט, דא, ווערן אויסגעארבעט אלערליי קריגס-מאשינען — ענט-פערט אים דער מאן אין א העפלעכן טאן — קאנאנען, שווערדן און ביקסן, קוילנווארפער און שפיזן. זייער א סך מענטשן באשעפטיקן זיך טאג-טעגלעך ביי דער ארבעט.

רחביה איז געבליבן שטיין פארוואונדערט און האט געטראכט:

— אך, ס'ארא פוסטע קעפ עס זיינען די מענטשן, וואס פארנעמען זיך מיט אזעלכע נארישקייטן. צו וואס דארפן זיי עס?

אפגייענדיק נאך א שטיק וועג האט דער נאאיווער פאסטוך דער-זען ווי יונגע מענטשן שפרייזן ארום אין א גרויסן הויף אין דער לענג און ברייט מיט שטאלצע און פעסטע טריט, אונטער די קלאנגען פון טרומייטן און פויקן-דונער באגלייטן זייער פוס-טריט: פאראוים, צוריק, רעכטס, לינקס!

— וואס פארא ארבעט איז דאס? —פרעגט ווייטער רחביה— אט, די יונגעלייט היטן דעם קעניגס קאפ און באשיצן דאס לאנד — האבן אים געענטפערט פארבייגייער. דער ענטפער איז אים אבער געבליבן אומפארשטענדלעך, עפעס ווי א מין רעטעניש: — וואס פלוצלינג? ווער פלאנט דען אן אטענטאט אויפן קעניג און וועלכע מענטשן ווילן דאס לאנד פארכאפן?

רחביה איז געגאנגען און געגאנגען און אלץ באוואונדערט זאכן וואס

זיינע אויגן האָבן קיינמאָל פריער ניט געזען, ביז ער איז אָנגעקומען אין דער שטאָט פון האַניק-סוחר און גלייך אריין צו אים אין הויז און געבעטן ער זאָל אים פארקויפן אַ קריגל האָניק.

אָנגיסנדיק דאָס קריגל פול, האָט איין טראָפן האָניק אַראָפּגערונען אויף דער ערד און אַ פליג האָט זיך אַוועקגעשטעלט און פון אים גע־זויגן. פלוצלינג האָט די קאַץ פון הויז אויף דער פליג אַ שפרונג געטון און איר אין איין אויגנבליק איינגעשלונגען און נאָכהער זיך אַוועקגע־זעצט רואיק לעקן די לאַפּעס. רחביה'ס הונט, וועלכער האָט פון דער זייט צוגעקוקט די חוצפה, האָט זיינע שאַרפע ציין אַריינגעשטאָכן אין דער קאַץ און איר צו דער ערד אַנידערגעוואָרפן. לאַנג האָט זי זיך מיטן בייזן הונט געראַנגלט און ביטער געמיאוקעט ביז זי איז אַוועקגעפאַלן טויט. בוקיה איז דאַן זייער אין כעס געוואָרן אויפן הונט און כאַפנדיק אַ גראָבן שטעקן אין האַנט, האָט ער אים אין קאָפּ דערלאַנגט און דער'הרג'עט.

* * *

דערזעענדיק זיין געטרייען הונט טויט, האָט רחביה'ן פאַרקלעמט שטאַרק ביים האַרץ און פון גרויס אויפרעגונג האָט ער מיטן זעלבן שטעקן אָנגעהויבן שלאָגן בוקיה'ן איבערן קאָפּ אָן רחמנות. אין אָנפאַנג האָט בוקיה געפּרואווט זיך פאַרטיידיקן מיט אַ שייט האָלץ אין האַנט, דער פאַסטוך איז אָבער געווען שטאַרקער און האָט ענדלעך זיין קעג־נער אומגעוואָרפן און צום טויט דערשלאָגן.

ווען בוקיה'ס קינדער האָבן צוגעזען דעם טראַגישן סוף פון זייער פאָטער, האָבן זיי ביטער געקלאָגט און געוויינט, ביז עס זיינען זיך צו־נויפגעלאָפן מענטשן פון אַלע עקן שטאָט, וועמען דער טויט פון באַליבטן האָניק-סוחר האָט שטאַרק דערשיטערט און ווי די צערייצטע חיות האָבן זיי זיך אויף רחביה'ן אַרויפגעוואָרפן און אים אויף שטיקער צעריסן.

עס איז פאַרביי אַ טאָג און צוויי, די דאָרפסלייט האָבן אַלץ גע־וואַרט אויף זייער געטרייען פאַסטוך. דערהערנדיק אָבער די טרויעריקע ידיעה אַז ער איז אומגעקומען דורך אַ מערדערישער האַנט פון אַ רייכן גוט-באַזיצער, זיינען זיי אויפגעבראַכט געוואָרן און געזוכט נקמה צו נעמען פון די רייכע שטאָט-באַזיצער. אַן אַרמיי פון דורכאויס דאָרפס־פּויערים האָט זיך באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַלערליי וואָפן און דערקלערט אַן אָפענעם קאַמף דער שטאָט. מיטן וועג האָבן זיך מיטגעצויגן גרויסע מאַסן פון אַלע אַרומיקע דערפער, וועמען ס'האָט טיף דערשיטערט דער טויט פון אָרימען רחביה און זיי האָבן צוזאַמען מאַר־שירט. אין אָנפאַנג האָבן זיי געשיקט דעלעגאַטן צו פאַרהאַנדלען וועגן שלום, אויב מ'וועט נאָר אַרויסגעבן די מערדער פון פאַסטוך. האָבן אָבער די שטאָלצע שטאָט-לייט, די שליחים אין קייטן געבונדן און אין תפיסה פאַרשפּאַרט, דאַן האָט די פּויערים-אַרמיי באַלאַגערט די שטאָט און קיינעם פון דאָרט ניט אַרויסגעלאָזט.

דערוויסנדיק זיך וועגן דער קריגס-שטימונג זיינען די ארומיקע שטעט און פראווינצן געקומען צו הילף דער באלאגערטער שטאט, כדי איר צו באפרייען פון די פאסטוכער. האט זיך אבער גלייכצייטיק אויך פארמערט און פארשטארקט די צאל פון די דארפס-ארמייען, וועלכע זיינען אויפגעברויזט געווארן צוליב דער גרויזאמקייט פון דער שטאט און די גרויסע עוולה וואס מען איז באגאנגען קעגן די שלום-דעלעגאטן. מיט גוואלט האבן זיי זיך אריינגעריסן אין שטאט און פארפירט א מלחמה מיט זיי, אין וועלכער עס זיינען אויך אומגעקומען בירגער פון פרעמדע פעלקער.

די פעלקער האבן זיך פאראינטערעסירט מיטן גורל פון די אונטער-טאנער, וועלכע האבן אומשולדיק פארלוירן זייער לעבן און האבן באשלאסן צו קעמפן מיט די פאסטוכער און זיי פון דער וועלט אויסראטן. האבן זיך אבער איינצייטיק געפונען אנדערע פעלקער, פריינט פון דעם פאסטוכער-צד, וועלכע האבן רחמנות געקראגן אויף ארימע פויערים-ארבעטער, וועמען עס דראט א געפאר אומצוקומען דורך די רייכע שטאט-מענטשן.

* * *

אזוי האט זיך צעפלאקערט אן אלוועלטלעכער קריג, וואס האט מיטגעריסן און אריינגעצויגן פעלקער און לענדער פון פארשיידענע רעליגיעס און אפגעקאסט גוואלדיקע מענטשן-קרבנות. ברידער האבן קעגן ברידער געקעמפט, עלטערן קעגן קינדער, די בלוטיקע שווערד האט געשניטן אויף רעכטס און לינקס, אן אויפהער און פון גאנצע מדינות א תל געמאכט און זיי אין חורבות פארוואנדלט. דער פויער האט זיין אקער פארלאזט, דער שמיד זיין קוזניע. אלע צוזאמען, יונג און אלט, קינד און קייט, ווער ס'איז נאר פעאיק געווען געווער צו טראגן, איז מאביליזירט געווארן און זיך אוועקגעלאזט אויפן שלאכטפעלד מיטן שונא קעמפן און די וועלט פארכאפן. דעם מענטשנס הארץ איז טעמפ געווארן, הארט ווי א קיזלשטיין, אומברחמנות'דיק און געפיללאז. א פאטער האט זיין אייגן קינד נישט געשוינט און א ברודער קיין ברודער האט ניט דערקענט. לאנד און טייך, בערג און טאלן, זיינען מיט טויטע קערפערס באדעקט געווארן, עס איז געווארן א מורא'דיקער עיפוש, וואס האט געבראכט מיט זיך א שרעקלעכע עפידעמיע, וועלכע האט צעפרעסן די לעבנס-פארבליבענע און זיי פארניכטעט. הונגער-ליידנדע זיינען אין די טויזנטער געפאלן אויף די גאסן, נאך מער ווי אויף די מלחמה-פעלדער, ערדן נישט-צעאקערטע און אומפארזייטע, האבן נאר ווילדע דערנער ארויסגעגעבן, אן א שום שפור פון תבואה-קערנער.

גאט האט געזען ווי די ערד איז פארדארבן און מיט בלוט-פלעקן באשמוצט. דער מענטשן זינדיקט און לויערט נאר נאך רויב און בלוט-פארגיסונג, האט ער חרטה באקומען דערויף וואס ער האט דעם זינדיקן

מענטשן באַשאַפן. אַ האָגל פון שוועבל און פייער איז דאַן אויף דער וועלט אַנגעשיקט געוואָרן, וואָס זוייערט נאָך ביז היינט און האַלט אין איין פאַרניכטן דאָס בעסטע און שענסטע, וואָס די וועלט האָט אַמאָל פאַרמאָגט...

די פויק

אַ דאָרפס-מאַן פון די לבנון-בערג, האָט זיך אַמאָל אין אַ טאָג אוועק געלאָזט קיין דמשק און דאָרט פאַרקויפט דאָס גרינוואַרג פון זיין גאָרטן, פאַר וועלכן ער האָט אָפּגעלייזט שיין געלט.

פאָרן צוריקגיין אַהיים, פאַרנאַכט-צו, האָט ער זיך דערמאָנט וועגן אַ מתנה פאַר זיין קליינעם זון און איז גלייך אוועק אין אַ קראָם פון שפּילצייג און דאָרט איינגעהאַנדלט אַ פויק.

גייענדיק אָבער אין וועג מיטן אָפּגעלייזטן געלט, האָט ער מורא געקראָגן פאַר גזלנים. אַנטקעגן, פונקט אין מיטן פעלד, איז געשטאַנען אַ פאַרלאָזט הויז מיט אַ גרויסן אויוון אין דער מיט שטוב, וואו עס איז קענטיק אַמאָל געווען אַ בעקעריי. אַריינקומענדיק אין ליידיקן הויז, איז דער פויער אַריינגעקראָכן אין אויוון און געלאָזט אָפן די טיר, כדי עס זאָל קיינעם ניט איינפאַלן אַפילו, אַז עמיצער געפינט זיך דאָ. ליגנדיק אין אויוון, ער איז באַלד האַרט איינגעשלאָפן און פאַרגעסן וואו ער געפינט זיך.

נאָך אַ האַלבער נאַכט האָט זיך דער פויער אויפגעכאַפּט אַ שטאַרק דערשראָקענער און דערהערט ווי עמיצער שפּאַצירט אַרום מיט פעסטע טריט איבער דער שטוב און אָטעמט שווער מיט דער נאָז, גלייך ווי ער זאָל עפּעס זוכן און נישטערן אין אַלע ווינקעלעך. אַרויסקוקנדיק דערשראָקן פון אויוון, האָט ער דערזען קעגן דער לבנה-שיין דורכן קוימען, אַ גרויסן בער, וואָס שטעקט אַריין די נאָז אין אויוון.

וואָס טוט מען דאָ? — איז אים די נשמה אַרויס פאַר פחד — קיין געווער פאַרמאָג איך ניט און האָב נישט מיט וואָס צו פאַרטיידיקן זיך קעגן דער ווילדער חיה... אוי, אַן אומגליק!...

דערמאָנענדיק זיך אָבער אין דער פויק, וואָס ליגט ביי אים צו־קאָפּנס, איז ער געפאַלן אויף אַ קלוגער עצה: — ער האָט מיט ביידע הענט אָנגעהויבן פויקן מיט זיין גאַנצן כוח און דערצו נאָך ריטשען אויף אַ גראָב קול פון אויוון-אַרויס, וואָס האָט פאַרטויבט און צעטומלט דעם בער, וועלכער איז צוריקגעשפּרונגען און זיך געלאָזט מיט אימפּעט צו דער טיר.

טרעפנדיק אָבער די טיר פאַרהאַקט, צוליב אַ שטאַרקן שטורעם-ווינט, וואָס האָט פּלוצלינג אויסגעבראָכן, האָט זיך דער בער געוואָרפן אין אַלע זייטן און איז נאָך מער צעווילדעוועט געוואָרן פון דעם דונערן

און פויקן, וואָס עס האָט זיך געהערט פון אויוון. ער איז אַרונטערגע־שפּרונגען און געלאָפן איבערן הויז ווי אַ משוגענער און אַזוי ווילד גע־ברומט, אַז די ווענט האָבן אָנגעהויבן ציטערן.

* * *

פאַרטאָג, ווי נאָר עס איז ליכטיק געוואָרן, זיינען פאַרבייגעפאָרן צוויי טעפּער מיט זייערע אָנגעלאָדענע מויל־אייזלען, וואָס האָבן אויף זיך געטראָגן פאַרשידענע ערדענע כלים: טעפּ, קריגלעך און ליימענע שיסלען. דערהערנדיק דעם טומל און די שרעקלעכע דונערן און פּויקן פון הויז אַרויס, זיינען זיי נייגעריק געוואָרן צו זען, וואָס דאָרט קומט פאָר.

אויפעפענענדיק די טיר איז זיי דער בער באַפאַלן און אומגעוואָרפן און אַליין איז ער אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. דערזעענדיק די ווילדע חיה, האָבן זיך די מויל־אייזלען שטאַרק דערשראָקן און אויפגעהויבן די פיס און זיינען אַוועק אין אַ ווילדן גאַלאָפּ אין ווייטן פעלד אַריין, וואו זיי האָבן זיך פאַרטשעפּעט אין געדיכטע בוימער און אין פעלזן־שטיינער און צעבראָכן די טעפּ און קריגלען אויף שטיקלעך און פאַראורזאַכט גרויס שאָדן. ענדלעך, ווען עס איז נאָך פיל מי געלונגען אומצוקערן די אייזלען און זיי באַרואיקן, איז דער פויער אַרויס באַדאַנקען די גוטע טעפּ־הענדלער פאַר דער טובה, וואָס זיי האָבן אים באַפרייט פון בער.

— זע נאָר וואָס פאַר אַ שאָדן דו האָסט אונז פאַראורזאַכט מיט דיין בער, דו ווילדער מענטש איינער! — האָבן אים די אָרימע טעפּער גענומען שילטן און זידלען — און דורכאויס געפאָדערט ער זאָל זיי גלייך באַצאָלן פאַר די צעבראָכענע כלים, אויב נישט — וועלן זיי אים טויטן אויפן אָרט...

דער פויער פּרוווט זיי דערציילן וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט, ווילן זיי אָבער אפילו נישט הערן און שרייען: „פריער באַצאָל און דער־נאָך וועסטו אונז דערציילן דיינע נאַרישע מעשיות!..

דערזעענדיק זיך אין קלעם, איז דער פויער דאָך נישט פאַרצווייפלט געוואָרן. ער האָט נאָך העכער אויפגעהויבן זיין שטימע און מיט כעס געדונערט אויפן קול: — וואָס ווילט איר פון מיר האָבן, רשעים, איך מאָנט ביי מיר געלט פאַר אייערע צעבראָכענע טשערעפּעס?... באַצאָלט מיר פריער פאַר מיין בער, וואָס איך האָט פאַרטאָגט! אוי, אַזאַ געלערנ־טער בער, וואָס האָט מיך אַזוי פיל געלט אָפּגעקאָסט; וועלכן איך פלעג אַרומפירן איבער אַלע גרויסע שטעט, וואו ער פלעגט טאַנצן און באַ־ווייזן וואונדער־קונצן, פאַר וועלכע מענטשן האָבן גוט געלט באַצאָלט און איך האָב דערוויל אַ לעבן געמאַכט און שיין פּרנסה געהאַט... אָבער איצט, וואָס? נייך, מזיקים, איך לאָז אייך נישט אָפּ, קומט מיט מיר קיין דמשק צום ריכטער, דאָרט וועלן מיר זען!...

דערהערנדיק אַזעלכע טענות, האָבן די טעפּ־הענדלער געכאַפּט

זייערע מויל-אייזלען און גענומען אַפּציען. לויפט זיי נאָך דער פּויער און מאַכט אַ געוואלד: — וואוהין גייט איר, רויבער, גזלנים? קומט קיין דמשק, אין געריכט! זיי, ווידער, האַלטן אין איין דערווייטערן זיך און לויפן ווי פייל פון בויגן, ביז זיי זיינען פון אויג פאַרשוואונדן אין דער טיפער ווייטקייט פון וואלד.

אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז אַלע זיינען אַרויס גאַנץ און צופרידן: די טעפּער — ווייל זיי זיינען אַנטלאָפן פון געריכט; דער פּויער — ווייל ער איז ניצול געוואָרן פון בער; דער בער — אוודאי און אוודאי, ווייל ער האָט זיך באַפרייט פון אַזאַ מין מאָדנער באַשאַפעניש, וואָס האָט געדונערט פון אויבן-אַרויס מיט שרעקלעכע קולות, און אים צעטומלט און שיעור נישט משוגע געמאַכט; אָבער מער פון אַלע האָט זיך געפרייט דעם פּויערס קליינער זון, מיט דער שיינער מתנה, וואָס זיין טאַטער האָט אים געבראַכט פון דמשק — אַ פּויק.

דער זאַטער פּויער און דער אָרעמער וועבער

אין אַ לאַנד האָט אַמאָל אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער הונגער. די טייכן זיינען אַרויס פון די ברעגן און האָבן פאַרפלייצט און פאַרטרונקען אַלע תבואות פון דער ערד. נאָר די פעלדער פון בערגיקע געגנטן זיינען פאַרבליבן אומבאַרירט פון דער שרעקלעכער וואַסער-פאַרפלייצונג. די פרייזן אויף קאָרן און ווייץ האָבן אַזוי אַרום פון טאָג צו טאָג געהאַלטן אין איין שטייגן און פאַראורזאַכט אַ געפערלעכן יקרות אויף לעבנס-פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך. אָרימעלייט זיינען איינפאַך אויסגעגאַנגען פון הונגער.

אין יענער צייט, האָט איינער אַ פּויער צונויפגעזאַמלט די תבואה פון זיינע פעלדער, וואָס האָבן ווייניק וואָס געליטן פון דער פאַרפליי-צונג און האָט קיינעם ניט געוואָלט פאַרקויפן זיין תבואה. — ביז אַ מעסטל קאָרן וועט נישט באַטרעפן פיר טאַלער, וועל איך מיין שפּייכ-לער נישט עפענען — אַזוי האָט דער זאַטער און געלט-גייציקער פּויער באַשלאָסן געוויסנלאָז, אָן שום רחמנות-געפיל. מענטשן זיינען שעה׳נ-ווייז געשטאַנען אין לאַנגע שורות און אין זיינע טירן געקלאַפּט מיט גע-וויין און געבעט, ער זאָל זיי פאַרקויפן ברויט און ער ווידער, האָט אַלע-מען אָפּגעזאָגט און צומאָל קיינעם קיין וואָרט ניט געענטפערט. כדי אָבער צו מעלדן אַ יעדן דעם פּרייז פון קאָרן, האָט ער מיט אַ שוואַרצער קויל אָנגעשריבן אויפן טויער פון זיין שפּייכלער די צאָל „פיר" מיט אַ גרויסער און שוואַרצער שריפט.

אין איינעם אַ טאָג, האָט זיך אויף דער שוועל פון פּויערס הויז באַ-וויזן דער וועבער פון דאָרף, אַן אָרימער אַרבעטסזאַמער מענטש, וועמענס אויסגעדאַרט און מאָגער פּנים האָט עדות געזאָגט, אַז ער ליידט

שוין לאַנג פֿון ברויט-מאַנגל. אויסשיטנדיק פֿון קעשענע אויפֿן טיש זיין גאַנץ פֿאַרמעגן, וואָס איז באַשטאַנען פֿון קנאַפּע פֿיר טאָלער קליין-געלט, האָט ער מיט טרערן אָנגעהויבן בעטן:

— ליבער האַר, האָב רחמנות אויף מיין אָרעמער פֿאַמיליע און פֿאַרקויף מיר אַ מעסטל תבואה, וועלן מיר אָפּבאַקן ברויט און דער-האַלטן די קינדער ביים לעבן!...

— ניין, אומזיסט איז דיין בעטן — האָט אים דער האַרט-האַרציקער פֿויער צוריקגעוואָרפֿן דאָס געלט, צו וועלכן עס האָבן געפֿעלט אַ פּאָר בענטש צו די פֿיר טאָלער. — איך וועל פֿון דער באַשטימטער פּרייז קיין איין סענט ניט אַראָפּלאָזן!

— טאַטע, טו מיר צוליב און פֿאַרקויף דעם אָרימען וועבער קאָרן, זאָל ער זיינע הונגעריקע קינדערלעך דערהאַלטן ביים לעבן — האָט דעם פֿויערס זון זיין פֿאָטער געצויגן פֿאַר די פּאָלעס — זעסט דאָך, אַז ער פֿאַרמאָגט נישט מער!

דער פֿאָטער אָבער, האָט מיט בייזקייט דעם זון געגעבן צו פֿאַר-שטיין, אַז ביי מסחר גילט נישט קיין רחמנות און אים פֿון זיך אָפּגע-שטויסן.

דער אָרעמער וועבער האָט נעבעך געמוזט צונויפשאַרן צוריק דאָס ביסל מינץ פֿון טיש און אַנטוישט און פֿאַרביטערט האָט ער פֿאַרלאָזט דעם פֿויערס הויז.

* * *

פֿאַרנאַכט-צו, האָבן די צייטונגען מיט גרויסע אותיות געמאָלדן, אַז אַ מעסטל תבואה באַטרעפֿט פֿיר טאָלער.

די דאָזיקע ידיעה האָט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט דעם פֿויערס האָפֿ-נונג און אָנגעפֿולט זיין האַרץ מיט שמחה. ער איז געווען אין זיבעטן הימל. — ערשט איצט וועל איך רייך ווערן! — האָט ער געקוואָלן פֿון נחת, — איך פֿאַרמאָג אַזוי פֿיל תבואה און וועל ווערן אַ פֿילפֿאַכיקער גביר!

נישט וועלנדיק פֿאַרלירן קיין צייט, האָט דער געלט-גייציקער מענטש געכאַפּט אויף שנעל און אָנגעצונדן אַ ליכט און איז אריין אין זיין רייכן שפּייכלער, אָפּצושאַצן און אויסצורעכענען פֿאַראויס זיין פֿאַר-מעגן, וויפֿל געלט ער קען מאַכן פֿון די אָנגעשאָטענע זעק קאָרן און סטערטעס נאָך נישט אויסגעדראָשענע תבואה.

אַרויפֿקלעטערנדיק אָבער אויף אַהויכער סטערטע תבואה, האָט ער זיך פּלוצלינג אויסגעגליטשט און איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דער הויך. דאָס ברענענדיקע ליכט איז אים פֿון האַנט אַרויס און האָט אָנגעצונדן אַ טייל תבואה פֿון ווינקל, און נאָך איידער דער פֿויער האָט באַוויזן זיך אויפֿצוהויבן פֿון אָרט, האָט דאָס פֿייער אַרומגעכאַפּט דעם שפּייכ-

לער פון אלע עקן. בייזע פייער-צונגען און שווארצע קנוילן רויך האבן אנגעהויבן ארויסזעצן פון אלע פיר זייטן, און וואס ווייטער זיך אלץ מער צעפלאקערט און צעברענט ביז זיי האבן פארוואנדלט דעם גאנצן תבואה-אוצר אין איין בארג אש, פון וואגען ער אליין האט זיך קוים מיטן לעבן ארויסגעראטעוועט.

אזוי איז עס געשען: אין דער זעלבער נאכט, וואס דער פויער האט אויסגערעכנט צו ווערן דער רייכסטער מענטש פון דער געגנט, איז ער פלוצלינג געווארן דער אריםסטער פון די ארימע...

די געהיימע האנט

אין ירושלים איז נאך די זון געשטאנען אין מיטן הימל און האט העל באלויכטן די שיינע שטאט, ווען דריי מיידלעך זיינען געזעסן צוזאמען אויפן גאניק פון א הויז, אונטערן שאטן פון בליענדע מאנדלבוימער און געלייענט פון א בוך אן אינטערעסאנטע דערציילונג. זיי האבן גלייכצייטיק אויך איינגעפלאכטן סטענגעס איינע אין דער צווייטערס געקרייזלטע לאקן און אזוי אינטים פארבראכט די צייט.

צו דער זעלבער צייט זיינען פארבייגעגאנגען דריי ישיבה-בחורים, וועלכע האבן צווישן זיך געפירט א געשפרעך וועגן א שווערן לימוד, וואס איז דעם טאג געלערנט געווארן אין ישיבה. שטארק פארטיפט אין געדאנקען זיינען אלע געווען, אויסער איינעם, א יונגער בחור מיט א בלאס איידל פנים, פון וועלכן עס האבן ארויסגעקוקט צוויי שיינע אויגן ווי צוויי שיינענדיקע לבנות. ער האט אפגעווענדעט זיין בליק פון זיינע חברים און געווארפן אן אויג אויף איינער פון די מיידלאך, וואס האט געהייסן אבישג.

די זון האט שוין געהאלטן ביים אונטערגיין און די מיידלאך זיינען נאך אלץ געזעסן אויפן זעלבן פלאץ, דאס מאל געארעמט און צוזאמענגעשלאסן, באטראכטנדיק מיט פיל אויפמערקזאמקייט די זון, ווי זי לאזט זיך אראפ אזוי לאנגזאם מיט פאמעלעכע טריט און פארשווינדט הינטער די בערג.

פלוצלינג האט ווי א ווייסע שיין א זעץ-געטון אין זייערע פנים'ער און א בלאסע געהיימע האנט האט זיך פון דער הויך אראפגעלאזט, און אנגעכאפט אבישג'ס האנט און אנגעטאן אויף איר פינגער א גאלדן רינגעלע, אויסרופנדיק דערביי: — דו ווערסט צו מיר פאר'קנס'ט!...

די האנט האט זיך באלד צוריק אויפגעהויבן און איז ווי א ווייסע טויב פארשוואונדן אין דער ווייטער אומענדלעכקייט.

דערזעענדיק אזא וואונדער, זיינען די מיידלעך געבליבן זיצן דערשטוינט און האבן באוואונדערט די געשעעניש. ווי די נאכט האט זיך

אנגערוקט און עס איז פינסטער געוואָרן, האָבן די מיידלאַך דעם גאַניק פאַרלאָזט און זיך צוריקגעקערט אַהיים.

פון דאַן אָן, זיינען יאָרן פאַרלאָפן און די זאַך איז כמעט ווי פאַר־געסן געוואָרן.

אבישג׳ס עלטערן האָבן דערווייל אָנגעהויבן זוכן פאַר איר אַ יונ־געמאַן, כדי איר חתונה־מאַכן, און האָבן ענדלעך אַזעלכן אויסגעפונען אין אַ שידוך־געטון.

* * *

איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען אבישג האָט ארומשפאַצירט מיט איר חתן אויסער דער שטאָט, איז זיי אַנטקעגנגעקומען דער זעלבער גע־היימניספולער ישיבה־בחור, וועלכער האָט זי אַמאָל פאַר׳קנס׳ט אונטער די מאַנדלבוימער און געהאַט אַ טענה צו איר:

—דו ביסט דאָך מיין כלה, הלמאי זשע שפּאַצירסטו מיט אַן אַנ־דערן?

אבישג איז גלייך אַוועקגעלאָפן צום הויפּט־חכם פון ירושלים און אים אויסדערציילט די פּאַסירונג. האָט דער חכם צונויפגערופן זיין בית־דין, וועלכער האָט נאָך אַ לאַנגער באַראַטונג אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל, לויט וועלכן די מיידל געהער צו איר פריערדיקן חתן, נישט מער, די חתונה מוז אָפּגעלייגט ווערן אויף אַ יאָר צייט.

אבישג׳ס עלטערן האָבן אָבער דעם פּסק נישט אויסגעפאָלגט און געפירט זייער טאָכטער צו דער חופּה מיטן יונגנמאַן, וועלכן זיי האָבן פאַר איר באַשטימט.

שטייענדיק אונטער דער חופּה האָט זיך פּלוצלינג די זעלבע בלאַסע האַנט באַוויזן און אַ צאַרטע שטימע האָט ווי פון אַ געהיים אָרט אויס־געקלונגען:

— אבישג, האָב איך נישט די זכיה דיך פאַר מיין פרוי צו האָבן, דערלויב מיר דיר כאָטש איינמאָל אַ קוש־טאָן!..

— אפילו צוויי מאָל, — האָבן די בייוועזנדע געענטפערט.

עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ קלינגענדיקער הייסער קוש, פון וועלכן אבישג האָט זיך אַ דערשראָקענע צו דער ערד אַראָפּגעבויגן און איז שוין פון דאָרט קיין לעבעדיקע נישט אויפגעשטאַנען...

דריי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט גאָט בעטן

דריי אָרעמע וואַנדערער האָבן זיך נאָך אַ האַלבן טאָג אַרויסגע־לאָזט צוזאַמען אין וועג. אָפּגייענדיק אַ לאַנגע שטרעקע ווייט פון ישוב, האָבן זיך פּלוצלינג די הימלען פאַרוואָלקנט און עס האָט אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער שטורעם־ווינט, וועלכער האָט אַרויסגעריסן בוימער מיט די וואָרצלען און זיילן שטויב אין דער לופטן געטראָגן. עס האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן און אַ שלאַקס רעגן האָט זיך באַלד אויף דער ערד אַראָפּגעלאָזט, וועלכער האָט פאַרפלייצט ווי אַ מבול דעם וועג און אוממעגלעך געמאַכט אַ טראָט צו געבן. זיינען די אַלע דריי מענטשן געבליבן שטיין אינמיטן וועג, פאַרנעצט און אויסגעוויקט פון רעגן און ווייטער נישט געקאָנט גיין. זיי האָבן אָבער גלייכצייטיק באַמערקט פונדערווייטנס אַ הייל אונטערן באַרג. זיי האָבן זיך אַהין קוים דער־שלאָגן און דאָרט פאַרבליבן נעכטיקן די נאַכט. אינדערפרי, ווען די דונערן האָבן אויפגעהערט און פון קיין רעגן איז שוין קיין סימן ניט גע־ווען, האָבן די מענטשן געוואָלט פאַרלאָזן די הייל און אַרויס אויף דער פריי. איז אָבער פּלוצלינג פון שפּיץ באַרג אַ שווערער שטיין אַראָפּגע־פאַלן און פאַרדעקט דאָס מויל פון הייל, און עס איז פון דאָרט ניט מעג־לעך געווען אַרויסצוקריכן. האָבן זיך אַלע דריי וואַנדערער געפּרואווט מיט אָנגעשטרענגטע כוחות צו באַפרייען דעם אַרויסגאַנג פון הייל און רירן דעם שטיין פון אָרט, אָבער אומזיסט. צו פעסט און שווער איז ער געלעגן ווי אַ צוגעשמידטער צום לאָך פון הייל, און קיין קראַפט האָט ניט געגוגנט אים פון דאָרט אַוועקצונעמען.

די לאַגע פון די אָרעמע וואַנדערער איז דאַן געוואָרן זייער אַ פאַר־צווייפלטע, ווייל זייער שפּייז האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט און וועד וויסט, צי וועט זיי ניט אויסקומען אויסגיין פון הונגער, אָט דאָ, אין דעם פינסטערן גרוב, צווישן די נאַסע ווענט, וואו קיינער וועט אפילו ניט וויסן וואוהין זייער געביין איז אַהינגעקומען.

* * *

ליגנדיק אַזוי פאַרצווייפלט אין דער פינסטערניש, אויסגעהונגערטע און ניט וויסנדיק וואָס צו טון און פון וואַנען זייער הילף קאָן קומען, האָבן זיך אַלע דריי מיטאַמאָל פון דער ערד אויפגעהויבן און זיך אַוועק־געשטעלט יעדער אין אַ ווינקעלע גאָט בעטן, ער זאָל זיי פון הימל זיין הילף שיקן און פון הונגער־טויט ראַטעווען. האָט זיך איינער אַנידערגע־שמעלט און אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ צו גאָט און שטיל מתפלל געווען, דערמאָנענדיק דערביי דאָס פיל גוטס און גערעכטיקייט, וואָס ער האָט ביי זיין לעבן אויף דער וועלט אויפגעטון און געבעטן אַז דער דאָזיקער זכות זאָל אים איצט ביישטיין. איז טאַקע באַלד אַ וואונדער געשען, און דער שטיין האָט זיך ווי אַ פינגער די גרוס פון אָרט אַ ריר געטון און אַ שטראַל ליכט האָט אין הייל אריינגעשיינט.

זעענדיק אַז תפילה העלפט, איז באַלד דער צווייטער אויפגעשטאַנען און זיך גענומען גאָט בעטן. ער האָט אויך אַלס זייער פרומער מענטש, וואָס האָט אַסך מענטשן פיל געהאָלפן און ערלעך געלעבט, גענומען אויסרעכענען זיינע גרויס צדקה און די טובות, וואָס ער האָט געטון און דערביי געבעטן אַז גאָט זאָל אויף אים רחמנות האָבן. האָט זיך דאָן נאָך אַ גרעסערער נס באַוויזן און דער שטיין האָט זיך ווי די ברייט פון אַ האַנט פון אָרט גערירט און אַ גרעסערע זונען-שיין איז אַריינגעפאַלן פון דער הויך און באַלויכטן די פינסטערע הייל און אַלעמען די אויגן געעפנט.

דער דריטער וואַנדערער אָבער, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט גאָט בעטן, האָט קיין שום זאַך נישט דערמאָנט, און זיך מיט גאָר גיט באַרימט. ער האָט זיך געהאַלטן זייער באַשיידן און שטילערהייט פון טיפן האַרצן אַזוי געזאָגט:

— האַר פון דער וועלט, דערבאַרעמדיקער גאָט! איך ווייס גיט וואָס אויסצורעכענען און קאָן מיינע גוטסקייטן ניט דערמאָנען, ווייל וויפל אַ מענטש טוט איז דאָך ווייניק. דעריבער בעט איך דיך: האָב רחמנות אויף אונז און ראַטעווע אָרעמע וואַנדערער פון אומקום!

און עס איז געשען: ביי די דאָזיקע ריינע תפילה און באַשיידענעם האַרץ-אויסגוס, האָט זיך דער שטיין אין זיין גאַנצער גרויס מיטאַמאָל פון דער הייל אָפגערוקט און אַלע דריי וואַנדערער זיינען פון דאָרט אַרויס בשלום...

*

דער רייכער מאַן און זיין לייכטזיניקער זון

אַמאָל האָט אַ רייכער מענטש פאַרמאָגט אַן איינציקן זון, זייער אַ לייכטזיניקן און אַ פוילן, וועלכער פלעגט ליב האָבן גאַנצע טעג אַרומגיין ליידיק און גאָרנישט וועלן טון. איין זאַך נאָר האָט ער געוואוסט: גנב'ענען געלט ביים פאָטער און עס אויסברענגען אויף נאַרישקייטן.

— וואָס טוט מען מיט אַזאַ נאַריש קינד? — פלעגט דער פאָטער טראַכטן און זוכן מיטלען, ווי אַזוי צו צוימען זיינע שלעכטע זיטן און געוואוינהייטן.

ענדלעך האָט ער זיך דערטראַכט. ער איז געקומען צו דעם דאָזיקן באַשלוס: ער האָט אין אַ טאָג געדונגען אַ פור און אַוועקגעפירט דעם זון אין אַ ווייט דאָרף, וואו ער האָט אים איבערגעלאָזט אויף אַ יאָר צייט ביי זיינעם אַ באַקאַנטן רייכן פויער אויף אַ פאַרם, ער זאָל מוזן שוואַרצע אַרבעט פאַר אַ גאָר קליינעם געהאַלט.

קענענדיק אָבער דעם אָפּשטאַם פון זיין אַרבעטער, האָט אים דער בעל-הבית געשוינט און זייער העפלעך באַהאַנדלט. ער האָט אים געגעבן גוטע קעסט און אויך שיין געקליידעט.

אָפּאַרבעטנדיק דאָס יאָר, האָט אים דער פויער באַצאָלט ווי געהעריק דעם לוין און אָפּגעשיקט אַהיים.

דער זון האָט זיך איבערגעבעטן מיט זײַן פאָטער און אים אָפּגע־געבן זײַן גאַנצן פאַרדינסט. ווי נאָר דער פאָטער האָט דאָס געלט אין האַנט געקראָגן, איז ער צוגעגאַנגען צו אַ טײַך און האָט עס ארײַנ־געוואָרפן.

דער זון האָט געזען וואָס זײַן פאָטער טוט און האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט.

* * *

אין אַ יאָר אַרום האָט דער פאָטער ווידער פאַרדונגען זײַן פוילן זון און דאָסמאָל צו אַן אַנדער פויער און אָנגעזאָגט מען זאָל אים נישט שאַנע־ווען: זאָל ער האַקן האָלץ און טראָגן וואַסער, רייניקן די פערד און מעלקן די קי און טון די שווערסטע אַרבעט.

מיינענדיק אָבער אַז דער מענטש מאַכט שפּאַס, האָט דער בעל־הבית דווקא געקוקט מיט רחמנות אויף זײַן דינער און אים באַהאַנדלט זייער גוט. עסן האָט ער אים געגעבן אַ סך און אַרבעט — ווינציק.

אַן אויסגעפּאַשעטער און גוט־באַקליידעטער האָט זיך דער פוילער זון אומגעקערט ענדע יאָר אַהיים מיט אַ פולן בײַטל געלט און אים דערלאַנגט דעם פאָטער. ער האָט עס ווידעראַמאָל געכאַפּט און אין וואַסער געוואָרפן פאַר די אויגן פון זײַן זון, וועלכער האָט עס גלײַכגילטיק צוגעקוקט און אים ניט געשטערט.

אויפן דריטן יאָר, אָבער, האָט שוין פּאַסירט גאָר עפּעס אַנדערש: דער פאָטער האָט אַוועקגעפירט זײַן זון צו זייער אַן אָרעמען פויער, ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף און אים פאַרדונגען פאַר אַ שוואַרצן אַרבעטער.

שווער און ביטער איז איצט געוואָרן דאָס לעבן פון דעם פוילן. ער האָט געמוזט אַרבעטן איבער די כוחות, עסן האָט ער געקראָגן קוים די נשמה צו דערהאַלטן און אין שמאַטעס איז ער אַרומגעגאַנגען אָנגעטון. טאָג ווי נאַכט פלעגט ער האָרעווען ווי אַן אייזל און קיינמאָל קיין רו נישט האָבן. זײַן שטרענגער באַלעבאָס פלעגט אים די יאָרן דערגייַן און אויף קיין רגע נישט לאָזן אָפּעטעמען. אין אָנפאַנג האָט אים דאָס שווערע אַרבעטן שטאַרק צעבראָכן און אין צענען אײַנגעבויגן זײַן קערפּער, ער פלעגט זיך באַוואַשן מיטן שווייס און באַווײַנען זײַן ביטער מזל. צוגעוואוינענדיק זיך, אָבער, ענדלעך צו דער אַרבעט, האָט ער איר ליב באַקומען און געבענשט די מי פון זײַנע הענט.

פאַרענדיקט דאָס יאָר אַרבעט, האָט אים דער פויער באַצאָלט זײַן אָרעמען לוין און אָפּגעשיקט אַהיים.

אַן אויסגעמאַטערטער און הונגעריקער איז דער זון צום טאַטן געקומען און אים דערלאַנגט דאָס ביסל געלט, ווי אַלע מאָל. דערזעענדיק אָבער דאָס מאָל, ווי זײַן פאָטער הויבט אויף די האַנט און וויל עס אין טײַך אַרײַנוואָרפן, האָט ער אָנגעהויבן ציטערן פאַר שרעק:

— ניין, טאטע! טו עס נישט! — האט ער דעם פאטער ביי דער האנט אנגעכאפט, — ווארף נישט קיין געלט אין וואסער אריין, ווייל מיט פיל מי און יסורים איז עס מיר אנגעקומען. זייער שווער און ביטער האב איך געארבעט איידער איך האב עס פארדינט!

דערזעענדיק די ענדערונג, וואס איז פארגעקומען אין כאראקטער פון זיין זון, צוליב ארבעטן פלייסיק, האט אים דער פאטער שוין מער אין ערגעץ נישט געשיקט, נאר געהאלטן ביי זיך אין דער היים מיט כבוד.

די פיר קוואלן וואסער

אינמיטן וועג, ארום א הויך בערגל, נים ווייט פון נצרת, האבן אמאל פון אלע פיר זייטן געפלייצט פיר קוואלן וואסער.

לויטער ווי קרישטאל, לעבעדיק און לוסטיק, האבן זיי אן אויפהער געכוואלעט זייערע קלארע וואסערלעך און זיך פארשפרייט העט, העט ווייט, איבער פעלדער און גערטנער, אנטרינקענדיק מיט א פולער מאס דעם גאנצן שטח לאנד, וועלכן זיי האבן אין א פעטן באדן פארוואנדלט און אייגגעהילט אין גרין גראז און אין פרוכטבארע תבואות-פעלדער.

פוסגייער פון גליל קיין ירושלים, פלעגן זיך מאסנוויז אפשטעלן ביי די דערמאנטע פיר קוואלן און זעטיקן זייער דורשט. דאס אנגעשעפטע קילע וואסער האט זיי איינפאך דערקוויקט און אפגעפרישט פון לאנגן וועג, באזונדערס אין די הייסע זומער-טעג, ווען שפיזיקע זונען-שטראלן האבן פון דער הויך זייערע קעפ געשטאכן און צעגליטע מדבר-זאמדן האבן זייערע פיס געברימ. אפרוענדיק זיך ביי די געבענטשטע וואסערן, האט דער וואנדערער נאכן אנטרינקען זיך, אפגעוואשן דאס פנים מיט פריש וואסער און איז ווי א נייער מענטש געווארן, מיט כח און מוט. מיט ברכה אויף די ליפן און מיט א פול מויל מיט דאנק, האט ער די קוואלן געבענטשט און זיי הארציק באגריסט פאר זייערע פרישע וואסערן, וואס האבן אים אויפגעלעבט און דעם וועג פארלייכטערט.

נים לאנג אבער האט דאס גליק אנגעהאלטן. פינסטערע טעג און וויסטע צייטן האבן זיך אויף די אידן ווי שווארצע כמארעס אנגערוקט, און צעשטערט זייער רואיק צופרידן לעבן.

די גרויזאמע רוימער האבן איינגענומען אלע גליל-פעסטונגען, צוזאמען מיט די ארומיקע שטעט.

דעם טאל יזרעאל האבן זיי דורכגעקרייצט אין דער לענג און אין דער ברייט און זיך געשטעלט אפרוען ביי די זעלבע פיר קוואלן וואסער און אנטרינקנדיק זיך, זיינען זיי זייער קרעפטיק געווארן. מיט א באנייטן כוח האבן זיי זיך אוועקגעלאזט קיין ירושלים, איר חרוב געמאכט און די אידן פון דארט ארויסגעטריבן.

וויסט איז געוואָרן דאָס לאַנד, צעשטערט די וועגן. פוסגייער האָבן אויפגעהערט מאַכן לוסטרייזעס קיין ירושלים. איינזאַמע און פאַרלאָזטע זיינען געבליבן שטיין די פיר קוואַלן און זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן און אויסגיסן זייער האַרץ פאַר גאָט:

— צו וואָס זאָלן שטראָמען מיינע וואַסערן פאַר פרעמדע! — האָט זיך דער ערשטער קוואַל באַקלאָגט. — ניין, עס איז ניט כדאי!

— מיין וואַסער איז אַזוי לויטער און קלאָר ווי קרישטאָל! — האָט דער צווייטער באַדויערט — זיינען דאָך אָבער די אידן פאַרטריבן געוואָרן פון מיר און צו וואָס נוצט די וואַסער מיינע?

— גאָט אין הימל! — האָט דער דריטער מיט אַ וואַסער־ברום געטרויערט — פאַרוואָס האָסטו דיין פאָלק פאַרטריבן? פאַר וועמענס וועגן שטראָם איך איצט?

— מיר זיינען באמת באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, דעם שונא האָבן מיר אָנגעטרונקען און אים געקרעפטיקט — האָט דער פערטער קוואַל פאַרביטערט פון גרויס חרטה זיך אליין און אויך זיינע חברים־קוואַלן באַשולדיקט — פאַרדינען מיר דען ניט באַשטראָפט צו ווערן?

— מיר שווערן הייליק — האָבן אַלע פיר קוואַלן ווי מיט איין מויל אויסגערופן אין אַ שבועה — ניט צו לאָזן מער דעם פיינט געניסן פון אונזערע וואַסערן. ניט קיין לעבן וועלן מיר דעם שונא געבן נאָר טויט און פאַרניכטונג, סיידן די אידן וועלן פון גלות זיך צוריקקערן, דאַן וועט פון אונז די קללה אַוועק, און מיר וועלן פאַר זיי ווידער ווערן ברכה און גליק.

* * *

יאָרן זיינען אַוועק און יובלען זיינען פאַרשוואונדן. די געבענטשטע פיר קוואַלן זיינען אין משך פון דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַרשאָלטענע שטראָמען און געבילדעט אַרום זיך שמוציקע זומפּן און עפּוש׳דיקע בלאָטעס, עס האָבן אין זיי געווימלט אומצאָליקע שעדלעכע פליגן און גיפטיקע אינזעקטן, וועלכע פלעגן פאַרשפּרייטן אַ שרעקלעכע מאַלאַריע־קראַנקייט און פאַרפּעסטעט דעם גאַנצן געגנט, אָנוואַרפנדיק אַ שרעק אויף יעדן וואָס עס האָט זיך דאָרט געוואָלט באַזעצן. און איז פון צייט צו צייט דאָרט יאָ אַ קליינער ישוב געגרינדעט געוואָרן, איז פון אים באַלד קיין שפּור ניט געבליבן, אויסער חורבות און קברים־בערגלאַך, באַוואַקסענע מיט דערנער און ווילדע גראָזן, וואָס האָבן אַרויסגערופן קללה און פאַרביטערונג.

ענדלעך איז דאָרט געשען דאָס גרויסע וואונדער: יונגע חלוצים, פול מיט ענערגיע און אַרבעטס־פעאיקייט, האָבן דעם טויטן באָדן באַטראָטן און אים געמאַכט אויפלעבן. צו־ערשט האָבן זיי אויסגעראָטן די דערנער און ווילד־גראָזן און נאָכהער אויסגעטריקנט די זומפּן. אין טיפע גראָבנס האָבן זיי די שמוציקע וואַסער אַראָפּגעצויגן, צעאַקערט

און פאַרזייט מיט תבואות. בוימער האָבן זיי פאַרפלאַנצט און בלומען פאַרזעצט. דאָס געוועזענע פאַרשאָלטענע אָרט איז גאָר אינגיכן אין אַ פרוכטבאַר ווינקל פאַרוואַנדלט געוואָרן, וואו עס האַלטן אין איין בליען און וואַקסן זאַפטיקע תבואות און דופטיקע בלומען, וואָס פאַרהאונדערן יעדנס אויג און פולן אָן זיין מויל מיט לויב און געזאַנג.

דער אידישער ישוב וואַקסט דאָרט און אַנטוויקלט זיך אַלס שענער און רומפולער. דאָס איז היינט די באַרימטע אידישע קאָלאָניע נהלל, וואָס אין עמק-יזרעאל.

דער אמת און דער ליגן

אין אַ מיט-וועג וואָס האָט געפירט צו אַ גרויסער שטאָט, האָבן זיך אַמאָל צוזאַמענגעטראָפן די צוויי וויטע קרובים, דער אמת מיטן שקר. ביידע האָבן זיי זיך געפרייט אויף דער זעלטענער באַגעגעניש, וואָס האָט זיי ביידע צופעליקערווייזע צוזאַמענגעבראַכט און פערזענלעך באַקאַנט.

דערוויל האָט זיך צווישן זיי פאַרפירט אַ געשפּרעך, וועגן די געשעפטן און מסחרים, וואָס יעדער פון זיי פירט אויס און מאַכט דורך אין לעבן אויף זיין שטייגער, און עס איז ביי זיי באַשלאָסן געוואָרן, אוועקלאָזן זיך זאַלבענאַנד אין איין וועג, וואָס דאַרף פיל געדויערן. גייענדיק אַזוי און דערזעענדיק פון נאָענט אַ שטאָט. רופט זיך אָן דער אמת צו זיין פריינט דעם ליגן:

— „ווייסט חבר, דער הונגער האָט מיך אָנגעהויבן גרויזאַם צו פּייניקן. איך שטאַרב נאָך עסן!".

— „זאָרג ניט, פריינט-לעבן! — זאָגט דער ליגן — קום מיט מיר, עס וועט דיר גאָר ניט פעלן, איך בין גרייט דיך באַזאָרגן מיט עסן וויפיל דו וועסט וועלן, נאָר איין תנאי, נעם איך מיט דיר אויס: האַלט ס'מויל, זאָלסט זען, הערן און שווייגן".

— „שווייגן"? — זאָל זיין אַזוי — באַשטייט דער אמת. וואָס אַרט עס מיך און וואָס גייט עס מיר אָן".

אריינקומענדיק אין שטאָט, האָבן זיי זיך אוועקגעלאָזט צו אַ רעסטאָראַן, דער ליגן גייט פאַראויס און דער אמת שלעפּט זיך נאָך.

— אָט דאָ וועלן מיר היינט עסן מיטאָג און זיך לאָזן וואוילגיין אויפן בעסטן אופן! — זאָגט דער שקר און לאַדט אויך איין זיין חבר.

אוועקזעצנדיק זיך ביי אַ טישל, רופט צו דער ליגן דעם רעסטאָראַטאָר, און הייסט אים ברענגען פון די בעסטע און שענסטע מאכלים וואָס ער פאַרמאָגט און אויך געשמאַקע געטראַנקען. יענער האָט אויסגעפאָלגט און ביידע — דער שקר און דער אמת — האָבן געגעסן און גע-

פרונקען מיט גרויס אַפּעטיט און זייער הנאה געהאַט, נאָך אַזוי פיל הונגער ליידן און מידקייט פון וועג.

* * *

נאָכן פאַרענדיקן די סעודה, האָט זיך דער ליגן דער ערשטער פון אָרט אויפגעהויבן און אָפּווישנדיק די הענט, האָט ער העפלעך צוגערופן דעם רעסטאָראַטאָר און מיט זייער אַן ערנסטן טאָן געזאָגט: נו, איצט, באַלעבאָס-לעבן, זייט אַזוי גוט און גיט מיר רעשט פון דעם געלט, וואָס כ'האָב אייך ערשט נאָר-וואָס געגעבן!

— וואָס געלט, ווער געלט? — ציט יענער מיט די אַקסלען און בטל'ט צו אים אויס זיינע חלומות. ווען האָסטו מיר געלט געגעבן?

— איר מאַכט שפּאַס? — שטעלט דער ליגן אַן אַ פּאָר ערנסטע אויגן אויפן רעסטאָראַטאָר, געדענקט איר דען ניט, אַז ביים אַריינגאַנג האָב איך אייך דאָס געלט אין האַנט דערלאַנגט. לויט מיין פירונג פון שטענדיק אַן פאַראויס צו באַצאָלן, כדי צו קאָנען זיצן דערנאָך רויִק ביים טיש און עסן אייגנס. וואָס מאַכט איר זיך תמ'עוואַטע? הערט אויף שפּאַסן און גיט אַפּ דעם רעשט, שנעלער, מיר האָבן קיין צייט ניט!

בלייבט שטיין דער באַלעבאָס ווי פאַרגאַפט אַנטקעגן זיין גאַסט און קוקט אים פאַרוואונדערט גלייך אין פנים אריין.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — טראַכט ער זיך.— דער ליגן אָבער שווייגט ניט, נאָר ער צעלאָזט זיך אויפן קול העכער און העכער און מאָנט גאַנץ ערנסט רעשט פון זיין געלט.

אין דער זעלבער צייט, איז דער אמת געזעסן ביי דער זייט ווי פאַרשטומט, האַלטנדיק אין האַנט די ציין-שטעקעלעך, מיט וועלכע ער האָט זיך נאָכן עסן די ציין גערייניקט און געוואָרפן שטעכיקע בליקן אַמאָל אויף זיין שווינדלערישן חבר און אַמאָל אויפן אָרעמען רעסטאָ-ראַטאָר, און נעבעך געמוזט שווייגן, צומאָל קיין איין וואָרט ניט גע-טאָרט פון מויל אַרויסלאָזן, לויטן אָפּמאַך וואָס צווישן זיי איז געשלאָסן געוואָרן.

זעענדיק אַז ס'האַלט שמאָל און קיין שום טענות וועלן דאָ נישט העלפן אַרויסצוקריגן דאָס געלט פאַרן עסן, האָט דער באַלעבאָס צע-עפנט די טיר און אָנגעהויבן שרייען הויך אויף אַ קול אין גאַס אַריין:

— אמת, אמת! וואו ביסטו און וואוהין האָסטו זיך באַהאַלטן? גוטע מענטשן, אפשר האָט איר דעם אמת באַגעגנט, רופט אים אַהער, זאָל ער זיין וואָרט זאָגן! וואוהין איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן?

דער אמת איז אָבער אין ערגיץ ניט אַנטלאָפן, נאָר געזעסן דערביי פאַרשעמט און צוגעקוקט מיט אַ פאַרביטערטן האַרץ די טרויעריקע סצענע וואָס זיין חבר, דער ליגן, פירט אויס אַזוי גרויזאַם און שמילער-הייט אַריינגערעדט אין זיך:

— אָט דאָ בין איך פאַראַן, טאַקע דאָ, צווישן אייך ביים טיש, איך

טאָר אָבער ניט רעדן, איך טאָר נישט!... כ'האָב זיך דאָך פאַרפליכטעט: „הערן, זען און שווייגן”, ווייל אַנדערש וואָלט איך נאָך ביז איצט גע-ליטן הונגער!..

דער אָרעמער האָלצהעקער

אַן אָרעמער האָלצהעקער איז אַמאָל, זומער-צייט, געשטאַנען אין וואַלד און האָט געהאַקט האָלץ.

דער טאָג איז דאַן געווען זייער אַ הייסער. די זון האָט געברענט ווי פייער און אים אין קאָפּ געזעצט. טראָפּנס שווייס זיינען פון זיין פּנים אַראָפּגערונען און באַנעצט די אַרבעט פון זיינע הענט.

אָפּאַרבעטנדיק אַזוי אַ האַלבן טאָג איז ער געוואָרן מיד און שטאַרק אויסגעהונגערט. ער האָט אָבער נישט געהאַט מיט וואָס זיך דאָס חיות צו דערהאַלטן, אויסער אַ טרוקן שטיקל ברויט אין זעקל און אַ ביסל וואַסער אין קריגל, ווייל אָרעם איז געווען דער מענטש, שטאַרק, שטאַרק אָרעם.

אַנידערזעצנדיק זיך אויף אַ שטאַם פון אַן אָפּגעהאַקטן בוים, זייער פאַרמאַטערט, האָט ער געזיפצט און אָנגעהויבן באַקלאָגן זיין ביטער לעבן און שלים-מזל:

— אוי, גאָט —האָט זיך פון זיין האַרץ אַ קרעכץ אַרויסגעריסן,— ווי שלעכט און ביטער מיר איז! פאַרוואָס בין איך באַשטראָפן געוואָרן פון דער נאַטור אַזוי אָרעם צו זיין? וואָס האָב איך געזינדיקט און קעגן וועמען בין איך אַ זינד באַגאַנגען, וואָס דער שיקזאַל פּייניקט מיך אַזוי גרויזאַם, צו ליידן אָרעמקייט און נויט? ווען וואָלט געאַרט איך זאָל זיין רייך און אויך קאָנען געניסן פון לעבן?!

רעדנדיק אַזוי שטיל־ערהייט צו זיך אַליין, האָבן זיך אים די אויגן גענומען קלעפּן און ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

פּלוצלינג האָט זיך צו אים דערנענטערט אַ שיין-געקליידעטער יונ-גערמאַן פון אַ וואונדערלעכן אויסזען, און געפרעגט:

— אַ, דו מענטש, וואָס ביזטו אַזוי פאַרצווייפלט און באַקלאָגסט דיין לעבן? בעט ביי מיר וואָס נאָר דו פאַרלאַנגסט. איך בין גרייט דיר צו העלפן און געבן אַלץ, וואָס דיין האַרץ וועט גלוסטן.

* * *

דערהערנדיק אַזעלכע האַרציקע רייד און אַזאַ פיינעם אָנבאָט, האָט זיך דער אָרעמער האָלצהעקער העפלעך פאַרנייגט, און נישט לאַנג טראַכטנדיק, האָט ער אַ זאָג געטון: איך וויל, אַז אַלץ, וואָס וועט מיר אין האַנט קומען, אָדער וואָס איך וועל אָנרירן, זאָל ווערן גאָלד. קען עס געשען?

— און איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט עפּעס בעסערס בעטן — וואונדערט זיך דער מענטש— גאָר אויב דו פאַרלאַנגסט נישט עפּעס אַנדערש, זאָל שוין זיין אַזוי! — זאָגט אים דער יונגערמאַן און ווערט באַלד פאַרשוואונדן.

האָט דער האָלצהעקער געגומען גלייך אויספּרואוון, צי עס איז ווירקלעך מקוים געוואָרן זיין וואונש, און אַנרירנדיק מיט דער האַנט די צווייג פון בוים, וואָס ער האָט אָפּגעהאַקט, איז זי פאַרוואַנדלט גע-וואָרן אין איין שטיק אויסגעגאָסן גאָלד.

— ס'אַרא גליק! —האָט אויסגערופן דער פלוצלינג-רייך-געוואָרע-נער האָלצהעקער.— פון איצט אָן וועל איך שוין פאַרשפּאָרן צו אַרבעטן אַזוי ביטער און שווער, מיטן שווייס פון מיין פּנים. ווייס ברויט מיט געבראָטנס וועל איך עסן, פון דעם בעסטן וויין וועל איך טרינקען. מער וועט שוין מיין פאַמיליע נישט הונגערן. ברויט צו-זאַט וועל איך איר געבן. איך וועל קליידן און שיכן מיין פרוי און קינדער, און דאָס בעסטע פאַרגעניגן זיי צוטיילן. היינט דאָס לעצטע מאָל עס איך נאָך שוואַרץ ברויט און טרינק וואַסער פון אַ ליימענער כּלי, און שוין!

ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום ברויט, איז עס געוואָרן גאָלד, אויך דאָס וואַסער פון קריגל, וואָס ער האָט צום מויל צוגעטראָגן, האָט זיך אין לויטער גאָלד צעגאָסן.

— וואָס האָב איך געטון? — האָט דער מענטש הרטה געקראָגן און איז אריין אין גרויס פאַרצווייפלונג. — צי דען וועט מיך אַנזעטיקן דאָס שיינע מעטאַל? קען דען אַ מענטש שטילן זיין הונגער און לעשן דעם דורשט מיט גאָלדן ברויט, אָדער גאָלדענע וואַסער? אוי, אָן אומ-גליק! וואָס האָב איך דאָ אויסגעבעטן? איך בין דאָך גרייט אָוועקצו-געבן דאָס אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג איצט, פאַר אַ שטיקל ברויט און אַ ביסל וואַסער. אָט שטאַרב איך דאָך פון הונגער און דורשט!

פון שרייען און וויינען אינמיטן שלאָף האָט זיך דער מענטש אויפ-געכאַפּט אַ צערודערטער און דערשראָקענער, און געקוקט אַרום זיך דערשטוינט און פאַרוואונדערט. דערזעענדיק אָבער נעבן זיך זיין אָרעם זעקעלע ברויט מיטן קריגעלע וואַסער, האָט ער זיך געשעצט גליק-לעך און גאָט געדאַנקט, וואָס עס איז געווען נישט מער ווי אַ חלום.

מיט אַפּעטיט האָט ער דאָס ברויט געגעסן און דאָס וואַסער פון קריגל געטרונקען און פאַרגעזעצט זיין אַרבעט מיט גרויס חשק...

רעדן אָדער שווייגן — וואָס איז וויכטיקער ?

אין איינעם פון די ווייטע מזרח-לענדער האָט מיט אַ סאַך יאָרן צוריק געקיניגט זייער אַ קלוגער קעניג, וועלכער פלעגט זיך זייער אָפט פאַרטראַכטן וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען און האָט שטודירט דאָס לעבן.

אַרויסלאָזנדיק זיך אַמאָל אין אַ טאָג אויף אַ שפּאַציר אין פעלד, באַגלייט פון זיינע דינער און קנעכט, האָט זיך דער קעניג פּלוצלינג פאַרטיפט אין געדאַנקען און איז ענדלעך אַרויס מיט אַ פראַגע: — וואָס איז וויכטיקער און נוצלעכער פאַרן לעבן — רעדן אָדער שווייגן?

די דאָזיקע פראַגע האָט שטאַרק געעגבערט זיין מוח און אים קיין רו נישט געגעבן.

וואָס האָט ער געטון? קומענדיק אַהיים, האָט דער קעניג גלייך צונויפגערופן אין זיין פּאַלאַץ אויף אַ דרינגלעכער פאַרזאַמלונג די געבילדעטע לייט פון זיין לאַנד און די גרעסטע חכמים, און זיך צו זיי געווענדעט מיט פאָלגנדיקן אויפרוף:

— הערט אויס, איר חכמים פון מיין לאַנד! ביי מיר איז לעצטנס אַרויפגעשוואומען אויפן געדאַנק זייער אַן אינטערעסאַנטע פראַגע, פון וועלכער איך קאָן זיך נישט באַפרייען און קען איר אליין נישט לייזן. איך האָב אייך דעריבער גערופן אַהער, אויסהערן אייער מיינונג און איך וואַרט אויף אייער באַלדיקן ענטפער. זאָגט מיר, וואָס איז געוואונשענער פאַר דער וועלט: רעדן אָדער שווייגן?

זיינען די חכמים געזעסן און האָבן אויסגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט דעם קעניגס פראַגע און זיך דערווייל אָפּגעהאַלטן פון אַרויסזאָגן זייער ענטפער, ביז זיי וועלן זיך גוט באַקלערן און באַטראַכטן.

פּלוצלינג האָט זיך איינער פון די חכמים אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און געזאָגט:

— לויט מיין מיינונג, הער קעניג, שטייט דאָס רעדן העכער פונעם שווייגן און האָט אַ גרעסערע ווערט. אָן דעם לשון איז דאָך דער מענטש שטום און האָט קיין מעגלעכקייט נישט צו פאַרשטענדיקן זיך מיט זיין חבר, כדי צו וויסן וואָס ער טראַכט און וואָס ער מיינט. די שפּראַך איז דער דירעקטער אויסדרוק פונעם האַרץ און פון דער מחשבה. אָן איר, ווי אַזוי וואָלט מען זיך געלערנט, אָדער אַ צווייטן געגעבן צו פאַרשטיין? ווען נישט די שפּראַך, מיט וואָס וואָלט זיך דער מענטש פאַרטיידיקט און ווי אַזוי וואָלט איבערהויפּט אויסגעזען דאָס לעבן שטומערהייט? מענטשן וואָלטן דאָך גלייך געווען צו די ווילדע חיות...

* * *

אויסהערנדיק די מיינונג פון ערשטן חכם, האָט זיך דער קעניג אויפגעשטעלט און אַרויסגערופן די אַנדערע חכמים, זיי זאָלן זיך אויך וועגן דעם אַרויסזאָגן.

— דאָס שווייגן איז וויכטיקער פונם רעדן און שטייגט עס פיל מאָל איבער! — שרייט אויס אויפן קול אַ צווייטער חכם — מיט דער הילף פון רעדן קריגן זיך מענטשן און זידלען איינער דעם צווייטן, ביז עס קומט צו קלעפּ און עס ברעכן אויס גרויסע סקאַנדאַלן. די צונג פּלאַפּלט נאַרישקייטן און זאָגט ליגן, רייד ברענגען צרות און בייז בלוט, שקר און גרויזאַמקייט. טויט און לעבן — ביידע ליגן זיין אין דער צונג.

וואָס, אפשר ניט אַזוי? — פרעגט דער חכם און וואַרט אויף אַ באַשטע־טיקונג.

— הערסט די טענות און פעסטע אַרגומענטן פון יעדן איינציקן פון ביידע צדדים? — ווענדעט זיך דער קעניג צום הויפּט-אַנפירער פון דער פאַרזאַמלונג. — איצט, מוזטו אָפּשטימען, ווער פון זיי ביידע איז מער גערעכט. נו, און דו אליין, וואָס האָסטו צו זאָגן?

דאַן האָט זיך דער פאָרזיצער פון די חכמים אַ הויב געטון פון פּלאַץ און נאָך אַ קורצער פּויזע זיך מיט אַ פעסטן טאָן אָנגערופן:

— לויט ווי איך געפין אויס, הער קעניג, איז טאַקע דער אמת ביים ערשטן חכם, וועלכער האַלט אַז רעדן איז די הויפּטזאַך פון מענטשנס לעבן און שטייט מיט אַלע הונדערט פּראָצענט העכער און חשוב'ער פונם שווייגן. דאָס מוז אויך דער צווייטער צד מודה זיין און טאַקע אָנער־קענען. ווייל ער אליין צייגט דאָך איצט מיט זיין אייגן מויל, ווי ווייט ניט אויסגעהאַלטן ער איז און ווי ווייט זיין שטאַנדפּונקט איז גרונטלאָז און דורכאויס פאַלש: דורך וואָס פאַר אַ מיטל אייגנטלעך, פאַרטיידיקט ער דאָס שווייגן און לויבט עס אויס ביזן הימל אַריין, אויב ניט מיטן כוח פונם רעדן און מיט דער שפּראַך פון זיין מויל? מיט שווייגן וואָלט ער דאָך קיינמאָל ניט געהאַט די מעגלעכקייט אויצודריקן זיין מיינונג: וואָס ער דענקט און וויל זאָגן!...

אַ לייכטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויפן קעניגס ליפּן, נאָכדעם וואָס ער האָט אויסגעהערט דעם דיספּוט וועגן דער זייער שווערער פראַגע, וואָס האָט לאַנג זיין מח געפייניקט און באַאומרואיקט.

דער שטיין

ביי איינעם אַ רייכן געשעפטס-מאַן, אַ האַרטהאַרציקן און נישט פאַרגינער, האָט אַמאָל געאַרבעט אַן אָרעמער אַרבעטער אויפן טאָג, פאַר גאָר אַ ביליקן לוין, וואָס האָט אים קוים געקלעקט צום לעבן. דאָך האָט ער זיך באַנוגנט מיט זיין קליינעם פאַרדינסט און זייער געטריי געאַרבעט.

איינמאָל אָבער, נאָכן פאַרענדיקן די שווערע טאָג-אַרבעט, איז ער העפלעך צוגעגאַנגען צום בעל-הבית און געמאָנט דעם טאָג-לוין.

— איך האָב איצט קיין צייט נישט זיך אָפּצורעכענען מיר דיר, גיי

אהיים און קום מארגן! — האט אים דער בעל־הבית פון זיך גראָב אָפּ־געשטויסן און נישט געוואָלט מער רעדן און צומאָל ניט קוקן אויף אים.

נישט קענענדיק אָבער אוועקגיין מיט ליידיקן הענט, האט דער אַרבעטער גענומען בעטן כאָטש אַ טייל געלט אויפן חשבון, ווייל די אָרעמע פאמיליע זיצט אין דער היים און וואַרט.

— אוועק פון דאַנען, דו שנאָרער און עזות־פּנים, גענוג מיך שוין צו באַלעסטיקן! — האָט דער גרויזאַמער אַרבעטסגעבער זיך בייז צע־שריגן און אָנגעהויבן זידלען און באַליידיקן זיין טאָג־אַרבעטער.

— איך בין ניט קיין שנאָרער, מיין האַר! איך לעב פון מיין אַרבעט. —רופט זיך אָפּ מיט פאַרדרוס דער מענטש— אַ שנאָרער און עזות־פּנים הייסט דער, וואָס באַלעסטיקט זיין חבר מיט בקשות און באַ־ליידיקט אים דערביי אומזיסט!

פילנדיק זיך געטראָפן פון אַזאַ געוואַגטן ענטפער, איז דער געוויסנ־לאָזער רייכער באַלעבאָס אריין אין גרוים רציחה, און אָנכאַפּנדיק זיין אַרבעטער ביים קאַלנער, האָט ער אים פון הויז אַרויסגעטריבן און דער־ביי אויפגעהויבן אַ שטיין, וואָס איז אים אין האַנט געקומען און גלייך אים אין פּנים אַ שליידער געטון און איז נאָכהער אַריינגעלאָפן צוריק אין שטוב און זיך דאָרט פעסט פאַרשלאָסן.

דער פאַרשעמטער און שטאַרק באַליידיקטער אָרעמאַן, וועלכער האָט אָנשטאָט ברויט געקראָגן אַ שטיין אין פּנים, איז אַריינגעפאַלן אין גרוים פאַרצווייפלונג. ער האָט אָבער גאָרניט געקענט טון. ער האָט נאָר דעם שטיין פון דער ערד אויפגעהויבן און צו זיך אין בוזעם־קעשע־נע אַריינגעלייגט, און זיך אַזוי געטראַכט: אָט דעם זעלבן שטיין וועל איך ביז אין אַ צייט אין מיין שוים אַרומטראָגן, ביי אַ געלעגנהייט וועל איך אים צוריק אין פּנים אַ שמיץ טון. און דער טאָג האָט טאַקע נישט פאַרשפּעטיקט.

* * *

אין אַ צייט אַרום איז דער רייכער געשעפטס־מאַן געכאַפּט געוואָרן ביי אַ גרויסן שווינדל, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן דער רעגירונג און נישט גענוג וואָס מען האָט זיין גאַנץ פאַרמעגן קאָנפיסקירט, איז ער־נאָך פאַר׳משפּט געוואָרן פאַרשיקט צו ווערן אויף אַן אינזל אָפּצוקומען זיין שווערע שטראָף. פירנדיק אים איבער דער גאַס פון שטאָט צווישן אַנדערע אַרעסטירטע ,איז אים פונקט אַנטקעגנגעקומען דער זעלבער טאָג־אַרבעטער, וועמען ער האָט ערשט דאָ ניט לאַנג אַזוי געמיין באַהאַנ־דלט. האָט ער אים באַגלייט מיטן בליק און נאָכגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איצט האָב איך אַ געלעגנהייט אים וואַרפן אין פּנים אריין דעם זעלבן שטיין, וועלכן ער האָט מיר אַמאָל געוואָרפן, — האָט זיך דער אַרבעטער געטראַכט און איז געווען גרייט דאָס צו טאָן.

אַרויסציענדיק אָבער דעם שטיין פון בוזעם־קעשענע, האָט ער זיך

גלייכצייטיק באַרעכנט, אַז ער גייט דאָ באַגיין זייער אַ גרויסן פעלער. עס האָט אים באַהערשט אַ שטאַרקער חרטה-געפיל און ער האָט אַ זאָג געטאָן אַנטשלאָסן:

— אומזיסט האָט איך דעם שטיין אַזאַ צייט אין מיין שוים אַרומגעטראָגן! ווען דער מענטש איז געווען רייך און מעכטיק, האָב איך דאָך נישט געוואַגט אים וואַרפן, צוליב מורא; איצט ווידער, ווען ער איז אין אַזאַ אומגליקלעכן צושטאַנד און דערשלאָגן, איז דאָך פשוט אַ רחמנות פון אים נקמה צו נעמען. וואָס וועט מיר שוין אַרויסקומען, אַז כ'וועל אים וואַרפן דעם שטיין?...

טרערן האָבן זיך אין זיינע אויגן געשטעלט און באַגאָסן זיין גאַנץ פנים. דער אָרעמער אַרבעטער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין דער גרויזאַמקייט פון זיין אַמאָליקן ברויטגעבער און דערצו נאָך אים איצט שטאַרק באַדויערט...

דער קלוגער אַראַבער

צוויי אַראַבישע סוחרים האָבן זיך אַמאָל אַרויסגעלאָזט אין אַ ווייטן מדבר, אויפזוכן אַ פאַרבלאָנדזשעטן קעמל, וואָס איז ביי זיי פאַרלוירן געוואָרן מיט אַ צייט צוריק. אינמיטן וועג איז זיי אַנטקעגן געקומען אַן אַלטער אַראַבער און האָט זיי געפרעגט:

— וואָס זוכט איר, מיינע הערן, אַ קעמל?

— יאָ, פריינט-לעבן, דערפרייען זיי זיך.

— אייער קעמל איז אַ בלינדער אויפן רעכטן אויג און הינקט אויפן לינקן פוס?

— יאָ, טאַקע, ענטפערן זיי און שאָקלען צו מיט די קעפּ.

— פעלט אים אויך איין צאָל אין מויל? — פרעגט ער זיי ווייטער.

— יאָ, אַזוי איז עס.

— איז ער געווען אָנגעלאָדן אויף דער רעכטער זייט מיט האָניג און אויף דער לינקער מיט ווייץ?

— יאָ, יאָ, טאַקע אַזוי — וואונדערן זיך די סוחרים —. אַ סימן אַז דו האָסט אים באַגעגנט און גוט באַטראַכט. אַלזאָ, זיי אַזוי גוט און ווייז אָן דעם וועג. אפשר וועט אונז געלונגען קומען אויף זיינע שפורן און אים געפונען, וועלן מיר דיר זייער פיל באַדאַנקען.

— ליבע פריינט, איך האָב אייער קעמל קיינמאָל נישט באַגעגנט און וועגן אים ניט געקלערט אויסער היינט, וואָס איר אַליין האָט מיר דערציילט — פאַרענטפערט זיך דער אַראַבער.

— ס'איז אַ גראָבער ליגן — זאָגן אים די סוחרים. דיין מויל אַליין האָט עדות-געזאָגט אַז דו האָסט אים באַגעגנט. דו מוזט אונז אומבאַדינגט ווייזן דעם וועג, וואו ער איז און וואו זיינען אַהינגעקומען די טייערע פערלשטיינער וואָס זיינען געלעגן אין זאַק, אויף זיין זאָטל!

— איך האָב קיין שום קעמל ניט געזען און ווייס ניט פון קיינע פערלשטיינער — טרייסלט זיך אָפּ דער אַראַבער און בעט אָפּטשעפּען זיך פון אים.

האָבן אָבער די סוחרים אים ניט צו־רו געלאָזט און גלייך אַוועקגעפירט צום ריכטער. דער ריכטער האָט אים גענומען אויף אַ שטרענגן פאַרהער און גלייכצייטיק אויך באַזוכט די קעשענעס פון זיינע קליידער און ער האָט גאָרניט געפונען.

— הערט, ליבע פרייגנט, האָט דאַן דער אַלטער אַראַבער געעפנט זיין מויל און זיך אָנגערופן. — איר האָט רעכט זיך צו וואונדערן אויף מיר און מיך חושד זיין. איך וועל אייך אָבער דערקלערן אַט וואָס: מיין גאַנץ לעבן וואַנדער איך אַרום איבער דער מדבר און מעסט זי אויס אין דער לענג און אין דער ברייט. דערזעענדיק מיט אַ צייט צוריק אינם זאַמד שפּורן פון אַ קעמל, וואו קיין מענטשלעכע טריט האָבן אים נישט נאָכגעפאָלגט, האָב איך פאַרשטאַנען אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ קעמל, וואָס איז אַנטלאָפן פון בעל־הבית.

— לויטן אָפּגעגריזשעטן גראָז פון איין זייט, האָב איך זיך געגעבן רעכענונג אַז דאָס קעמל איז בלינד אויף איין אויג. צוקוקנדיק זיך ווייטער צו דער זאַמד, וואו עס איז געווען קענטיק די טריט נאָר פון לינקן פוס, איז מיר קלאָר געוואָרן אַז עס הינקט אויפן רעכטן. אויך צווישן די גראָזן האָב איך באַמערקט אַן אומבאַרירט ביגטעלע גראָז, אַ סימן, אַז דעם קעמל האָט געפעלט איין צאָן אין מויל. וועגן דער משא וואָס דאָס קעמל האָט געטראָגן אויף זיך, האָב איך זיך גוט צוגעקוקט און דערזען, ווי פון איין זייט האָבן זיך פאַרזאַמלט מעערשקעס און געקליבן ווייץ־קערנדלעך און פון דער צווייטער פליגן וואָס האָבן ליב האָניק.

— פון די דאָזיקע אַלע אויסגערעכנטע סימנים בין איך פעסט איבערצייגט געוואָרן, אַז דאָ איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פאַרבלאָנדזשעט קעמל, אַ בלינדער אויף איין אויג און קרום אויף איין פוס, וועמען עס האָט געפעלט אַ צאָן אין מויל און האָט אויך געטראָגן פון ביידע זייטן ווייץ און האָניק. אים אַליין אָבער, האָט איך ניט געזען און ניט געהערט.

אַלע צוהערער זיינען דערשטוינט געוואָרן פון דעם אַלטנס חכמה און טיפן פאַרשטאַנד, וועלכן זיי האָבן שטאַרק באַוואונדערט און באַדאַנקט.

דער ריכטער האָט אים פריינעשפּראָכן און אַרויסבאַגלייט מיט מתנות אַהיים.

א פרוי, א ניט-פארגינערין

אין א שטאט פון א געוויסן לאנד, האט אמאל געלעבט א באוואוס-טער רייכער מאן, וועמען אלע האבן גוט געקענט און שטארק געלויבט אלס גוטהארציקן מענטשן און נאבעלן כאראקטער.

אויסער דעם, וואס ער האט אלע זיינע יארן אנגעפירט ארנטלעך מיט גליקלעכע געשעפטן, פון וועלכע צענדליקער פאמיליעס האבן גע-לעבט און גוט פארדינט, פלעגט ער זיך נאך אויך אפגעבן מיט געזעל-שאפטלעכער ארבעט פון שטאט און פיל צדקה צעטיילט.

באדייטנדע סומעס געלטער זיינען יאר-יערלעך פון זיין הויז אויס-געגעבן געווארן אויף וואוילטעטיקע צוועקן, כדי צו שטיצן נויטליי-דנדע און געדריקטע. אידן און קריסטן, געלערנטע און ניט-געלערנטע, אלמנות און יתומים, וועלכע האבן נאר די שוועל פון זיין הויז אריבער-געטראטן און געבעטן הילף, זיינען מיט קיין ליידיקע הענט ניט ארויס-געגאנגען. יעדער איז אויפן בעסטן אופן באהאנדלט געווארן און ארויס א צופרידענער.

זייער העפלעך און באשיידן, האט דער רייכער מאן זיינע באזוכער אויפגענומען, און מיט אן ארויסגעוויזענער פריינטשאפט, האט ער יעדנס לאגע באדויערט און מיטגעפילט מיטן גאנצן הארצן.

דריי באזונדערע אוצרות האט דער מענטש פארמאגט אין זיין רייכער רעזידענץ: פון גאלד, פון זילבער און פון קופערנע מטבעות.

זיינען געקומען געלערנטע, האט ער זיי געטיילט גאלדענע רענד-לעך, יתומים און אלמנות — זילבערנע און סתם ארעמעלייט, האבן גע-קראגן קופערנע מטבעות.

ביים אויסטיילן צדקה, האט יענער געמוזט אויסרעכענען די צאל נפשות פון זיין פאמיליע. וויפיל נאר הויז-מיטגלידער דער בעטער האט אנגעגעבן, האט דער גוטהארציקער גביר אויף יעדנס חלק א רענדל געגעבן.

אט אזוי פלעגט ער פירן זיין שטייגער לעבן יאר-איין, יאר-אויס.

א פרוי האט אבער דער מענטש פארמאגט, פונקט דער היפוך פון אים: א קארגע, א בייזע און ניט קיין פארגינערין.

ווי איז געווען דעם, וואס האט באדארפט צו איר אנקומען נאך שטיצע. ווי א בייזע שלאנג האט זי מיט גיפט געשפיגן און אויפגענומען יעדן באזוכער גרויזאם און אפשטויסנדיק. און האט שוין יא ווער פון איר אמאל די מינדעסטע טובה געקראגן, איז עס אים מיט בלוט פארלאפן, צוליב איר קארגשאפט און נישט-פארגינעריי.

* * *

איינמאל, איז אויסגעקומען דעם רייכן מאן אפרייזן אויף א האלבן טאג צייט פון הויז, צוליב געשעפטס-אנגעלעגנהייטן אין א צווייטער

טייל שטאָט. האָט ער אַריינגערופן די פרוי און איר פאַרזאָגט אויסצו-טיילן צדקה פאַר אָרעמע פון די דריי אוצרות, לויט זיין מנהג פון שטענדיק אָן.

זיינען אין זעלבן טאָג געקומען געלערנטע, יתומים און אלמנות, אָבער ניט טרעפנדיק דעם אייגנטימער אינדערהיים, האָבן זיי גע-וואַרט אין דרויסן און צומאָל אין שטוב ניט אַריינגעקומען.

ווענדיק אָבער מקיים זיין דעם מאַנס אָנזאָג, איז די פרוי אַריינ-געגאַנגען אין גאָלד-אוצר, כדי צו דערלאַנגען פון דאָרט גאָלדענע רענד-לעך די געלערנטע, זיינען זיי מיט בייזע שלענג געווען אַרומגעוויקלט. דעם זילבער-אוצר האָט זי געטראָפן מיט מוראַשקעס אָנגעפולט און די קופּערנע מטבעות האָבן מיאוסע פליי באַדעקט.

אַ שטאַרק דערשראָקענע און פאַרוואונדערטע, איז זי דאָרט גע-בליבן זיצן און זיך געשעמט אַרויסקומען צו אירע באַזוכער.

ענדלעך, איז דער מאַן אַהיימגעקומען און געטראָפן די אָרעמע זיצן אין הויף.

— פאַרוואָס גייט איר ניט אַריין אין שטוב? —האָט ער זיי גע-פרעגט,— איך האָב דאָך דורך מיין פרוי באַשטימט פאַר אייך צדקה!

זיינען זיי געבליבן פאַרשטיינערט און גאָרנישט געענטפערט.

אַריינקומענדיק אין הויז, איז די פרוי אים אַנטקעגן געלאָפן אָן אומעטיקע און אויפן קול זיך שטאַרק צעוויינט.

— ס'טייטש, מיין מאַן, —האָט זי זיך געבייזערט— פאַרוואָס האָסטו מיך איבערגעלאָזט אָן געלט? איך האָב דאָך גרויס בושה געליטן, ווען אָרעמע מענטשן זיינען געקומען בעטן שטיצע און איך האָב זיי ניט געהאַט וואָס צו געבן, אויסער שלאַנגען, מוראַשקעס און פליי, וואָס די האָסט אין דיינע אוצרות געהאַלטן און מיר באַפוילן זיי צדקה צו צעטיילן!

דאַן האָט דער מענטש מיט אַ שמייכל זיין פרוי ביי דער האַנט אָנ-גענומען און צוזאַמען מיט איר אין די אוצרות-צימערן אַריינגעגאַנגען, וואו ער האָט אָנגעפולט זיינע הענט מיט גאָלד, זילבער און קופּער און דאָס דערלאַנגט די אָרעמע.

— וואָס באַדייט דאָס? — האָט די פרוי אַ דערשטוינטע און פאַר-שעמטע אים געפרעגט.

ערשט איצט, האָט דער מאַן איר געגומען אויפקלערן, אַז צוליב איר קאַרגשאַפט און געמיינעם כאַראַקטער זיינען די אוצרות אין אירע אייגענע הענט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שעדלעכע מזיקים און עקל-האַפטע אינזעקטן. ווייל ווער עס גיט צדקה און פאַרגינט ניט מיטן גאַנצן האַרצן די גאָב פון זיין האַנט, ווערט זי באַלד פאַרשאָלטן און ער איז ניט בכח דערמיט קיינעם קיין טובה צו טון,

דאַקעגן, ווער עס טיילט אָפּ פון זיין גוטס, פריינטלעך און ברייט-האַרציק, וועט זיין רייכקייט געבענטשט און פאַרדאָפּלט ווערן, אַלס אַן

אייביק אפגעשפארט אייגנטום פאר קינדער און קינדס-קינדער, צו פארגלייבן אויף לאנג גליקלעך און געבענטשט...

די פרוכט פון גרויסהאלטונג

יורם, דער זון פון אן אנגעזעענעם רייכן סוחר, האט אויסגעוויזן א גאנץ סימפאטישער, קלוגער יונגערמאן. ער איז אבער געווען זייער א גרויסהאלטער און צו-פיל שטאלצירט מיט זיך.

דער דאזיקער פעלער, צו קוקן אויף יעדן איינציקן פון אויבן-אראפ האט אים אראפגעפירט פון גוטן וועג און אוועקגעשטעלט אויף א ני-דעריקער שטופע, צו בלייבן אפגעזונדערט און דערווייטערט פון מענ-טשן.

א סאך גרינגשעצונג און פאראכטונג האט ער ארויסגעוויזן צו ארעמע און אלם אזעלכע זיי צו זיך קיינמאל נישט צוגעלאזט.

איינמאל, אין א שיינעם פרימארגן, ווען יורם איז געזעסן אין זיין רייכן צימער, שטארק באשעפטיקט ביי זיין ארבעט, האט זיך פלוצלינג געעפנט די טיר און אן ארעמער, אפגעריסענער אינגל האט זיך דער-נענטערט און פארלאנגט מיט אים עפעס רעדן.

— וואס פארלאנגסטו דא, דו ארעמער שלעפער? —האט יורם אים בייז באגעגנט. — איך בין עבדון דעם מויערערס זון —האט יענער מיט אראפגעלאזטע אויגן א פארשעמטער געענטפערט— מיין טאטע ליגט קראנק, האט ער מיך געשיקט דיך רופן, וועגן א וויכטיקן ענין וואס ער דארף דיר איבערגעבן. אלזא, קום מיט מיר, וועסטו הערן.

יורם'ען האט זייער פארדראסן אויף דעם געוואגטן ארעמען און האט זיך קאטעגאריש אפגעזאגט מיטצוגיין: ווי פאסט עס דען פאר אזא פערזאן ווי ער, זיך אזוי אראפלאזן נידעריק און גיין באזוכן דאס הויז פון א קראנקן ארעמאן?...

— גיי, זאג דיין טאטן, אז איך האב קיין צייט נישט — האט ער אן אויפגערעגטער אפגעענטפערט — און אזוי ארויסגעשיקט דעם מויע-רערס זון פון הויז.

אין א פאר שעה ארום האט דער זעלבער ארעמער אינגל זיך ווידער אמאל באוויזן אויף דער שוועל פון יורם'ס הויז און מיט טרערן אין די אויגן געגומען אויפסניי דערציילן זיין אנפארטרויעטע מיסיע:

—מיין פאטער האלט ביים שטארבן —האט ער אויסגעשריגן— זיינע מינוטן זיינען געציילטע. קום וואס שנעלער, מיט צו אונז אין שטוב, פארשפעטיק נים, ווייל ער מוז דיר פארטרויען א געהיימנייש וועגן א באהאלטענעם אוצר אין א וואנט פון דיין מויער:

— לויט ווי מיין פאטער דערציילט — האט דיין רייכער פאטער אין דער צייט פון פאגראמען און אנפאלן פארשלאסן אין אן אייזערנעם

קאסטן א גרוים פארמעגן פון גאלד און זילבער און נאך אנדערע קאסט־בארע חפצים, און געדונגען מיין טאטן וועלכער איז געוועזן פון פאך א כוליער, כדי איינצומויערן פעסט אין א טיפער וואנט פון הויז דאס דאזיקע רייכטום. קיינער אויסער זיי ביידע האט דערפון נישט גע־וואוסט. אזוי איז דאן געראטעוועט געווארן דיין פאטערס פארמעגן פון רויבערישע הענט, כדי דו, זיין זון, זאלסט עס אמאל אפ׳ירש׳ענען. דיין געטרייער באזארגער איז אבער פלוצלינג געשטארבן און דער סוד איז מיט אים צוזאמען אוועק אין קבר. איצט איז אויך געקומען די צייט ווען מיין ארעמער פאטער האלט ביים שטארבן. ער איז זייער אן ארנטלעכער מאן — ווי אלעמען איז באקאנט, וויל ער מיט א ריינעם געוויסן ליגן רואיק אין קבר. קום מיט מיר, כדי דו זאלסט נאך קענען ארויסבאקומען פון זיין מויל דאס פארבארגענע ארט אין דער וואנט, פון וואנעט דו וועסט ארויסגראבן דעם באהאלטענעם אוצר, וועלכער וועט דיך פאר א גליקלעכן מאכן אויף דיין גאנצן לעבן!

יורם איז פון דעם דאזיקן נישט דערווארטעטן אנזאג טיף גערירט און דערשטוינט געווארן.

ער האט גלייך פארגעסן אין זיין שטאלץ און גרויסהאלטונג און מיט א בליץ־שנעלקייט געלאזט זיך לויפן ווי אויף אדלער־פליגל אין דער אנגעוויזענער ריכטונג צו עבדונס הויז.

עס איז שוין אבער געווען צו־שפעט. ווי נאר זיינע פיס האבן בא־טראטן די שוועל פון שטוב, האט דער קראנקער אויסגעהויכט זיין לעצטן אטעם און איז אוועק אין דער אייביקער רו.

אומזיסט האט נאכהער יורם צעלעכערט און צעשטויסן אלע ווענט פון זיין מויער־געביידע, געזוכט און געשטערט צווישן די ווענט דעם באהאלטענעם רייכן אוצר, וועלכן ער האט שוין אויף זיין גאנץ לעבן נישט געפונען.

*

דורך א קלוגן איינפאל זיך געראטעוועט פון א רויבער

פארצייטנס, איידער די פאסט־פארבינדונג איז איינגעארדנט געווארן פאר די מענטשן פון דער וועלט, פלעגן ספעציעלע שליחים אריבערפירן געלט און בריוו פון שטאט צו שטאט און פון לאנד צו לאנד. די דאזיקע שליחים האבן דערפאר געקראגן שיינע געהאלטן און געמאכט דערפון א לעבן.

אמאל האט איינער א רייכער סוחר אנפארטרויט אזא אידישן שליח טויזנט גילדן, ער זאל זיי איבערגעבן צו זיינעם א פריינט אין א נאענטער שטאט. דער זעלבער שליח האט ארייינגעלייגט דאס געלט אין זיין רייזע־טאש, גענומען דעם שטעקן אין האנט און זיך געלאזט אין וועג אריין.

גייענדיק אזוי אין וועג, צווישן פעלדער און וועלדער, איז פלוצלינג פון צווישן די געדיכטע בוימער ארויסגעלאפן א קריסטלעכער רויבער, באוואפנט מיט א ביקס און קוילן און באפוילן דעם אידן צו בלייבן שטיין. צילנדיק קעגן אים די אנגעלאדענע ביקס האט דער רויבער אויסגעשריען: „איד, גיב אהער דיין געלט, אויב ניט הרג'ע איך דיך!".

דער איד האט זיך בשעת-מעשה זייער דערשראקן און מיט טרערן אין די אויגן זיך אנגעהויבן בעטן ביים איבערפאלער:

— „האב אויף מיר רחמנות און לאז מיך פריי. דאס געלט איז דאך ניט מיינס, איך בין נישט מער ווי א שליח. אויב דו וועסט עס ביי מיר אוועקרויבן, בלייב איך אן אומגליקלעכער אויף מיין גאנץ לעבן!".

זיינע רייד האבן אבער קנאפ-וואס געווירקט אויפן שטיינערדיקן הארץ פון גזלן און עס בשום אופן ניט געקענט ווייכער מאכן. ניט האבנדיק קיין אנדער ברירה, האט דער איד געמוזט אויסליידיקן דעם טייסטער און דערלאנגען די טויזנט גילדן דעם רויבער.

— נא דיר, פריינט-לעבן, דאס געלט, עס איז דאך אבער פרעמדס — שרייט דער איד א וויינענדיקער, — אינדערהיים וועט מען מיך חושד זיין אז כ'האב עס גענומען פאר זיך און פארלייקנט, דאן וועל איך פאר-שפארט ווערן אין תפיסה און פיל ליידן. האב אויך רחמנות און מאך מיר א צייכן אז איך בין בארויבט געווארן, כדי איך זאל קענען ארויס-ווייזן מיין אומשולד!

— וואס פארא צייכן זאל איך דיר געבן? — פרעגט פארוואונ-דערט דער איבערפאלער.

— נעם די ביקס און שיס אדורך מיין מאנטל מיט עטלעכע קוילן, וועלן די לעכער פונם מאנטל מיר דינען אלס באווייז, אז מען האט מיך בארויבט, און דאס וועט זיין מיין בעסטע פארטיידיקונג.

דער איד האט צעעפנט די פאלעס פון זיין אויבערקלייד און דער רויבער האט זיי איין מאל אדורכגעלעכערט מיט א פאר שאסן פון זיין ביקס, און אזוי א צווייטן מאל און א דריטן מאל.

— שיס נאך! —בעט זיך ביי אים דער איד.— וואס מער איז בעסער.

— כ'האב שוין אבער מער קיין קוילן נישט — ענטפערט דער רויבער.

ווי נאר דער איד האט זיך דערוואוסט אז ביים רויבער האבן זיך שוין אלע קוילן געענדיקט, האט ער אים דאן מיט אלע כוחות דערלאנגט אזעלכע שטארקע קלעפ ביז ער איז א צעשעדיקטער און צעשלאגענער צו דער ערד אומגעפאלן און געבליבן ליגן ניט טויט און ניט לעבעדיק.

— איצטער —האט דער שליח געזאגט— אז דו ביזט שוין אנט-וואפנט, דו הונט איינער! האב איך פאר דיר קיין שום מורא ניט. גיב אפ צוריק דאס געלט!

א צע׳מזיק׳טער און מיט א צעשלאָגן פּנים האָט דער רויבער גע-מוזט אָפּגעבן מיט בושה און חרפּה דאָס צוגערויבטע געלט דעם העל-דישן אידן, און בעת-מעשה געקריצט מיט די ציין פאַר פאַרדראָס און געשריען:

— אָט — א איד א שווינדלער! אָט — אַן אָפּנארער! דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבן טרעפט זיך מיר, אַז א איד זאָל מיך אַזוי באַשווינד-לען...

די ריכטיקע פּרינצעסין

א קעניגס א זון, וועלכער האָט נאָך לאַנגע יאָרן פון אַן איינזאַם לעבן באַשטימט חתונה צו האָבן, האָט נאָר געזוכט א פרוי, וועלכע זאָל אָפּשטאַמען דורכאויס פון קעניגלעכן יחוס, סיי פון פאָטערס און סיי פון מוטערס צד. אַזוי ווי אַזעלכע איז שווער געווען צו געפינען אין די נאָענטע מדינות, האָט זיך דער יונגער קעניג אַוועקגעלאָזט אין א שיי-נעם טאָג איבער דער וייטער וועלט, אויפזוכן זיין געוואונשענעם זיווג.

ער האָט באַרייזט שטעט און דערפער, לענדער און קעניגרייכן, אומעטום האָט ער געפאָרשט און נאָכגעפאָרשט, אָבער אַן דערפאָלג, איז איינע א בת-מלכה פון פאָטערס צד, קאָן זי גענוי ניט איבערצייגן אַז איר מוטער שטאַמט פון ריינער קעניגלעכער פאַמיליע, און פאַר-קערט...

ענדלעך, נאָך פיל צייט אַרומוואַנדערן אין דער פרעמד, האָט זיך דער פּרינץ געמוזט צוריקקערן אהיים מיט גאָרנישט. א צאָרנדיקער און פאַרצווייפלטער פלעגט ער אָפטמאָל זיצן אָפּגעזונדערט אין פּאַלאַץ, אויפגעבנדיק כמעט זיין פּלאַן וועגן חתונה האָבן, סיידן עס וועט זיך אים טרעפן צופעליקערווייז דאָס וואָס זיין האַרץ גלוסט.

מאַכט זיך אַמאָל אַזאַ געשיכטע: אין איינער א לויטערער נאַכט, האָבן זיך פּלוצלינג די הימלען פאַרצויגן מיט געדיכטע שווארצע כמאַ-רעס. עס האָט אָנגעהויבן שרעקלעך דונערן און בליצן. א שלאַקס רעגן, באַגלייט פון א שטורעמווינט האָט זיך אָן אויפהער אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און האָט פאַרטרונקען אַלע וועגן און גאַסן, קיין איין לעבע-דיק באַשעפעניש איז ניט געזען געוואָרן.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך פּלוצלינג דערהערט א קלאַפּן אין טויער און אַלעמען אויפגערודערט. דער קעניג האָט אַרויסגעשיקט זיינ דינער זען, ווער דאָס איז און אליין אויך נאָכגעגאַנגען. ווי געדירט זיי-נען זיי געוואָרן, ווען פאַר זייערע אויגן האָט זיך באַוויזן א טרויעריקע בילד: ביים טויער שטייט א וואונדערבאַר שיינע יונגע פרוי, אַן אויס-געווייקטע און פאַרנעצטע פון שרעקלעכן גאַס-רעגן און ציטערט פון קעלט. פון אירע האָר און קליידער האַלט אין איין רינען וואַסער. די

פים שווימען אַרום אין אַנגעגאָסענע שיך. זי וואַרפט זיך אין שרעק און אין ציטער און בעט: האָט רחמנות, לאָזט מיר אריין, איך בין אַ פּרינ־צעסין!

ווען די פרוי איז אריינגעקומען אין פּאַלאַץ, וואו זי האָט די קליי־דער געביטן און מיט וואַרעם עסן און טרינקען זיך דערהאַלטן ביים לעבן, האָט זי אָנגעהויבן דערציילן וועגן איר יחוס, אַז זי שטאַמט פון דור־דורות פון קעניגלעכע פאַמיליעס. אַהער קומט זי פון אַ ווייטן וועג וואו זי האָט געמאַכט אַ לוסט־רייזע איבער דער וועלט און איז לעצטנס פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין אַ וואַלד פון וואַנען זי האָט זיך קוים דערשלאָגן אַהער אין אַזאַ אומגליקלעכן וועטער, וואו זי האָט אָנגע־טראָפן אויף גוטע מענטשן וואָס האָבן אויף איר רחמנות געקראָגן.

— ווער ווייסט צי עס איז אַלץ ריכטיק וואָס זי דערציילט — האָט זיך דער קעניג איבערגעקוקט מיט זיינע לייב־וועכטער. — זי האָט זיך אוודאי דערוואוסט וועגן מיין באַשלוס, פאַרשטעלט זי זיך פאַר אַ פּרינצעסין און נאַרט מיך אָפּ, כדי צו ווערן מיין פרוי און אָנטון די קרוין אויף איר קאָפּ.

— וואַרט אַ ווײַלע מיין זון! —רופט זיך אָן דעם קעניגס מוטער— איך וועל שוין אָפּשאַצן די פרוי לויט איר כאַראַקטער און אַרט לעבן, כדי איבערצייגן זיך צי איז זי טאַקע אַ פּרינצעסין, ווי זי האָט זיך דאָ אָנגעגעבן.

ביים מאַכן די געלעגערס צום גיין שלאָפן פאַר אַלע הויז־מענטשן, האָט די אַלטע קעניגין אַליין גענומען אויסבעטן אַ געלעגער פאַר דעם גאַסט, וואָס איז באַשטאַנען פון ווייכע קישנס און זיידן בעטגעוואַנט פונם בעסטן וואָס גיט. נאָר אונטערן מאַטראַץ, פונקט אינמיטן, האָט זי איינגעלייגט אַ האַרטן אַרבעס און נאָכהער זייער העפלעך איינגע־לאַדן דעם גאַסט זיך לייגן אָפּרוען.

* * *

אַ מידע און אויסגעמאַטערטע פון אַזוי פיל נעכט ניט שלאָפן, האָט זיך די פרעמדע אויפן ווייכן בעט אַנידערגעלייגט און גענומען אויס־גלייכן די ביינער. דאָך איז די גאַנצע נאַכט אויף אירע אויגן קיין שלאָף ניט געקומען. זי האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער און בשום אופן נישט געקענט כאַפּן קיין דרימל. דער אַרבעס האָט איר גע־שטאָכן און דעם גאַנצן קערפער צעשרויפט.

אריינקומענדיק אינדערפרי אין צימער, האָט איר די אַלטע קעניגין געפרעגט: — נו, טאָכטער, ביסטו עפּעס געשמאַק געשלאָפן?

— אַ, ניין, מיין האַרינטע —ענטפערט די יונגע פרוי.— די גאַנצע נאַכט האָב איך קיין אויג ניט צוגעמאַכט. עס האָט מיך עפּעס אַ האַר־טע זאַך געשטאָכן, וועלכע האָט מיר פאַרשאַפט פייניקונג און אומרו און דעם שלאָף פון מיר אַוועקגעטריבן.

דאן האט זיך די אלטע קעניגין איבערצייגט, אז פאר איר שטייט דא אן אמת'ע פרינצעסין, וועלכע איז זייער איידל און צארט דערצויגן געווארן ביי קעניגלעכע עלטערן. ווי א געפלעגטער מפונק, וואס האט אפילו צווישן אזוי פיל ווייך בעטגעוואנט דערשפירט די לייכטסטע שטעך פון אן ארבעס.

דער קעניג האט מיט איר חתונה געהאט און איז זייער צופרידן געווען וואס גאט האט אים באשערט זיין גליק. דעם ארבעס האט ער באהאלטן אין זיינע שאצקאמערן צווישן די בעסטע חפצים וואס ער האט פארמאגט אין זיינע אוצרות און אים זייער מייער געהאלטן, אלס אן אומפשאצבארע זאך, צוליב וועלכן ס'איז אים לייכט אנגעקומען אויסצופארשן די נאטור פון א פרינצעסין, וואס שטאמט פון דור-דורות פון א קעניגלעכער פאמיליע.

דער איינזאמער און זיין קלוגער גאסט

צווישן די פארשידנארטיקע בעקטעס פון פארצייטיקע צייטן זיינען געווען אויך אזעלכע מענטשן, וואס האבן זיך אנגערופן מיטן נאמען „די איינזאמע".

די איינזאמע פלעגן זיך אפזונדערן פון אלעמען; ניט נעמען דעם מינדעסטן אנטייל אין געזעלשאפטלעכן לעבן און ניט וועלן געניסן פון דער וועלט. ווייט ערגעץ, אויסער דער שטאט, פלעגט דער איינזאמער איינארדענען זיין געצעלט צווישן בערג און טאלן, אדער אין א טיפן וואלד, דארט האט ער געפונען ארבעט, אבי נאר דאס לעבן צו דערהאלטן און אין דער רעשט צייט פלעגט ער זיך פארטראכטן וועגן אויבער-וועלטן, פול מיט סודות און מיסטישע באגריפן, וואס האבן א שייכות מיט גאט. אזוי פלעגט זיך דער איינזאמער אויסלעבן זיינע יארן אפגעזונדערט, אריינגעטון אין זיך אליין און פארטיפט אין דער-הויבענע געדאנקען פון א העכערער וועלט.

איינער אזא איינזאמער מענטש האט זיך אויך אמאל געפונען צווישן אידן. ער האט פארלאזט זיין שטאט און זיין הויז, פאמיליע און פריינט און איז אוועק אין וואלד, וואו ער האט געפירט אן אפגעזונדערט איינזארטיק שטייגער לעבן און איז מיט קיינעם ניט געקומען אין קאנטאקט.

טרעפט אמאל אין א טאג, ווען א קלוגער וואנדערער, א גרויסער צדיק איז געגאנגען אין וואלד און דערזעט פון ווייטנס, צווישן די נידעריקע ביימעלעך פון וואלד, שטייט אויסגעבויט א ביידל פון געדיכטע צווייגן, באדעקט מיט גראז און מיט דיקע בלעטער פון ביימער. עס איז געווען די וואוינונג פון דעם איינזאמען.

אריינקומענדיק אין געצעלט אויסצורוען זיך פון וועג, איז אים

אַנטקעגנגעקומען אַן אַלטער גרייז-גרויער מאַן, מיט אַן איידעלן געזיכט. ער האָט זייער פריינטלעך אויפגענומען דעם גאַסט און אים געבעטן זיצן. דערוויל האָט זיך צווישן זיי אַנטוויקלט אַ געשפּרעך און דער אַלטער איינזאַמער האָט אָנגעהויבן מיט באַגייסטערונג אויסלויבן זיין רואיק באַשיידן לעבן וואָס ער פירט דאָ און פון וועלכן ער איז זייער צופרידן. דער גאַסט, ווידער, האָט גענומען דערציילן מיט ליוב וועגן דער אַרבעט פון מענטשן אין שטאָט און אין דאָרף, וועגן זייערע וויכטיקע שאַפונגען און דערגרייכונגען אין לאַנד, לטובת דער געזעלשאַפט. דער איינזאַמער איז געזעסן און אויסגעהערט און זיך מיט קיין וואָרט ניט אָנגערופן.

— זאָג מיר, אַלטיטשקער —ווענדעט זיך צו אים ענדלעך דער גאַסט און פרעגט:— צוליב וואָס פאַר אַ צוועק האָסטו זיך אָפּגעזונדערט פון מענטשן און זיצסט דאָ ?

— כדי איך זאָל רואיק און אומגעשטערט קענען דינען גאָט — גלאָצט דער זקן מיט די אויגן.

— און וואָס באַשטייט דיין גאָט דינען ? — ווערט אַלץ זער קלוגער גאַסט נייגעריקער.

— וואָס הייסט? גאָט דינען באַשטייט אין טאָג-טעגלעכן תפילה-טון מיט גרויס כוונה, וואו קיינער שטערט ניט און קיין שלעכטע געדאַנקען קומען ניט אויפן זינען.

— אויב אַזוי, האָסטו אַ גרויסן טעות! — מאַכט אים אויפמערקזאַם דער גאַסט — דאַוונען פרום איז נאָך ניט אַלצדינגען. עס איז ניט מער ווי אַ קליינער טייל פון גאָטעסדינסט. די אמת'ע פרומקייט און גאָט-דינען הייסט העלפן מענטשן, שטיצן אָרעמע, אויפטון עפּעס לטובת דער געזעלשאַפט און ניט לעבן נאָר פאַר זיך אַליין, איינגעשלאָסן אין די אייגענע פיר אייגן. די גאַנצע מענטשהייט פון אַלע פיר עקן וועלט, פון מזרח ביז מערב, פון צפון ביז דרום, איז דאָך ניט מער ווי איין גרויסע פאַמיליע, די קינדער פון איין פאָטער אין הימל. נו, זוכט דאָך דער פאָטער דאָס גליק פון זיין גאַנצער פאַמיליע, און ווי קאָן עס אָבער קומען, ווען איינער זונדערט זיך אָפּ פון צווייטן און וויל ניט צוטראָגן זיין טייל און ביישטייער פאַר דער פאַמיליע ? ווי קאָן זיך עס אַ מענטש אויסשליסן פון כלל און לעבן איינזאַם? עס איז, לויט מיין מיינונג, אַ טיפער פאַרברעכן און אַן אומפאַרצייַלעכע זינד, וואָס וועט קיינמאָל ניט פאַרגעבן ווערן.

דער איינזאַמער אַלטער האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיין עקשנות און אַלץ פאַרטיידיקט דעם פרינציפּ פון זיין איינזאַם לעבן, ווי אַ געוואונשענע זאַך, וואָס קיין בעסערס דערפון איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

* * *

פלוצלינג איז אין בײדל אריינגעפלויגן אַ בין און האָט זיך אָװעקגעשטעלט אויף אַ צווייג ביי דער וואַנט.

— זעסט? אָט די בין איז דיך געקומען איבערצייגן, ווי ווייט דו ליגסט אין טעות — דערקלערט אים דער קלוגער גאַסט, — זי איז דאָך, אין תוך גענומען, זייער אַ נוצלעכע באַשעפעניש, וואָס שאַפט גרויסעס אין לעבן. נעם אָבער אָט די זעלבע בין און האַלט זי פאַרשפאַרט דאָ, אין ענגן בײדל, וועמען־זשע וועט זי נוצן ברענגען? אַנשטאַט דעם אָבער, ווען מ'לאָזט איר אַרבעטן פריי, צוזאַמען מיט אירע טויזנטער חבר'טעס, די קינדער פון איר מאַן און אַפשטאַם, מאַכט זי דעם זיסן האָניג, וואָס דערקוויקט גאָט און לייט און אויך איר וואַקס איז אין אַ גרויסער מאָס פאַר אונז זייער נוצלעך און נייטיק.

נאָך אַזאַ דערקלערונג, האָט זיך דער איינזאַמער מענטש פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען און האָט אַנערקענט זיין פעלער.

— יאָ, ביסט אַלע הונדערט פראָצענט גערעכט, מיין האַר! — האָט ער מיט אַ טיפער חרטה אויסגעשריען. — איך בין שוין אָבער אַלט און שוואַך און פיל זיך נישט אין די כוחות דער געזעלשאַפט צו ברענגען נוצן... אַך, אַ שאָד, ווען כ'זאָל זיין אַ ביסל יונגער, וואָלט איך זיך צוריקגעצויגן פון מיין איינזאַמען צוריקגעשטאַנענעם לעבן, צו מיינע ברידער, די מענטשן, וואָלט איך געגאַנגען, וואו איך וואָלט צוזאַמענגעאַרבעט מיט אַ ל ע מ ע ן פאַר א ל ע מ ע ן.

דער גוטהאַרציקער מענטש און זיין קעגנער

אין אַ שטאָט פון די ווייטע מזרח־לענדער, האָט אַמאָל געלעבט אַן אויסגעצייכנטער גאַסטפריינטלעכער מענטש, וועמענס גוטהאַרציקייט און נאָבעלע מידות האָבן זיך געלאָזט הערן איבער דער גאַרער וועלט. זיין הויז איז ברייט געווען געעפנט פאַר הונדערטער געליטענע און מוטלאָזע, דורך צוויי־און־דרייסיק איינגאַנגס־טויערן, אַכט — צו יעדער זייט פון דער וועלט. אַ הונגעריקער אין פון אים אַרויסגעגאַנגען זאַט. נאַקעטע האָט ער באַקליידט און פרנסה'לאָזע אַ היים און צום לעבן געגעבן.

נאָך מער דערהויבן און באַרימט איז דער מענטש געוואָרן צוליב דעם, וואָס ער האָט קיינעם נישט אָנטזאָגט די ליבסטע און טייערסטע זאַך, וואָס מען זאָל ביי אים נאָר געוועןן פאַרלאַנגען און, נאָכקומענדיק יעדנס פאַרלאַנג און באַגער, האָט ער אַלץ מיטן גוטן ווילן אָפגעגעבן, אָן דער מינדעסטער חרטה.

אין אַ נאָענטער שטאָט דערנעבן האָט געוואוינט אַן עלעגאַנטער רייכער יונגערמאַן, וועלכער האָט געקראָגן פון זיינע עלטערן אַ גרויס ירושה־פאַרמעגן, און וועלנדיק זיך מאַכן אַ גוטן נאָמען אַלס צדקה־

געבער, כדי באַרימט צו ווערן איבער דער געגנט, האָט ער אָנגעהויבן טיילן געלט און מיטהעלפן אָרימע מיט דער ברייטער האַנט. דאָך, וויפיל ער האָט געלייסטעט און אַלעמען געשטיצט, איז אים נישט גע־לונגען צו דערגרייכן צו יענעמס פּאָפּולאַריטעט און גוטן נאָמען, וואָס האָט זיך געטראָגן פון מויל צו מויל, אַלס נאָבעלע פּערזאָן און באַוואוס־טער פילאַנטראָפּ. יענער גוטהאַרציקער מענטש איז פאַרבליבן זיין כסדר׳דיקער קאָנקורענט, וועלכער האָט זיך נישט געלאָזט איבער־שטייגן אויפן געביט פון וואוילטעטיקייט, און ער האָט צו אים דערפילט אַן אומדירעקטע שנאה און פאַררעכנט פאַר זיינעם אַ פיינט.

וועלנדיק דורכאויס איבערשטייגן זיין קעגנער דורך לויבנסוויר־דיקער טעטיקייט, האָט ער אויך אויסגעבויט אַ גרויס הויז מיט אַ סאַך טירן צו אַלע ווינקלען פון דער וועלט, וואו ער האָט אויפגענומען באַדערפטיקע פרייגעבלעך און ברייטהאַרציק זיי געשטיצט.

* * *

אַמאָל, אין אַ טאָג, האָט זיך באַוויזן אויף איינע פון זיינע טירן אַן אַלטע אָרעמע פרוי און אויסגעשטרעקט די האַנט. דער רייכער יונ־גערמאַן האָט איר גלייך דערלאַנגט אַ שיינע נדבה. באַלד אָבער האָט זיך די זעלבע אָרעמע פרוי באַוויזן אויף דער צווייטער טיר, וואו זי האָט ווידער אַמאָל געקראָגן אַ נדבה, און אין אַ רגע אַרום אויף דער דריטער טיר מיטן זעלבן פאַרלאַנג. דער גוטער מענטש האָט איר אַפילו דאָס מאָל אויך געגעבן, אָבער מיט פאַרדרוס און בייזער באַציאונג, צוליב איר צופיל בעטלעריי און באַלעסטיקן אים איבער דער מאָס.

— מיין האַר! — האָט זיך די פרוי שטאַרק צעבייזערט אויף אים. דיין הויז איז טאַקע זייער שיין פאַרפוצט און באַצירט און פאַרמאָגט אַ סך טירן, פונקט ווי ביי יענעם נאָבעלן מענטשן אין דער און דער שטאָט, האָסט אָבער נאָר אויסערלעך אים נאָכגעמאַכט, אינעווייניק הערשט ביי דיר צעריסנקייט, קאַרגשאַפט און ניט-פאַרגינעריי. אַ סאַך מאָל האָב איך באַזוכט יענעם צדיק׳ס הויז דורך אַלע זיינע צוויי-און-דרייסיק טירן, איינס נאָכן אַנדערן. דאָך האָט ער מיר דעם מינדעסטן פאַרדרוס נישט אַרויסגעוויזן, נאָר ביי יעדן מאָל מיר גע־שטיצט פון זיין פאַרמעגן און רייכע אוצרות, נישט וואַרפנדיק אויף מיר צומאָל קיין קרומען בליק. געבענטשט זאָל ער זיין צו גאָט פאַר זיין גוטער באַנעמונג! דאַקעגן דו, טרייבסט מיך אַרויס און באַליידיקסט מיך, אין דער צייט, וואָס כ׳האָב דיך ערשט דריי מאָל באַלעסטיקט...

די דאָזיקע שניידנדיקע ווערטער, אַרויסגעזאָגטע פון אַן אומגליק־לעכער אָרעמער פרוי, האָבן ווי אַ היים-אַנגעליטענע פייל צעשפּאָלטן זיין האַרץ און אַנצינדנדיק אין אים אַ פייער פון אייפערזוכט, האָט ער באַ־שלאָסן זיין קאָנקורענט פון וועג אָפּצורוימען.

אין אַ שיינעם טאָג האָט ער פאַרשלאָסן זיין הויז און זיך אוועק־געלאָזט אין דער שטאָט, וואו זיין קעגנער וואוינט.

אנקומענדיק אהינצו, האט ער גענומען אויספרעגן און אויספארשן דעם שטייגער-לעבן און דאס ארט פירן זיך פון דעם דארטיקן בארימטן בעל-צדקה, כדי צו קריגן א פרייען צוטריט צו זיין הויז און אפרוימען אים פון דער וועלט.

* * *

איינמאל האט ער ארומשפאצירט אין דעם איינגטימערם גארטן און געזוכט א געלעגנהייט צו באקענען זיך מיט אים און פארווירקלעכן זיין פלאן. דארט האט ער אנגעטראפן אויף אן אלטן מאן, וועלכער איז אים געפעלן געווארן אלס אן העכסט ארנטלעכער, פאר וועמען מען מעג אנטרויען א סוד, און פארפירנדיק מיט אים א געהיימען געשפרעך, האט ער אויסדערציילט דעם ציל פון זיין קומען אהער און באשווארן זיין מיטשמועסער די זאך זאל דערוויל פארבלייבן שטארק בסוד.

דער אלטער מאן, וועמען ער האט פארעכנט פאר א דינער, איז זייער דערשיטערט געווארן דערזעענדיק דעם מלאך-המות פאר זיינע אויגן. ער איז א ווײלע שטיל געבליבן. אבער באהערשנדיק זיינע געפילן, איז ער פון ארט אויפגעשפרונגען און שמייכלענדיק א זאג געטון: „דו האסט, מיין פריינט, געטראפן אין ציל און געפונען דעם מענטשן, וועמענס לעבן דו זוכסט. איך בין דער, צו וועמען דו ביזט געקומען. מיין מנהג איז נאכצוקומען יעדנס פארלאנג. ענטפער איך טאקע איבער מיין לעבן אין דיין האנט און טו מיט מיר וואס דו ווילסט". און אזוי רעדנדיק, האט ער צעשפילעט זיין העמד און אנטדעקט די ברוסט, כדי יענער זאל אים דאס מעסער ארײנשטעכן.

אויסהערנדיק אזעלכע ווערטער איז דער פרעמדער אויפגעציטערט געווארן פאר בושה און שרעק. עס איז אים פשוט פינסטער געווארן אין די אויגן פון גרוים חרטה און געוויסנביסן. די שווערד האט ער צו דער ערד א ווארף-געטון און איז אויף די קני געפאלן, בוקנדיק זיך פאר דעם גרויסן מאן, וועלכן ער האט איצט אנערקענט אלס דערהויבענער פון זיך.

פון דעמאלט אן זיינען ביידע געווארן די בעסטע גוטע פריינט.

געראַטוועט געוואָרן דורכן געלערנטן זון

אליפלט פון בית-לחם איז געווען אַ רייכער מאַן, ער פלעגט צוליב זיינע מסחרים באַרייזן די וועלט און פירן גרויסע געשעפטן.

זיין איינציקער זון יגאל, איז אויסגעוואַקסן זייער אַ געראַטענער, מיט אַלע גוטע מעלות. נישט נאָר איז ער געווען אַ געבילדעטער און טיף־ווייסנדער, באַשאָנקען מיט איידעלע מידות און גוט-האַרציקייט, נאָר ער האָט אויך פאַרשטאַנען ווי געהעריק דעם כבוד פון טאַטע-מאַמע אָפּ־צושאַצן און זייער וואָרט אויסצוהערן מיט פיל אויפמערקזאַמקייט.

אליפלט'ן איז אַמאָל אויסגעקומען צוגרייטן זיך צו אַ ווייטער רייזע, און ער האָט איינגעלאַדן זיין זון יגאל מיטצופאָרן מיט אים, כדי ער זאָל דערקענען אַביסל די וועלט און אָנהויבן פאַרשטיין דאָס לעבן.

דער געהאָרכזאַמער יגאל האָט אָנגענומען די איינלאַדונג און פאָטער און זון האָבן אין אַ שיינעם פרימאָרגן זיך איינגעשיפט אין אַן ערשט-קלאַסיקער שיף, וועלכע איז אָפּגעגאַנגען אין אַ ווייטער מדינה.

אינמיטן וועג, ווען די שיף איז שוין געווען אָפּגעשוואומען אַ היבשע שטרעקע און אין סאַמע מיט פונם ברייט-אויסגעשפּרייטן ים אריינגע־זדרונגען האָט אליפלט מיט זיין זון באַמערקט ווי דער שיפס-קאַפּיטאַן מיט זיינע מאַטראָסן וואַרפן אויף זיי שטעכעדיקע בליקן, האַלטנדיק אין איין סוד'ן זיך... די זאַך איז אליפלט'ן זייער פאַרדעכטיק געוואָרן, און אַ שוידער איז אַדורך איבער זיין לייב. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ. אומבאַמערקטערהייט האָט זיך אליפלט מיט זיין זון פון די גזלנ'ישע אויגן אוועקגעדרייט, און אין אַן אַנדער זייט פון שיף זיך אַוועקגעזעצט. דאָרט האָבן זיי אויפגעכאַפּט אַ גע־היימען געשפּרעך פון צוויי מאַטראָסן וואָס האָבן געשמועסט צווישן זיך שטילערהייט:

— דו ווייסט, זאָגט איינער צום צווייטן — אָט דאָ, מיט אונז צו־זאַמען אויפן שיף, פאָרט איינער, זייער אַ רייכער סוחר מיט זיין זון. זייביידע פירן מיט זיך אַ גרויס פאַרמעגן. דער שיפס-קאַפּיטאַן האָט דערפאַר באַשלאָסן זיי ביידן צו דערמאָרדן און מיטן געלט זיך צעטיילן מיט אונז אַלעמען אין גלייכע חלקים. אַך, ווי רייך מיר וועלן באַלד ווערן!

דערהערנדיק דאָס, זיינען אליפלט מיט יגאל'ן זייער פאַרציטערט געוואָרן. זיי האָבן גלייך דערשפּירט די גרויסע סכנה וואָס הענגט אי־בער זייערע קעפּ, און דעם טויט-שרעק וועלכער שוועבט פאַר זייערע אויגן: וואָס זאָלן זיי איצט טון כדי פונ'ם טויט זיך צו ראַטעווען? וואָס פאַר אַן עצה קען מען זיך געבן? — האָבן פאָטער און זון זיך פאַרטיפט אין מחשבות.

* * *

זיצנדיק אַזוי פאַרבייטערט און פאַרצווייפלט, האָט דער געלערנטער זון, יגאל, צופעליק אַרויסגענומען דעם ספר קוהלת, און האָט גענומען

אים בלעטערן. פאר זיינע אויגן האבן זיך בולט אוועקגעשטעלט די צוויי ווערטער: עת להשליך! עס איז פאראן א צייט דאס פארמעגן אוועקצוואווארפן. א גליקלעכער געדאנק און ראטזאמער מיטל האט איין זיין מוח אויפגעשיינט, מיט וועלכע ער האט זיך צו זיין פאטער גע-ווענדעט, פארשלאגנדיק אים:

— טאטע, לאמיר אונזער פארמעגן אריינווארפן אין ים!

און די זאך איז אויף פאלגענדן אופן דורכגעפירט געווארן: דער פאטער מיטן זון האבן כלומרשט פארפירט צווישן זיך א שטארקע קריי-געריי, מ'האט זיך געאמפערט און געקריגט מיט קולי-קולות און גע-וואלדיקע געשרייען, אויף וועלכע עס איז זיך צונויפגעלאפן די גאנצע שיפסמאנשאפט מיטן קאפיטאן בתוכם. אינמיטן קריגן זיך האט דער פאטער אן אויפגעקאכטער און אויפגערעגטער אויסגעשריען: ניט מיר און ניט דיר! און דערביי, אין אלעמענס אנוועזנהייט א ווארף געטון זיין בייטל געלט אין וואסער אריין.

דערשטוינטע און פארוואונדעטע זיינען אלע געבליבן שטיין, צו-זעענדיק די טראגישע סצענע, ווי מענטשן ווערן פלוצלינג פארארעמט בלייבנדיק אן א סענט. ווי רירנדנדיק און שוידערלעך די זאך איז אויס-געקומען אין זייערע אויגן! ניט אפגעבנדיק זיך רעכענונג, אז זיי, נאר זיי מיט זייערע מערדערישע כוונות האבן דאס אלץ פאראורזאכט און דערצו געבראכט..

דערווייל האט שוין דער שיפס-קאפיטאן ארויסגעגעבן א באפעל ניט אנצורירן דעם סוחר מיט זיין זון, און אויפגעגעבן האט ער זיין מערדערישן פאראויסבאשטימטן פלאן, ווייל צוליב וואס פאר א צוועק זאלן זיי הרג'ענען אן ארעמען מענטשן? אזוי ארום זיינען אליפלט און יגאל געראטעוועט געווארן פון טויט

* * *

אויף צומארגנס האט די שיף דערגרייכט צו א האפן פון א גרויסער שטאט. דער פארארעמטער אליפלט מיט זיין זון האבן זיך דערזען אין זייער א קריטישער לאגע. זיי זיינען באלד אוועק אין שטאט און זיך פארגעשטעלט פאר די דארטיקע ריכטער, אויסדערציילנדיק פאר זיי אלץ וואס מיט זיי האט פאסירט.

דער שיפס-קאפיטאן מיט דער גאנצער מאנשאפט זיינען גענומען געווארן אויף א פארהער און נאך פילע אויספארשונגען און אויפקלע-רונגען האט זיך די זאך ארויסגעוויזן פאר אן אמת. דעם שיפסקאפי-טאן מיט זיינע מאטראסן איז ארויסגעגעבן געווארן א שטרענגער בא-פעל מיט פאלגנדער רעזאלוציע:

— אויב איר ווילט בלייבן לעבן מוזט איר דעם אידן אומקערן זיין געלט. ווייל צוליב אייך האט ער עס געמוזט אריינווארפן אין וואסער, כדי זיך צו ראטעווען פון טויט.

דער שיפס-קאַפּיטאַן מיט זיינע מאַטראָסן האָבן געמוזט אויס־פאָלגן דעם אורטייל און האָבן אומגעקערט אליפלט׳ן אַ גרויסן סכום געלט. ווען ניט, וואָלטן זיי אַלע צוזאַמען צום טויט פאַראורטיילט גע־וואָרן.

די ריכטער האָבן זיך געווענדעט צו אליפלט׳ן נאָכפרעגנדיק ביי אים:

— ווער האָט דיר די קלוגע עצה געגעבן צו וואַרפן דיין געלט אין וואַסער?

אליפלט האָט דאַן אָנגעוויזן אויף זיין זון און געזאָגט:

— מיר זיינען אידן, די ווערטער פון אונזערע חכמים זיינען פאַר אונז — אויגן, וואָס ווייזן אונז דעם וועג. זיי לערנען אונז אויף יעדן טריט און שריט ווי צו לעבן און ווי צו פירן זיך. מיין זון האָט פיל געלערנט אונזערע הייליקע שריפטן. אין דער זעלבער צייט וואָס אונז האָט געדראָט אַ גרויס געפאַר צו פאַרלירן אונזערע לעבנס און פאַר־מעגן, האָבן די קלוגע ווערטער פון קוהלת אויפגעשיינט אין זיין מוח, און אונז געראַטעוועט פון טויט.

די געטרייע צוויי ברידער

אַמאָל זיינען צוויי ברידער פאַרבליבן קליינקינדיקע יתומים, אָן על־טערן און אָן פריינט.

ביידע האָבן זיי שטענדיק געליטן קעלט און הונגער, נויט און פּיין. אָבער ליב האָבן זיי איינער דעם צווייטן געהאַט און זיך געטיילט מיט יעדן ביסן ברויט, גלייך אויף גלייך.

אַמאָל איז זיי אויסגעקומען צו גיין אין אַ וועג, וואו קיין עסן איז נישט מעגלעך געווען צו קריגן. פון דערוויילטנס איז געזעסן עפּעס איי־נער אַ מענטש און האָט געפּיטערט שאָף. האָבן די ברידער זיך צו אים דערנענטערט און אָנגעהויבן בעטן:

— גוטער פּאַסטוך! האָב אויף אונז רחמנות און טייל אונז אָפּ פון דיין ברויט, מיר זיינען זייער הונגעריק.

—נאַט אייך מיינע ליבע, דאָס לעצטע ברויט, עסט און זייט זאַט!

— האָט דער גוטהאַרציקער פּאַסטוך זיי דערלאַנגט אַ טייל פון זיין עסן.

דאַן האָט דער עלטערער ברודער גענומען זיין חלק און אָפּגעגעבן דעם קלענערן.

— ניין, ברודערקע, —האָט דער יונגערער געזאָגט— דעם גאַנצן וועג האָב איך זיך אויף דיר אָנגעשפּאַרט, ביסטו אוודאי מידער און הונגעריקער פון מיר. לאָמיר זיך בעסער צעטיילן אויף גלייכע חלקים.

די ברידער האָבן איינגעטיילט צווישן זיך דאָס ברויט, געגעסן און געשטילט דעם הונגער.

דערמוטיקט און מיט פרישע כוחות האָבן זיי פאָרגעזעצט דעם וועג, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו אַן אָרט, וואו די וועגן צעשיידן זיך.

דאָרט איז געשטאַנען אַ הויכער סלופּ מיט אַזאַ אויפשריפט:

„ווער ס'וועט גיין רעכטס, וועט ווערן אַ קעניג, און ווער לינקס — אַ רייכער".

— גיי דו רעכטס, האָט דער יונגערער ברודער געראָטן דעם עלערן, דו ביסט קלוגער און זעלבסטשטענדיקער פאַר מיר, פּאַסט דיר גיכער צו ווערן קעניג.

האָט זיך יעדער פון זיי אויסגעקליבן אַ וועג. דער עלטערער איז געגאַנגען רעכטס און דער יונגערער — לינקס.

* * *

אַ לאַנגע צייט האָבן די צוויי ברידער געוואַנדערט אויף פאַרשידענע וועגן, פון שטאָט צו שטאָט, ביז דער עלטערער האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן, זייער אַ מידער און פאַרמאַטערטער צו אַ ווייט לאַנד. ער איז דאָרט אריין אין אַ הויז פון אַן אַלטער פרוי, ביי וועלכער ער האָט זיך איינגעבעטן איבערצונעכטיקן.

אין דעם דאָזיקן לאַנד איז גראַד דאָס יאָר געשטאָרבן דער קעניג, וועלכער האָט נאָך זיך נישט איבערגעלאָזן קיין טראַנספאָלגער, אויסער אַן איינציקע טאָכטער, זייער אַ שיינע און קלוגע.

האָבן זיך אין יענעם טאָג די איינוואוינער פון שטאָט פאַרזאַמלט אין שול, יעדער מיט אַ ליכט אין האַנט, כדי אויסקלייבן פון צווישן זיך אַ קעניג.

— וועמעס ליכט ס'וועט צום ערשטן זיך אליין אָנצינדן און ברענען ליכטיקער פון אַלעמענס —האָבן זיי באַשלאָסן— דער וועט באַשטימט ווערן פאַר קעניג און מיט אים וועט די שיינע פרינצעסין חתונה האָבן.

— נאַ דיר, מיין זון, אַ ליכט, לויף וואָס שנעלער אין שול אריין — האָט די אַלטע פרוי געזאָגט צו איר קליינעם גאַסט. — אפשר וועט דאָס צום ערשטן אויפשיינען און באַלייכטן דיין מזל, אויסגעקליבן צו ווערן פאַר קעניג!

אָבער ווען דער יתום האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס, איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ בלינדער וועלכער האָט געבלאָנדזשעט און געטאַפּט די ווענט און קיינער איז אים צו הילף נישט געקומען, מחמת יעדער האָט זיך געאיילט אין שול אריין.

האָט דער יתום זייער רחמנות געקראָגן אויפן אומגליקלעכן בלינדן. אים אָנגענומען ביי דער האַנט און לאַנגזאַם געפירט אַהינצו, וואוהין ער האָט געוואָלט גיין.

דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט אין שול אריין, וואו ער האָט געכאַפּט פאַרזאַמלט כמעט די גאַנצע שטאָט איינוואוינער.

אריינקומענדיק צווישן דעם געפּאַקטן עולם, האָט זיך גלייך זיין

ליכט צום ערשטן אָנגעצונדן און אָנגעהויבן פלאַקערן און שיינען ליכ־פיקער און העלער פון אַלעמענס. שיינענדיקע אותיות זיינען אַרום אים געפלויגן אין דער לופטן: „אַ ליכט ביסטו געוואָרן פאַרן בלינדן, וועט דערייבער דיין ליכט אויפשיינען".

האָבן דאַן די איינוואוינער פון שטאָט נישט פאַרגינען דעם פרעמדן יתום זיין גליק און געפּרואווט אויסלעשן זיין ליכט.

דאָס האָט אָבער באַמערקט פון וויטנס די פּרינצעסין, וועלכע האָט אויפגעהויבן איר גאָלדענע רוט אין דער הויך און אויסגעשריען:

— רירט נישט אָן דעם געזאַלבטן פון גאָט, זאָל זיין ליכט וואָס העלער שיינען, וויל ער איז מיין פאַטערס טראָנפאָלגער און אויף זיין קאָפּ זאָל די קרוין אָנגעטון ווערן!

דאָס פאָלק האָט גלייך גענומען דעם פרעמדן יתום און אויף די הענט צוגעטראָגן צו דער פּרינצעסין, וועמען זי האָט געשענקט איר גאָלדן רינגל.

ווען ער איז אויפגעוואַקסן און זיך פאַרפולקאָמט אין פאַרשידענע חכמות, האָט זי מיט אים חתונה געהאַט.

ער איז געוואָרן דער הערשער פון לאַנד און זיך באַצויגן פריינט־לעך און גוטמוטיק צו יעדן אָרעמען און געדריקטן, און אַלעמען געטון גוטס. זיין ברודער איז פון אים באַשטימט געוואָרן אַלס וויצע־קעניג.

די חכמה פון אַ ריכטער

דער קעניג שראַצר, וועלכער האָט געשטרעבט אין דער צייט פון זיין קעניגן איינצופירן אין לאַנד פרידן צווישן מענטש און מענטש, דורך ריכטיקע געזעצן און אורטיילן וואָס קלוגע ריכטער זאָלן אַרויסטראָגן ביים משפט'ן דאָס פאָלק, האָט זיך אַמאָל דערוואוסט וועגן איינעם אַ ריכטער, וואָס געפינט זיך אין אַ געוויסער שטאָט פון זיין מדינה און וועמענס איינפאַלן און אורטיילן זיינען אויסגעצייכנטע און לאָזן זיך הערן.

דער קעניג האָט זיך באמת געוואָלט אַליין איבערצייגן ווי וויט די זאַך איז אמת, האָט ער זיך איבערגעטון אין ציווילע קליידער ווי אַן איינפאַכער בירגער, און אַרויפזעצנדיק זיך אויף דעם בעסטן פערד וואָס איז אי פלינק אי שיין האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין יענער געגנט.

צוקומענדיק צום טויער פון שטאָט, איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ הינקענדיקער אָרעמאַן און ביי אים געבעטן אַ נדבה.

ווי דער קעניג האָט אים דערלאַנגט די נדבה און זיך געלאָזט ווייטער פאָרן, האָט דער הינקענדיקער אָנגעהויבן בעטן מיט טרערן אין די אויגן:

— ליבער האר! נעם מיך אַרויף אויף דיין פערד און פיר מיך אריין

אין שטאָט. איך האָב קיין כוח ניט צו גיין צופוס; זעסט דאָך אַליין מיט דיינע אייגענע אויגן, וואָס פאַר אַן אומגליקלעכע קאַליקע איך בין!

שטאַרק געריהרט פון אָרעמאַנס בעטן זיך, האָט שראַצר רחמנות געקראָגן און אים אויף זיין פערד אַרויפגענומען.

אַריינקומענדיק אין שטאָט האָט שוין אָבער דער הינקענדיקער ניט געוואָלט אַראָפּקריכן פון פערד און זיך נאָך צעשריען:

— דאָס פערד איז דאָך מיינס, פאַרוואָס ווילסטו עס ביי מיר אַוועק-רויבן? גיב עס מיר אָפּ!

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט? —טענה'עט שראַצר— גיי דיר געזונטערהייט און לאָז מיך פאָרזעצן מיין וועג; אַזוי באַצאָלסטו מיר פאַר דער טובה וואָס איך האָב דיר געטון? זיי האָבן זיך אָנגע-הויבן רייסן און אַמפּערן, ביז עס איז אָנגעקומען אַ פּאָליציימאַן און זיי ביידן אַוועקגעפירט אין געריכט.

— דאָס פערד איז מיינס, שוין פון אַ סך יאָרן — ווענדעט זיך שראַצר צום ריכטער און הויבט אָן אויסדערציילן די גאַנצע געשיכטע.

— ניין, ניט ריכטיק, דו ליגנער און רויבער! —טומלט אויף אַ קול דער הינקענדיקער— זעט נאָר הער ריכטער, וואָס פאַר אַ געשטראָפטער קאַליקע איך בין, איך קען דאָך קיין שפּאַן ניט טון, איז מיך פּלוצלינג אַ רויבער באַפאַלן און וויל מיין איינציקע הילף פון מיר אַוועקרויבן, דאָס פערד, אָן וועלכן איך קען זיך ניט באַגיין און אפילו קיין איין טריט ניט טון!

קוקט זיי ביידע אָן דער ריכטער און ווייסט פאַרלויפיק ניט וואָס פאַראַ אורטייל אַרויסצוטראָגן, וועמען עס זאָל געהערן.

— זאָל דאָס פערד דערווייל בלייבן אויף אַ טאָג ביי מיר אין שטאַל און איר קומט מאָרגן — האָט דער ריכטער ענדלעך פאַראָרדנט.

זיינען זיי ביידע אַוועק אהיים און גלייך צומאָרגנס אינדערפרי געקומען אין געריכט-הויז און זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ משפּט.

— דאָס פערד שטייט אין שטאַל צווישן אַנדערע צוואַנציק, וועסטו עס דערקענען? — פרעגט דער ריכטער שראַצר'ן — געוויס יאָ, — ענטפערט ער. — און איך וועל אויך מיטן ערשטן אויגנבליק מיין פערד דערקענען! — שרייט אויס דער הינקענדיקער.

דעם ערשטן האָט דער ריכטער אַריינגעפירט שראַצר'ן אין שטאַל, וואו ער איז צום פערד צוגעגאַנגען און עס אַ גלעט געטון.

נאָכהער איז אַריין דער הינקענדיקער און זיך אויך צום זעלבן צו-געלאָזט.

— צו דעם מענטשן זאָל געהערן דאָס פערד —ווייזט אָן דער ריכ-טער מיטן פינגער אויף שראַצר'ן— גיי און נעם עס, ווייל עס איז דיינס! און דו הינקענדיקער, וועסט גלייך פאַרשפּאַרט ווערן אין תפיסה, וואו דו וועסט אָפּקומען דיין שטראָף פאַר וועלן פאַרכאַפּן אַ פרעמד פערד.

— הער ריכטער! — ווענדעט זיך צו אים שראַצר אַ דערשטוינטער

— זאגט מיר, איך בעט אייך זייער, ווי אזוי האט איר געטראפן, וועמענס פערד דאס איז?

— איך האב אייך ביידע אריינגעפירט אין שטאל —דערקלערט דער ריכטער— ניט צוליב דעם אז איר זאלט דאס פערד דערקענען, נאר צו זען צי דאס פערד וועט אייך דערקענען. צו דיר, שראצער, האט עס דעם קאפ אויסגעדרייט און אנגעהויבן פאר פרייד צו הירזשען, דערקענענדיק דעם ריכטיקן בעל-הבית, אבער ווי נאר דער הינקענדיקער האט זיך געפרואווט דערצו צוגיין, האט עס אנגעהויבן מיט די פיס צו קאפען און אים געוואלט דורס זיין. איז דאס דען ניט א גענוגנדער באווייז און קלארער ענטפער, צו וועמען עס געהער?

— איך בין דער קעניג! — האט שראצער פון זיך די ציווילע קליידער אראפגעווארפן און זיך געלאזט דערקענען. איך בין אהער געקומען אויסהערן דיינע קלוגע משפטים, לויט ווי מען האט מיר דערציילט. איצט, בעט פון מיר וואס נאר דו פארלאנגסט און איך וועל דיר געבן!

— ניט קיין מתנות באגער איך, הער קעניג! —ענטפערט דער קלוגער ריכטער — נאר משפט'ן ריכטיק דאס פאלק, לויט ווי דער געזעץ פאדערט. דאס איז מיין בעסטער וואונש און באלוינונג, וואס וועט מיך אויף אייביק צופרידנשטעלן.

א שנירל פערל

אמאליקע יארן, ווען אידן האבן געוואוינט אין די דערפער, פלעגן זיי מיט דער מערסטער טייל דארפישער באפעלקערונג לעבן בשלום. דער איד מיטן קריסט פלעגן שטענדיק צווישן זיך האנדלען און קעגנזייטיק זיך געגעבן צו פארדינען. אויך האבן זיי אפטמאל איינער ביים צווייטן געליען געלט און צום טערמין באצאלט, פארבלייבנדיק צווישן זיך גוטע פריינט.

האט אמאל פאסירט אזא געשיכטע: א פויער איז אריינגעקומען צו א דארפס-אידן אין שטוב אריין, און מיטברענגענדיק א שנירל פערל, האט ער זיך געווענדעט צום אידן און געזאגט:

— זע, ליבער פריינט! איך נויטיק זיך איצט זייער שטארק אין געלט, ליי מיר פינף און צוואנציק גילדן אויף א געוויסער צייט. אט, לאז איך דיר איבער א משכון א שנירל פערל, מיין פרויס צירונג. מיט דאנק וועל איך דיר צו דער צייט אפברענגען דעם חוב מיט פראצענט, און אפנעמען דעם משכון.

דער איד האט נישט חושד געווען דעם פויער אין קיין בייז און אים געליען די פינף און צוואנציק גילדן.

זעענדיק אבער ווי עס זיינען אריבער וואכן און חדשים און דער בעל-חוב קומט נישט, האט דער איד גענומען די פערל און זיך אוועק

געלאָזט אין שטאָט אריין, כדי געוואויר ווערן, צי האָט אים דער פויער טאַקע באמת געגעבן אַ ווערטפולן משכון.

אָבער ווי ער איז אריינגעקומען אין אַ צירונג-געשעפט און געוויזן דעם סוחר דאָס שנירל פערל, גלאָצט יענער אויף אים אוים אַ פּאָר פאַר־וואונדערטע אויגן און זאָגט:

— ווער מיר פערל, וואָס מיר פערל. דאָס זיינען דאָך פּראָסטע שטיקלעך גלאָז, וואָס האָבן נישט די ווערט מער ווי איינציקע קופּערנע מטבעות.

— אוי, אַן אומגליק! —כאַפּט זיך דער איד אַן ביים קאָפּ— דער פויער האָט מיך מיאוס באַשווינדלט, איך בין שלעכט אריינגעפאַלן... וואָס טוט מען איצט?

* * *

נישט פארלירנדיק קיין צייט, האָט דער איד צוריקגעקערט צו זיך אין דאָרף אריין. דאָרט איז ער אריינגעקומען אין אַ שענק, וואו זיינע באקאַנטע פויערים זיינען געזעסן אַרום אַ טיש און געטרונקען בראָנפן. ער האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט נעבן זיי און געהאַט דעם אויסזען ווי איינער וואָס געפינט זיך אין גרויס פאַרלעגנהייט און איז טרויעריק געשטימט. ער האָט געהאַלטן אין איין אויקן און קרעכצן.

— וואָס האָט פּאַסירט, וואָס דו ביסט היינט אַזוי פאַרצווייפלט און פאַרביטערט? — פרעגן אים די פויערים.

— אוי, גוטע ברידער! עס האָט מיך אַן אומגליק געטראָפן! — ענטפערט דער איד. — איך קען אייך דעם סוד פון מיין אומגליק נישט פאַרטרויען, ווייל טאָמער וועט זיך עמיצער דורך אייך דערוויסן, בין איך אַ פאַרפאַלענער!

— ניין, ניין! —פאַרזיכערן אים די פויערים— מיר וועלן קיינעם נישט דערציילן!

דאַן האָט דער איד אויסגעגעסן פאַר זיי זיין ביטער הארץ און דערציילט:

— דער און דער פויער האָט ביי מיר געליען פינף און צוואַנציק גילדן, און מיר איבערגעלאָזט אַ ווערטפולן משכון. איך האָב אים אָבער פאַרלוירן. איצט, טאָמער קומט ער באַצאָלן דעם חוב און פאָדערט דעם משכון, וועלכן איך האָב שוין נישט, וועט ער דאָך פאַרלאַנגען פון מיר אַ סומע געלט לויט זיין ווערט, טאַ וואָס-זשע טוט מען?

די פויערים האָבן אויסגעהערט די ווערטער פון אידן און זיך גענומען איבערקוקן. דערווייל איז איינער פון זיי גלייך אַוועקגעלאָפן צו יענעם פויער און אים דערציילט אַלעס, וואָס ער האָט געהערט.

— אַ, איצט האָב איך אַ געלעגנהייט אַרויסצופּרעסן ביים אידן אַ פאַרמעגן! — האָט זיך דער שווינדלער געטראַכט און גלייך צומאַרגנס, איז ער געקומען בליץ-שנעל צולויפן צום אידן, מיטברענגענדיק דעם חוב און געפאָדערט זיין משכון.

— כ׳האב אים פארלוירן! —שרייט דער איד— פארוואס ביסטו גישמו געקומען צו דער צייט?

דער פויער האלט אבער אין איין טענה׳ען:

— מיינע פערל זאלן מיר זיין! איך וויל פון גארנישט וויסן!

זיינען זיי ביידע אין זעלביקן טאג אוועק אין געריכט.

דארטן זיינען פארגעקומען גאר גרויסע סקאנדאלן און געוואלדן צווישן זיי ביידן. דער פויער שרייט און רייסט פשוט שטיקער, אין איין קול:

— מיינע פערל, מיין פרוים צירונג!

דער איד ווידער, איילט זיך ניט.

ענדלעך האט דער איד א געשריי געטון:

— גוט, באצאל פריער דאס געלט, אפשר וועל איך זיי נאך געפינען!

און ווען דער פויער האט ארויסגענומען די פינף און צוואנציק גילדן און אוועקגעלייגט אויפן טיש, האט זיך דער איד א קער-געטון, אריינגעשטעקט די האנט אין קעשענע, ארויסגעכאפט פון דארט דאס שניר׳ל פערל און פאר אלעמענס אויגן א פרעג-געטון דעם צעהיצטן פויער:

— דאס איז דיין משכון, וואס דו האסט מיר איבערגעלאזט בעת׳ן נעמען דאס געלט?

— יא, יא! נים מיר אים אפ!

דער איד האט דערלאנגט דעם שווינדלער די זעלביקע גלעזערנע „פער׳ל" און געזאגט:

— נא דיר אפ דיין מציאה! — און ער איז א צופרידענער אוועק אהיים.

באצאלט מיטן לעבן פאר קלוגערן זיך צופיל

אין א שטאט פון די מזרח-לענדער וואו די מענטשן האבן געפירט אן ערלעך הארעפאשנעם לעבן און קיינמאל ניט געקלערט וועגן זאכן וואס שטייען העכער פון זייער פארשטאנד, האט געלעבט איינער א מאן, וואס האט שטאלצירט קעגן אלעמען און זיך געהאלטן פאר א גרויסן חכם. זיין הארץ האט אים באוואויגן אריינלאזן זיך אין פארבארגענער חכמה און שטודירן סודות פון דער נאטור, דאס וואס גאט האט פארהוילן פון מענטשנס אויג און צומאל ניט געוואלט אז די ווערק פון זיינע הענט זאלן פאר יעדן אנטפלעקט ווערן און זיין דערגרייכבאר.

פארטראכטנדיק זיך אמאל וועגן דעם לעבן פון חיות און עופות, האט דער מענטש שטארק חשק באקומען אויסצולערנען זיך זייער שפראך און פארשטיין וואס זיי רעדן צווישן זיך. צוליב דעם האט ער זיך אפגעזונדערט פון דער ארומיקער געזעלשאפט און אוועקגעשטעלט

זיין געצעלט טיף אין וואַלד, ווייט פון יעטוועדער מענטשלעכער סביבה. דאָרט האָט ער זיך צוגעקוקט צום לעבן פון חיה און עוף, ביז ער האָט אין אַ קורצער צייט אַרום אָנגעהויבן פאַרשטיין די נאַטור פון יעדער מין חיה און דאָס געשפּרעך פון פייגל.

— אַך, ווי וואויל איז צו מיר, —האָט ער דאַן באַקומען שטאָלץ און געזאָגט— איך בין דאָך איצט דער איינציקער חכם אויף דער וועלט. ווער קאָן זיך צו מיר גלייכן?

* * *

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן האָט דער מענטש דערזען ווי צוויי ראָבן זיינען צוגעפלויגן צו אַ בוים און זיך אָנגעהויבן קריגן. איינער פון זיי, דער מער שטאַרקערער, האָט אַ צעהיצטער זיך געוואָרפן אויפן צווייטן און אַריינגעשטאָכן זיין שאַרפן שנאָבל אין זיין האַרצן און אים געטויט. דערזעענדיק אָבער דאָס בלוט פון אייגענעם ברודער, האָט דער מערדער-ראָב חרטה באַקומען און אָנגעהויבן פון גרויס צער פּאַטשן מיט די פליגל און וואַרקען טרויעריק, גלייך ווי ער בעט הילף.

באַלד האָט זיך פון דער הויך אַ יונגער אָדלער אַראָפּגעלאָזט און דעם פאַרצווייפלטן ראָב געטרייסט און געזאָגט:

— האָב קיין יסורים ניט ברודער, אָט דאָרט אין עק וואַלד, ניט ווייט פון דאַנען, וואַקסט אַ מין גרעזעלע וואָס קאָן לעבעדיק מאַכן אַ טויטן. גיי און רייס עס אָפּ מיט דיין שנאָבל, לייג עס אַרויף אויף דער וואונד פון דיין טויטן ברודער, וועט ער אויפשטיין.

האָט דער ראָב געפאָלגט און אַזוי געטון. און אַ וואונדער איז געשען: ביים ערשטן באַריר פונ׳ם וואונדערלעכן גרעזעלע האָט זיך דער טויטער ראָב אָנגעהויבן באַוועגן און איז לעבעדיק געוואָרן. האָבן ביידע גלייך צעשפּרייט זייערע פליגלען און זיינען אַוועקגעפלויגן אין דער הויך צום ברייטן הימל.

— ס׳אַ גליק! —רופט אויס דער מענטש— איך געפין זיך דאָך ביים איינגאַנג וואָס פירט פון טויט צום לעבן. דאָס זעלבע גרעזעלע וועל איך אויך באַנוצן און דערמיט גרויסע וואונדער באַווייזן. איך וועל פון טויטע לעבעדיק מאַכן, אָך ווי גוט!

זיבן טעג נאָכאַנאַנד איז ער אַרומגעגאַנגען אין וואַלד און געהאַלטן אין איין זוכן די פרוכט פון לעבן, ביז ער איז צוגעקומען צום געוואונ־שענעם פלאַץ און אויסגעריסן דאָס וואונדערלעכע גרעזעלע, אַריינגע־לייגט אין זיין טאָרבע און זיך געשעצט גליקלעך, ווי איינער וואָס האָט דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע פון וויסנשאַפט און קאָן זיך גלייכן צו גאָט.

* * *

אַפּגייענדיק אַ שטיק וועג אינמיטן וואַלד, האָט ער געטראָפן ליגן אַ טויטן לייב, אויסגעצויגן אויף דער ערד. זיין טויל איז געווען אָפן, די

צינג אַרויסגעשטעקט פון צווישן די ציין און גרויסע מוראשקעס קריכן צרום אויף זיין קערפּער און גניסן פון דער טויטער נבלה.

— אַנו, לאָמיך פּרוּאוון, — האָט דער מענטש אויסגעשריען — וועט ער לעבעדיק ווערן?

אַרויפליינגנדיק אויף זיין פּנים דאָס שמעקעדיקע גרעזל, האָט דער לייב געעפנט די אויגן און זיך געשאָטלט אויף די פיס. ער האָט אָנגע-הויבן ברומען מיט זיין לייבן-שטימע און מיט שטאָלצע טריט אַרומגע-שפּרייזט מאַיעסטעטיש אַהין און אַהער, ווי אַ קעניג וואָס האָט צוריק באַקומען זיין קרוין און מאַכט.

דערזעענדיק אָבער נאָענט נעבן זיך איינעם פון דער מענטשן-פאַמיליע, האָט דער לייב ניט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז דער זעלבער, וואָס האָט אים צוריקגעקערט צום לעבן, און ער האָט זיך אַרויפגע-וואָרפן אויף זיין אומגליקלעכן קרבן און אים פאַרצוקט, ווייל ער האָט שוין לאַנג ניט געגעסן און איז געווען שטאַרק הונגעריק.

נאָכהער, ווען ער האָט זיך אָנגעגעסן צו זאַט, איז ער געגאַנגען באַ-קיקן זיין ברייטע מלוכה.

דער קאַליף פון באַגדאַד און דער קלוגער אַראַבער

הרון-אל-ראשיד, דער קאַליף פון באַגדאַד, איז אַמאָל אויפגעשטאַ-נען אינדערפרי פון שלאָף זייער צאָרנדיק און שלעכט געשטימט. ער האָט צוגערופן זיין הויז-דינער און אים שטרענג געזאָגט:

— זע נאָר, גאַעפאַר, ווי אויפגערעגט און נערוועאיש איך בין היינט. אויב דו געפינסט ניט עפּעס אַ מיטל מיט וואָס מיך צו דער-פרייען און פאַרטרייבן דעם אומעט פון מיין האַרץ, וועל איך דיך ווי אַ הונט אַרויסיאָגן פון דאַנען. הערסט צי ניין? נעם עס גוט אין אַכט!

גאַעפאַר איז געבליבן שטיין זייער דערשראָקן און האָט נישט גע-וואוסט וואָס צו טון. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און געזוכט עפּעס אַ זאַך, מיט וואָס צו פאַרווילן זיין האַר און אויסוועפן דעם צער פון זיין האַרצן. פּלוצלינג האָט ער דערזען פונדערווייטנס אָנקומען אַן אַראַבער מיט אַ גרויסער באָרד, וועלכער שפּאַצירט אַרום דעם פּאַלאַץ און באַקוקט נייגעריק יעדעס ווינקעלע און האַלט זיך אין איין וואונדערן.

ווייסטו וואָס, הער קאַליף — רופט זיך אָן גאַעפאַר — דו זעסט, אָט דאָרט גייט איינער אַ נאַרישער אַראַבער, אַ ווילד-באַוואַקסענער, וועל איך אים צורופן אַהער און הייסן אָפּשערן די באָרד, וועט דאָס, דוכט זיך מיר, דיר געבן גענוג שטאָף צום לאַכן און דאָס וועט דערפרייען דיין טרויעריק געמיט. ווי מיינסטו, איז עס ניט אינטערעסאַנט?

איידער אָבער מען האָט גענומען דעם אַראַבער שערן די באָרד,

האָט דער קאַליף רחמנות געקראָגן און אים געוואָלט מיט עפּעס פאַר־גיטיקן פאַר דער בושה וואָס ער וועט ליידן. ער האָט אים דעריבער צוגערופן נאָענט צו זיך און העפלעך געזאָגט:

— זע פריינט, מיין דינער וויל דיר אָפּשערן די באָרד, כדי מיך פריילעך מאַכן. דיר אָבער, וועט עס געווים פאַרשאַפן צער און בושה, דעריבער בעט ביי מיר דריי זאַכן, וועלכע נאָר דיין האַרץ גלוסט, וועל איך פון דיינעט וועגן טון, אַלס אַ באַפרידיקונג פאַר די יסורים וואָס וועלן דיר צוגעטיילט ווערן.

—זאָל מיין באָרד זיין דיין כפרה, הער קעניג! —רופט זיך אָן דער אַראַבער און פאַרנויגט זיך איניקע מאָל— מיר וועט פיל לייכטער זיין ליידן בושה אַלע מיינע יאָרן, איידער דער קעניג זאָל חלילה לעבן אין טרויער איין שעה. איך דאַנק דיר פאַר דיין גוטסקייט וואָס דו האָסט מיר אָנגעבאָטן און געהייסן בעטן דריי זאַכן. האָב איך טאַקע דעם כבוד פאַרלאַנגען פאָלגנדעס: ערשטנס זאָל דער קעניג הייסן אַראָפּ־נעמען דעם שווערן יאָך און צו גרויסע שטייערן פון דיינע קנעכט, די פאַרשקלאַפטע מדבר־איינוואוינער, מען זאָל מיט זיי ניט אַרבעטן ווי מיט די בהמות.

— דיין פאָדערונג וועט שוין נאָכגעגעבן ווערן, ווייל זי איז אַ גע־רעכטע —האָט אים דער קאַליף געענטפערט און זיין פנים האָט אויפ־געשיינט.

— צווייטנס, זאָל דער קעניג באַווייזן אַ זשעסט און הייסן אומ־קערן אונז דאָס רויב, וואָס מיר ווערן טאָג־טעגלעך באַרויבט פון דיינע גרויזאַמע האַרן און דינער.

— אויך דיין צווייטע ביטע וועט ערנסט גענומען ווערן אין אַכט

—· איז מסכים דער קאַליף און לאָזט אים ווייטער רעדן.

— דריטנס, און דאָס איז מיין הויפּט־בקשה: זאָל דער קאַליף פאַר־אָרדנען, מען זאָל פריער פאַר אַלעמען לאָזן אָפּשערן די באָרד פון גאָע־פאַרען אַליין, אָט דעם, וואָס האָט די עצה געגעבן. איך גלויב, אַז דאָס וועט דיר גרויס פאַרגעניגן פאַרשאַפן און אויך איך וועל אַרוים בשלום און זיך קענען צוריקקערן אַהיים ווי אַ מענטש.

* * *

אויסהערנדיק דעם קלוגן וואונש, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון דעם זעלבן, וועלכן דער דינער האָט אין אָנפאַנג פאַרגעשטעלט פאַר אַ נאַרישן מדבר־איינוואוינער, האָט זיך דער קאַליף צעלאַכט אויפן קול און זיין גאַנץ נידערגעשלאָגנקייט און דאָס שווערע געמיט איז פון אים פאַרשוואונדן אין איין רגע, גלייך ווי ער וואָלט מיט אַמאָל אַן אַנדער מענטש געוואָרן.

— אוי, האָסטו גוט געבעטן! —כאַפּט אים דער קאַליף אָרום און דערפרייט זיך ביז גאָר— איך זע, אַז דו ביסט אַ גרויסער חכם און

פאַרמאָגסט גענוג שכל. דיין פאַרלאַנג איז זייער באַרעכטיקט, ווייל זוער עס שיט אריין גיפט אין צווייטנס בעכער, זאָל ער אים אַקאָרשט פרואוון אליין אויסטרינקען, ער און ניט קיין אַנדערער!

דעם קאַליף איז זייער געפעלן געוואָרן דער איינפאַל און ער האָט טאַקע באַלד באַפוילן אַנידערצוזעצן זיין הויז-דינער און אים אַפּשערן די באָרד, אנשטאָט דעם קלוגן אַראַבער, וועלכן ער האָט באַגריסט און פרייגעלאָזן.

יענעם גאַנצן טאָג האָט דער קאַליף ניט אויפגעהערט צו לאַכן.

ווינטער און זומער

דער ווינטער האָט געלאָזט פילן זיין מאַכט איבערן לאַנד. ער האָט פאַרזייט טויט און פאַרניכטונג אומעטום. אַ קאַלטער ווינט בלאָזט און פייפט טרויעריק. ער צעטרייסלט בוימער און וואַרפט-אַראָפּ די בלע-טער אויף דער ערד.

ביים ברעג פון פאַרפרוירענעם טייך, שטייט איינגעבויגן אַ האַלב איינגעפאַלענע הייזקע, פון וואַנען עס הויבט זיך אַרויס אַ רויך פון קוימען גאָר זעלטן.

דער אַלטיטשקער, וואָס וואוינט דאָרט, איז זייער שוואַך און דערשעפּט. ער האָט צומאָל קיין כוח ניט אַרויסצוגיין אין וואַלד אָנ-האַקן האָלץ צו איינהייצן דעם אויוון און איז דעריבער אויסגעשטעלט צו ליידן קעלט און פאַרפרוירן ווערן.

ענדלעך אָבער, ווען עס האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרלאָשן ווערן די לעצטע קויל אין אויוון, האָט זיך פּלוצלינג געעפנט די טיר פון ביידל און עס איז אריינגעשפּרונגען איינער גאָר אַ יונגערמאַן, מיט דער לייכטקייט פון אַ פעדער. זיינע באַקן זיינען געווען רויט און אָנגעגאָסן מיט יוגנט-קראַפט. די אויגן האָבן ביי אים געגלאַנצט מיט ליבע-שיין און אויף זיינע דין-זיידענע ליפּן האָט געשוועבט אַ גליקלעך פריילעכער שמייכל, וואָס דערפרייט דאָס האַרץ און פולט עס אָן מיט האָפנונג. אַרום קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ קראַנץ פון וואַלד-מאַרגאַריטקעס און אין ביידע הענט צוויי גרויסע בוקעטן פרילינג-בלומען, וועלכע האָבן געשמעקט מיט פרישקייט און אָנגעפולט דאָס ביידל מיט בשמים-ריחות.

— אַך, דו שיינער, יונגער, בחור, בלום פון צויבער און גן-עדן! קום און זעץ זיך אַ ווײַלע נעבן מיר — זאָגט אים דער אַלטער — דערצייל עפּעס וועגן דעם שיינעם וויטן לאַנד, פון וואַנען דו קומסט ערשט, לאַ-מיר אַקאָרשט צוזאַמען פאַרברענגען. איך וועל דיר אויך אַנטפּלעקן דעם סוד פון מיין הערשאַפט און גרויסמאַכט.

* * *

דער אַלטער האָט אָנגעפּולט זיין לולקע מיט פרישן טאַבאַק און דערלאַנגט דעם גאַסט צו רויכערן. דער יונגערמאַן ווידער, האָט אים געגעבן די בלומען צו שמעקן. אַזוי האָבן זיי זיך ביידע באַדינט קעגנזייטיק זייער העפלעך און אַ געשפּרעך האָט זיך פאַרפירט צווישן זיי:

— פון אָטעם פון מיין נאָז, —באַרימט זיך דער אַלטער— ווערן פאַרגליווערט טייכן און וואַסער-שטראָמען. זיי ווערן האַרט ווי גלאָז און זעען-אויס ווי קרישטאָל.

— און מיר דער פאַרע פון מיין מויל היל איך איין בערג און טאָלן אין גרין-גראָז — ענטפערט ליבלעך דער יונגער גאַסט מיט אַ שמייכל.

דער אַלטער בלייבט ניט הינטערשטעליק

— ווען איך צעטרייסל מיינע זילבערנע לאָקן, באַדעקט זיך באַלד די ערד מיט ווייסן זילבערנעם שניי. בלעטער פאַלן-אַראָפּ פון די ביימער. מיין קאַלטער ווינט וואַרפט-אָן אַ מורא און שרעק אויף די פייגל און צעטרייבט זיי אין ווייטע לענדער. די חיות אפילו באַהאַלטן זיך אויך טיף אין די הייל. די ערד ווערט וויסט און טרויעריק און פאַרהאַרטעוועט ווי שטיין.

— און איך, זיידע, טו פאַרקערט —רופט זיך אָן דער יונגערמאַן— ווען איך צעשאָקל מיינע לאָקן, טריפן דינע רעגנדלעך. די ביימער צעבליען זיך מיט גרינע בלעטער. פון דער ערד גייען אויף יונגע שפּראָצן און צאַרטע בלימעלעך, ווי שיינע קינדער-אויגן, וועלכע באַדעקן זי מאַסנוויז און פּוצן זי אויס מיט גרינע קליידער. טייכן צעגייען זיך און פליסן מיט אַ פרייליכן גערויש. איך רוף צונויף די פייגעלעך פון ווייטע לענדער, זיי צעזינגען זיך מיט נייע פרילינגס-לידער און פולן-אָן די לופט מיט פרייד און האָפענונג.

דער אַלטער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין גרייז-גרויען קאָפּ און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

די זון האָט זיך היים צעשטראַלט און אָנגעהויבן וואַרעמען די ערד, וואָס מערער און געטרייער און זי מיט ליכטע ווינטעלעך געגלעט און געצערטלט.

ביי דער שיין פון ליכטיקן טאָג האָט זיך ערשט דער יונגערמאַן גוט צוגעקוקט צום אַלטנס געזיכט און דערזען זיין טרויעריק אייז-פאַרגליווערטן כאַראַקטער און זיינע אויגן, וואָס ריגען און טרערן. האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן „דער בייזער ווינטער".

וואָס וויטער אָבער און לענגער דער יונגערמאַן האָט געוואָרפן זיינע וואַרעמע בליקן אויף דער ערד און איר צעוואָרעמט, איז דעם אַלטנס כוח פאַרמינערט געוואָרן, אַלץ קלענער און מאַטלאָזער, גלייך ווי ער ווערט מיטאַמאָל פון דער וועלט פאַרשוואונדן און אַנשטאָט אים, גייט אויף אַ בליאונג, וואָס הייסט פרילינגס-בלום.

— ליבער פרילינג, דאָס ביסטו? — זאָגט דער אַלטער, ביים לעצטן אויסהויכן זיין אָטעם — דו ביסט טאַקע שיין און טייער. איך מוז דיך

ליב האָבן און אנערקענען, כאָטש דו האָסט אויף מיר דעם טויט גע-בראַכט...

— יאָ, יאָ, פריינט-לעבן! —ענטפערט דער שיינער יונגערמאַן— טרעט-אָפּ דאָס פּלאַץ! איך בין די בלום, וואָס מען רופט פרילינג.

דער קאַרגער גביר און זיין שכן, דער לץ

אין אַ קליין שטעטל פון אַ פּוילישער פּראָווינץ, האָט אַמאָל גע-לעבט אַ רייכער איד, זייער אַ קאַרגער און שלעכטער מענטש, וועלכער האָט אויף זיין לעבן קיינעם קיין טובה נישט געטון און צומאָל ניט געליען קיין שכן די מינדסטע זאַך פון זיין הויז.

ניט ווייט פון אים אין שכנות האָט געוואוינט איינער אַן אָרעמער איד, זייער אַ פריילעכער און וויצלער, וועמען מען פלעגט רופן דער פריילעכער קבצן, אָדער שיקעלע לץ.

איינמאָל קומט אריין שיקעלע לץ צו זיין רייכן שכן און בעט ביי אים לייען אַ טעפּל. האָט אים דער רייכער איד געענטפערט פארשידענע תירוצים און ניט געוואָלט לייען.

צומאָרגנס באַוויזט זיך נאָך אַמאָל דער זעלבער שיקעלע און בעט לייען אַ לעפל. ער האָט אָבער דאָס מאָל אויך גאָרנישט געפועלט און איז אַרוים מיט ליידיקע הענט.

— וואָס טוט מען מיט אַזאַ ביטערן אידן? —טראַכט זיך שיקעלע — ווי אַזוי קריגט מען ביי אים עפּעס אַרוים?

אויסנוצנדיק אַמאָל אין אַ טאָג די געלעגנהייט ווען דער מאַן איז אין שטוב ניט געווען, כאַפּט זיך אריין שיקעלע און בעט דער פרוי זי זאָל אים טון די טובה און לייען דעם בעזים.

— פאַרט אַ שכן —טראַכט די פרוי— און דערלאַנגט אים דעם בעזים.

גלייך אויף מאָרגן, קלאַפּט אָן שיקעלע אין טיר און ברענגט אָפּ דעם בעזים מיט אַ קליין בעזימל אַלס צוגאָב.

— וואָס פאַרא בעזימל האָסטו מיר געבראַכט? — פרעגט דער רייכער און וואונדערט זיך.

— פאַרשטייט איר מיר, —ענטפערט אים שיקעלע— אייער גרוי-סער בעזים האָט ביי מיר אין שטוב איבערנאַכט געבוירן אַ קליין בע-זימל, האָב איך עס אייך אָפּגעבראַכט און דאַנק אייך.

אַן אַנדער טאָג קומט ווידער-אַמאָל אריין שיקעלע צו זיין רייכן שכן און בעט לייען אַ שיסל.

— עס טרעפן זיך ניסים ביי דעם מענטשן אין הויז: אַ בעזים האָט געבוירן אַ בעזימל, קען דאָך געמאָלט זיין אַז אויך אַ שיסל זאָל גע-בוירן! — טראַכט דער רייכער און לייט אים גלייך די שיסל.

* * *

צומאָרגנס ברענגט אַפּ שיקעלע די שיסל מיט צוויי קליינע טע־לערלעך אַ צוגאָב.

— ווער זיינען עס די טעלערלעך? — פרעגט דער בעל־הבית.

— וואָס הייסט ווער, איר ווייסט ניט? אייער שיסל האָט געבוירן ביי מיר אין הויז אָט די טעלערלעך, איך ברענג זיי אייך אָפּ, ווייל זיי גע־הערן דאָך צו אייך — זאָגט שיקעלע און דערלאַנגט אים גלייך אין האַנט די שיסל מיט די טעלער וואָס זיינען איבערנאַכט געבוירן געוואָרן.

דער רייכער האָט זיך זייער דערפרייט און פון דאַמאָלט אָן ליב באַקומען זיין שכן פאַר דעם גוטן ריווח וואָס ער ברענגט אים אין שטוב אריין פאַר יעדער געליענער זאַך און מיט דאַנק.

אין אַ צייט אַרום, לויפט שיקעלע לץ אריין צו זיין פריינט, דעם רייכן שכן און זאָגט אים אַזוי:

— הערט אוים, פריינט לעבן. איך בין היינט איינגעלאַדן צו מיינעם אַ רייכן קרוב אויף אַ שמחה,פּאַסט מיר ניט צו גיין אין כיין אָפּגעטראָ־גענעם בגד. טוט מיר אַ טובה און לייט מיר אייער פוטערנעם מאַנטל אויף אַ טאָג. איר וועט קיין רעה ניט האָבן. איך וועל אים אייך צו־ריקברענגען מיט דאַנק.

— אָה, אים מעג מען לייען, ער ברענגט אָפּ מיט פּראָצענט — טראַכט זיך דער רייכער איד און גיט אים גלייך דעם פוטערנעם מאַנטל.

זיינען אָבער אַוועק טעג און וואָכן און שיקעלע איז ווי אין וואַ־סער אריין. מען זעט ניט און מען הערט נישט.

איז דער רייכער מאַן אַוועקגעלאָפן צו אים אהיים מיט אַ געוואַלד:

— וואָס האָט פּאַסירט מיט מיין מאַנטל? וואָס מאַכסטו זיך ניט חיסנדיק?

— אוי, ליבער פריינט, אַנטשולדיקט מיר, אַן אומגליק האָט גע־טראָפן. אייער מאַנטל איז קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן! — זאָגט שיקעלע אין אַ טרויעריקן טאָן.

— ליגנער, שווינדלער, — צעבייזערט זיך דער מענטש און שרייט אים מיט כעס. — ווי אַזוי איז מעגלעך אַז אַ מאַנטל זאָל קראַנק ווערן און שטאַרבן?

— און וואו האָט איר געזען אַז אַ בעזים און אַ שיסל זאָלן געבוירן?

— ענטפערט שיקעלע אין אַ גאַנץ געלאַסענעם טאָן און האַלט זיך רו־איק. — אויב אַ בעזים און אַ שיסל האָבן געקענט געבוירן, האָט אַ מאַנטל געקענט שטאַרבן.

✻

א הערשער וואס האט זיך געוואלגערט אויפן מיסט

איינער א רייכער מענטש, אן אייגנטימער פון א גרויס פארמעגן, האט זיך אמאל אפגעגעבן חשבון פון זיין לעבן און זיך געטראכט: וואס קומט מיר ארויס פון דעם רייכקייט, ווען קיינער האט דערפון קיין הנאה ניט! בעסער וועל איך עס צעשענקען צו ארעמע און געדריקטע, שטיצן דערמיט נויטליידנדע און הילפלאזע, וועלן זיי דערפאר מיין נאמען רימען און מיך בענטשן. די ערשטע הונדערט גילדן וועל איך אפגעבן איינעם אזא ארעמען און געדריקטן, וועלכער האט שוין צוליב זיין ביטערער לאגע, אויפגעגעבן יעדער שיין פון האפנונג און האט אנגעוואוירן דעם בטחון.

אוועקלאזנדיק זיך אמאל אין א טאג אויסער דער שטאט, טרעפט ער דארט זיצן אן ארעמען היימלאזן מענטשן אויף א בערגל מיסט, אנגעטון אין אלטע צעריסענע שמאטעס, פון וועלכע א העלפט פון זיין נאקעט לייב זעט זיך ארויס קעגן דער שיין פון דער זון. ער איז געזעסן און האט געגריזשעט א פארדארט שטיקל ברויט.

אט-א דעם אומגליקלעכן פארשוין, וועל איך אוועקגעבן די הונדערט גילדן — טראכט זיך דער גוטהארציקער גביר. — ער האט דאך געוויס שוין קיין לוסט ניט צום לעבן, ווייל ער געניסט סיי ווי דערפון גארנישט און האפט אויפן טויט וואס זאל אים אויסלייזן פון זיין שווער געמיט. יא, אים וועל איך פון מיסט אויפהויבן און רייך מאכן — באשליסט ביי זיך פעסט דער רייכער, — זאל ער וויסן אז עס עקזיסטירט נאך רחמנות אויף דער וועלט, וואו דאס מענטשלעכע הארץ איז נאך אינגאנצן נישט פארשטיינערט.

אבער ווי נאר ער האט זיך צום ארעמען דערנענטערט און געהאלט אים דערלאנגען דאס געלט, גלאצט יענער אויף אים אוים מאדנע אויגן און רופט אוים מיט פארוואונדערונג:

— וואס איז דיר עפעס איינגעפאלן אוועקשענקען מיר אזא ריזיקע סומע געלט? צעטייל עס בעסער צו די ארעמע פון דיין שטאט. איך האב נאך גרויס האפענונג צום אויבערשטן ער זאל מיר אמאל העלפן, און פארלאנג בשום אופן ניט קיין מענטשנס גאב. גיי דיר אלזא, דיין וועג געזונטערהייט און שטער ניט מיין רו. וואס מיינסטו, שוטה איינער! איך האב שוין אנגעוואוירן מיין בטחון?

דערזעענדיק אז זיין פלאן איז דא דורכגעפאלן, האט דער רייכער מענטש דאס ארט פארלאזט און זיך געטראכט: איך וועל מיין געלט אוועקשענקען די טויטע, זיי האבן דאך אוודאי און אוודאי קיין שייכות ניט צום לעבן און ווייסן ניט פון קיין שום פארגעניגן און באדערפעניש.

ניט לאנג טראכטנדיק, איז דער מענטש געגאנגען און האט אויסגעגראבן אויפן בית-עולם א טיפע גרוב און דארט, צווישן די קברים זיין געלט באגראבן און זיך אוועקגעלאזט א צופרידענער אהיים, מיטן

גערענק אַז ער האָט דורכגעפירט זיין פּלאַן און זיין געלט צעטיילט אויף צדקה.

יאָרן זיינען פאַראיבער, ציַיטן האָבן זיך געביטן, דער מענטש איז פאַרעמט געוואָרן און האָט ניט געהאַט פון וואָס אַ טאָג איבערצוקומען. דערמאָנענדיק זיך אין דעם געלט וואָס ער האָט מיט יאָרן צוריק אין דער ערד פאַרגראָבן, איז ער שנעל אַוועק אַהינצו און געפּרואווט עס אויסגראָבן.

ווען די בית-עולם-וועכטער האָבן באַמערקט ווי אַ מענטש שטייט און גראָבט צווישן די קברים, האָבן זיי אים געכאַפּט און אַוועקגעפירט צום שטאָט-הערשער, אַלס באַשולדיקטער אין וועלן אויסגראָבן קברים, כדי פון די מתים אַראָפּצוציען די תכריכים.

דער דאָזיקער הערשער, פאַר וועמען דער אָנגעקלאָגטער איז צום משפט געשטעלט געוואָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין דער אַמאָליקער אָרעמאַן, וואָס איז מיט יאָרן צוריק אויפן מיסט געלעגן, נאָר וויַיל ער האָט געשמ'ט פאַר אַ פרומען און געבילדעטן מאַן, וועלכער האָט קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט פון קיינעם קיין שטיצע, האָבן אים די שטאָטלייט נאָכן טויט פון זייער הערשער געבעטן פאַר דער פאַסיקסטער פערזאָן דעם אַמט צו פאַרנעמען. זיי האָבן דעם זעלבן פון מיסט אויפגעהויבן און די מאַכט אין זיין האַנט איבערגעגעבן.

איצט ווידער, ווען די וועכטער האָבן דעם גנב געבראַכט, האָט דער הערשער אים גלייך דערקענט. ער האָט זיך אָבער געמאַכט פרעמד און אים אויף אַ שטרענגען פאַרהער גענומען און געדראָט פאַר אַזאַ פאַרברעכן מיט דער האַרבסטער שטראָף צו באַשטראָפן.

מיט אַ קלאַפּענדיק האַרץ און ציטערנדיקע קני האָט דער באַשולדיקטער אויסדערציילט פאַרן מושל זיין ביטערע לאַגע פון אָנהויב אָן, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט:

— איך בין ניט קיין גנב! —האָט ער מיט הייסע טרערן אין די אויגן זיך פאַרטיידיקט— כ'האָב געוואָלט מיין געלט אויסגראָבן, כדי צו האָבן מיט וואָס זיך צו דערנערן, וויַיל כ'האָב קיין סענט ניט ביי דער נשמה און איך קען שוין אַזויפיל נויט און הונגער ניט ליידן.

— דו דערקענסט מיך גאָרניט? —האָט דער הערשער אים טיף אין די אויגן אַריינגעקוקט.— איך בין דאָך דער זעלבער וואָס האָסט מיך אַמאָל אויפן מיסט-בערגל געטראָפן און געוואָלט מיר אַוועקשענקען אַ סומע געלט. איך האָב זיך אָבער דאַן אפילו ביי מיין נויט אָפּגעזאָגט פון שטיצע, די האָפנונג אָבער האָב איך ניט אָנגעוואוירן, נאָר געגלויבט אין מיין אייגענעם מזל, ביז איך בין ענדלעך דערהויבן געוואָרן און געקומען צו דער מאַכט. אָט אַזוי ווי דו זעסט מיך ביי מיין איצטיקן גלאַנץ און רום.

און ער האָט צוגעגעבן:

— גיי, אַלזאָ, גראָב אַרויס פון צווישן די קברים דיין באַהאַלטענעם קאַפּיטאַל, קיין שום שלעכטס וועט מיט דיר ניט געשען.

דער הערשער האָט נאָך דעם מענטשן צוגעגעבן רייכע מתנות און האָט אים אַ גליקלעכן אַפּגעשיקט אַהיים.

דאָס עלנטע קינד און דער מלאך איבער די ווינטן

אַ קינד איז אַמאָל פאַרבליבן אַ קיילעכדיקער יתום, ווײַל זײַנע עלטערן ... ווען די עלטערן אין ברידער אין שוועסטער האָבן פאַרקוקט און זיך צו אים נישט געלאָזט דערקענען.

גרויס נויט און הונגער האָט דער קליינער יתום געליטן, ביז ער האָט ענדלעך, נאָך פיל צייט אַרומוואַנדערן איבער דער וועלט, אויפגעזוכט צופעליקערווייזע זיין עלטסטן ברודער, פון וועלכן ער האָט געהאָפט געשטיצט צו ווערן און אויסבעסערן זיין ביטערע לאַגע.

יענער האָט אים אָבער זייער גרויזאַם און מערדעריש באַהאַנדלט, ניט ווי אַן אייגענער ברודער, נאָר פּשוט ווי אַן איינפאַכער פעלד-גזלן: ברויט מיט וואָג האָט ער אים אויסגעטיילט און וואַסער מיט אַ מאָס. אפילו שלאָפן אין זיין געצעלט האָט ער אים ניט אַריינגעלאָזט. און כדי ניט צעפרעסן ווערן פון אַ ווילדער חיה, איז דער אָרעמער אינגל נעבעך געצוואונגען געווען נאַכט איין נאַכט אויס, אַרויפקריכן אויף אַ הויכן בוים און דאָרט איבערצונעכטיקן.

—פאַרוואָס פייניקסטו אַזוי דיין אייגענעם ברודער? — האָט זיך אַמאָל צום פאַרדאָרבענעם ברודער באַוויזן אַ מלאך אין אַ מענטשן געשטאַלט און געפרעגט.

אנשטאַט אָבער צו געבן אַ קלאָרן ענטפער, האָט דער האַרט-האַרציקער מענטש אָנגעלאָדן אַ ביקס מיט צוועלף קוילן וואָס ער האָט ביי זיך פאַרמאָגט, און גענומען נאָכאַנאַנד שיסן.

די קוילן האָבן אין ציל נישט געטראָפן, נאָר בלויז דורכגעלעכערט דעם קערפּער פון ווינט, וועלכער איז אַרויס אומבאַשעדיקט.

דעם זעלבן אָוונט, האָט זיך אַ צווייטן מאָל דער מלאך באַוויזן, אָבער ניט צום ווילדן ברודער, נאָר גלייך צום געליטענעם אינגעלע, וואָס איז אַ הונגעריקער און אַ פאַרפרוירענער געלעגן אויפן בוים און איז מיט רחמנות אויפגעוועקט.

— איך פיל דיך מיט אָרים קינד! דיין לאַגע איז באמת אַ טרויעריקע — האָט אים דער מלאך באַדויערט. זאָלסט אָבער וויסן, אַז צו דיינע פייניקונגען איז שוין געקומען אַן ענדע. איך האָב וועגן דיר גערעדט מיטן גרעסטן פון די מלאכים, מיט דעם וואָס הערשט איבער די ווינטן, האָט ער מיר געהייסן דיך ראַטעווען. אַלזאָ, קום מיט מיר!

דאָס קינד איז גלייך פון בוים אַראָפּ און נאָכגעגאַנגען דעם ווינט,

וועלכער האָט אים ביי דער האַנט געפֿירט און אויפֿן הימל אַרויפֿגע־בראַכט, פֿון דאָרט, זייענדיק זיי קיין צפֿון זייט געפֿלויגן, וואו עס געפֿינט זיך דער הערשער איבער די ווינטן.

— אָט דאָס איז דאָס קינד וואָס ווערט אַזוי ביטער געפּייניקט ? — פֿרעגט דער גרויסער הערשער זיין געטרייען דינער, דעם ווינט. מיט וואָס־זשע זאָל דער מערדערישער ברודער באַשטראָפֿט ווערן פֿאַר אַזוי פּייניקן אַן אומשולדיק קינד ?

* * *

דער מלאך האָט זיך צו אים דערנענטערט.

— פֿון היינט אָן און ווייטער, מיין זון, וועסטו בלייבן דאָ מיט אונז אין צפֿון־טייל פֿון הימל, — ווענדעט זיך צום קינד דער מלאך.. נעם די פֿיילן וועלכע דו האָסט דאָ פֿאַר דיר און שיס אויף דיין שלעכטן ברו־דער, נאָ זיי דיר, אָט די זעלבע פֿולווער־קייקעלעך, וואָס דיין ברודער האָט אויף אונז געצילט און וואַרף. יעדע אויסגעשאָסענע קויל וועט זיך נאָכהער צו דיר צוריק אומקערן, .און מיט די זעלבע זאָלסטו שיסן פֿון עבדע און פֿון אויבנהער. זאָל דיין ברודער וויסן ווי אַזוי רשעים ווערן באַצאָלט פֿאַר שלעכטע מעשים.

אויסהערנדיק אַזעלכע ווערטער האָט דאָס קינד זיך צעוויינט:

— „גרויסער און מעכטיקער הערשער! —האָט ער אויסגערופֿן— וואָס ווילסטו, איך זאָל מיין אייגענעם ברודער דער׳הרג׳ענען? איך קען עס ניט טון: אַ מענטשלעך האַרץ פֿאַרמאָג איך דאָך אין זיך.

— זון מיינער! —דערפֿרייט זיך איבער אים דער מלאך— יאָ, ביסט גערעכט, ווייל דו פֿאַרמאָגסט אַ האַרץ מיט רחמנות. האָב אָבער קיין מורא נישט, דיינע פֿיילן וועלן אים אַבסאָלוט נישט שאַ־דען. זייער בליץ וועט נאָר דעם הימל אָנצינדן און נישט באַרירן דיין ברודער. דערזעענדיק אָבער דעם בליץ פֿון די קוילן וואָס צינדן אָן די לופֿט אין דער פֿינסטערער נאַכט, וועט זיך דאָס מערדערישע האַרץ פֿון דיין ברודער דערשרעקן און וועט אפשר ווייכער ווערן. זאָל ער כאָטש זיך אָפּגעבן רעכנונג אַז דער מלאך וואָס הערשט אי־בער די ווינטן איז פֿול מיט האַס און צאָרן און זוכט פֿון אים נקמה נעמען...”

פֿון יענעם טאָג אָן, וואוינט דער אינגל אין צפֿון־טייל פֿון הימל, האַרט ביי דער זייט פֿון די מלאכים וואָס הערשן איבער שטורעמס און ווינטן. ער האָט אין איין שליידערן און צילן זיינע ברענענדיקע קוילן און פֿיילן, וועלכע פֿאַלן נידעריק צו דער ערד און באַלויכטן איר מיט פֿיל קאָלירן און פֿאַרשידנפֿאַרביקער שיין.

דאַן וויסן אַלע פֿאַרברעכער און זינדיקע, וואָס באַהאַנדלען שלעכט מענטשן, אַז דער הויפּט־מלאך, דער וואָס הערשט איבער ווינטן און שטורעמס, טראָגט גרויס שנאה און פֿאַרדראָס אויף זייער

שלעכטע אויפפירונג. ער זוכט נאָר אַ געלעגנהייט אויסצובעסערן די וועלט דורכן אַפּרוימען די פאַרדאָרבנקייט און רשעות פון איר אוי־בערפלאַך...

דער דאָרפסמאַן און זיינע חתנים

די אַמאָליקע דאָרפסלייט זיינען צוליב אָפּגעזונדערטקייט און ווייטקייט פון שטאָטישן לעבן, פאַרבליבן אין אַ גרויסער מאָס צוריק־געשטאַנען און פאַרגרעבטע מענטשן.

„ישובֿ'ניק" — אַזוי האָט געהייסן דער, וואָס האָט געוואוינט איפן דאָרף. אויף זיין חשבון איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן וואו אַ גראָ־בער וויץ און כלערליי חוזק און שפּאָס האָט מען פון אים געמאַכט.

וועגן אַזאַ טיפּ־מענטש ווערט דערציילט פאָלגנדע געשיכטע:

איינער אַ רייכער דאָרפסמאַן, וועלכער האָט באַדאַרפט חתונה־מאַכן אַ טאָכטער, איז אַמאָל געפאָרן אין שטאָט אַריין און אַריינ־קומענדיק אין ישיבה, האָט ער זיך געווענדעט צום ראש־ישיבה און צו אים געזאָגט:

— גיב מיר פאַר מיין טאָכטער אַזאַ געלערנטן און קלוגן חתן, וועלכער זאָל אויך פאַרמאָגן די בעסטע מעלות. איך בין גרייט צו געבן אים אַ גרויסן נדן און ער וועט פירן ביי מיר אַ גליקלעך לעבן!

וויסנדיק, אַז דער דאָרפסמאַן איז זייער רייך און אויך נישט קיין שלעכטער מענטש, וואָס גאַרט צו האָבן פאַר איידעם אַ בן־תורה, האָט דער ראש־ישיבה אויסגעקליבן דעם פיינסטן און געלערנטסטן פון די ישיבה־יונגעלייט און אים פאַרגעשטעלט אַלס פאַסיקסטן חתן פאַר דעם רייכנס טאָכטער.

דער בחור איז גלייך איינגעלאַדן געוואָרן צום דאָרפסמאַן אַהיים, וואו ער איז געזעסן גאַנץ טאָג און געלערנט מיט אַ זיסן ניגון, וואָס האָט שטאַרק באַפרידיקט זיין רייכן מחותן.

אין דאָרף איז געווען איינגעפירט, אַז דער חתן האָט געמוזט אָוועקטראָגן דעם פריץ אַ מתנה און זיך מיט אים באַקענען. האָט אויך דער איד געגעבן דעם חתן זיינעם אַ גאַנץ זייטל פלייש פון אַ געשאָכטן קעלבל און אַוועקגעשיקט אים צום פריץ, איבערצוגעבן די מתנה.

* * *

אינמיטן וועג האָט אַ מחנה הונגעריקע הינט, דערשפּירנדיק פלייש, זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן יונגנמאַן און אים שיעור אויף שטיקער נישט צעריסן.

אַ שטאַרק־דערשראָקענער האָט ער איבערגעלאָזט דאָס גאַנצע פלייש פאַר די הינט און איז קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן. צוקומענדיק צום פּאַלאַץ מיט ליידיקע הענט.

— וואו איז די מתנה, וואס דו האסט באדארפט ברענגען? — פרעגט אים דער פריץ א פארוואונדעטער.

— די הינט האבן זיי ביי מיר אויסגעכאפט! — ענטפערט דער חתן און ציטערט פאר שרעק.

דער פריץ האט זיך שטארק צעבייזערט און אים ארויסגעטריבן פון פאלאץ.

דערוויסנדיק זיך דערפון, איז דער דארפסמאן אין כעס געווארן אויף דעם חתן. ער האט געהייסן איינשפאנען דעם וואגן, ארויפגעזעצט דעם טויגעניכטס און איז מיט אים גלייך אוועק אין שטאט אריין.

— וואס פאר א למדן האסטו מיר געגעבן? — האט ער אן אויפגעברויזטער געשריגן צום ראש-ישיבה. — ער האט דאך גאר פאר הינט מורא. ניין, ער געפעלט מיר נישט! און ער האט אים דערציילט די גאנצע געשיכטע.

דא האט דער ראש-ישיבה ערשט פארשטאנען מיט וועמען ער האט צו טון... האט ער גלייך צוגערופן דעם זונטער-שמש, א פראסטן יונג און אים פארגעשטעלט פארן דארפסמאן און געזאגט:

— זעסט, אט דעם חתן גיב איך דיר. ער איז אזא גרויסער למדן, וואס וועט שוין פאר קיין הינט נישט מורא האבן. פון אים וועסטו שוין זיכער זיין צופרידן.

איז דער נייער חתן אויך איינגעלאדן געווארן אין דארף. דער מחותן האט אים געגעבן א גאנצן געשאכטענעם קאלב, אוועקצוטראגן דעם פריץ א מתנה.

האט דער בחור גענומען א גראבן שטעקן אין האנט און זיך ארויסגעלאזט אין וועג אריין. ווען די הינט זיינען אים באפאלן, האט ער זיי העלדיש צעטריבן מיט זיין גראבן שטעקן און געבראכט די מתנה צום פריץ אין פאלאץ און דערפאר אויך געקראגן א קעגנזייטיקע מתנה פון פריץ, א זאק ווייץ, וועלכן ער האט אהיים־געבראכט צום מחותן אין שטוב אריין.

דער דארפסמאן האט באוואונדערט דעם פעאיקן חתן זיינעם און פארשטאנען, אז ער איז טאקע דער אמת'ער למדן, וואס האט קיין מורא נישט פאר די הינט.

ערשט אים האט דער רייכער דארפסמאן געגעבן א שיינעם נדן און געפראוועט א גרויסארטיקע חתונה, באדאנקנדיק דעם ראש-ישיבה פון טיפן הארצן.

באשערט געווען דאס גליק

איינער א גוטהארציקער רייכער געשעפטס-פירער, א מענטש מיט א נאבעלן כאראקטער און גרויסער נדבן, וועלכער פלעגט זיך אפטמאל פאראינטערעסירן מיטן גורל פון ארעמע און שטיצן יעדן ווער ס'האט געבעטן הילף, האט אמאל, צוליב א סיבה, באשלאסן אוועקצושענקען טויזנט טאלער מיטאמאל, א נדבה פאר נויטבאדערפטיקע. נישט וויסנדיק אבער וועמען איבערצוגעבן דאס געלט אויף ארויסצוטיילן, איז ער אוועק צום רב פון שטאט און האט צו אים אזוי געזאגט:

— הערט, רבי, איך האב בדעה צו צעטיילן טויזנט טאלער פאר ארעמע לייט, נאר ווייל איך קען אליין נישט אויסטיילן, בעט איך אייך, טוט מיר א טובה, נעמט דאס געלט און צעטיילט עס לויט אייער פארשטאנד. איר האט דאך מסתמא פיל באקאנטע ארעמע-לייט וואס נויטיקן זיך אין שטיצע. איר וועט אויך האבן א חלק אין דער מצוה.

— וואס וויים איך? —ענטפערט דער רב— אייער נדבה איז זייער א שיינע און באשטייט פון א באדייטנדע סומע געלט,וויים איך טאקע נישט ווי אזוי איר צעטיילן פינקטלעך. אפשר וועל איך געבן איינעם מער וויפיל ער נויטיקט זיך און גראד א צווייטן, ווע-מענס נויט איז גרעסער, וועל איך קריוודען און דערמיט נישט יוצא זיין די מצוה פון צדקה געבן. זאגט מיר בעסער א באשטימטע צאל, אויסגערעכנט און פינקטלעך וויפיל איך זאל געבן יעדן איינציקן באזונדער, וועל איך וויסן וואס כ'האב צו טון. אנדערש וויים איך גאר נישט.

— אויב איר, רבי, ווייסט אויך נישט —ענטפערט דער רייכער נדבן— זאל גאט אליין טון ווי ער פארשטייט. נאט אייך דאס געלט און גיט עס אוועק דעם ארעמאן, וועלכער וועט מארגן אינדערפרי אריינקומען צו אייך דער ערשטער אין שטוב. מעג עס זיין אפילו איינגאנצן.

* * *

אין יענער שטאט האט דאן געוואוינט א איד, זייער א גרויסער ארעמאן, א מטופל מיט א פולער שטוב קינדער, נאקעטע און באר-וועסע, וועלכע האבן געליטן הונגער און קעלט; די פרוי איז געלעגן אין בעט און געהאלטן אין איין קרעכצן. ער אליין האט זיך אויך גע-פילט קראנק און אפילו נישט געקענט גיין זוכן ארבעט, צו פארדי-נען ברויט פאר דער ארעמער פאמיליע. די נויט איז געוואקסן פון טאג צו טאג און דער דלות אין שטוב האט געשטיגן וואס א טאג גרעסער, כאטש שטעל זיך אוועק אינמיטן גאס און שריי געוואלד, וואס טוט מען און צו וועמען ווענדעט מען זיך?

איינמאָל אין אַ אָוונט, האָט דער פאַרצווייפלטער אָרעמאַן גע־נומען אַ תהילים אין האַנט און זיך אָוועקגעזעצט זאָגן די הייליקע קאַפּיטלעך מיט גרויס כוונה.

צוקומענדיק אָבער צום פּסוק: „איך בין געוועזן יונג און אויך אַלט געוואָרן און האָבן נישט געזען אַ צדיק זאָל ווערן פאַרלאָזט און זיין קינד זאָל בעטן ברויט", האָט ער עס נישט פאַרשטאַנען. — וואָס הייסט עס? —האָט ער זיך שטאַרק געוואונדערט, און פון זיינע אויגן האָבן גערונען טרערן.— איך אַליין בין דאָך פאַרלאָזט פון גאָט, כאָטש כ'האָב מיין גאַנץ לעבן קיין שום שלעכטס נישט געטון און קעגן קיינעם בין איך דעם מינדעסטן פעלער נישט באַגאַנגען! דאָך קומט מיר אויס אַזוי פיל ליידן נויט און פּיין, וועלכע איך האָב שוין קיין כוח נישט איבערצוטראָגן! וואָס פּאַסירט דאָ? האָט דען, חלילה, דוד המלך נישט פאַרשטאַנען וואָס ער זאָגט? לאָמיך נאָר אָוועקגיין צום רב און אים פרעגן דעם טייטש פון די דאָזיקע ווערטער, וואָס באַדייטן זיי?

ווי נאָר דער אָרעמאַן איז באַגינען צוגעקומען צום רב'ס הויז און דער ערשטער געעפנט די טיר, האָט אים דער פרומער רבי באַגעגנט מיט פיל פרייד און דער־לאַנגט די טויזנט טאָלער גלייך אין האַנט אריין, אויסשרייענדיק אויף אַ קול:

— איר זענט, ליבער פריינט, דער ערשטער, וואָס האָט היינט די שוועל פון מיין הויז באַטראָטן, אַ סימן אַז גאָט אַליין האָט אייך צוגעשיקט, מסתמא איז אייך באַשערט דאָס גליק. נאַט, אָט האָט איר דאָס געלט און גייט געזונטערהייט אַהיים.

פון דאַן אָן האָט זיך געענדערט די לאַגע פון דעם אָרעמען אידן און זיין מזל האָט אויפגעשיינט...

גאַביק און זיין פערד*)

גאַביק, דער אָרעמסטער פויער פון אַן אַראַביש דאָרף, האָט גאָרניט פאַרמאָגט אין זיין הויז, אויסער אַ שיין פערד אין שטאַל, וועלכעס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט און אָפּגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. צען מאָל אַ טאָג פלעגט ער עס וואַשן און ריייניקן, פּוצן און קאַמען, און קיין איין מינוט דערפון קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט. אים האָט זיך אויסגעדוכט אַז עס איז דערצו קיין גלייכן ניטאָ אין גאַנצן לאַנד און קיין שענערס איז גאָר אויף דער וועלט ניט פאַראַן. און ווירקלעך האָט עס טאַקע אויסגעזען שיין און העלדיש, ווי אַ פּריציש פערד.

*) ענלעך צו דער לעגענדע: „די חכמה פון אַ ריכטער", פון זייט 140.

האָבן זייער פיל אַראָבער מקנא געווען דעם אָרעמען גאַביק׳ן אויף זיין שיין אַדלער-פערד און עס געוואָלט אָפּקויפן פאַר אַ סך געלט. מער פון אַלעמען, האָט דערויף געוואָרפן אַן אויג, איינער אַ רייכער גוטבאַזיצער, אַ געוויסער דאַהאַר, וועלכער האָט אים אָנגע-באָטן אַ גרויס פאַרדינסט.

— אַ גאַנצע שמאָל מיט פערד וועל איך דיר דערפאַר געבן — האָט ער אים אַמאָל געזאָגט. — ווילסט אפשר גאָלד און זילבער, קענסטו אויך זיי ביי מיר קריגן און פאַרקויף עס מיר!

— וואָס טוט מען, ווי קריגט מען ביי אים אַרויס דאָס שיינע פערד, וואָס וואָלט פאַר מיר געווען געוואונטשן צום רייטן? — האָט דער רייכער דאַהאַר געקלערט און געזוכט מיטלען.

ענדלעך איז ער געפאַלן אויף אַן עצה: אין אַ שיינעם טאָג האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אָרעמען בעטלער. ער האָט זיך אָנגעטון אין אַלטע קליידער און די פיס אַרומגעוויקלט אין שמאַטעס און אַזוי זיך אַוועקגעזעצט אינמיטן וועג.

* * *

דערזעענדיק גאַביק׳ן דורכרייטן, האָט דאַהאַר זיך איינגעהויקערט אין צענען און מיט פאַלשע טרערן אין די אויגן אים אָנגעהויבן בעטן:

— האָב רחמנות, גוטער מענטש אויף אַן אָרעמען קאַליקע און נעם מיך מיט אַהיים אויף דיין פערד. שוין דריי טעג, ווי איך לייד הונגער, ווייל איך קאָן ניט גיין אויף מיינע קראַנקע פיס און קאָן זיך צו קיין ישוב ניט דערשלאָגן. דער אויבערשטער וועט דיר באַצאָלן פאַר דער טובה.

—קום און זעץ זיך אויף מיין פערד, אָרעמער וואַנדערער, וועל איך דיך אַהיימפירן.

— ענטפערט גאַביק:

— ניין, מיר איז אומעגלעך אַליין אַרויפזעצן זיך —ווײנט ביי-טער דער בעטלער,— זעסט דען ניט מיינע צעבראָכענע פיס?

גאַביק איז בליץ-שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד און געהאָלפן דעם קאַליקע זיך אַרויפזעצן און אַליין געבליבן שטיין אַ ווײלע.

זיצנדיק שוין באַקוועם אויפן זאָטל, האָט דאַהאַר אָנגענומען דאָס פערד ביים צוימל און זיך צעלאָזט אין פולן גאַלאָפּ.

— נו, איצט דערקענסט מיך שוין, דו נאַרישער פויער? נו, דו האָסט דיין פערד? — האָט דאַהאַר געקוקט הינטער זיך און אָנגעהויבן רייצן זיך מיט גאַביק׳ן.

— וואַרט אויס אַ רגע, דאַהאַר, איין וואָרט וויל איך דיר זאָגן און ניט מער, — בעט זיך ביי אים גאַביק.

— וואָס, ווילסטו אפשר צוריק דאָס פערד? וועסט עס שוין זען

זוי דיינע אויערן. אָה, מיט גוטן האָסטו עם נישט געוואָלט פאַרקויפן, קענסט זיך שוין דערמיט געזעגענען.

— יאָ, דאָס ווייס איך, אַז דו וועסט עם מיר ניט צודיקקערן —זאָגט נאביק— דאָך אָבער וויל איך דיך בעטן איין זאַך: „דערציול באַטש קיינעם ניט, ווי אַזוי דו האָסט מיך באַשווינדלט און אויסגע- נאַרט דאָס פערד פון מיינע הענט. ווייל ווען מענטשן וועלן זיך דער- וויסן וועגן דער עוולה, וועט איינער דעם צווייטן ניט גרייט זיין אונ- טערצוקומען מיט הילף אין אַ נויט, און דאָס וועט זיין דער גרעסטער אומגליק און רעה פאַר דעם אָרעמען וואָס וועט זיך נויטיקן באמת אין אַ טובה".

אויסהערנדיק די דאָזיקע ווערטער פון אַזעלכן וואָס איז אליין אַ ביטערער אָרעמאַן און דאָך זאָרגט ער ניט פאַר זיך נאָר פאַר אַנדערע איז דאַהאַר טיף גערירט געוואָרן ביז טרערן און זיין פנים האָט זיך געגומען רויטלען פאַר בושה. ער איז גלייך אַראָפּ פון פערד און האָט געזאָגט: — נאַ, נעם עס דיר אָפּ און גיי געזונטערהייט אַהיים. אמת טאַקע, דאָס גלוסטן פרעמדס האָט מיר פאַרבלענדעט די אויגן און מיך ווי בלינד געמאַכט. דיינע ווערטער אָבער, האָבן מיין הארט הארץ ווייך געמאַכט און ערשט איצט מיר די אויגן געעפנט צו זען ריכטיק, ווי אַזוי אַ מענטש דאַרף לעבן אויף דער וועלט.

זיי זיינען ביידע אויף דעם זעלבן פערד אַהיימגעפאָרן, און דאַ- האר האָט איינגעלאַדן זיין פריינט צו זיך אין פּאַלאַץ און געפּראַוועט פאַר אים אַ סעודה, וואָס האָט געדויערט דריי טעג.

פון דאַן אָן זיינען זיי געוואָרן די בעסטע גוטע ברידער און זיך קעגנזייטיק געוואונטשן גליק.

דער סולטאַן און זיין ריכטער

אַמאָל האָבן זיך פאַרזאַמלט די גרעסטע קעניגן פון אייראָפּע, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען נאַפּאָלעאָן און האָבן אָפּגעהאַלטן אַ געהיימע זיצונג. זיי האָבן באַשלאָסן צו שטודירן די געזעצן פון דער טערקישער רעגירונג און אויספאָרשן געגוי די אויפירונג פון אירע הערשער אין לעבן.

— חברים קעניגן! —הויבט זיך אויף נאַפּאָלעאָן פון פּלאַץ און זאָגט: — איך האָב צוגעטראַכט אַ מיטל ווי אַזוי אויסצופּרואוון דעם טערקישן קעניג, דעם סולטאַן אליין.

וואָס האָט ער געטון? ער האָט באַשטעלט אַ מענטשן און אים געגעבן אַ וואונדער-שיין פערד און געזאָגט: „נאַ, זעץ זיך אַרויף אויף דעם דאָזיקן פערד און פאָר גלייך אַוועק קיין סטאַמבול, וואו דער סולטאַן וואוינט. דאָרט זאָלסטו ספּעציעל פאַרבייפאָרן זיין

פּאַלאַץ, כדי ער אַליין זאָל דיך זען. וועט ער דאָך אוודאי אַרויסקומען און וועלן עס ביי דיר אָפּקויפן. זאָג איך דיר שטרענג אָן און וואָרן דיך, אַז פאַר קיין פּרייז זאָלסטו עס אים ניט פאַרקויפן, ער זאָל דיר אפילו וועלן אָפּגילטן. אויב אָבער, ער וועט עס ביי דיר אויף כוח צו־נעמען, זאָלסטו אים אין געריכט אַנקלאָגן. קוק נישט, וואָס ער איז דער הערשער פון לאַנד און האָב קיין מורא ניט!

האָט דער שליח אויסגעהערט דעם קעניג נאַפּאַלעאָנס באַפעל און אַרויפזעצנדיק זיך אויף דעם שיינעם פערד איז ער אוועקגעריטן קיין קאָנסטאַנטינאָפּל... קאָמבול און אייניקע מאָל פאַרבייגעפאָרן פאַר דעם סולטאַנס פּאַלאַץ. דאָס פערד האָט מיט זיינע העלדישע טריט און וואונדערלעכן געבוי צלעמען באַצויבערט, און מער פון יעדן, דעם סולטאַן אַליין די אויגן פאַרכאַפּט און שטאַרק געפעלן. ער האָט גרויס חשק באַקומען אָפּ־צוקויפן עס פאַר זיך.

נאָך אין זעלבן טאָג, האָט דער סולטאַן פאַרבעטן דעם רייטער צו זיך אין פּאַלאַץ און אים פאָרגעשלאָגן אַ גרויסע סומע געלט, ער זאָל אים דאָס פערד פאַרקויפן. האָט זיך אָבער דער פרעמדער זייער העפ־לעך פאַרנויגט און דערקלערט, אַז ער קאָן זיין וואונש ניט דערפילן אין דאָס פערד פאַר קיין פּרייז אין דער וועלט נישט פאַרקויפן.

— נאַ דיר געלט וויפיל דו ווילסט אַליין — בעט זיך ביי אים דער סולטאַן, — אָדער קלייב דיר אויס די בעסטע און שענסטע פערד פון מיינע שטאַלן, אַלס בייט.

— ניין, מיין האַר! —ענטפערט קאַטעגאַריש דער רייטער,— אומ־זיסט איז דיין געבעט. זאָלסט מיר אפילו וועלן גליקלעך מאַכן, קען איך מיין טייער פערד פון האַנט ניט אַרויסלאָזן.

אַזוי זיינען אַריבערגעלאָפן וואָכן און חדשים. טאָג־טעגלעך פלעגט דער רייטער דאָס זעלבע טון און דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ אַרומקרייזן, און האָט וואָס ווייטער, אַלץ מער צערייצט דעם פאַראינטערעסירטן סולטאַן מיט זיין שיינעם פערד.

פאַרבייפאָרנדיק אָבער איינמאָל אין אַ טאָג, איז דער סולטאַן פון פּאַלאַץ אַרויסגעלאָפן אַ צעבייזערטער און דאָס פערד מיט געוואַלד פון רייטערס האַנט אַרויסגעריסן און עס צוגענומען. דער מענטש האָט אָבער געדענקט וואָס מען האָט אים שטרענג אָנגעזאָגט און גלייך אָנגעקלאָגט דעם סולטאַן אין געריכט.

ווען דער פּראָצעס האָט באַדאַרפט פאַרקומען, האָט דער ריכטער זיי ביידע געשיקט רופן.

* * *

אַריינקומענדיק אין געריכטס־זאַל, איז דער סולטאַן צוגעלאָפן צום ריכטער און פאַרכאַפּט אַ פּלאַץ נעבן אים. דער מענטש ווידער, האָט זיך אוועקגעזעצט אַנטקעגן אויף אַ באַנק.

— נו, מיין האר! —ווענדעט זיך צו אים צום ערשטן דער ריכטער,
— וואָס פאַר אַ משפּט האָסטו מיט אונזער הערשער?

— דערלויבט מיר, הער ריכטער, אייך אויפמערקזאַם מאַכן, אויף דער גרויסער אומאָרדענונג וואָס הערשט ביי אייך, — רופט זיך אָן דער פרעמדער: — קעניגן זעצט איר אויבנאָן און אַנדערע ביי די טירן.

— קריך אַראָפּ פון דיין פּלאַץ, קעניג, און זעץ זיך אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק! — פאָדערט אויף דער ריכטער דעם סולטאַן און הייסט דעם אַנקלאַגער פאָרזעצן זיינע טענות.

— דער סולטאַן האָט מיין פערד צוגערויבט, ווען כ'האָב עס אים ניט געוואָלט מיט גוטן אָוועקגעבן, — שרייט אויס דער מענטש אויפן קול.

— איז עס אמת, קעניג? — פרעגט דער ריכטער.

— יאָ, ס'איז אַלץ ריכטיק, — איז זיך מודה דער סולטאַן.

— אפשר וואָלסטו עס אים פאַרקויפט? — ווענדעט זיך ווייטער דער ריכטער צום מענטשן.

— ניין, מיין האר, בשום אופן נישט. ווען דער סולטאַן שענקט מיר אפילו אַוועק אַ האַלב פון זיין מלוכה, קאָן איך דאָס פערד אים ניט פאַרקויפן — דערקלערט דער מענטש קאַטעגאָריש.

— אויב אַזוי, קער אום דאָס פערד צוריק צום בעל-הבית! — באַפעלט שטרענג דער ריכטער.

— יאָ, האָסט ריכטיק געמשפּט, — שטעלט זיך אויף דער סולטאַן און זאָגט צום שופט, — אין קעגנטייל, ווען דו אורטיילסט אַנדערש, וואָלט איך אָט מיט דער שווערד אין מיין האַנט דיין קאָפּ אָפּגעהאַקט.

דאַן האָט דער ריכטער אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג וואָס אונטער זיך און געוויזן דעם סולטאַן אַ גיפטיקע שלאַנג וואָס איז געלעגן דאָרט איינגעקאָרטשעט און געזאָגט:

— זעסט, הער קעניג! ווען דו שטעלסט זיך אַנטקעגן און פאָלגסט חלילה נישט אויס מיין באַפעל, וואָלט איך דיך, לויטן געזעץ פון אונזער לאַנד, צו איר גיפטיק מויל אַ וואָרף געטון, און זי וואָלט דיך צום טויט צעביסן...

דער קלוגער סוחר און זיין זון

א סוחר פון באגדאד, זייער א רייכער מאן, האט ניט פארמאגט מער ווי איין-און-איינציקן זון, א קלוג און פארשטענדיק קינד, וועמען ער האט שטארק ליב געהאט און גוט דערצויגן.

ווען דער אינגל איז גרויס געווארן, האט אים דער פאטער אמאל צוגערופן און אזוי געזאגט: „זע, מיין זון, איך ווער דאך פון טאג צו טאג עלטער און שוואכער, אייביק וועל איך דיך דאך ניט קאנען אויס האלטן און טראגן אויף מיינע פלייצעס. נא דיר, דעריבער, געלט און גיי זוך דיר א וועג אין לעבן. מאך א רייזע איבער דער וועלט, וואו דו זאלסט זיך אויסלערנען אליין פארדינען אויף ברויט. הויב-אן האנדלען און שטודיר דאס לעבן, כדי דו זאלסט קאנען ווערן א זעלבסטשטענדי-קער מענטשן און אומאפהענגיק פון יענעם!

דער זון האט גוט אין אכט גענומען זיין געטרייען פאטערס ווער-טער און זיך ארויסגעלאזט אויף א רייזע איבערן לאנד.

* * *

גייענדיק אמאל ביינאכט אין וועג, האט ער דערזען ווי עס ליגט אינמיטן פעלד א קראנקער פוקס, שטארק צעבלוטיקט און פארוואונ-דעט, קוים וואס ער לעבט.

— ווער וועט דעם פוקס ברענגען שפייז, ווען ער איז אזוי אומ-גליקלעך און קאן אליין ניט זוכן קיין עסן? — האט דעם אינגל ביים הארצן פארקלעמט, פארטראכטנדיק זיך וועגן דעם ביטערן גורל פון דער אומגליקלעכער חיה. פלוצלינג איז אנגעלאפן א מעכטיקער לייב וואס האט געטראגן א פול מויל פארצוקונג. דער אינגל איז א דער-שראקענער ארויף אויף א הויכן בוים און פון דארטן נייגעריק אראפ-געקוקט. דער לייב האט האסטיק צעגלידערט זיין פרישן קרבן, פון וועלכן ער האט זיך אנגעגעסן צו-זאט. דאס איבעריקע האט ער איבער-געלאזט אויף דער ערד און איז שנעל אוועק ווייטער. דאן האט זיך דער קראנקער פוקס מיט די לעצטע כוחות צוגעשלעפט צו דער פאר-בליבענער שפייז, פון וועלכע ער האט מיט גרויס אפעטיט גענומען קייען מיטן גאנצן מויל און האט אויפגעלעבט.

— אויב גאט באשערט און שיקט-צו יעדער באשעפעניש זיין מיטל צום לעבן און דערנערונג —האט דאס אינגל מיט דערשטוינונג די זאך באוואונדערט,— צו-וואס-זשע טויג מיר זיך אזוי פיל צו מאטערן און וואנדערן איבער ווימטע מדבריות און ווייטע אינדזלען, צווישן ימים, וואו מיין לעבן איז שטענדיק אין גרויס געפאר? איך וועל זיך בעסער אומקערן אהיים און זיצן רואיק און זיכער. מסתמא וועט מיך גאט נישט פארלאזן און אויך מיט זיין גוטסקייט שפייזן.

אויפגעבנדיק זײַן רײַזע-פּלאַן איבער דער וועלט, האָט דער יונגער-מאַן גלײַך צוריקגעקערט אַהײם און דערצײלט דעם פֿאָטער וואָס זײַנע אויגן האָבן געזען.

— זאָל דיר טאַקע אָט דאָס אַלײן וואָס דו האָסט בײַגעוואוינט און צוגעזען מיט דײַנע אײגענע אויגן, —דערקלערט אים דער פֿאָטער מיט חכמה,— דינען אַלס קלאָרער בײַשפּיל און באַווײַז אויפֿן גאַנצן לעבן: „ווי אַ לײב זאָלסטו וועלן זײַן, מײַן קינד, זאָלן צו דיר אָנקומען אַלע אומבאַהאָלפֿענע און געדריקטע נאָך שטיצע, און דו זאָלסט זײ מיט דער ברײטער האַנט העלפֿן. זאָלסט זיך אָבער קײנמאָל נישט וועלן גלײַכן צום אומבאַהאָלפֿענעם הונגעריקן פֿוקס, וועלכער איז געלעגן און אויסגעקוקט דערויף, וואָס אַן אָנגעגעסענער לײב וועט פֿאַר אים איבערלאָזן נאָך זײַן זאַטקײט.

דער זון האָט דאַן גוט אײַנזינען געזומען זײַן קלוגן פֿאָטערס רײד, ווי ווײַט ריכטיק און פּראַקטיש זײ זײַנען און ער האָט אויפֿסניי פֿאַרגעזעצט זײַן רײַזע איבער מדינות און לענדער, וואו ער האָט דאָס גאַנצע לעבן געלערנט און איז באַרימט געוואָרן אַלס באַוואוסטזיניקער און גליקלעכער מענטש...

די שטראָף פֿאַר חניפֿה

אין באַגדאַד האָט אַמאָל געלעבט אײנער אַ באַרימטער קלוגער און געלערנטער מענטש, מיטן נאָמען אַלאים. האָט דער דאָזיקער חכם אַמאָל אָנגעשריבן אַ בוך וועגן דער לאַנד-פּאָליטיק און דערבײַ געשילדערט דעם קאַליף אַלס שוואַכן הערשער וואָס קען ניט רעגירן ווי געהעריק זײַן לאַנד.

איבערלײענענדיק דאָס בוך, האָבן עס די ראַטגעבער און חכמים פֿון באַגדאַד אונטערגעטראָגן דעם קאַליף און צו אים אַזוי געזאָגט:

— זאָל אונזער הערשער הײסן פֿאַרברענען דאָס בוך צוזאַמען מיטן מחבר!

דער קאַליף האָט אויסגעהערט און קײן אײן וואָרט ניט געענטפֿערט.

אין דרײַ טעג אַרום האָט ער געשיקט רופֿן אַלאימען, דעם שרײַבער פֿון בוך, און אויך די זעלבע חכמים און ראַטגעבער וואָס האָבן אים דענונסירט אַלס פֿאַרעטער. שטײענדיק אַלע צוזאַמען פֿאַרן קאַליף, זאָגט ער צו זײ אַזוי:

— זעט נאָר, פֿרײַנט, די שײנע און טײַערע דימענטן וואָס פֿינקלען דאָ אין מײַנע הענט, אָט זײ וועל איך אָוועקשענקען אַ מתנה דעם מענטשן וואָס וועט מיר ענטפֿערן אויף מײַנע פֿראַגן און זאָגן דעם אמת אין די אויגן, אָן שום מורא.

— יאָ, יאָ, גרויסער הערשער, מיר זיינען גרייט צו זאָגן דעם ריינעם אמת, — שרייען אוים מיט איין קול אַלע פאַרזאַמלטע ראַטמענער און חכמים.

— זאָגט מיר, איך וויל הערן וואָס איז אייער מיינונג וועגן מיר? —פרעגט דער קאַליף און קוקט זיי אין די אויגן.— האָט עמיצער אוים-צוזעצן קעגן מיר וועגן אַן עוולה, זאָל ער זאָגן!

— ביזט גרוים און מעכטיק, קלוג און באַרימט, מער פון אַלע קעניגן אויף דער וועלט —ענטפערן די חכמים.— וואויל איז צו דעם פאָלק וואָס דינט צו אַזאַ געטרייען און ליבן הערשער!

אויסהערנדיק אַזעלכע שיינע לויב-ווערטער, האָט דער קאַליף דערלאַנגט דימענטן זיינע האַרן אין די הענט און געזאָגט:

— אָט האָט איר אייער לוין פאַרן אמת וואָס כ'האָב פון אייך געהערט.

— נו, או דו, אלאים, וואָס איז דיין מיינונג וועגן מיינע מעשים און ווי זעען זיי אוים אין דיינע אויגן? — ווענדעט זיך דער קאַליף צו דעם חכם, וואָס איז געשטאַנען און געשוויגן.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן, הער קאַליף —ענטפערט אים אלאים, —- איר זענט אַ מענטש גלייך מיט אַלעמען וואָס פאַרמאָגט מעלות און חסרונות. איר קענט אַמאָל באַגיין דעם גרעסטן פעלער ווי יעדער שוואַכער מענטש. זעט אָבער צו טון גוטס און חסד, כדי צו געפינען חן ביי גאָט און לייט און פאַרעכנט ווערן פאַר אַ צדיק אויף דער וועלט. אויב אָבער איר וועט טון פאַרקערט ווי איך זאָג אייך, וועט איר זינדיקן צו גאָט און פאַראַטן אייער פאָלק!

* * *

דערהערנדיק אלאים'ס מוסר-זאָגן, זיינען די הערן בייז געוואָרן און געמיינט אַז אויך דעם קאַליף האָט פאַרדראָסן און ער וועט אים הייסן טויטן. עס איז אָבער דאָן געשען גאָר עפּעס אַנדערש:

דער קאַליף האָט אים צוגערופן און געדריקט די הענט. ער האָט אים געקושט און געהאַלדזט, זאָגנדיק:

— טייערער אלאים, ענדלעך זע איך אין דיר אַן אויפריכטיקן און געטרייען חבר, נאָך וועלכן כ'האָב שוין לאַנגע יאָרן געבענקט, כדי צו הערן אַן אמת וואָרט. זיי באַגריסט און געבענטשט אויף דיין גאַנץ לעבן!

דער קאַליף האָט אים אָנגעשאָטן אַ פולן זאַק מיט גאָלד און זילבער און אָפּגעשיקט מיט גרוים כבוד אהיים.

קריגנדיק דאָס רייכע פאַרמעגן, האָט זיך אלאים אַוועקגעלאָזט איבער שטעט און דערפער און געטיילט געלט צווישן אָרימע און קראַנקע, געדריקטע און הילפלאָזע מיט דער ברייטער האַנט און איז געווען גליקלעך.

דאַקעגן זיינען אָבער דעם קאַליפס אַנדערע האַרן זייער אַנטוישט

געוואָרן, ווען זיי זיינען געגאנגען פאַרקויפן די דימענטן פאַר געלט און די סוחרים האָבן זיי אויסגעלאַכט, ווייל ניט קיין דימענטן זיינען דאָס געווען, נאָר שטיינער און איינפאַכע שטיקלעך גלאָז, וואָס האָבן קיין שום ווערט נישט.

די הערן זיינען גלייך אַוועקגעלאָפן צום קאַליף און געשריען:

— זאָל אונזער הער קאַליף הייסן אויפהענגען דעם מענטש, וואָס האָט אייך אַזוי ביטער אָפּגענאַרט און פאַרקויפט פאַלשע שטיינער און ווערטלאָזע שטיקלעך גלאָז אנשטאט דימענטן.

— ניין, מיינע הערן, קיינער האָט מיר ניט אָפּגענאַרט און ניט באַשווינדלט —ענטפערט זיי דער קאַליף.— איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט די ווערטלאָזיקייט פון די שטיינער אַלס ניט קיין אמת׳ע, דערפאַר טאַקע האָב איך זיי אייך געגעבן. איר האָט געקראָגן פאַלשע דימענטן פאַר אייערע פאַלשע רייד. זאָל עס אייך דינען אַלס שטראָף פאַר חניפה.

דער קאַליף האָט זיי איינציקווייז צעטריבן פון זיך און באַשטימט דעם קלוגן אלאימען פאַר זיין איינציקן ראַטגעבער און הויפּט-יועץ.

דער וועג פון לעבן

א מענטש האָט זיך אַמאָל אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר און איז אַריין אין אַ וואַלד, וואו ער האָט אָנגעהויבן בלאָנדזשען. דער וואַלד איז געווען זייער גרויס, טיף און אומענדלעך. האָט דער מענטש געזוכט אַן אויסוועג זיך אומצוקערן אַהיים און נישט געפונען קיין אַרויסגאַנג פון געדיכטן וואַלד. פּלוצלינג איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ וואַנדערער און זעענדיק ווי ער בלאָנדזשעט אַרום, גייט ער צו צו אים און זאָגט: „דער וואַלד וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן, ווייל אַלע הילצערנע כלים פון דער וועלט ווערן אויסגעאַרבעט פון זיינע ביימער און עס איז אוממעגלעך אַרויסצוגיין פון אים".

א מענטש מוז דאָך אָבער אַרויסהעלפן דעם צווייטן, האָט ער אים געגעבן אַן עצה און אָנגעוויזן אַ וועג זיך צו ראַטעווען.

האָט דער מענטש פאַרגעזעצט זיין וועג און איז צוגעקומען צו אַ טייך. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן צווישן די כוואַליעס און אָנגעהויבן שווימען און דאָך נישט געקענט קומען צו אַ ברעג. ווייל דאָס וואַסער איז געווען אָן אַן ענדע און אָן אַ סוף.

קומט אים ווידער אַנטקעגן איינער און זאָגט צו אים: „די וואַסערן פון טייך וועלן זיך קיינמאָל נישט ענדיקן, ווייל די גאַנצע וועלט טרינקט פון זיי. זיי באַוואַסערן די ערד פון אַלע פיר עקן וועלט און טרינקען איר אָן".

ער האָט אים אָנגעוויזן אַ וועג און געוואָרנט ער זאָל נישט אויפ-

הערן צו גיין און זיך נישט אָפּשטעלן אַזוי לאַנג ביז די כוחות וועלן אים דינען.

איז דער מענטש געגאַנגען און געגאַנגען און צוגעקומען צו אַן אָרט, וואו עס איז געשטאַנען אַ מיל פון אַן אומגעהויער גרויס און הויך. שטייט ער און קוקט מיט אויסגעגלאָצטע פאַרוואונדערטע אויגן און ווייסט נישט וואוהין צו גיין. קומט ווידעראמאָל אַן איינער אַן אומבאַקאַנטער און דערציילט אים אַז די מיל מאָלט מעל פאַר דער גאַנצער וועלט און שפייזט אַלע מענטשן. ער האָט אים אויך אָנגעוויזן אַ וועג און זיך מיט אים געזעגנט.

נעמט דער מענטש און גייט, טאָג איין און טאָג אויס, מיטן זון-אויפגאַנג, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ הויז, וואו עס האָט געוואוינט אַ שמיד. דער שמיד איז געשטאַנען אין אַ הייסער קוזניע און האָט מיט אַ גרויסן האַמער אין האַנט געשמידט אָנגעגליט אייזן, פון וועלכן עס זיינען געפלויגן טויזנטער פונקען און האָבן געשפריצט גלייך אין די אויגן אריין.

נישט קענענדיק מער איינשטיין אויף די פיס פון מידקייט און דערשעפּט פון דעם לאַנגן וואַנדער-וועג, האָט ער זיך געוואָלט אָוועקזעצן אָפּרוען, איז אים אָבער אַ שרעק באַפאַלן. ער האָט מורא געהאַט פאַר די פונקען זיי זאָלן אים די אויגן נישט אויסברענען. דער מענטש איז געוואָרן זייער פאַרצווייפלט און נישט געוואוסט וואָס צו טון: אומקערן זיך אהיים איז אומעגלעך און בלייבן דאָ קען ער אויך נישט. אויס פאַרצווייפלונג האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און געבעטן אויף זיך דעם טויט.

קומט אַרויס דער שמיד און דערהערנדיק די פאַרביטערטע רייד פון דעם פרעמדן, רופט ער אים צו צו זיך און זאָגט:

— זעסט, חבר, מיר אַרבעטן און אַרבעטן אָן אַ סוף און אָן אַן ענדע. מיר מאַכן כלים פאַר דער גאַנצער וועלט און ווערן נישט מיד. אויב דו ווערסט אויך וועלן עפּעס אויפטון פאַר דער וועלט, ווערסטו געפינען דיין וועג און נישט דאַרפן צו קיינעם אָנקומען און פאַר קיין זאַך נישט מורא האָבן. גיי און אַרבעט, טו עפּעס אויף פאַר דער וועלט; אַרבעט איז דער וועג פון לעבן.

צוויי ערליי כבוד-אב

אין א שטאָט האָט אמאָל איינער אַ מענטש, אַ רייכער סוחר, זיך דערוואוסט וועגן דער שלעכטער לאַגע פון זיין אַלטן פאָטער אין דער פרעמד. ער האָט אים אַראָפּגעבראַכט און אויסגעהאַלטן בא זיך אין הויז מיט אַלדאָס-גוטס. אַ שיין אויסגעמעבלירטן צימער האָט דער זון פון זיינעטוועגן איינגעאָרדנט און געשפּייזט דעם פאָטער מיט די בעסטע מאכלים און געשמאַקסטע וויינען, וואָס קרעפטיקן אַלטע לייט. אַפילו אַ דינער האָט ער בא זיין טיר אוועקגעשטעלט אַכטונג צו געבן אויפן אַלטן עס זאָל אים גאָרנישט פעלן.

דער זון אַליין אָבער, האָט זיך אין דער זעלבער צייט באַצויגן צו זיין פאָטער מיט גרינגשעצונג און מיט אים קיינמאָל קיין איין וואָרט ניט געוואָלט אַרויסריידן און אים צומאָל קיין פריילעכע מינע ניט באַוויזן.

אַזאַ האַנדלונג האָט דעם אַלטן פאָטער גוט געקרענקט און פאַרביטערט דאָס לעבן. דאָך האָט ער געליטן און געשוויגן.

טרעפנדיק זיך אַמאָל אין אַ טאָג מיטן זון פּנים אל פּנים, פרעגט אים דער פאָטער מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן:

— וואָס מאַכסטו, מיין זון? גייען בא דיר גוט די געשעפטן? פאַרדינסטו געלט? זאָג מיר, זון מיינער, וועל איך זיין צופרידן.

— וואָס איז דיין עסק, טאַטע, — האָט דער זון אָפּגעענטפערט מיט כעס און צעעפנט זיין מויל אויפן פאָטער און אים פאַרשעמט פאַר פרעמדע מענטשן. — גענוג פאַר דיר, דו אַלטער נאַר, וואָס דו עסט ברויט אויף מיין טיש און איך זאָרג פאַר דיר!

פון אַזאַ בייזן ענטפער איז דעם אַלטן פאָטער פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט זיך ביטער צעוויינט און געזאָגט צום זון:

— אוי, זון מיינער, בעסער וואָלט איך געווען געגעסן אַ טרוקן שטיקל ברויט אין מיין אָרימער היים, איידער לעבן דאָ בא דיר אין רייכקייט און ליידן אַזאַ בושה.

אַזוי האָט דער זון געשפּייזט זיין פאָטער מיט כל טוב און אים גלייכצייטיק פאַרצאַפּט בלוט.

* * *

אַנדערש איז אָבער פאָרגעקומען אין דער זעלבער שטאָט בא אַן אָרימען מילנער וועלכער האָט אויך אויסגעהאַלטן זיין אַלטן פאָטער בא זיך אין הויז: ביידע, פאָטער און זון, האָבן געמאָלן מעל אויף מילשטיינער און פאַרדינט זייער פּרנסה שווער און ביטער, מיט מי און שווייס.

איינמאָל, אין אַ טאָג, איז אין שטאָט דערהאַלטן געוואָרן אַ באַפעל פון דער רעגירונג צו שיקן מילנערס אין קעניגס מיל צו מאָלן

מעל פאַר דער אַרמיי און אַרבעטן אומזיסט. איז דער גורל געפאַלן אויפן אַלטן מאַן צו אַרבעטן צוואַנג-אַרבעט.

וואָס האָט דער זון געטון? ער איז אַוועקגעלאָפן צום קעניג און געבעטן מיט טרערן אין די אויגן, רחמנות האָבן אויף די אַלטע יאָרן פון זיין פאָטער און אים איבערלאָזן אין דער היים. דער געטרייער זון האָט עס גלייך געפּועלט און זיך אַוועקגעשטעלט, אַנשטאָט זיין פאָטער, צו מאָלן מעל אין קעניגס מיל אויף אַ לאַנגער צייט. ער האָט געטון אַלע שווערע אַרבעטן מיט פליים און ליבע און זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּגעשראָקן, ווייסנדיק אַז זיין אַלטער פאָטער זיצט אין דער היים און אַרבעט לייכט און רואיק, לויט זיינע כוחות.

* * *

דערוויסנדיק זיך וועגן דער אויפפירונג פון די צוויי מענטשן, האָט איינער אַ חכם פון יענער צייט געזאָגט:

„איינער גיט זיין פאָטער עסן געבראָטענע טייבעלעך אין מויל אַריין און קורצט זיך אָפּ די יאָרן. אַ צווייטער, ווידער, מאַכט זיין פאָטער אַרבעטן אויף שווערע מילשטיינער און פאַרדינט דאָס אייביקע לעבן".

דער זעעוודיקער און דער בלינדער

צוויי מענטשן פון איין עלטער, האָבן זיך אַמאָל באַקאַנט און געלעבט ווי צוויי גוטע חברים.

אויף איינעם פון זיי אָבער, איז פּלוצלונג אויסגעגאָסן געוואָרן גאַטס צאָרן. ער האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע קראַנקהייט און איז פאַרבליבן בלינד אויף ביידע אויגן און האָט אויפגעהערט צו זען די ליכטיקע שיין פון דער וועלט.

פלעגט אים באַדויערן זיין געטרייער חבר, דער זעעוודיקער, און פירן בייַ דער האַנט, אומעטום וואוהין נאָר ער האָט באַדאַרפט גיין און פאָרן.

דעם מענטשנס גענאַד איז דאָך אָבער ניט מער ווי ביז אין אַ צייט. האָט זיך טאַקע דעם זעעוודיקן בעל-טובה דערעסן די אַרבעט און ער איז גאָר איינגיכן מיד געוואָרן צו טראָגן אויף זיך די לאַסט פון זיין אומגליקלעכן חבר, וואָס פלעגט זיך אים נאָכשלעפּן טריט נאָך טריט, טאָג ווי נאַכט.

— זאָג נאָר, חבר-לעבן, — רופט זיך אַמאָל אָן דער זעעוודיקער צום בלינדן — צי דען בין איך עס כסדר מחויב דיך אַרומצופירן? בין איך עס עפּעס אַנשטאָט גאָט, וואָס מוז זיין דיין וועג-ווייזער און ליכט-זייל? איך בין שוין מיד פון דיר!

דערהערנדיק די דאָזיקע ווערטער, האָט באַם אומגליקלעכן בלינ-
דן אויפגעקאָכט דאָס בלוט אין די אָדערן און ער איז זייער פאַרצווײַ-
פלט געוואָרן. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ טיפן קרעכץ פון האַרצן אַרויס
און געזאָגט:

— אוי גאָט, פאַרוואָס פאַרלאָזטו מיך, העלף מיר!

גייענדיק אַמאָל צוזאַמען אין פעלד, האָבן זיי אָנגעהויבן בלאָנ-
דזשען און זיינען שטאַרק הונגעריק געוואָרן.

דאָס פעלד ליגט אויסגעשפּרייט אין דער לענג און אין דער ברייט
ווי אַ ליילעך און קיין תבואה וואַקסט דערויף נים, אויסער ווילדע
גראָזן און זאַמד-בערגלעך און דאָס חיות צו דערהאַלטן איז נישטאָ
מיט וואָס, כאָטש זעץ זיך אַוועק און שטאַרב פון הונגער.

ענדלעך האָט דער זעעוודיקער געפונען אויפן פעלד צווישן גראָז
אַ בינטל שוואַמען. ער האָט זיי אויסגעריסן און גענומען עסן צוזאַמען
מיט זיין חבר, דעם אומגליקלעכן בלינדן.

ווי נאָר אָבער זיי האָבן פאַרענדיקט די סעודה, האָט דאָס שאַרפ-
קייט פון די שוואַמען שטאַרק פאַרשאַדט דעם זעעוודיקן און ער האָט
זיך דערפילט זייער שלעכט. פון זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן רינען
טרערן ווי פון אַ קוואַל. ער האָט גלייך אָנגעוואוירן די ראיה און איז
בלינד געוואָרן.

צוזאַמען דערמיט אָבער, האָבן די זעלבע שוואַמען געמאַכט אַ גו-
טע ווירקונג אויפן בלינדן. ווען די שאַרפקייט איז אים אַריין אין די
אויגן, האָט ער זיי אָנגעהויבן רייבן מיט ביידע הענט און צעריסן די
בעלמעס וואָס האָבן באַ אים פאַרצויגן די ראיה. ער האָט צעעפנט
זיינע אויגן און דערזען אַ ליכטיקע וועלט פאַר זיך און האָט אויפ-
געלעבט.

ווען די צוויי חברים האָבן זיך אויפגעהויבן פאַרצווזעצן זייער
וועג, האָט דער וואָס איז ערשט בלינד געוואָרן, נים געקענט שטעלן
קיין פוס אַ טראָט צו טון און זיך געמוזט אָנהאַלטן אין זיין חבר. ווע-
מענס פירער ער איז געוועזן ביז איצט.

* * *

אַזוי זיינען וואונדערלעך די וועגן פון גאָט און דער מענטש מוז
זיין זייער פאָרזיכטיק מיט זיין וואָרט און באַנעמונג, ווייל ווער
ווייסט וואָס עס שטייט אים הינטער די פּלייצעס און וואָס עס קען מיט
אים פּאַסירן אין דער נאָענטער צוקונפט...

די טייערסטע שטיינער

א מענטש האָט אמאָל אויסגעוואנדערט פון זיין קליינעם שטעטל אין א וויטן לאנד, וואו ער האָט פארבראכט א געוויסע צייט.

אומקערנדיק זיך צוריק אהיים, נאָכן פארלויף פון יאָרן, האָט ער זיך גענומען באַרימען פאַר שכנים און פריינט מיט די אנטיקן, וועלכע ער האָט איינגעהאנדלט דאָרט אין יענעם אָרט. באַזונדער האָט ער זיך געוואָרפן אין די אויגן פון אַלעמען מיט א טייערן דימענט-שטיין, וואָס האָט אראָפּגעגלאַנצט און געפינקלט אין דעם רינג אויף זיין פינגער און ארויסגערופן קנאה ביי יעדן איינציקן.

דאָרט אין יענעם שטעטל האָט געוואוינט איינער א זייער קלוגער באַשיידענער מענטש, וואָס האָט נישט געקאָנט פארליידן די נארישע באַרימעריי, וועלכע האָט אים זייער שטארק געעקלט.

איינמאָל אין א טאָג, ווען יענער איז געשטאַנען שטאָלץ צווישן א גרופּע מענטשן און האָט אויסגערעכנט דעם גרויסן ווערט פון זיין די-מענט-שטיין, איז ער צו אים לאנגזאם צוגעגאַנגען און געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס פאַר א נוצן ברענגט אייך אָט דער דימענט, וואָס איר טראָגט אויפן פינגער, און וואָס גיט ער אייך?

— נוצן? — לאכט אויס יענער די פראגע — וואָס איז שייך? צי דען זוכט מען נוצן פון א בריליאַנט? ס'איז דאָך נישט מער ווי פאַר שיינקייט און לוקסוס:

— איך וועל אייך ווייזן מיינע שטיינער, וואָס איך פארמאָג, — רופט זיך אָפּ דער מענטש — זיי גלאַנצן גאָרנישט אַזוי שטארק און פאַרכאַפּן נישט קיינעמס אויג, דאָך ברענגען זיי מיר אריין יאָר-יערלעך גרויסע סומעס געלט און געבן א גוטן פארדינסט. אָנו, זייט אַזוי גוט און קומט מיט מיר! — און אַזוי ריידנדיק, האָט ער אָנגענומען דעם באַרי-מער ביי דער האנט און אים גלייך צוגעפירט צו זיך אין הויף, וואו עס איז געשטאַנען א מיל מיט צוויי גרויסע קיילעכדיקע מיל-שטיינער, וועל-כע האָבן פון תבואה וויים זעמל-מעל געמאָלן.

— אָט דאָס זיינען מיינע טייערע דימענטן, וואָס ברענגען פיל נוצן און גרויסע טובות פאַר אַלעמען! — האָט דער קלוגער מילנער אָנגעווי-זן מיט זיין פינגער אויף די צוויי מיל-שטיינער, וועלכע האָבן זיך ווי אין קאַראַהאָד געדרייט איינער אויפן צווייטן, אָן אָן אָפּשטעל, צווישן וועל-כע גאַנצע זעק מיט תבואה-קערנער זיינען אלע ווילע ארויפגעשאָטן געוואָרן און דינע מעל געמאָלן ברויט צו באַקן.

דער שטאָלצער באַרימער האָט דאַן דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט און מער נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט אַלץ וואָס גלאַנצט בּאַ איינעם אויפן פינגער, איז פאַר אַלעמען נויטיק און נוצלעך...

✻

דאָס וואונדערלעכע פייגעלע

צו אַ קעניג זיינען אַמאָל אַריינגעקומען זיינע שטערן־זעער און האָבן אים געזאָגט:

— הער קעניג, מיר האָבן ערשט נישט לאַנג געקוקט אין די שטערן און געזען, אַז די תבואה, וואָס וואַקסט דאָס יאָר אויף די פעלדער, וועט אַריינברענגען מחלוקת און האַס אין מענטשלעכע הערצער און וועט זיי אויפרייצן צו שנאה און קריג. אויב אָבער איר ווילט אויסמיידן דאָס שלעכטס און באַוואָרענען דאָס לאַנד פון אומגליק, דאַן מוזט איר זען פאַראָרדענען, אַז די תבואה זאָל אָפּגעשניטן ווערן גלייך ביים צייטיק ווערן.

דער קעניג האָט עס אויסגעהערט און אַ טויט־שרעק איז אים באַפאַלן. ער האָט באַלד געשיקט רופן זיינע חכמים און ווייסנשאַפטסלייט און זיי געמאָלדן וועגן דער געפאַר, וואָס באַדראָט דאָס לאַנד, און גלייכצייטיק זיי געהייסן אָנעמען די געהעריקע מיטלען, לויט דער עצה און רעקאָמענדאַציע פון זיינע קלוגע שטערן־זעער.

האָבן אָבער די חכמים זיך נישט געאיילט דורכצופירן דעם פּלאַן וועגן תבואה־אָפּשניט אין דער צייט. זיי זיינען געזעסן טעג און נעכט און געקלערט און געפּאָרשט, צי די שטערן־זעער מאַכן נישט אָן קיין אומזיסטע שרעק און צי איז איבערהויפּט מעגלעך די זאַך פון ווייסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט. די תבואה איז דערווייל צייטיק געוואָרן און די חכמים האָבן זיך קיין רעכענונג נישט געגעבן.

מורא האָבנדיק אָבער, אַז זיי קענען נאָך באַשטראָפט ווערן פון קעניג פאַר נאַכלעסיקייט און פאַר נישט דערפילן זיין באַפעל, האָבן זיי געקלערט און נישט געוואוסט, ווי אַזוי אים צו איבערבעטן.

האָט זיך צווישן זיי געפונען איינער אַ געוואַגטער חכם, וועלכער האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— הערט, חברים, וואָס עס איז געווען, איז פאַרפאַלן. איצט האָב איך אַן עצה ווי אַזוי צו שטילן דעם קעניגס צאָרן, ער זאָל אונדז פאַרגעבן די זינד. איך ווייס, אַז שוין פון לאַנגע יאָרן זוכט דער קעניג אַרום אַ־אַ מין וואונדערלעך פייגעלע, וואָס פאַרמאָגט אין זיך חכמה מער פון די גרעסטע וועלט חכמים און ער געפינט עס נישט. לאָמיר אַלע צוזאַמען עס זוכן און געפינען און עס ברענגען דעם קעניג אַ מ ת נ ה, וועט עס ביי אים זיין זייער אָנגעלייגט. ער וועט אויף שנעל פאַרגעסן זיין כעס און וועט אונדז געווים מוחל זיין.

דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק און די חכמים האָבן זיך אוועקגעלאָזט איבער ווייטע שטרעקער אויסזוכן דאָס געוואונטשענע פויגעלע און עס ברענגען דעם קעניג אַ מתנה.

נאָכפרעגנדיק זיך ביי פאַרשידענע רייזנדע און טוריסטן, זיינען זיי געוואויר געוואָרן וועגן אַ געדיכטן וואַלד איבער ווייטע ימען און

מדבריות, וואו ס׳געפינען זיך אַלערליי מינים פייגל, צווישן וועלכע עס איז פאראַן אַ האָפענונג צו טרעפן אויך אַזאַ מין וואונדער-פויגעלע.

זיי האָבן לאנג אַרומגעוואנדערט און זיך ענדלעך דערשלאָגן אַהינצו, וואו זיי האָבן טאַקע דערזען זיצן אויף אַ שפּיץ פון אַ הויכן בוים אַ וואונדערבאר שיין פויגעלע מיט פּורפּור-זיידענע פעדערלעך און גאָלדענע פליגל, וואָס באַצויבערן דאָס אויג, און וואויל איז דעם, ווער עס האָט אַזאַ פויגעלע אפילו נאָר אין חלום געזען.

וועלנדיק עס פאנגען, האָבן זיי דערצו נישט געקענט דערגרייכן, ווייל זיי האָבן קיין לייטער נישט געהאט. איז ביי זיי באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן אַ מענטשן - לייטער — איינער זאָל זיך אַרויפשטעלן אויף דעם צווייטנס אַקסל און אַזוי אַרום ארויפשטייגן צום העכסטן שפּיץ פון בוים, און ווער עס וועט עס אין האנט אַריינכאַפּן, דער איז אַ גליקלעכער.

אָבער ביים ערשטן פּרואוו צוזאמענצושטעלן אַזאַ לייטער, איז צווישן די חכמים אַנטשטאנען אַ שטארקער וויכוח: ווער אויף וועמען עס זאָל זיך ארויפשטעלן און ווער וועמען זאָל איבערשטייגן און ווערן מיט אַ קאָפּ העכער, כדי ער זאָל דער ערשטער אַריינקריגן דאָס קלוגע פויגעלע אין האנט און זיין גליקלעך?

זיי האָבן זיך לאנג געקריגט און געהאלטן אין איין אמפּערן ביז בייז בלוט, ווייל יעדער איינער האָט נאָר געוואָלט זיך אַרויפשטעלן אויפן צווייטנס אַקסל און זיין העכער פון זיין חבר.

פון דעמאָלט אָן הערן זיך נישט אויף די חכמים צו אמפּערן און זייער וויכוח דויערט נאָך ביז היינט צו טאָג.

—✻—

שבת, ימים-טובים
און תעניתים

„אלה מועדי ד׳“

אַמאָל האָט אַ געצנדינער געפרעגט רבי עקיבא׳ן:

— הלמאי האַלט איר אידן נאָך אָן אייערע ימים טובים? האָט דען גאָט ניט געזאָגט: „אייער ראש חודש און אייערע ימים טובים האָב איך פיינט און בין זיי נישט גערן“? (ישעיהו א׳).

האָט אים רבי עקיבא דערויף געענטפערט:

צי האָט דען גאָט געזאָגט: מ יי ן ראש חודש, אָדער מ יי נ ע ימים טובים? ער האָט דאָך געזאָגט: א יי ע ר ראש חודש, א יי ע ר ע ימים טובים, און ער איז דער-מיט אויסן געווען די ימים טובים וואָס ירבעם האָט גע-מאַכט, ווי עס ווערט דערציילט: ירבעם האָט דורכגעפירט אַ יום־טוב אין אַכטן חודש, אַן אייגענעם יום-טוב וואָס ער האָט אויסגעטראַכט פון זיין האַרצן און האָט באַפוילן די אידן זיי זאָלן אים פייערן (מלכים א׳, י״ב). אָט אַזעלכע ימים טובים פאַרהאַסט גאָט און האָט זיי פיינט, אָבער ניט די אמת׳ע, די אויטענטישע פון ריין נאַציאָנאַלן אָדער רעלי-גיעזן כאַראַקטער, וועלכע ער האָט באַשטימט און געהייליקט און זיי ווערן אָנגערופן אויף זיין נאָמען: „אלה מועדי ד׳“. נאָר זיי זיינען גאָט׳ס ימים טובים, וועלכע וועלן קיינמאָל ניט בטל ווערן און פאַרבלייבן אויף אייביק.

(לויט מדרש, פרשה פנחס).

שבת

שבת

לויט דער תורה

ששת ימים תעבד וביום השביעי תשבת בחריש ובקציר תשבת.

שמות, ל"ד, כ"א.

(זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און אויפן זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען, אפילו אין אַקער־צייט און אין שניט־צייט זאָלסטו רוען).

ושמרו בני ישראל את השבת לעשות את השבת לדרתם ברית עולם. ביני ובין בני ישראל אות היא לעלם, כי ששת ימים עשה ד' את השמים ואת הארץ וביום השביעי שבת וינפש.

שם, ל"א, י"ז.

(די קינדער פון ישראל זאָלן היטן שבת, צו האַלטן שבת אויף דור דורות אַן אייביקער בונד. צווישן מיר און די קינדער פון ישראל איז דאָס אַ צייכן אויף אייביק. אַז זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער אויפגעהערט און גערוט).

לויט חז"ל (חכמינו זכרונם לברכה):

אמר לו הקדוש ברוך הוא למשה: משה, מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה, ואני מבקש ליתנה לישראל — לך והודיעם (שם י').

(גאָט ברוך הוא האָט געזאָגט צו משה'ן: משה, איך פאַר־מאָג אין מיינע אוצרות אַ גוטע מתנה און שבת איז איר נאָמען, און איך וויל איר געבן צו די אידן, — גיי און מעלד זיי).

שקולה שבת כנגד כל המצוות (ירוש' נדר, פ. ג').
(שבת איז גלייכוואָגיק מיט אַלע מצוות צוזאַמען).
באה שבת — באה מנוחה (סנהד' ל"ח).
(מיטן שבת קומט די רו).

דער כאַראַקטער פון שבת

שבת איז דער זיבעטער טאָג פון וואָך, צוילנדיק פון זונטיק. דער דאָזיקער טאָג איז באַקרוינט מיט אַ סאַך קרוינען (בכמה עטרין), און באַהויכט דעם אידן מיט הייליקן גייסט, דערהויבנקייט און נשמה־יתירה. ער פאַרוואַנדלט דעם אידן פון אַ וואָכעדיקן פאַרהאַוועטן מענטשן אין אַ געטלעכן פרינץ, פון וועמענס פנים עס שיינט אַראָפּ קדושה און שבת־דרו.

★

לעגענדעס אַרום שבת

די מלאכים פון שבת

צוויי מלאכים באַגלייטן יעדן אידישן מענטשן פרייטיק צו-נאַכטס, גייענדיק פון שול אַהיים: אַ גוטער מלאך און אַ שלעכטער מלאך.

קומט אַ איד אַריין אין שטוב און טרעפט די ליכט געצונדן, דעם טיש געגרייט און דאָס בעט פאַרשפּרייט, צעשטראַלט זיך דאָס פּנים פון גוטן מלאך און ער בענטשט: „אַזוי צום קומענדיקן שבת, צום קו-מענדיקן שבת!" און דער שלעכטער מלאך ווערט אַנגעצויגן מיט פאַר-דרום און ענטפערט שטרענג און געצוואונגען: אמן!

קומט אַ איד אַריין אין שטוב און טרעפט דאָס פאַרקערטע: די ליכט געלאָשן, דעם טיש נישט געגרייט, דאָס בעט צעוואָרפן, דערפרייט זיך דער בייזער מלאך און שילט הויך אויף אַ קול:

— אַזוי צום קומענדיקן שבת, צום קומענדיקן שבת!

און דער גוטער מלאך שטייט באַ'צער'ט און טרויעריק און ענט-פערט געצוואונגען, קעגן זיין ווילן: אמן!

*

די ערשטע שבת-סעודה

אדם הראשון איז באַשאַפן געוואָרן ערב-שבת, כדי ער זאָל גלייך אַריין אין שבת און טרעפן אַלץ גרייט פון זיינעטוועגן און ניט דאַרפן זאָרגן וועגן גאָרניט.

אַ מענטש האָט אַמאָל איינגעלאַדן אַ חשוב'ן גאַסט צו זיך אין הויז. אין אָנהויב האָט ער אויסגעקליבן פון זיינעטוועגן דעם שענסטן און ריינסטן צימער פון זיין וואוינונג. די ווענט האָט ער באַפּוצט מיט וואונדער-שיינע בילדער פון די וועלט-באַרימטע קונסטמאָלער און האָט באַהאָנגען די טירן און פענסטער מיט געשטריקטע פאָרהאַנגען. אויפן דיל האָט ער אויסגעשפּרייט וואונדער-שיינע טעפּיכער פון גרויסן ווערט און האָט באַשפּריצט דעם גאַנצן צימער מיט שמעקעדיקע בשמים-ריחות. נאָכהער האָט ער אויפגעהאַנגען אין דער הויך קרישטאָלענע לאָמפּן וואָס האָבן אָנגעפילט דעם צימער מיט העלער שיין, און האָט אָוועקגעשטעלט אַ רייך-געדעקטן טיש מיט געשמאַקע מאכלים און זיסע געטראַנקען. ענדלעך ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק און געשטאַנען אין דער בעסטער אָרדענונג, האָט דער מענטש אָנגענומען דעם ליבן גאַסט ביי דער האַנט און אים אַריינגעפירט אין דעם שיין-אויסגעשטאַטן צימער, ער זאָל געניסן פון אַלץ וואָס זיין האַרץ וועט גלוסטן און זאָל זיך לאָזן וואוילגיין.

גאָט האָט אויך אַזוי געטון: אינ'ם ערשטן טאָג פון דער וועלט-באַשאַפונג, האָט ער אָפּגעטיילט די ליכט פון דער פינסטערניש; אינ'ם צווייטן טאָג האָט ער פאַרשפּרייט דעם רוים און פונאַנדערגע-

שיידט צווישן ערד און וואסער; אינ׳ם דריטן טאָג האָבן ארויסגע-שפּראָצט בלומען און רויזן און אַלערליי מינים בשמים-בוימער; אינ׳ם פערטן טאָג זיינען די הימלען באַהאַנגען געוואָרן מיט צוויי גרויסע ליכטער און פאַרזייט מיט אומצאָליקע פינקלדיקע שטערנדלעך; אינ׳ם פינפטן טאָג האָט גאָט באַשאַפן כל׳ערליי פייגל און עופות; אינ׳ם זעקסטן טאָג — די חיות און בהמות.

ענדלעך, ווען די גאַנצע בריאה איז שוין געווען פאַרענדיקט, וואַר-טנדיק אויף גאָטס וואָרט און זיין באַפעל, האָט ער באַשאַפן דעם מענ-טשן, וועלכער איז אָנגערופן געוואָרן: „די קרוין פון אַלע באַשעפענישן", און האָט אים אריינגעפירט אין גן-עדן, ער זאָל געניסן פון דער ערשטער שבת-סעודה.

יוסף, דער שבת-פּרינץ

ביי אַ רייכן אדומישן גוטבאַזיצער, האָט אַמאָל געדינט אַן אָרימער אידישער אַרבעטער, מיטן נאָמען יוסף.

דער אדומי איז געווען אַן אומגעטרייער און גרויזאַמער האר צו זיין אידישן דינער, מיט וועלכן ער פּלעגט אַרבעטן שווער, פון גאַנץ-פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט און אים געצאָלט ווינציק.

יוסף האָט די גאַנצע וואָך געלעבט אָרים און האָט זיך באַנוגנט מיט טרוקן ברויט און וואַסער, כדי ער זאָל קענען אָפּשפּאָרן פון זיין קליינעם פאַרדינסט אויף שבת, אויף וועלכן ער האָט איינגעקויפט די בעסטע פיש און פלייש און זיך אָנגעטאָן זייער שיינע קליידער, ווי אַ רייכער מאַן.

האָבן שוין אַלע געוואוסט אַז יוסף היט אָפּ שבת און אים גערופן: „יוסף, דער שבת-פּרינץ".

אזוי זיינען פאַרלאָפן יאָרן נאָך יאָרן. יוסף האָט געאַרבעט שווער און ביטער און זיין האר איז געוואָרן רייכער און רייכער.

איינמאָל האָט זיך דעם אדומי געחלומט אַזאַ חלום:

עס איז אריינגעקומען אין פּאַלאַץ אַן אַלטער גרייז-גרויער מאַן, מיט אַ לאַנגער ווייס-זילבערנער באָרד, וועלכער איז געווען איינגעהילט אין אַ ווייסן מאַנטל און האָט אים שטרענג אויפמערקזאַם געמאַכט, פאַרוואָס ער אַרבעט מיט יוסף׳ן אזוי שווער, און האָט פאַרענדיקט מיט גרויס כעס:

— זע, דו גרויזאַמער מענטש, דיין גאַנץ פאַרמעגן איז דיר געקו-מען פון יוסף׳ן און צו אים וועט זיך עס צוריקקערן!

פון גרויס שרעק האָט זיך דער אדומי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט:

— ווי אזוי זאָל איך ראַטעווען מיין פאַרמעגן עס זאָל נישט אריינ-

פֿאַלן אין דעם אידנס הענט? מען דאַרף פֿאַרקויפֿן אַלע גיטער און פֿאַרן געלט זיך איינהאַנדלען אַ ווערטפֿולן חפֿץ, וועלכן איך זאָל קענען באַהאַלטן און אים אייביק אָפּהיטן.

אַזוי האָט דער אדומי פֿאַרטראַכט און אַזוי האָט ער געטאָן.

אין אַ שיינעם טאָג האָט ער ליקווידירט אַלע זיינע רייכע געשעפֿטן און אייגנטום און זיך געקויפֿט אַ טייערן דימענט, וועלכן ער האָט גוט איינגענייט אין דעם היטל וואָס אויף זיין קאָפּ.

— זאָל איצט יוסף זיצן און וואַרטן ביז מיין פֿאַרמעגן וועט אים קומען אין האַנט אַריין, — טראַכט זיך דער אדומי און קוועלט אַן פֿאַר נחת פֿון זיין אָפּגעטוענער שטיקל אַרבעט...

איינמאָל אין אַ זוניקן פֿרימאָרגן, האָט זיך דער אדומי זייער אַ צופֿרידענער אַרויסגעלאָזט שפּאַצירן און דורכגייענדיק אויף אַ ברוק וואָס איבער אַ טייך, האָט פּלוצלינג אויסגעבראָכן אַ מעכטיקער שטורעמווינט און אַראָפּגעריסן דאָס היטל פֿון זיין קאָפּ און עס אַריינגעשלײַדערט גלייך אין טייך.

דאָס היטל איז געלעגן אין טייך אַזוי לאַנג ביז עס איז פֿאַרפֿוילט געוואָרן. דער דימענט איז דערפֿון אַרויסגעפֿאַלן און אַ גרויסער פֿיש האָט אים איינגעשלונגען.

ערב שבת האָט אַ פֿישער פֿאַרוואָרפֿן אַ נעץ אין טייך און געפֿאַנגען דעם פֿיש. קומענדיק אין שטאָט אים פֿאַרקויפֿן, זיינען אָבער קיין בעלנים נישט געווען, צוליב דער הויכער פּרייז וואָס ער האָט פֿאַר אים געפֿאָדערט.

— איך וועל גיין צו יוסף'ן —טראַכט זיך דער פֿישער,— אָט דער אָרימאַן איז דווקא געוואוינט צו קויפֿן די בעסטע פֿיש אויף שבת און שטעלט זיך נישט אָפּ פֿאַר קיין פּרייז.

ברענגענדיק דעם פֿיש צו יוסף'ן, האָט ער אים טאַקע געקויפֿט און געפֿונען דעם טייערן דימענט, וועלכן ער האָט גלייך נאָך שבת פֿאַרקויפֿט און איז געוואָרן רייך און גליקלעך אויף זיין גאַנץ לעבן.

אַ קו. אַ שבת-היטערין

אַמאָל האָט אַ פֿרומער איד, אַ חסיד, פֿאַרמאָגט אַן איינציקע קו און געאַקערט מיט איר דאָס פֿעלד. איז די קו געוואוינט געוואָרן רוען אין דעם הייליקן טאָג און נישט טון קיין פֿעלד-אַרבעט.

מאַכט זיך אַמאָל נאָך אַ פּאָר יאָר פֿון אומגערעטעניש, דער איד איז פֿאַראָרימט געוואָרן און האָט געמוזט צוליב דוחק אין פּרנסה, פֿאַרקויפֿן זיין בהמה צו אַ קריסט, אויך אַן ערד-אַרבעטער. קומט אַריין דער קונה שבת אינדערפֿרי אין שטאַל אַרויסנעמען די קו און שפּאַנען איר אין אַקער, גייט זי אָבער נישט. פֿאַרוואָרפֿט ער איר אַ שטריק אויפֿן

האלדז. ער שלעפט זי און פאכעט איבער איר מיט א בייטש, אבער אומזיסט, די קו רירט זיך נישט פון ארט.

וואס טוט דער קריסט? ער לויפט אוועק צום פריערדיקן בעל-הבית מיט א טענה:

— ס'טייטש, האסט מיך אפגענארט און פארקויפט א פוילע קו, זי וויל דאך ניט גיין צו דער ארבעט!

— ניין, מיין הער, —ענטפערט אים דער איד.— ניט צוליב פויל-קייט, וויל דיך די קו ניט פאלגן, נאר צוליב דעם וואס זי האט ביי מיר געגאסן פון שבת-רו, גלייך מיט מיר, זי איז דערצו געוואוינט געווארן לויטן געזעץ פון אונזער תורה: „זאלסט רוען שבת און אויך דיין בהמה זאל האבן רו!".

— אויב א אידישע בהמה טוט דעם ווילן פון איר באשעפער, — טראכט זיך דער קריסט, — טוט עס דאך דער איד אוודאי און אוודאי.

אין א שיינעם טאג האט דער קריסט פארקויפט זיין פארמעגן און איז געקומען אין בית-המדרש אריין און האט געזאגט:

— זייט מיך מגייר, איך וויל ווערן א איד און דינען דעם גאט פון ישראל!

דער כוח פון היטן שבת

ווי ווייט הייליק און פייערלעך אידן האבן אמאל געהאלטן שבת און זיך געהיט פארן קלענסטן חילול-הקודש, ווערט דערציילט פאלגנדע געשיכטע:

אין האאג, די הויפטשטאט פון האלאנד, האט אמאל געוואוינט איי-נער א רייכער און פרומער איד, מיטן נאמען פרידלענדער. ער איז גע-ווען א גרויסער סוחר פון זיידן-שטאף און טעפיכער.

זיצנדיק אמאל אין א פרייטיק-צו-נאכטס מיט זיין פאמיליע ארום טיש אינמיטן די זמירות פון דער שבת'דיקער סעודה, האט זיך דער-הערט א קלאפ אין טיר און באלד האט די דינסט געמאלדן, אז איינער פון דעם פירשטס הויפלייט ווארט און וויל רעדן מיטן בעל-הבית.

אריינקומענדיק אין הויז, האט זיך דער מאן גלייך געווענדעט צו פרידלענדערן און געזאגט:

— אנטשולדיקט מיר פאר דער באלעסטיקונג. איך בין א שליח פון דעם פירשט, וואס האט מיך געשיקט צו אייך מיט דער בקשה, איר זאלט אזוי גוט זיין און שיקן אין פאלאץ אריין אט די מינים טע-פיכער וואס זיינען דא אנגעוויזן אין צעטל. מען דארף מיט זיי דעקא-רירן דעם סאלאן, וואו עס וועט פארקומען היינט אין אוונט, נאכן עסן, א גראנדיעזע פארשטעלונג לכבוד הויכגעשטעלטע געסט, מלוכה-מענער, וועלכע געפינען זיך אויף א באזוך ביי זיין מאיעסטעט, דעם פירשט.

— ליידער, קען איך אבער איצט ניט נאכקומען דעם פירשט'ס

פאַרלאַנג, צוליב שבת —ענטפערט פרידלענדער דעם שליח.— זאָל זיין מאַיעסטעט אַזוי גוט זיין און וואַרטן ביז מאָרגן אָוונט, מוצאי שבת.

— ס'איז מאָדנער ענטפער „צעלאַכט זיך דער מענטש,— וואַרטן ביז מאָרגן, און די פאַרשטעלונג איז באַשטימט אויף היינט. מאָרגן האַלטן די געסט ביים אָפּרייזן!

— און איך קען ניט, היינט, שבת, זיך פאַרנעמען מיט קיין מסחר,

— דערקלערט קאַטעגאָריש דער פרומער סוחר. — זאָל מיר דער פירשט אַנטשולדיקן.

דער שליח האָט פאַרלאָזט דאָס הויז און די פאַמיליע האָט ווייטער פאַרגעזעצט די זמירות.

אין אַ ווײַלע אַרום, האָט זיך באַוויזן דער זעלבער שליח מיט אַ בריוו אין האַנט, אונטערגעחתמ'עט פון פירשט:

— מיין טייערער פ.!

„איך האָב זייער נויטיק די טעפּיכער. מען קריגט זיי ניט אין קיין אַנדער פּלאַץ. קענסט פאַר זיי פאָדערן אַ דאָפּלטן פּרייז, אָדער גאָר דרייַ מאָל אַזוי פיל לויט זייער געוויינלעכן ווערט און שיק זיי מיר. נאָר אויב דו מיינסט זיך האַלטן ביי דיין עקשנות, וועלן די קאָנסעקווענצן ניט זיין קיין גינסטיקע און וועלן דיר קיין טובה ניט ברענגען. באַרעכן זיך גוט וואָס דו טוסט, צי לוינט דיר פאַרלירן אַזאַ גוטע קונדשאַפט אין דעם פירשט'ס הויף?".

איבערלייענענדיק דעם בריוו, רופט זיך אָן פ. צום שליח:

— צוליב ניט וועלן מחלל שבת זיין, איז מיר אוממעגלעך ענט-פערן דעם פירשט שריפטלעך. זאָגט אים אָבער, אַז אויב ער איז אַזאַ גרויסער האַר, איז נאָך פאַראַן אַ העכערער פון אים, וועמען איך מוז פאָלגן ניט צו פאַרשוועכן די הייליקייט פון שבת. אמת טאַקע, עס איז אַ שאָד אַזאַ גוטע קונדשאַפט. אַנדערש קען איך אָבער נישט!".

דערווייל איז אַנטשטאַנען אַ מיינונגס - פאַרשידנהייט צווישן די משפּחה-מיטגלידער אליין, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ היציקע די-קוסיע: אַ טייל פון די קינדער זיינען געווען דערפאַר, אַז כדי ניט צו דערצערענען דעם פירשט און ניט פאַרלירן קיין קונה, וואָלט מען גע-מעגט שיקן די טעפּיכער אָן אַ אָנגעצייכנטן פּרייז. דאָס וואָלט געהייסן אַ קנאַפּער חילול-שבת און דער געשעפט וואָלט ניט געליטן. די אַנדערע קינדער ווידער, די מער פרומערע, האָבן געהאַלטן, אַז אַ איד מעג זיך צוליב שבת מקריב זיין און ביישטיין דעם נסיון, דער אויבערשטער וועט פאַרגיטיקן און אָפּגעבן כפל-כפלים.

מוצאי שבת, האָט פ. געקראָגן אַן איינלאַדונג פון פירשט צו קומען מאָנמויק, צען אַזייגער אינדערפרי, אין פּאַלאַץ.

די דאָזיקע איינלאַדונג האָט פאַרשאַפט גענוג שרעק און ערנסטע זאָרג דער גאַנצער פאַמיליע. דאָך אָבער האָט זיך פ. אָנגענומען מיט האַרץ און איז אליין געגאַנגען.

און ס'אַראַ וואונדער איז געשען:

אַריינקומענדיק אין פּאַלאַץ, צו דער באַשטימטער שעה, האָט אים דער פירשט באַגעגנט זייער העפלעך און געזאָגט:

— אַנטשולדיק מיר, טייערער פ. וואָס כ'האָב אייך געשיקט באַלעסטיקן אין דער נאַכט פון שבת. די סיבה דערפון איז אָט-וואָס:

— מיין געערטער פריינט, דער גרויספירשט סטאַניסלאַוו, האָט געווילט ביי אונז אין געסט אייניקע טעג. מיר האָבן פאַרבראַכט זייער גוט און געפירט געשפּרעכן אויף פאַרשידענע טעמעס פון לעבן. אַרויפקומענדיק אויף אַ שמועס וועגן אידן, האָט זיך מיין פריינט אויסגעדריקט, אַז די אידן זיינען אַ פאָלק פון אומצוטרוי און געלט-גייציקע. אַ איד איז גרייט צו פאַרקויפן זיין געוויסן און דאָס הייליקסטע וואָס ער פאַרמאָגט, אַבי נאָר צו כאַפּן אַ פאַרדינסטל. איך האָב זיך קעגנגעשטעלט און גענומען אָפּוואַרפן זיינע טענות. ענדלעך האָבן מיר זיך פאַרוועט אויף אַ פאַס וויין און באַשלאָסן אייך נעמען אַלס ביישפּיל און שטעלן צו דעם פּרואוו. איצט בין איך זייער צופרידן וואָס איר זענט בייגעשטאַנען דעם נסיון און איך האָב געוואונען דעם געוועט.

— ניט צוליב דעם פאַס וויין, נאָר צוליב דעם פאַקט וואָס איך האָב מיך ניט אַנטוישט אין מיין צוטרוי צו די אידן. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז די אידן זיינען זייער גוטע בירגער פון אונזער לאַנד און צוזאַמען דערמיט געטריי דעם גלויבן פון זייערע עלטערן.

דער פירשט האָט אים פאַרזיכערט צו פאַרבלייבן אויף שטענדיק דער קונה פון זיין באַרימט האַנדלס-הויז און באַשטימט פאַרן צושטעלער פון אַלערליי מינים סחורות פאַר זיין הויף, און אים אויך רעקאָמענדירט צו אַלע זיינע פריינט און גרויספירשטן פון דער סביבה, אַלס הויפּט-אָרנטלעכער סוחר.

דער בשמים-וואָרצל: שבת

רבי יהודה הנשיא האָט אַמאָל איינגעלאַדן צו זיך אויף אַ שבת-סעודה זיין פריינט, דעם רוימישן קעניג אַנטונינוס.

דאָס עסן האָט שטאַרק געשמעקט דעם קעניג און ער האָט געפרעגט זיין פריינט, וואָס אַזוינס זיין פרוי טוט אַריין אין דעם.

— פאַרשטייט איר מיך, — רופט זיך אָפּ ר' יהודה צום קעניג — מיר אידן פאַרמאָגן אַ וואונדערלעכן בשמים-וואָרצל וואָס רופט זיך שבת, און ער באַווירצט אונדזער סעודה און גיט אים צו דעם דאָזיקן טעם און ריח.

— טייל מיר אָפּ דערפון — בעט אים דער קעניג און איך וועל דערמיט באַווירצן מיינע סעודות.

ר' יהודה האָט אים דערויף געענטפערט:

— דער דאָזיקער וואָרצל מאַכט באַטעמט די סעודה נאָר פון דעם יעניקן, וועלכער היט אָפּ שבת און האַלט אים הייליק און טייער.

פסח

פסח

בחדש הראשון בארבעה עשר לחדש בין הערבים פסח לד׳.
ויקרא, פ״ג, ה׳.

(אין ערשטן חודש, אין פערצנטן טאָג פון חודש, אקעגן אָוונט, איז דער קרבן פסח פון גאָט).

ובחמשה עשר יום לחדש הזה חג המצות לד׳ שבעת ימים מצות תאכלו.

(און אויפן פופצנטן טאָג פון דעם דאָזיקן חודש, איז דער יום־טוב פון מצות צו גאָט; זיבן טעג זאָלט איר עסן מצות).

שמור את חדש האביב ועשית פסח לד׳ אלוקיך, כי בחדש האביב הוציאך ד׳ אלוקיך ממצרים לילה, דברים ט״ז, א׳.
(היט אָפּ דעם חודש אביב, און זאָלסט מאַכן דעם קרבן פסח צו ד׳ דיין גאָט, וואָרים אין חודש אביב האָט דיך ד׳ דיין גאָט אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים ביינאַכט).

דער כאַראַקטער פון פסח

פסח פאַלט אויס דעם 15-טן אין חודש ניסן, און פאַרציט זיך אין ארץ-ישראל 7 טעג, און אין די גלות-לענדער — אַכט. ער איז אַ נאַציאָנאַל רעליגיעזער און אַגרי-קולטור יום-טוב.

נאַציאָנאַלער — ווייל אין דעם דאַטום זיינען די אידן באַפרייט געוואָרן פון שקלאַפעריי אין לאַנד מצרים.

רעליגיעזער — ווייל ביי יציאת מצרם זיינען געשען נסים.

אַגריקולטורעלער — ווייל ער פאַלט אויס אין דעם פרילינגס-מאָנאַט, ווען מען הויבט אָן אין ארץ-ישראל אַרבעטן מיטן סערפּ, ביים שניידן דעם גערשטן.

דער דאָזיקער יום־טוב ווערט אָנגערופן: פסח, חג המצות און חג האביב.

פסח באַדייט איבערהיפּן, ווען דער מלאך האָט באַשטראָפט פרעהן מיט דער צענ-טער מכת —מכת בכורות— דערפאַר וואָס ער האָט ניט געוואָלט באַפרייען די אידן, האָט ער איבערגעהיפּט די אידישע הייזער און דאָרט ניט געטויט די בכורות.

חג המצות — דער יום־טוב פון די מצות. אין די טעג פון דעם דאָזיקן יום-טוב איז אונז אידן פאַרבאָטן צו עסן חמץ און מיר עסן נאָר מצה, אַלס אָנדענק אַז די אידן זיינען אַרויס פון מצרים אין איילעניש און האָבן ניט באַוויזן זיך צוצוגרייטן ברויט אויפן וועג.

חג האביב — דער יום-טוב פון פרילינג. פסח פאַלט אויס אין חודש ניסן, וואָס איז דער ערשטער חודש פון פרילינג אין ארץ-ישראל.

פסח, דער יום-טוב פון אונזער באַפרייאונג

פסח, דער יום-טוב פון אונזער באַפרייאונג, רעכנט זיך פאַרן ערשטן פון אַלע ימים-טובים פון יאָר. ער איז ביי אונז באַליבט און געשעצט, אַלס אַזעלכער וואָס באַנייט און דערהויבט דאָס אידישע האַרץ און פילט עס אָן מיט האָפנונג, גלויבן און דערוואַכונג.

ער רוימט איין דעם אידן אין אויער: „האָב קיין מורא ניט, יעקב, דיין אויסלייזער לעבט נאָך, דיין אויסלייזער פון אַמאָל וועמענס נאָמען עס איז אלוקי ישראל”. און אַזוי ווי די זון פאַרמינערט נישט איר העלע שיין, כאָטש עס געפינען זיך בלינדע וואָס זעען איר נישט און קענען נישט געניסן פון איר ליכט, אַזוי פאַרמינערט ניט דער אידישער אויסלייזער זיין הילף פון זיין פאָלק, כאָטש עס געפינען זיך אַזעלכע וואָס אַנערקענען ניט זיין מאַכט און גלויבן ניט אין דער אידישער דערלייזונג.

עס זיינען פאַראַן צווישן אונז אליין שוואַכמוטיקע און אומגלויביקע, וועלכע לייקענען אַבסאָלוט אין אונזער עקזיסטענץ אַלס פאָלק און האַלטן אונז פאַר אַן אָפּגעשוואַכטן קראַנקן קערפּער. און אַזוי ווי אָפּגענאַרטע דאָקטוירים וואָס היילן אַ חולה מיט פאַלשע מעדיצין-מיטלען, לייגן זיי אַרויף זייער קאַלטע האַנט און טאַפּן אונז דעם דופק צי מיר לעבן נאָך. זיי מעסטן אונזער בלוט-שטראָם לויטן טיק-טאַק פון זייגער און זאָגן פאַר אַ שנעלן אונטערגאַנג דעם אַלטן פאָלק ישראל, וועלכעס מוז, לויט זייער קורצזיכטיקייט, פאַרשוואונדן ווערן פון דער וועלט.

דער ענטפער אָבער צו אָט די אַלע פאַלשע נביאות-זאָגער, איז דער לעבעדיקער פאַקט און זכר פון יציאת-מצרים, ווען אַ פאָלק האָט זיך באַפרייט פון שקלאַפעריי און געקראָגן אַ תורת-חיים, וועלכע באַשיצט עס פון אומקום און אונטערגאַנג און גיט אים מוט צום לעבן.

* * *

די גרעסטע גבורה וואָס אונזערע עלטערן האָבן אַרויסגעוויזן אין קאַמף קעגן זייערע שונאים, איז ניט באַשטאַנען אין קיין פיזישע קראַפט, געשטיצט אויף כלי-זין. ניט דערין איז געלעגן זייער כח. אונזער פאָלק האָט באַקעמפט דעם שונא נאָר דורך גייסט, דורך דער הייליקער מיסיע וואָס דער מענטשן-באַשעפער האָט באַשטימט פאַר אים צו ווערן דער קולטור-טרעגער און ליכט-פאַרשפּרייטער פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אַלע אַנדערע פעלקער זיינען צעשטערט און צעטראָטן געוואָרן ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען עס איז אויף זיי געקומען אַ צרה. די אידן אָבער אַלס אייביק פאָלק, האָבן מיט שטאַרקן גייסט און פעסטן גלויבן אין זייער אייביקייט, אַריבערגעטראָגן געדולדיק די גרויזאַמסטע פאַרפאָלגונגען און זיינען אויסגעלייטערט געוואָרן.

משה, דער געטלעכער מאַן, דער באַשיידנסטער פון אַלע מענטשן

וואָס אויף דער ערד, האָט באַזיגט די מעכטיקע מצרים, די גרויסהאָל-טערין, וועלכע האָט זיך דאַמאָלט אויסגעצייכנט מיט גבורה און קראַפט, מיט רייכקייט און גדולה, קולטור און קונסט. די אידן אַלס אַ קליין וואַנדער-פאָלק פון קנעכט, אַ משפחה פון פאַסטוכער אין די גושן-פעלדער, אָן אייזערנע רייטוועגנער און אָן קופּערנע בויגנס, האָבן העלדיש באַקעמפט זייער באַדריקער, נאָר מיטן געטלעכן גייסט, וואָס האָט אויף זיי געררוט נאָך פון זייערע ערשטע עלטערן, און פון וועמען עס האָט אָפּגעשטאַמט משה רבינו, דער גרעסטער גייסטיקער יורש.

* * *

און ווייל דאָס אידישע פאָלק האָט באַוויזן אַזוי וואונדערלעך צו פאַר-לאָזן דאָס לאַנד פון די פּיראַמידן, וועלכע עס האָט אַליין אויסגעבויט מיט שווייס און בלוט, איז דער נס איינגעקריצט געוואָרן אין זיין האַרץ אַלס סימבאָל פון באַפרייאונג, און פּסח איז פאַרבליבן אויף אייביק, דער הויפּט פון די הייליקע ימים-טובים.

פּסח פאַלט אויס צוזאַמען מיטן פרילינג יום-טוב „חג האביב". די ערד ווערט גרין און באַלעבט, נייע שפּראָצונגען שטעקן אַרויס זייערע קעפּלעך פון אונטער דעם שוואַרצן ערד-מאַנטל און וואַקסן פריי און זיכער, אומגעשטערט און אומגעצוימט. זיי פאַרכאַפּן דאָס אויג און רופן אַלץ צו אויפלעבונג. צוזאַמען מיט זיי שפּראָצט אַרויס און וואַכט אויף אין אונזער האַרץ דער באַפרייאונגס-ווילן צו אַ נייע לעבן, צו אַ לעבן פון אַ נייע זעלבסטשטענדיק פאָלק.

דער „זמן חרותנו" שרייט הילכיק אַריין אין אונזערע אויערן: „ניט נאָר אונזערע עלטערן אַליין האָט ער אויסגעלייזט, נאָר אויך אונז".

דער באַפרייאונגס יום-טוב פּסח, רופט אַרויס ביים אידישן פאָלק געפילן פון בענקשאַפט צו אַ פולשטענדיקער דערלייזונג און צוריקקער צו אַן אייגן לאַנד, וואו עס זאָל קענען פירן זיין נאַטירלעך אייגנאַרטיק שטייגער לעבן און זיך אַנטוויקלען פיזיש און גייסטיק, ווי אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך.

און כדי צו פאַרווירקלעכן אָט דעם שיינעם געדאַנק און גליקלעכן פּלאַן, מוזן מיר ווענדן אונזער בליק צו אונזער ליב פאָטערלאַנד ציון און ירושלים, אַהינצו וואו אידן בענקען און שרייען שוין טויזנטער יאָרן: „לשנה הבאה בירושלים".

לעגענדעס אַרום דעם יום-טוב פּסח

דאָס אָרעמע פּאָר-פאָלק אין דער נאַכט פון פּסח

פאַרצייטנס, מיט פיל יאָרן צוריק, האָט אין אַ ווייטער שטאָט געוואוינט אַ יונג פּאָרפאָלק, כאָטש נישט קיין רייכע מענטשן, דאָך האָבן זיי זיך געפילט גליקלעך און געפירט אַ צופרידן לעבן דערמיט אַליין, וואָס איינער דעם צווייטן האָט טייער געהאַלטן און ליב געהאַט.

אין שלעכטע מידה האָבן זיי אָבער פאַרמאָגט, וואָס האָט אָפטמאָל צעשטערט זייער גליק: זיי פלעגן נאָר ליב האָבן רעדן פון יענעם און מקנא זיין אויף רייכקייט, שיינקייט, צירונג און געפוצטע קליידער.

זיצנדיק אַמאָל איינער נעבן צווייטן, רופט זיך אָן די פרוי צום מאַן:

— אַך, ווען איך פאַרמאָג רייכקייט, וואָלט איך זיך די שענסטע קליידער אויפגענייט, פונקט ווי יענע און יענע אויסגעפוצטע האָרינטע. איך וואָלט געקויפט פונקט אַזאַ צירונג, ווי כ'האָב היינט געזען טראָגן יענע שטאָט-גביר'טע, אויך אַ פּאַלאַץ צום וואוינען וואָלט איך אויסגעבויט, ווי יענער רייכער גוטבאַזיצער.

— הלוואי וואָלט עס ריכטיק געווען! — שאָקלט-נאָך מיטן קאָפּ דער מאַן, — הלוואי, פון דיין מויל אין גאָטס אויערן!

איינמאָל, אין אַ פּסח-נאַכט, איז דאָס פאַרליבטע פּאָר-פאָלק ביים טיש געזעסן און אָפּגעריכט דעם סדר. די פרוי האָט געעפנט די טיר און דער מאַן האָט אָנגעגאָסן דעם פערטן כוס און אָנגעהויבן לייענען פון דער הגדה: „שפוך חמתך". פּלוצלינג איז אַריינגעקומען אין שטוב אַן אַלטער גרייז-גרויער מאַן מיט גוטע, מילדע אויגן, אין אַ האָריקן מאַנטל איז ער געווען איינגעהילט און מיט אַ פעלענעם גאַרטל אַרומגעגאַרטלט. זיין פּנים האָט געשטראַלט מיט גליק און דאָס גאַנצע הויז מיט אַ זיבנפאַכיקער שיין באַלויכטן.

דערזעענדיק דעם פרעמדן, איז דאָס פּאָרל צעטומלט געוואָרן און אָנגעהויבן ציטערן פון שרעק. דער אַלטיטשקער האָט זיי אָבער באַרואיקט מיט גוטע רייד און געזאָגט: „שרעקט זיך נישט, טייערע! איך בין אליהו הנביא. איך האָב געהערט וואָס פאַר אַן אָרנטלעכע לייט איר זענט און אַז אייער לאַגע איז נישט קיין גלענצנדיקע, און איר ליידט אָרימקייט. דעריבער בין איך איצט געקומען אייך העלפן: בעט ביי מיר דריי זאכן, וועלכע איך בין גרייט אייך צו געבן און איר וועט גליקלעך זיין!".

דערהערנדיק אַזאַ גוטע בשורה, האָבן זייערע פּנים'ער פון פרייד אויפגעשיינט, און דער פרוי איז גלייך איינגעפאַלן בעטן צירונג און טייערע קליידער, כדי צו קאָנען קאָנקורירן מיט די רייכסטע דאַמען.

אַריינקוקנדיק אָבער אין אירע אויגן, וועלכע זיינען געווען אָנגעגאָסן נישט מער ווי מיט קנאה און באַרימעריי, האָט איר דער גאַסט אַ צייכן געגעבן פאַרלויפיק צו שווייגן און זיך בעסער אויסרעכענען

וואָס גלייכער און נוצלעכער פאַר זיי איז און נישט איילן זיך מיט פוסטע בקשות.

— איך גיב אייך צייט זיבן טעג — האָט ער זיי פאָרגעשלאָגן, — באַטראַכט זיך וואָס אייך פעלט און וועלכעס איז אייך נויטיקער, כדי איר זאָלט דערנאָך קיין חרטה נישט האָבן. ביי די ווערטער איז ער פאַרשוואונדן פון הויז.

דערווייל זיינען איבערגעלאָפן פיר טעג פסח און דאָס פאָר-פאָלק האָט נאָך אַלץ נישט באַשטימט וואָס צו בעטן און וואָס צו פאַרלאַנגען.

* * *

דעם פינפטן טאָג פסח, איז דער מאַן מיט דער פרוי געזעסן אין אַ נאָכמיטיק-שעה ביים אָפענעם פענסטער און אַרויסגעקוקט אויפן גאַס. פלוצלינג האָט די פרוי אָנגעהויבן געניצן, און זיך אָנגערופן: „הערסט מיין מאַן, ווען איך פאַרמאָג איצט אַ גאָלדן עפּעלע, וואָלט איך עס מיט אָפּעטיט אויפגעגעסן און וואָלט זיך דערקוויקט! האָט זיך פון דער הויך אַ געהיימע האַנט באַוויזן און אויפן פענסטער אַ שיין גאָלדן עפּעלע אוועקגעלייגט.

— וואָס האָסטו דאָ פאַרלאַנגט און אויסגעבעטן! — האָט דער מאַן אָנגעהויבן בייזערן זיך און קריצן מיט די ציין פאַר פאַרדראָס. אוי, דו נאַרישע און נישט אויסגערעכנטע פרוי, הלוואי זאָל דאָס עפּעלע אַרויף אויף דיין שטערן און דיר ווי אַ האָרן אויפן קאָפּ אויסגעוואַקסן! — האָט זיך אַ קללה פון זיין מויל אַרויסגעריסן.

און אַזוי איז טאַקע געשען: דאָס עפּעלע האָט באַלד פון פענסטער אַ שפרונג געטון און זיך צו דער פרוי'ס שטערן צוגעקלעפּט אַזוי פעסט, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען עס פון אָרט צו רירן. דערווייל זיינען שוין צוויי פון זייערע וואונשן דערפילט געוואָרן. איז נאָך איין זאַך זיי פאַר-בליבן: בעטן אויף רייכקייט, וואָס וואָלט געקאָנט באַפרידיקן זייער לעבן אויף אייביק. וואָס וועט אָבער אַרויסקומען פונם פאַרמעגן און מלכים-גליק, אַז דאָס פאַרשאָלטענע עפּעלע האָט זיך אויף דער פרוי'ס שטערן אָנגעזעצט ווי אַ פּלאָג און איר גאַנץ שיינקייט פאַרדאָרבן?

איז דאַן זייער בעסטער וואונטש געווען: בעטן אליהו'ן ער זאָל די פרוי פון אומגליק באַפרייען און צוריקרופן דאָס עפּעלע, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער לענג פון איר פנים און זי ווי אַ פאַרזעעניש געמאַכט, און אַלע זיינען געלאָפן קוקן אויף איר בייז-וואונדער. אַזוי האָט דאָס פאָרפאָלק געטון און גע'פועל'ט און ווייטער פאַרבליבן אָרים ווי אַמאָל.

* * *

פון דאַן אָן, יאָר-איין, יאָר-אויס, אַלע פסח אויפדערנאָכט צום סדר, ווי נאָר עס האָט זיך די טיר געעפנט, איז דאָס אָרימע פאָרפאָלק ווידער אַמאָל געזעסן צוזאַמען און מיט גרויסע אומגעדולדיקע אויגן אויסגע-

קוקט אליהו׳ן און געוואַרט ער זאָל זיך באַווייזן אין זייער הויז מיט אַ גוטער בשורה אויף זיין מויל און זיי באַפרייען פון אָרימקייט.

אומזיסט אָבער איז געווען זייער האָפענונג און דערוואַרטונג. אליהו הנביא, אַט דער גוטער שליח, וואָס ברענגט אריין פרייד און האָפנונג אין יעדער אידישער שטוב אין דער נאַכט פון פסח, האָט שוין מער די אָרעמע וואוינונג נישט באַזוכט און צומאָל נישט געוואָלט וויסן פון אַזעלכע מענטשן, וועלכע האָבן נישט פאַרשטאַנען אויסצונוצן אַ גינס-טיקע געלעגנהייט און בעטן דאָס נויטיקע, וואָס האָט זיי געקאָנט גליק-לעך און רייך מאַכן אויף זייער גאַנצן לעבן...

אליהו און זיינע מיטהעלפער אין אַ פסח-נאַכט

אין אַ דאָרף פון אַ ווייטער געגנט אין דער אַלטער היים, האָט געוואוינט אַ רייכער איד, וועלכער פלעגט פאַרקויפן שאַרפע געטראַנקען צו דער דאָרפישער באַפעלקערונג. גערופן האָט מען אים דער „אָרענ-דאַר".

דער דאָזיקער איד איז בטבע געווען זייער גוטהאַרציק און גאַסט-פריינטלעך. אין זיין הויז האָט אַן אָרעמאַן שטענדיק זיך אָנגעגעסן מיט ברויט צו זאַט. יעדער דורכגייער און וואַנדערער האָט דאָרט געפונען אַ ווייך און וואַרעם געלעגער, אויסצרוען זיינע צעבראָכענע פאַרמאַ-טערטע ביינער.

באַזונדערס שבת און יום-טוב האָבן ביי זיין טיש געגעסן דריי-פיר אָרעמעלייט. אַזוי האָט דער אָרענדאַר זיך געפירט אַלע יאָרן פון זיין לעבן. ער איז דעריבער פאַר׳שם׳ט געוואָרן איבערן גאַנצן געגנט אַלס פרומער און גוטהאַרציקער מאַן.

איינמאָל אין אַ פסח אויפדערנאַכט, האָט זיך דער רייכער בעל-הבית געזעצט צום סדר-טיש, אַרומגערינגלט פון זיין פאַמיליע. אויך פרעמדע געסט און פריינט האָבן זיך דאָרט געפונען. מיט פיל פרייד און געזאַנג האָט דער גאַנצער עולם אָנגעהויבן פראַווען דעם באַפרייאונגס יום-טוב. צום טיש זיינען דערלאַנגט געוואָרן געשמאַקע מאכלים. דער פסח׳דיקער וויין האָט אָנגעפולט די כוסות. אַלע האָבן געגעסן און געטרונקען און זיך געלאָזט וואוילגיין אויפן העכסטן אידישן שטייגער.

דערביי זיינען אויפן טיש, נעבן יעדן איינציקן געלעגן אָפן די הגדות און פון זיי האָבן אַרויסגעשיינט די הייליקע ווערטער, וועלכע זיי-נען אויסגעזונגען און פאַרטייטשט געוואָרן וואָרט ביי וואָרט, לויט די געשעענישן און גרויסע וואונדער פון יציאת מצרים.

* * *

פּלוצלינג האָט זיך פון דרויסן געלאָזט הערן אַ ווילדער מענטשן-געשריי און פאַרטויבט די אויערן. די טיר פון שטוב איז אויפגעבראָכן

געוואָרן, עס האָט זיך מיט אַמאָל באַוויזן אַ באַנדע שיכור׳ע פּויערים. באַוואָפנטע מיט שווערדן, שאַרפע מעסערס, סערפּן און אייזערנע שטעקנס. אַלע צוזאַמען האָבן זיך אַ וואָרף-געטון ווי צעווילדעוועטע חיות אויף דער צעשראָקענער פאַמיליע.

— דו פאַרשאָלטענער איד! — האָבן בייזע קולות אויסגעשריען צום אַרענדאַר — פאַרוואָס האָסטו דערמאָרדעט אַ קריסטלעך אינגל, אויסגעצאַפּט זיין בלוט און דערמיט אויסגעקנאָטן דיינע מצות, וואָס דו עסט אַצינד! מיר זיינען געקומען פון דיר נקמה-נעמען. דו מוזט איצט קריגן דיין פאַרדינטע שטראָף!...

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די ווילדע מערדער האָבן יעדן איינציקוויז געבונדן מיט שטריק און אייזערנע קייטן, געשלאָגן און צעבלוטיקט, נישט שוינענדיק אַפילו דאָס קלענסטע קינד, וועלכער איז מיט די פיס געטראָטן געוואָרן.

אומזיסט האָט זיך די אָרעמע שוצלאָזע פאַמיליע געבעטן ביי די אָנפאַלער, זיי זאָלן רחמנות האָבן און מיט יאָמער און געוויין און מיט הייסע טרערן אין די אויגן געשוואוירן, אַז זייערע הענט האָבן קיין בלוט נישט פאַרגאָסן און קיינעם נישט דערמאָרדעט. די מערדער האָבן אָבער פון גאָרנישט געוואָלט וויסן, נאָר גרויזאַם פאָרגעזעצט זייער שוידערלעכע אַרבעט.

אַלע טירן פון די צימערן זיינען באַלד אויפגעריסן געוואָרן. מען האָט אָנגעהויבן צו רויבן דאָס רייכע פאַרמעגן פון שטוב, וועלכער איז אָנגעלייגט געוואָרן אין זעק, כדי גרייט צו זיין פון שטוב אַרויסצוטראָגן. די רויבער האָבן דאַן געפּלאַנט אונטערצינדן דאָס הויז און עס פאַרברענען צוזאַמען מיט די מענטשן, כדי דאָס פייער זאָל אַלץ פאַרניכטן, וועט אַזוי אַרום אָפּגעווישט ווערן יעדער שפּור פון זייער איבערפאַל און טעראָר.

לאַנג האָט נישט באַדאַרפט געדויערן ביז דאָס גאַנצע הויז מיטן פאַרמעגן זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ באַרג אַש.

ס׳איז אָבער באַלד געקומען אַן אומדערוואַרטעטע הילף, גלייך ווי פון הימל אַראָפּגעשיקט געוואָרן.

ווען די באַנדיטן האָבן געהאַלטן אין דעם סאַמע ברען פון זייער רויבערישער אַרבעט, און נאָך אַלץ געזוכט און גענישטערט אין אַלע ווינקעלעך וואָס מער צו פאַרכאַפּן, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ שטאַרקער גערויש פון דרויסן און אַ מעכטיק קול האָט בייז אויסגעשריען: עפנט די טיר! — דאָס דאָזיקן פּלוצלינגדיקע אָנקומען פון מענטשן, האָט די איבערפאַלער ווי אַ דונער געטראָפן. זיי זיינען דערשראָקן געוואָרן צום טויט. זיי האָבן אָבער קיין מינוט נישט פאַרלוירן און זיך גלייך צעלאָפן. נישט באַוויזן אַפילו צו פאַרכאַפּן מיט זיך די מינדסטע זאַך פון דעם צוגעגרייטן רויב, צוליב וועלכן זיי זיינען געקומען.

* * *

עס האָט זיך באַלד באַוויזן אויפן שוועל אַ העלדישער מיליטערמאַן, באַגלייט פון אַן אָפּטיילונג באַוואָפנטע זעלנער. ער האָט אַ קוק-געטון אויף דער טרויעריקער סצענע פון דער אומגליקלעכער פאַמיליע. מיט פיל רחמנות און צערטלעכקייט האָט ער גענומען אויפמונטערן די אַלע פאַר׳חלש׳טע, וועלכע זיינען געלעגן אויף דער ערד ווי געבונדענע שעפּסן, זיי באַפרייט פון די קייטן און לאַנגזאַם באַרואיקט.

צעשראָקענע האָבן די אַלע מענטשן גענומען קוקן אויף זייער אַרויסהעלפער, וועלכער איז פאַר זיי פלוצלינג דערשינען ווי אַ מלאך פון הימל און מיט הייסע טרערן אים געדאַנקט.

נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט זיך דער אַרענדאַר מיט זיין פאַמיליע אַוועקגעזעצט צוריק צום טיש און געפּראַוועט אויפסניי דעם סדר, צו וועלכן דער ליבער גאַסט איז אויך איינגעלאַדן געוואָרן.

נאָכן פאַרענדיקן דעם סדר, האָט זיך דער מיליטער-מאַן אויפגעהויבן פון טיש און דערלאַנגט דעם בעל-הבית גלייך אין האַנט אריין אַ פאַרזיגלטן בריוו און איז באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען דער אַרענדאַר האָט געעפנט דעם בריוו, זיינען אין אים געווען אויסגעקריצט די צוויי גאָלדענע ווערטער: „אליהו הנביא".

דאַן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ניט עמיצער אַנדערש, ווי נאָר דער געטלעכע מענטש אליהו מיט זיינע באַגלייטער האָבן אָפּגעראַטעוועט אים מיט זיין פאַמיליע פון אַ זיכערן טויט...

דער גאָלדענער כוס

אין אַ דאָרף האָט אַמאָל געוואוינט אַ רייך פּאָר-פאָלק מיט זייער איינציקן זון.

דער מאַן האָט געפירט גליקלעכע געשעפטן און פאַרמאָגט גרויס רייכקייט און איז דערצו באַשאָנקען געוואָרן מיט זייער איידעלע געפילן און גוטהאַרציקייט.

אַן אָרעמאַן האָט אין זיין הויז אַ וואַרעמע היים געפונען, עסן, אַ געלעגער און אויך געלט אין וועג אריין.

אַרום זיין טיש האָבן זיך שטענדיק געפונען פרעמדע מענטשן, וועמען ער האָט פריינטלעך אויפגענומען און זיך געטיילט מיט זיי פונם בעסטן וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

אין אַ צייט אַרום, האָט זיך זיין לאַגע שטאַרק פאַרערגערט, ער איז אַזוי פאַראָרעמט געוואָרן, אַז עס האָט אים ממש אויסגעפעלט אויף ברויט. זיינע רייכע פעלדער האָט ער צוליב נויט געמוזט פאַרקויפן און אפילו די נויטיקסטע שטוב-זאַכן, אויסער איין גאָלדענעם בעכער, וועלכן

ער פלעגט פון פסח צו פסח אָנפולן מיט וויין און אוועקשטעלן פאַר אליהו הנביא, איז אים אַ שאָד געווען צו פאַרקויפן.

* * *

עס איז ערב פסח און אין שטוב איז נאָך קיין סימן נישטאָ פון יום-טוב. האָט דער מענטש שטאַרק געליטן און איז זייער פאַרצווייפלט געוואָרן.

צוזעענדיק זיין נידערשלאָגנקייט, האָט די פרוי שטילערהייט גע-וויינט און געטרייסט איר מאַן ער זאָל די האָפנונג ניט פאַרלירן און גלויבן אַז גאָט וועט העלפן און זיי באַשערן אויף יום-טוב.

— נו, איצט האָב איך שוין קיין אַנדער ברירה ניט, ווי נאָר דעם בעכער צו פאַרקויפן — רופט זיך אָן דער מאַן צו זיין פרוי. עס איז דאָך דער לעצטער טאָג וואָס מען קען נאָך אָנגרייטן מצות און וויין, כדי דעם יום-טוב ניט פאַרשעמען. פאַר אליהו׳ן וועל איך קויפן אַ גלעז-זערנעם כוס, ער וועט מיר מוזן מוחל זיין. און אַזוי רעדנדיק האָט דער מענטש׳ן געכאַפּט דעם גאָלדענעם בעכער און איז אַרויס פון שטוב.

צוריקקערנדיק זיך אין אַ פּאָר שעה אַרום פון שטאָט, וואו ער האָט זיין בעכער פאַרהאַנדלט פאַר צוואַנציק טאָלער, האָט ער דער פרוי דאָס געלט דערלאַנגט.

די פרוי האָט גלייך גענומען צוויי קוישן און זיך אוועקגעלאָזט צוזאַמען מיט איר איינציקן קינד צופוס אין שטאָט אַריין, וואו זיי האָבן איינגעקויפט אַלעס וואָס ווערט געברויכט אויף פסח. אַהיים קומענדיק פאַרנאַכט צו, זייער מידע און פאַרמאַטערטע, האָבן זיי נאָך געמוזט מיט די לעצטע כוחות אַרבעטן, כדי אָנצוגרייטן אַלצדינג צום סדר.

דאָס קינד אָבער, וועלכעס איז זייער איידל אויפגעצויגן געוואָרן און קיינמאָל ניט געוואוסט פון אַרבעטן שווער, האָט זיך צוליב דער ערב פסח-אַרבעט דערפילט זייער שלעכט און איז קראַנק געוואָרן.

באַזאָרגטע און דערשראָקענע האָבן די עלטערן גלייך אַרויסגערופן דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט דעם חולה באַטראַכט און אָפּמעסטנדיק אים די היץ איז ער פאַרציטערט געוואָרן און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, אַלס אַ צייכן אַז דאָס קינד איז געפערלעך און זיין צושטאַנד איז אַ האָפנונגסלאָזער.

דאָך האָט זיך דאָס פּאָר-פאָלק אַוועקגעזעצט צום סדר און געזאָגט די הגדה מיט אַ צעבראָכן האַרץ: זיי האָבן זיך דערמאָנט אין זייער אַמאָליקן גליק און רייכקייט וואָס איז פון זיי פאַרשוואונדן, און אַנשטאָט דעם גאָלדענעם בעכער, וועלכער פלעגט אַמאָל דעם טיש באַשיינען, שטייט איצט אָן אָרעמער גלעזערנער.

זייער ווייטיק איז נאָך איצט פיל גרעסער געוואָרן, ווען זיי האָבן צוגעזען די קראַנקייט פון זייער ליב קינד, וועלכעס ליגט זיי אַנטקעגן די אויגן אין שווערע קרעמפּן און ראַנגלט זיך מיטן טויט, אַנשטאָט צו זיצן מיט זיי און זאָגן די הגדה און פרעגן די פיר קשיות. הייסע

טרערן האָבן פון זייערע אויגן זיך גענומען גיסן, און באַדעקט דעם סדר-טיש. אַ געדריקטע שטימונג האָט אַנגעפּולט דעם גאַנצן צימער און פאַרוואַנדלט דעם יום-טוב אין טרויער.

* * *

פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און אויף דער שוועל פון הויז האָט אַרויפגעטראָטן אַן אָרעמער וואַנדערער מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס, באַדעקט פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַ געדיכטן שטויב, און ווענדנדיק זיך צום בעל הבית האָט ער אַזוי געזאָגט:

— איך בין אַן אָרעמער וואַנדערער, וועלכן דער ביטערער גורל האָט אהערגעבראַכט היינט ערב פּסח. קיינער פון די רייכע וויל מיך נימט אַריינלאָזן צו זיך אין שטוב אויף פּסח. אַלזאָ, ליבער האַר! דער-לויבט מיר מיט אייך אָפּריכטן דעם סדר און טרייבט מיר נימט אַרויס!

— מיין לאַגע איז אפילו אַ ביטערע און די סעודה זייער אַ מאָגערע און אַן אָרעמע — ענטפערט דער בעל-הבית — דאָך, זעצט אייך פעטער צום טיש!

— פאַרוואָס זענט איר ליבע מענטשן, אַזוי פאַרזאָרגט און באַ צער׳ט? — פרעגט זיי דער אָנגעקומענער אורח, שוין זיצנדיק ביים טיש. עס איז דאָך היינט אונזער ליבער יום-טוב!

— ווי קען אונז דער יום-טוב פאַרשאַפן פרייד — זיפצט דאָס פאָר-פאָלק און נעמט אויסדערציילן זייער לאַגע, ווי גאָט האָט זיי געשטראָפט מיט אָרעמקייט. אַ גאָלדענעם בעכער האָבן זיי געמוזט פאַרקויפן און ערגער פון אַלץ איז וואָס זייער איינציק קינד ליגט אויפן טויטן בעט און רעדט פון היץ.

— וועגן דעם גאָלדענעם בעכער, זאָלט איר קיין יסורים נימ האָבן — טרייסט זייע דער פרעמדער, — אליהו הנביא זוכט ניט קיין גאָלד, נייערט אַ גוט האַרץ! אויך פאַר אייער קראַנק קינד האָב איך אַ גוט מיטל: גיט אים נאָר פאַרזוכן פון׳ם וויין וואָס שטייט דאָ אָנגעגרייט פאַר אליהו׳ן, וועט ער גלייך געזונט ווערן.

אויסהערנדיק די עצה, האָט זיך דער פאָטער דערנענטערט צום בעט פון קראַנקן, וועלכער איז געלעגן אויסגעקרומט דאָס פנים און געשמעטעט שוואַך. אַריינטריפנדיק אים אַ פּאָר טראָפּן וויין אין מויל אַריין, האָט דער חולה די אויגן געעפנט און געפ̈עגט:

— ווער איז עס?

— דיין טאַטע! — ענטפערט דער פאָטער, און געבנדיק אים נאָך וויין, האָט זיך דאָס קינד אויפגעזעצט און פאַרוואונדערט געפרעגט:

— וואָס פּאַסירט היינט, צוליב וואָס ברענען ליכט און דער טיש איז געגרייט?

— היינט איז פּסח, — ענטפערט דער פאָטער.

דער חולה איז אַראָפּ פון בעט פריש און געזונט און זיך געזעצט

צום סדר. דאַן האָבן אַלע צוזאַמען פריילעך געפּראַוועט דעם סדר און באַדאַנקט דעם וואונדערלעכן אָרעמאַן פאַר זיין זעלטענעם מיטל, וואָס האָט זייער זון געבראַכט לעבן.

* * *

נאָכן עסן האָבן זיך אַלע געלייגט שלאָפן און אויך פאַרן אַלטן וואַנדערער אַ בעט געשטעלט. אויפשטייענדיק אינדערפרי, איז די טיר פון הויז געווען פאַרשלאָסן ווי שטענדיק און דער אָרעמער וואַנדערער איז פאַרשוואונדן.

ווי אַזוי און אויף וואָס פאַרא אופן? — האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען. אויפן טיש איז נאָר געלעגן זיין זעקל, וועלכן זיי האָבן גלייך פאַנאַנדער-געבונדן און דאָרט געטראָפן זייער גאָלדענעם בעכער, וועלכער איז צוליב נויט פאַרקויפט געוואָרן ערב פּסח און דערצו נאָך אַ צאָל גאָלדענע רענדלעך.

דאָס גליק האָט זיך פון דאַן אָן צו זיי אומגעקערט און באַנייט זייער לעבן ווי אין די אַמאָליקע צייטן...

ישראל׳יק האָט געזען אליהו הנביא׳ן

ישראל׳יק, דאָס פאַרטראַכטע אינגעלע, מיט די שטענדיק פאַר-חלום׳טע אייגעלעך, האָט געהערט זאָגן, אַז פּסח אויפדערנאַכט ביים סדר, איז פאַראַן אַ באַשטימטע שעה, ווען אליהו קומט אַריין מיט לאַנג-זאַמע טריט אין שטוב אַריין דורך דער אָפענער טיר און באַטראַכט גוטמוטיק דעם שיינעם סדר וואָס ווערט אָפּגעריכט פון טאַטן. ער וואַרפט גלייכצייטיק אַ בליק אויף די קינדער, וואָס זיצן אָנגעלענט ביים טיש און מיט אַ ליבן שמייכל אויף די ליפּן באַגריסט ער אַלעמען און פאַרלאָזט צופרידן דאָס הויז.

אוועקזעצנדיק זיך אַמאָל פּסח ביים סדר, האָט ישראל׳יק שטאַרק חשק באַקומען אָפּצוואַרטן דאָס אַריינקומען פון אליהו׳ן און קענען אים פאַרזוכן. נאָכדעם אָבער, ווי ער האָט געפרעגט די פיר קשיות און פאַרזוכט פונם ווייַן, האָבן זיך גענומען קלעפּן זיינע אייגעלעך און ער איז געשמאַק איינגעשלאָפן ביז אינדערפרי.

אויפכאַפּנדיק זיך צומאָרגנס מיט גרוים פאַרדרוס, וואָס ער איז פאַרשלאָפן די צייט, האָט ער שטרענג אַ פרעג געטון:

— נו, געווען דאָ נעכטן אליהו?

— יאָ, מיין קינד! — ענטפערט אים דער טאַטע.

— אוי, אַ שאַד וואָס איך האָב פאַרשלאָפן — שרייט אויס דאָס קינד מיט בענקשאַפט. — מילא, פאַרפאַלן, וואָס קען מען טון?

* * *

אין אַ יאָר אַרום, זייענדיק שוין אַ בחור'ל פון אַכט יאָר, האָט זיך ער'שט דער זעלבער ישראל'יק אויפסניי געגרייט צו פסח, כדי אויפ־נעמען דעם טייערן גאַסט, וואָס הייסט „אליהו הנביא" און האָבן די גליקלעכע געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אים גאָר פון דער נאָענט.

די שטוב איז געווען אויסגעפוצט יום-טוב'דיק. דער טיש איז גע־שטאַנען פאַרגרייט מיט פסח'דיקע מאכלים. דער וויין האָט געפינקלט אין די כוסות, צווישן וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט מאַיעסטעטיש דער גרויסער אליהו-כוס, אָנגעפולט מיט וויין. זיצט ישראל'יק און וואַרט אומגעדולדיק, ער קוקט אויס אליהו'ן, ער זאָל שוין אַריינקומען, און ער וועט אים באַוואַרפן מיט פראַגעס. זייער פיל האָט ער אים הייַנטיקס יאָר צו פרעגן... ווי נאָר אָבער ער האָט די קשיות געענדיקט און דעם וויין געטרינקען, האָט מיט אים דאָס זעלבע פּאַסירט ווי פאַראַיאָרן. די אויגן האָבן זיך געשלאָסן און ער איז איינגעשלאָפן. דאָס מאָל אָבער, האָט ער געזען אליהו'ן אין חלום. ער זעט, ווי עס עפנט זיך לאַנגזאַם די טיר און עס קומט אַריין אַ גוטער אַלטשיטשקער זייער פאַרזיכטיק און פאַמעלעך, דורכאויס אין ווייסן אָנגעטון, אַ פעלענעם גאַרטל טראָגט ער אַרום זיינע לענדן און אַ ווייס-זילבערנע באָרד לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיין ברוסט. און די אויגן? ס'אַרא גוטע, גרויסע און מילדע! ער פאַר־זוכט דעם וויין ביים טיש און בענטשט דעם טאַטן מיט דער מאַמען. דערזעענדיק ווי ישראל'יק שלאָפט, גיט ער אים אַ צאַרטן גלעט מיט דער האַנט איבערן קאָפּ און זאָגט: — שלאָף געזונטערהייט, טייער קינד, שלאָף רואיק און לאָזט זיך צו דער טיר.

וויל ישראל'יק אויסשרייען אויף אַ קול פון שלאָף: ניין, פאָטער אליהו, איך שלאָף ניט, איך הער אַלץ, פיל פראַגעס דאַרף איך דיר שטעלן, אויף וועלכע כ'האָב געוואַרט אַ גאַנץ יאָר אויף אָן ענטפער. קען ער אָבער פון מויל קיין וואָרט ניט אַרויסרעדן. זיין קול איז פאַר־שטיקט און פאַרשטומט.

ישראל'יק פילט נאָר ווי אין שטוב איז זייער ליכטיק געוואָרן. אויך אַרום טיש טומלט זיך שטאַרק און די באַוועגונג איז גרויס. די טיר עפנט זיך יעדער ווייַלע און פאַרמאַכט זיך. און אליהו שטייט שוין פון יענער זייט. ער איז פאַרשוואונדן...

צומאָרגנס האָט זיך ישראל'יק אויפגעכאַפּט פון שלאָף און פאַר־שטאַנען, אַז ער האָט געזען אליהו'ן אין חלום.

אַן אורח אויף פּסח

אין דער שטאָט ירושלים האָט אַמאָל געלעבט אַ גאָטספאַרכטיקער און פרומער מענטש, אָבער אַ גרויסער אָרעמאַן, וואָס האָט ניט פאַרמאָגט אַ שטיקל ברויט אין שטוב.

דערוויסנדיק זיך פון זיין ביטערער לאַגע, האָבן די שכנים געפּרואווט אים אריינשיקן נדבות, ער׳ האָט זיי אָבער בשום אופן נישט געוואָלט צונעמען.

— דער אויבערשטער אליין מוז מיין באַדערפעניש אויסשטיין און אויף מיר רחמנות האָבן — האָט ער אַלץ געטענה׳ט — און פון אַ מענטשנס גאָב זאָל ער מיך באַהיטן!

איינמאָל, אין אַ פּאָר פּסח האָט די נויט ביי אים אַזוי דערגרייכט, אַז אין שטוב איז קיין איינציקע פרוטה ניט פאַרבליבן.

אַלע זיינע פריינט און באַקאַנטע האָבן שוין איינגעקויפט מצה און וויין, פיש און פלייש צום סדר, ביי אים אָבער איז נאָך קיין סימן פון פּסח נישט געווען אין שטוב. דאַן האָט זיין פרוי און די קינדער, ביטער זיך צעוויינט:

— אַלע אידן וועלן זיך פרייען מיטן יום-טוב, נאָר אונז אליין וועט אויסקומען צו הונגערן.

— אויב אַזוי, —האָט ער באַרואיקט זיין פאַמיליע— וועל איך זיך מאָרגן, ערב פּסח, גאַנץ פרי אַרויסלאָזן אויפן מאַרק און זוכן עפּעס צו פאַרדינען. אפשר וועט מיר גאָט צושיקן עפּעס אויף יום-טוב.

גייענדיק אַזוי פאַרטראַכט אין גאַס, פול מיט בטחון אין הארצן האָט זיך צו אים דערנענטערט אַן אַלטער מאַן אין שיינע מלבושים, מיט אַ לאַנגער און ווייסער באָרד און אָנגעהויבן מיט אים צו פאַרפירן אַ שמועס:

— מיין ליבער איד! — האָט דער אַלטער גענומען זיך פאַרטרויען — איך בין אַ פרעמדער צוגערייזטער סוחר, פון אַ זייער ווייט לאַנד. מיר וועט אוודאי אויסקומען צו פאַרבלייבן דאָ אויף פּסח, ווייס איך נישט וועמען אָנצובאָטן מיך צו נעמען אַלס אורח צום סדר, ווייל איך בין נאָר-וואָס געקומען צו פאָרן און קען דאָ קיינעם נישט. אַלזאָ, אפשר ווילסטו, אַז איך זאָל אין דיין הויז פייערן אונזער ליבן יום טוב פּסח? אויב יאָ, אָט האָסטו געלט, גיי גלייך אַהיים און גיב עס דיין פרוי, כדי זי זאָל איינקויפן עסן און טרינקען פאַר מיר און פאַר אייך, — וועלן מיר צוזאַמען פּראַווען דעם סדר און פאַרברענגען פריילעך.

— ווי רופט מען דיך? — האָט אים דער פרומער מאַן געפרעגט.

— ר׳ נסים פון מצרים, איז מיין נאָמען — ענטפערט מיט אַ ליבן שמייכל אויפן פּנים דער גוט-האַרציקער אַלטער. און הייסט אים וואָס שנעלער אהיים לויפן, ווייל די צייט איז קורץ.

מיט איילנדיקע טריט, האָט זיך דער פרומער מאַן אומגעקערט אַהיים, אָנזאָגנדיק דער פרוי די גוטע בשורה:

— זעסטו, ווי גאָט פאַרלאָזט אונז נישט! — האָט ער איר דאָס געלט דערלאַנגט אין האַנט און געגומען אויסדערציילן דעם וואונדער, ווי איינער אַ רייכער מאַן פון דער פרעמד האָט עס אים געגעבן, כדי צו זיין ביי זיי אַן אורח אויף פסח און אין אָוונט צום סדר וועט ער אַהער קומען און זיין זייער ליבער גאַסט.

באַלד האָט זיך די פרוי אַרויסגעלאָזט אין מאַרק אריין און גענומען איינהאַנדלען פון די בעסטע מאכלים און פון דעם געשמאַקסטן וויין אויף ארבע כוסות. אויך פאַר די קינדער און פאַר זיך, האָט זי איינגעקויפט קליידער און שיך [illegible]דיק אַ שיינעם [illegible] סדר-טיש, האָט זיך דאָס גאַנצע הויזגעזינד מיט שיינענדיקע פנימער אַרום אַ פסח-דיקן טיש אויסגעזעצט און אומגעדולדיק דערוואַרטעט דאָס אָנקומען פונעם חשוב'ן גאַסט.

דער בעל-הבית אליין, איז אין גאַס אַרוים מיט זיין אורח זיך צו טרעפן, און ווען ער האָט אים אין ערגעץ נישט געפונען, איז ער פון שטוב צו שטוב געגאַנגען, פרעגנדיק ביי יעדן איינעם: האָט איר נישט באַמערקט אַזאַ און אַזאַ אַלטן מאַן? קיינער האָט אָבער נישט געוואוסט צו געבן קיין ענטפער.

די זון האָט זיך שוין געזעצט. אידן לויפן פון די שילן אַהיים דעם סדר אָפּריכטן, און דעם אורח זעט מען נאָך אַלץ נישט.

איז דער פרומער מאַן אָוועקגעלאָפן צום רב און מיט אַ ציטערדיק האַרץ אים געגומען אויסדערציילן וואָס ביי אים האָט פּאַסירט...

— דער דאָזיקער וואונדערלעכער אורח — האָט דער רב געזאָגט — איז געווען אליהו הנביא. און מיט דעם נאָמען וואָס ער האָט זיך באַצייכנט אַלס „ניסים פון מצרים”, באַדייט דער גרויסן נס און וואונדער וואָס דיר איז געשען, אין דעם טאָג וואָס אונזערע עלטערן זיינען באַפרייט געוואָרן פון מצרים.

דער ווילנער גאון צום סדר ביים רב פון שטאָט

ווען דער ווילנער גאון האָט אַרומגעוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט אָפּריכטן גלות, איז ער אַמאָל, אין אַן ערב פסח אָנגעקומען קיין זאַלקאָוו. נאָכפרעגנדיק זיך וועגן רב פון שטעטל, איז ער צו אים אריינגעגאַנגען און געבעטן זיין ביי אים אַן אורח אויף פסח.

דער גאון איז נאָך דאַמאָלט געווען גאָר יונג און האָט אויסגעזען לויט זיין האַלטונג און און איינפאַכע מלבושים, ווי אַ פּראָסטער מאַרק-מענטש. האָט עס דעם רב געוואונדערט, וואָס אַזאַ פּראָסטן מענטשן זאָל איינפאַלן קומען צו אים און וועלן דווקא זיצן ביי זיין טיש?

ווי אנטזאגט מען אבער א אידן פון עסן פסח? דאך האט זיך דער רב ניט געקענט איינהאלטן און געזאגט: — זע נאר, יונגערמאן, זאלקאוו איז א שטאט פון לויטער אידן, נו, קענסטו ניט געפינען קיין אנדער פלאץ אויסער ביי מיר?

— רבי, ביי אייך בין איך זיכער, אז איך וועל האבן א כשר'ן פסח, לויט די דינים פון שולחן ערוך, פינקטלעך און שטרענג אפגעהיט.

— אזוי האט געענטפערט דער גאון און איז פארבליבן ביים רב אויף יום-טוב.

אוועקזעצנדיק זיך אויפן היסב-בעט צום סדר, האט דער רב דער-זען ווי זיין אורח ענדערט פארשידענע מנהגים פון סדר און פראוועט גאר אנדערש דעם פסח-טיש. ער לייגט אוועק צוויי מצות אנשטאט דריי און פירט אלץ אויף ער האט עם יום פארדראסן: ס'טייטש, אזא יונגערמאן זאל וואגן ביי מיר אין הויז איבעראנדערשן געוויסע מנהגים, וואס זיינען אנגענומען געווארן ביי אידן פון דור-דורות.

* * *

צומארגנס אינדערפרי, האט עם דער רב דערציילט אין בית-המדרש ביים דאוונען, האבן זיך מענטשן געוואונדערט און גענומען דעם יונ-גערמאן פארהערן אין לערנען. זעענדיק אבער אז ער ענטפערט קיינעם ניט, האבן זיי אים צורו-געלאזן.

זיצנדיק ביי דער מיטאגדיקער יום-טוב-סעודה, האט זיך דער רב אליין געווענדעט צום אורח און געזאגט:

— יונגערמאן, לאמיר באשיינען אונזער טיש מיט תורה. אפשר קענסטו זאגן א דבר-הלכה?

דער גאון האט זיך אבער ניט וויסנדיק געמאכט און געשוויגן.

— און אויב איך וועל זאגן תורה, וועסטו פארשטיין? — פרעגט אים דער רב?

— יא, פארוואס ניט? — שאקלט נאך דער גאון מיטן קאפ.

האט דער רב גלייך ארויסגענומען פון ספרים-אלמער א דיקן ספר און אנגעהויבן דרש'ענען אין הלכות פסח.

ער האט זיך ארייגעלאזט אין טיפן פלפול און ארויסגעוויזן גרויס בקיאות דא און דארט, אויפן שטייגער פון די אמאליקע רבנים לומדים. ער האט געפרעגט קשיות און געענטפערט תירוצים, געבויט און צע-ווארפן, אויסגעריסן בערג און זיי געמאלן איינעם אין אנדערן, דורך סברות, דינערע פון די דינסטע, שארפערע פון די שארפסטע, ווארטנדיק אז דער אורח זאל אים אפפרעגן א קשיה, אדער אנגרייפן מיט עפעס א קעגן-הלכה, ווי דער מנהג פון תלמידי חכמים. דער גאון אבער האט אלץ אויסגעהערט און זיך פארהאלטן גלייכגילטיק.

— אפשר האסטו ניט אדורכגענומען מיין דרשה, וועל איך זי דיר איבער'חזר'ן — פרעגט אים דער רב.

דאָ האָט שוין דער גאון נישט געקענט דערשטיקן אין זיך דעם תורה-פונק, וואָס האָט געגליט אין זיין האַרץ ווי העליש פייער. ער האָט גלייך צעעפנט זיין מויל און איבערגעזאָגט דעם רב׳ס תורה מיט קורצע ווערטער און רייכן אינהאַלט, וועלכע האָבן צוגעגעבן קלאָרקייט און שאַרפזין, דעם ענין וואָס דער רב האָט באַהאַנדלט, וועגן די דינים פון חמץ בפסחא, א. א. זיין פּנים האָט געשטראַלט ווי זיבן זונען און די אויגן האָבן זיך מיט פייערלעך אָנגעצונדן און אַלץ מער און שטאַרקער זיך צעפלאַקערט, גלייך ווי פונקען-פייער וואָלטן פון זיין מויל גע-שפּריצט און אַלעמען שיעור נישט פאַרברענט.

דער רב איז זייער דערשטוינט געוואָרן, אויסהערנדיק די שאַרפע לומדות פון זיין אורח. ער האָט זיך ערשט דאַן רעכענונג געגעבן, וועגן דעם גאַסט וואָס איז געוואונשן פאַר זיין טיש און אים דערלאַנגט די האַנט און גרויס כבוד צוגעטיילט גאַנץ יום-טוב.

אויף מאָרגן נאָך פּסח, איז דער גאַסט אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, ווען אַלע זיינען נאָך געשלאָפן און אַוועקלייגנדיק אויפן טיש געלט פאַרן עסן, האָט ער פאַרלאָזט דעם רב׳ס הויז און איז אויף אַ געהיימען אופן אַוועקגעפאָרן פון זאַלקאווו, כדי ווייטער פאָרצוזעצן זיין גלות-רייזע.

ניין טעג פּסח

אין דער אַלטער שטאָט פּראַג, וואו אידן האָבן אַמאָל געלעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסן, איז געווען איינגעפירט צו קויפן קריסטלעך ברויט אויף צומאָרגנס נאָך פּסח (אסרו חג).

די רבנים האָבן עס מתיר געמאַכט, כדי צו פאַרהיטן אידישע בע-קער, זיי זאָלן נישט דאַרפן באַקן קיין חמץ דעם לעצטן טאָג פּסח.

זיינען שוין די קריסטלעכע בעקערס געווען געוואוינט אריינצו-ברענגען יאָר-יערלעך גאַנץ פרי נאָך פּסח, פולע זעק מיט ברויט אין שטאָט אריין און פאַרקויפן צו אידישע קונים און אָפּלייזן גוט געלט.

אין די צייטן פון בארימטן גאון ר׳ יחזקאל לאנדא, האָט געדראָט די אידן אַ גרויס געפאַר: פּראַגער אַנטיסעמיטן האָבן געפּלאַנט צו ברענגען אַן אומגליק אויף דער אידישער באַפעלקערונג און אויסראָטן אַלע אידן אין איין טאָג. וואָס האָבן זיי געטון? דערוויסנדיק זיך פון די קריסטלעכע בעקערס, אַז זיי באַקן ברויט פאַר אידן, האָבן זיי די רשעים אָנגערעדט צו אויסמישן דאָס טייג מיט סם און פאַרקויפן די אידן, כדי זיי זאָלן אויסשטאַרבן אַלע מיט איינמאָל.

אָבער דער וועכטער פון ישראל שלאָפט נישט. ער האַלט אָפן זיין אויג און וואַכט איבער זיין פאָלק, צו פאַרהיטן עס פון יעדן בייז און צרה.

אין דער נאַכט פון שביעי של פסח, ווען ר׳ יחזקאל האָט זיך אַוועק-געלייגט שלאָפן, איז אים געקומען צו חלום אַן אַלטער מאַן און געזאָגט:

— זיי וויסן, יחזקאל, אַז עס הענגט איבער די קעפּ פון דיין קהילה אַ גרויס געפאַר: די גויאישע בעקערס האָבן פאַר׳סמ׳ט דאָס ברויט און ווילן דערמיט אומברענגען די אידן. זאָלסט זיי דערייבער שטרענג וואָרענען, ניט צו קויפן דאָס ברויט, ווייל עס איז פול מיט גיפט...

דער רב האָט זיך אויפגעכאַפּט און באַלד צוריק איינגעשלאָפן. דאָ אָבער האָט זיך נאָכאַמאָל באַוויזן דער זעלבער זקן און האָט זיך צעשטורעמט מיט כעס:

— זע, יחזקאל, אויב דו וועסט נישט פאַרהיטן דיין פאָלק פון אומקום און אויסראָטונג, וועל איך זייער בלוט פון דיין האַנט פאָדערן. זיי פאַרזיכטיק!

פון גרויס שרעק האָט זיך דער רב אויפגעכאַפּט און שוין די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן.

אינדערפרי האָט ער געשיקט רופן די גרעסטע חכמים און די חשובע לייט פון שטאָט און זיי דערציילט דעם שרעקלעכן חלום. ס׳איז אַלעמען באַפאַלן אַ פחד און מען האָט אָנגעהויבן קלערן און זוכן מיטלען, ווי אַזוי צו פאַרמיידן דעם אומגליק.

ענדלעך איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצורופן איבער דער גאַנצער שטאָט, אַז היינטיקס יאָר זאָלן די אידן פון פּראָג פייערן ניין טעג פסח און אסרו-חג זאָל נאָך קיין חמץ נישט אריינקומען אין שטוב אריין און קיינער זאָל נישט וואַגן צו קויפן קיין ברויט...

אחרון של פסח איז שטרענג אויסגערופן געוואָרן אין אַלע שולן און בתי מדרשים אין נאָמען פון פּראַגער בית-דין, מען זאָל היינטיקס יאָר פייערן ניין טעג פסח. מאָרגן טאָר נאָך קיין חמץ נישט באַנוצט ווערן און ווער עס וועט נישט פאָלגן, איז אַ פושע ישראל.

אידן האָבן עס אויסגעהערט און זיך פאַרפליכטעט פון קליין ביז גרויס, צו האַלטן אסרו-חג פאַר יום-טוב און ניט עסן קיין ברויט.

* * *

צומאָרגנס, נאָך פסח, האָבן זיך די קריסטלעכע בעקערס אָרויסגעלאָזט אין מאַרק פאַרקויפן דאָס ברויט פאַר די אידן, לויטן שטייגער פון אַלע יאָר. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין דערפאָלג. קיין איין איד איז נישט געקומען קויפן.

— וואָס קומט דאָ פאַר היינטיקס יאָר? — שטייען די בעקערס און וואונדערן זיך. — ס׳איז שוין האַלבער טאָג און מען זעט נישט קיין איין אידישן קונה. אוי, אַן אומגליק!

דערביי איז פאַרבייגעלאָפן אַ איד, שטעלן זיי אים אָפּ און פרעגן, צי ער וויל קויפן ברויט.

— ניין, מיר טאָרן נאָך היינט נישט עסן קיין חמץ — ענטפערט ער. — דער רב האָט געהייסן פייערן היינטיקס יאָר ניין טעג פסח און ס׳איז נאָך היינט פאַרבאָטן צו עסן ברויט.

די קריסטלעכע בעקער האָבן געקריצט מיט די ציין פאַר כעס. זיי זיינען גלייך אַוועק אין געריכטהויז און אָנגעקלאָגט דעם רב, אַז ער האָט זיי פאַראורזאַכט גרויס שאָדן.

— ס'טייטש! ס'גאַנצע ברויט איז אונז פאַרבליבן! — שרייען די בעקערס — מיר ווערן דאָך אומגליקלעך!

אויסהערנדיק זייערע טענות, האָט זיי דער הויפּט־ריכטער געגעבן גערעכט און געהייסן ברענגען דאָס גאַנצע ברויט אין געריכט. ער האָט געשיקט רופן דעם רב און אים אויפגעפאָדערט צו באַצאָלן דעם שאָדן, וואָס די אָרימע בעקערס האָבן געליטן.

שטייענדיק אין געריכט צווישן די פילע שונאים, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט און געוואָלט איינשלינגען, רופט זיך אָן דער רב צום הויפּט־ריכטער:

— יאָ, הער ריכטער, איך בין גרייט צו באַצאָלן דעם באַטרעף, אויב דאָס ברויט וועט זיך אַרויסווייזן גוט און באַ'טעמ'ט. איך וויל עס אויספּרואוון; אפשר איז עס אפילו נישט ווערט, אַז אַ הונט זאָל עס פאַרזוכן. שיקט ברענגען אַ הונט, וועלן מיר זען.

מ'האָט גלייך געבראַכט אַ הונט פון גאַס און אים אַ וואָרף געטון אַן אָפּגעשניטן רעפטל פון אַ ברויט. דער הונט האָט עס אויפגעגעסן און איז גלייך, פאַר אַלעמענס אויגן, אַנידערגעפאַלן אַ טויטער...

מ'האָט גענומען אונטערזוכן דאָס גאַנצע ברויט און אויסגעפונען אַז כ'איז דורכאויס אויסגעמישט מיט סם.

די בעקערס זיינען גלייך אָפּגעשיקט געוואָרן אין תפיסה, וואו זיי האָבן געקראָגן זייער פאַרדינטע שטראָף. מען האָט זיי געגעבן עסן פון דעם זעלבן ברויט און זיי זיינען אַלע אויסגעשטאָרבן און דער רב איז באַפרייט געוואָרן פון יעדן געלט־אָפּצאָל און איז אַוועק בשלום אַהיים.

ערשט דאָן האָבן מענטשן פאַרשטאַנען די פייערונג פון ניינטן טאָג פסח, וואָס דער רב האָט פאַראָרדנט. מען האָט עס אים פון הימל אין אַ נאַכט־זעאונג מודיע געווען, כדי צו צעשטערן אַ גרויזאַמען פּלאַן פון בייזוויליקע רשעים.

אַזוי האָט דער גאון און צדיק ר' יחזקאל לאנדא, דער מחבר פון באַרימטן ווערק „נודע ביהודה" אָפּגעראַטעוועט זיין פאָלק פון אַן אומגליק און האָט גלייכצייטיק צוגעטיילט די בייזע שונאים המנ'ס מפּלה.

דעם זעלבן סוף זאָלן האָבן די רשעים פון אַלע צייטן, די וואָס טראַכטן און זוכן שלעכטס צו טון די אידן. כן יאבדו!

דער חודש איִיר און זיין שיינער יום-טוב ל״ג בעומר

אידישע קינדער פון ארץ-ישראל, האָבן אמאָל דערזען דעם שיי-נעם פרילינג-חודש איִיר, ווי ער שטייט איינגעטונקען אין בלומען און באַהעלט מיט ליכטיקער שיין פון דער פרילינג-זון. ארום אים איז פריי-לעך און לוסטיק, צאַפּלדיק און פריש. ער אליין אָבער פאַר זיך, איז אומעטיק און באַצער׳ט און עס נעמט אים קיין פרייד ניט. האָבן זיך די קינדער צו אים געווענדעט און געפרעגט:

— זאָג אונז, ליבער חודש: וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס ביזטו אַזוי טרויעריק, ווען אַלץ ארום דיר זינגט און שאַלט מיט פרייד?

— ווי אַזוי זאָל איך פריילעך זיין, ליבע קינדער —ענטפערט זיי איִיר פאַרצווייפלט— ווען ניסן און סיון ליגן מיר ביי דער זייט פון לינקס און פון רעכטס: אין ערשטן פאַלט אוים דער שיינער באַפריי-אונגס-יום-טוב, פסח, און אין צווייטן — דער יום-טוב פון מתן תורה. איך אליין, אָבער, שטיי פאַראיינזאַמט און קיין שום פייערונג געפינט זיך ניט אין מיינע טעג.

— נו, און פסח-שני איז ביי דיר גאָרניט? —מאַכן אים די קינדער אויפמערקזאַם—. ער איז דאָך בפירוש דערמאָנט אין דער תורה.

— ניין, קינדער, פסח שני איז ביי מיר אַ קנאַפּער יום-טוב. פון זינט די שומרונים האָבן אים אַנגענומען פאַר זייער אָפיציעלן פסח, האָט ער ביי מיר אָנגעוואוירן זיין גאַנצע הייליקייט און ער ווערט ניט פאַררעכנט צווישן דער צאָל פון אידישע ימים טובים, צו פרייען זיך מיט אים.

— אויב אַזוי, —זאָגן די קינדער,— וועלן מיר באַשטימען אין דיר אַן אַנדער שיינעם יום-טוב, וואָס וועט פאַרשאַפן רום און פאַרגעניגן דעם גאַנצן אידישן פאָלק אויף אייביק.

* * *

די קינדער האָבן געקלערט און געקלערט און ניט געוואוסט וועלכן טאָג אין חודש אויסצוקלייבן פאַר יום-טוב. האָט זיך צווישן זיי געפונען אַ קלוג קינד, זייער אַ פאַרשטאַנדיקער און אַ בן-תורה און האָט פאַר-געשלאָגן דעם אכצנטן טאָג אין חודש (י״ח איִיר), ווען עס פאַלט-אוים אויך ל״ג בעומר, ווייל אין דעם טאָג האָט אָנגעהויבן פאַלן מן פון הימל. פאַר די אידן אין מדבר, ביים ארויסגיין פון מצרים.

— און ניט נאָר דאָס אליין, —רופט זיך אָן אַ צווייט קינד,— נאָר אין דעם זעלבן טאָג, האָבן אויך אויפגעהערט צו שטאַרבן די העלדישע תלמידים פון רבי עקיבא, וועלכע זיינען נאָכנאַנד גע-פאַלן אין די טעג פון פסח ביז ל״ג בעומר.

* * *

ל״ג בעומר דערמאנט אונז אויך דעם יארצייט פון בארימטן תנא און געטרייען קינדער-פריינט רבי שמעון בר-יוחאי, וועלכער איז נפטר געווארן אין דעם דאזיקן טאג, און ווייל ער האט ניט געוואלט, אז אי-דישע קינדער זאלן זיך מצער זיין אויף זיין טויט, האט ער געהייסן פארוואנדלען דעם טאג אין א יום-טוב און זיין פריילעך.

די פיילנבויגנס וואס די קינדער טראגן אין זייערע הענט, דערמא-נען דאס פרומקייט פון גרויסן צדיק ר׳ שמעון בר-יוחאי, אין וועמענס צייטן עס האט זיך ניט באוויזן קיין רעגנבויגן אויפן הימל, ווייל ער האט באשיצט די מענטשן פון זיין דור, עס זאל קיין מבול אויף דער וועלט ניט קומען.

אין ארץ-ישראל זאמלען זיך צונויף מאסן אידן אויפן קבר פון ר׳ שמעון בר-יוחאי אין דארף מירון, צו פייערן זיין יארצייט. זיי צינדן אן טויזנטער פייערלעך אויף זיין קבר און טאנצן ארום זיי, זינגענדיק מוטיקע ניגונים און הארציקע לידער פול מיט האפנונג און דערוואר-טונג אויף דער גאולה.

אויך אין גלות ווערן אנגעצונדן זייער פיל ליכטלעך אין דער נאכט פון ל״ג בעומר און מען פראוועט שמחות.

עס גיסן זיך צונויף די גלות-ליכטלעך מיט די פייערלעך פון ארץ-ישראל אין איין מעכטיק שיינענדיק ליכט, וואס ווערט אנגערופן „דאס ליכט פון ל״ג בעומר״.

ל״ג בעומר

דער כאראקטער פון יום-טוב

מיט הונדערטער יארן צוריק, ווען אידן האבן געוואוינט אין זייער לאנד, פלעגן זיי די ערשטע פרוכטן וואס די ערד האט פראדוצירט ברענגען צום כוהן.

פסח-צייט, ווען עס איז צייטיק געווארן דער גערשטן, פלעגט דער איד דארפן ברענגען דאס ערשטע מעסטל צום כוהן. מעסטל אין העב-רעאיש הייסט — עומר און דעריבער הייסן די 49 טעג פון פסח ביז שבועות, די צייט ווען דער איד פלעגט ברענגען זיין מעסטל גערשטן — ספירת-העומר (די ציילונג פון מעסטל).

אין יענע טעג וואָס רופן זיך ספירת-העומר, אָדער אין קורצן — ספירה, האָט פּאַסירט אַ זאַך אינעם לעבן פון אידישן פאָלק וואָס האָט אונז געבראַכט צום יום-טוב ל״ג בעומר, וואָס באַדייט 33 טעג אין ספירה.

נאָכן חורבן פון צווייטן בית-המקדש זיינען די אידן אין גאַנצן אַרונטערגעפאַלן אונטער דער מאַכט פון די רוימער. דאָס איינציקע מיטל אָנצוהאַלטן די עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק און אים פאַרהיטן פון אונטערגאַנג, איז געווען די פאַרשטאַרקונג פון דער אידישער קול-טור. הונדערטער תלמידים פון אַלע עקן לאַנד האָבן זיך דאַן געצויגן קיין יבנה, צו לערנען אין די ישיבות פון רבי יוחנן בן זכאי, פון וועלכע עס זיינען אַרויס אַ סך געלערנטע מענטשן. איינער פון די גרעסטע גע-לערנטע אין יענער צייט איז געווען רבי עקיבא בן יוסף. אין דער יוגנט איז עקיבא געווען אַן אָרימער פּאַסטוך ביי אַ רייכן מאַן וואָס האָט גע-הייסן כלבא-שבוע. צו פערציק יאָר האָט ער נאָך אפילו ניט געקענט לייענען, אָבער רחל, די טאָכטער פון רייכן מאַן האָט מיט אים חתונה געהאַט קעגן דעם ווילן פון איר פאָטער, און אים געמוטיקט ער זאָל אַוועק קיין יבנה לערנען.

עקיבא האָט געלערנט פיר און צוואַנציק יאָר און געקריגן דעם טיטל רבי. ער איז געוואָרן דער גרעסטער געלערנטער און האָט אויס-געאיבט אַ גרויסן איינפלוס אויפן אידישן פאָלק.

ווען רבי עקיבא האָט זיך אומגעקערט אהיים האָט ער געהאַט 24 טויזנט תלמידים. זיין שווער האָט אים דאַן אָפּגעגעבן זיין גאַנצן פאַר-מעגן און רבי עקיבא האָט מיטן געלט געשטיצט אָרימע תלמידים.

* * *

אין יענער צייט האָבן די אידן געפּלאַנט אַ רעוואָלוציע קעגן די רוימער. רבי עקיבא איז אַרומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און פּראָ-פּאַגאַנדירט אַז די אידן זאָלן זיך קאָנצענטרירן אונטער דער פאָן פון בר-כוכבא און פירן אַ מלחמה קעגן די רוימער, פאַר דער באַפרייאונג פון פאָטערלאַנד.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט אַדריאַנוס, דער קעניג פון רוים, וועלנ-דיק פאַרניכטן דאָס אידישע פאָלק, אינגאַנצן פאַרבאָטן צו לערנען תורה, דראָענדיק מיט טויט-שטראָף.

רבי עקיבא און אויך אַנדערע געלערנטע האָבן פאַרשטאַנען, אַז אָן דער תורה וועט דאָס פאָלק נישט קענען עקזיסטירן און טראָץ אַלע פאַרבאָטן איז מען ווייטער אָנגעגאַנגען מיטן פאַרשפּרייטן תורה צווישן פאָלק.

איינער פון די גרויסע אידישע לערער, רבי שמעון בן יוחאי, איז געווען פאַרבאָהאַלטן אין אַ הייל דרייצן יאָר און דאָרטן געלערנט מיט די אידן. ער פלעגט זיך דערנערן פון אַ באָקסער-בוים וואָס האָט גע-

וואקסן דערנעבן. ווען זיינע תלמידים פלעגן גיין צו אים לערנען, האבן זיי מיטגענומען פייל און בויגן און אפגענארט די רוימער, זאגנדיק זיי, אז זיי גייען אין וואלד אויף יאגד.

אין ל"ג בעומר איז געשטארבן רבי שמעון בן יוחאי.

אזוי ארום האט ל"ג בעומר א צווייענדיקע באדייטונג: דער טאג ווען עס האט אויפגעהערט די עפידעמיע אויף די תלמידים פון רבי עקיבא, און דער יארצייט פון רבי שמעון בן יוחאי.

אלע יאר, ווען עס קומט דער יום טוב ל"ג בעומר פארן אלע אידישע קינדער, וואס לערנען אין די אידישע שולן, שפאצירן אין פעלד און נעמען מיט זיך פייל און בויגן, אלס אנדענק פון יענע תלמידים, וועלכע האבן געלערנט און געקעמפט פאר דער באפרייאונג פון ארץ-ישראל.

דער יונגער שטערן

צווישן די פיל מיליאנען שטערן אין הימל, וואס האבן אמאל דאס אידישע לאנד באשיינט, האט א יונג גלאנצנדיקער שטערן געפינקלט. פריילעך און זינגענדיק האט ער איבערן הימל ארומגעשוועבט און די נעכט באשטראלט, און ניט געוואוסט פון קיין צער און ווייטיק.

ענדלעך זיינען אבער אויף די אידן אנגעקומען ביטערע און שווערע צייטן: דער רוימישער אדלער האט זיינע שווארצע פליגלען אויסגע־שפרייט איבערן לאנד און עם פארוואלקנט.

זייער טרויעריק זיינען די טעג געווארן. די זון האט זיך צווישן געדיכטע וואלקנס פארבארגן, אן ווינט און אן רעגן; נעפלדיקע טעג האבן בלויע הימלען פארוואנדלט אין בליי, אויף וועלכע קיין ליכט־שטראל האט נישט באוויזן אויפצושיינען. פארשוואונדענע שטערן האבן פון זיך קיין שפור נישט געלאזט מערקן. ווי פארלאשענע און פארבי־טערטע האבן זיי נאר געהאלטן אין איין ווינען און קלאגן:

— בעסער וואלטן מיר בלינד געווארן, —האט זיך זייער קלאג גע־הערט,— איידער צו זען דעם חורבן און פארניכטונג פון אידישן פאלק און לאנד.

דער יונגער שטערן האט אויך אויף א געוויסער מאס זיין שיין פארמינערט, אבער נישט אינגאנצן. אן אנטוישונג איז ער איינער אליין אויף די הימלען ארום און געשיינט.

— וואכט-אויף פארשלאפענע חברים! —האט ער געמונטערט און געוועקט די איבעריקע שטערן.— ווערט נישט פריצייטיק אנטוישט און פארלאשן. קומט, לאמיר די הימלען באלייכטן און העלפן די אידן פון נויט! מיט אונזער שיין וועלן מיר ארייבלאזן א לעבעדיקן באפריי־אונגס-גייסט אין זייערע צעבראכענע הערצער און פארצווייפלטער לא־גע. לאמיר זיי דערמוטיקן צום קאמף קעגן די גרויזאמע רוימער, און

זאָלן זיי וואָס שנעלער אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם שונא׳ס שווערן יאָך!

— אַן ענדע צו די רוימער! — האָבן, ווי מיט איין קול די יונגע שטערנדלעך אויסגעשריגן, און זיך אַלע גלייכצייטיק צוזאַמענגעקליבן אַרום דעם יונגן דרייסטן שטערן.

אין יענער נאַכט האָט מען אויף דעם ארץ-ישראל׳דיקן האָריזאָנט באַמערקט אומצאָליקע יונגע בלישטשנדיקע שטערנדלעך, וועלכע האָבן העל געלויכטן מיט אַ פאַרשפּרייטער שיין. אַלס זייער אָנפירער איז פאַראויסגעגאַנגען איינער אַ וועגווייזער-שטערן, וואָס האָט ווי אַ לייכט-טורעם אויסגעזען. מענטשן האָבן אויפגעהויבן די אויגן אינדערהויך און אויסגעשריגן:

— „אַ שטערן האָט אויפגעשיינט! אַ שטערן האָט אויפגעטראָטן!".

* * *

צומאָרגנס איז דערשינען צווישן די אידן אַ וואונדערבאַרער העלד, אַ הויכער און קרעפטיקער, מיט אויגן, וואָס שיינען ווי ליכטיקע שטערן. קיינער האָט נישט געוואוסט וועגן זיין אָפּשטאַם און ווער זיין פאָטער איז, פון וואַנען קומט ער און ווי אַזוי הייסט ער. זיין העלדיש אויסזען און אייזערנער קערפּער האָט אָבער אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט גערופן.

„יונגער שטערן" — האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן, און אַזוי איז ער פאַרבליבן.

נאַכט און נאַכט איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן פון יעדנס אויג און אַרומגעבלאָנדזשעט צווישן בערג און פעלזן, אויסקוקנדיק דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט. באַגינען-צייט פלעגט ער זיך מיט אַ תפילה ווענדן צו די שטערן פון הימל און געבעטן: — „העלפט מיר, שטערן! העלפט מיר, ברידער און שטאַרקט מיך!".

— „זיי שטאַרק און פעסט!" — האָבן אים זיינע חברים-שטערן געמונטערט און באַגריסט.

פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף פלעגט ער טאָג-טעגלעך וואַנדערן, וואו ער האָט אַלץ געפונען באַזעצט מיט פיינט. אידישע חכמים ליגן באַהאַלטן אין די הייל, יונגעלייט גייען אַרום פאַרצווייפלט און ווייסן נישט וואָס מאָרגן וועט זיין.

צוזעענדיק אַזעלכע צרות, האָט ער אויפגעשטורעמט מיט אַ דונער-קול: „וואו זענט איר, העלדישע מכבים-אייניקלעך? — קומט מיט מיר, וואַרפט אַראָפּ דעם יאָך; צערייסט די אייזערנע קייטן פון אייערע געשמידטע הענט און לאָמיר דעם שונא איינמאָל פאַר אַלעמאָל שטעלן אַ ווידערשטאַנד!

— פאַרזיכטיק, יונגער שטערן, איַל זיך נישט! —האָבן די אַלטע חכמים אים געפּרואווט אָפּהאַלטן,— עס איז נאָך פאַרלויפיק נישט די צייט פון מלחמה און אויפשטאַנד. צו-שוואַך איז אונזער קראַפט, אויף

צו פאַרמעסטן זיך קעגן מעכטיקן שונא, האָלט אייך אַפּ, קינדער, פון אַזאַ ריזיקאַלישן שריט, וועלכער דראָט אונז מיט פאַרניכטונג און אומקום!

דאָך האָבן העלדישע קריגער זיך אָנגעהויבן קאָנצענטרירן אַרום דעם יונגן שטערן און געפאָדערט מלחמה און קאַמף.

— בעסער צו שטאַרבן פאַר דער פרייהייט, איידער פאַרבלייבן אייביק פאַרשקלאַפטע קנעכט צו די רוימער! —האָבן הויך, אויפן קול די גע-וואַגטע יונגעלייט אויסגעשריגן: — „נקמה, נקמה!" — האָט זיך פון אַלע זייטן דערהערט. און דער אויפשטאַנד האָט אויסגעבראָכן. טויזנ-טער יונגע קעמפער האָבן זיך געשטעלט אין די רייען, אונטער דער פאָן פון יונגן שטערן. ווי לייבן האָבן זיי געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון זייער פאָלק און לאַנד. אומעטום, אין שטאָט און אין דאָרף, האָט נאָר איין ווילן אַלעמען באַהערשט, איין געזאַנג האָט פון יעדנס מויל אָפּגעהילכט: אַ געזאַנג פון מעכטיקייט און העלדנמוט, פון זיג און פרייהייט.

ענדלעך זיינען אָבער פאַרווירקלעכט געוואָרן די פאָראויסגעזאָגטע פאַרזיכט-ווערטער פון די אַלטע שטערן און פון די אַלטע חכמים: נאָך דער אויסגעשעפּטקייט פון לאַנג קעמפן, איז ביתר געפאַלן. די גרעסטע אידישע העלדן זיינען אומגעקומען אין שלאַכט, און צווישן זיי, איז אויך געפונען געוואָרן טויט, מיט דער שווערד אין דער האַנט, דער שטערן...

אין דער זעלבער נאַכט האָבן פון הימל ליכטיקע שטראַלן אויף דער ערד אַראָפּגענידערט און זיך אין פייערדיקע פלאַמען-פאָסן צע-פלאַקערט.

מענטשן האָבן באַמערקט ווי פון דער ערד הויבט זיך אַ שטערן, וועלכער שפּאַלט אַדורך די לופט און גייט אַרויף, שוועבנדיק גלייך אין הימל אריין — — —

*

שבועות

חג השבועות

ד׳ מסיני בא וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן ואתה מרבבות קדש מימינו אש־דת למו״
(גאָט איז פון סיני געקומען, און אויפגעשיינט פון שעיר אויף זיי; און געקומען פון די הייליקע צענטויזנטן, אין זיין רעכטער האַנט אַ פייערדיק געזעץ פאַר זיי).
דברים, ל״ג, ב׳.

„וספרתם לכם ממחרת השבת מיום הביאכם את עמר התנופה שבע שבתות תמימות תהיינה: עד ממחרת השבת השביעת תספרו חמשים יום והקרבתם מנחה חדשה לד׳.״

(און איר זאָלט אייך ציילן פון אויף מאָרגן נאָכן רו־טאָג, פון דעם טאָג וואָס איר ברענגט די גארב פון אויפ־הייבונג: זיבן גאַנצע וואָכן זאָלן עס זיין; ביז אויף מאָרגן נאָך דער זיבעטער וואָך זאָלט איר אָפּציילן פופציק טעג און ברענגען אַ שפּייז־אָפּפער פון דער נייער תבואת צו גאָט).
(ויקרא, כ״ג, ט״ו).

„ראשית בכורי אדמתך תביא בית ד׳ אלוקיך״.
(די ערשטע פריציטיקע פרוכט פון דיין ערד זאָלסטו ברענגען אין הויז פון ד׳ דיין גאָט).
(ויקרא, כ״ג, י״ט).

דער כאַראַקטער פון שבועות

שבועות פאַלט אויס דעם 6־טן טאָג פון חודש סיון. דער דאָזיקער יום־טוב טראָגט אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזן און אַגריקולטורעלן כאַראַקטער און האָט דריי נעמען: חג התורה, חג השבועות און חג הביכורים.

ח ג ה ת ו ר ה — ווייל אין דעם 6־טן סיון האָט גאָט געגעבן די אידן די **תורה דורך** משה רבינו אויפן בארג סיני.

ח ג ה ש ב ו ע ו ת — ווייל ער פאַלט אויס פונקט צו די זיבן וואָכן פון ערשטן טאָג פסח.

ח ג הב י כ ו ר י ם — ווייל אין די טעג ציטיקן אין ארץ־ישראל די תבואות און די אידן האָבן די ערשטלינגע פון די פירות און תבואות געבראַכט צום כוהן אין בית המקדש.

✶

לעגענדעס אַרום דעם יום-טוב שבועות

אין טאָג פון מתן-תורה

זריי טעג פריער, איידער די תורה איז אַראָפּגעגעבן געוואָרן פון הימל, האָבן זיך אַלע באַשעפענישן פון דער וועלט דערוואוסט וועגן דער גרויסער געשעעניש און זיך זייער דערפרייט. זיי האָבן געמאָלדן איינע דער צווייטער די וויכטיקע נייעס און זיך גענומען גרייטן צום דריטן טאָג.

אַ ציטער פון פרייד האָט אָנגעפּולט יעדנס האַרץ, צוליב דער גע-הויבענער שעה און אַ געפיל פון העכערן גייסט, האָט זיי אַלעמען אַרום-געכאַפּט.

חיה און בהמה, עוף און פויגל, האָבן זיך געגרייט צו דער פייערונג פון גרויסן טאָג און יעדע איינע האָט אים געוואָלט באַערן און באַזינגען דורך דאַנק-אויסדרוקן און לויב-לידער צו גאָט, פאַר דער ווערטפולער מתנה, מיט וועלכער ער באַשענקט דער וועלט.

צום ערשטן איז דערשינען דער באַרימטער זינג-פויגל, דער נאַכטי-גאַל און האָט אויסגערופן:

— איך וועל זיך צעלאָזן אויף מיין שטייגער מיט זיסע ניגונים לכבוד דעם טאָג פון מתן תורה, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזעלכע ניט געהערט פון זינט אָן זי עקזיסטירט.

— און איך וועל אַרויסלאָזן אַ מעכטיקן ברום, וואָס וועט מאַכן אויפ-טרייסלען די זיילן פון דער ערד! — האָט דער לייב געזאָגט, — ווער נאָך איז אַזוי שטאַרק ווי אַ לייב און וועמען דערשרעקט ער ניט מיט זיין געשריי?

דער אָקס האָט געוואָלט אַ רעווע טון, אַלס זיין הימן לכבוד דעם טאָג.

דער האָן איז אַרויפגעפלויגן אויפן שפּיץ דאַך און געוואָלט מיט איין קריי אויפוועקן די זון, די לבנה און די גאַנצע נאַטור צו קבלת-התורה.

שפּראָצונגען און פלאַנצן, בוימער און געוויקסן, האָבן אָנגעבאָטן די געשמאַקע ריחות פון זייערע פאַרביקע בלומען און רויזן, צו דער קוויקן די וועלט און אויפלעבן דעם גייסט פון די תורה-צוהערער.

אַזוי האָבן אַלע באַשעפענישן פון דער וועלט זיך געגרייט צו דער שמחה פון דער תורה, דורך לויב און אַנערקענונג צום וועלט-באַשאַפער אין טאָג פון מתן-תורה. אויסער דעם מענטשן וואָס האָט זיך געהאַלטן רואיק און פאַרשטאַנען אַז דער בעסטער דאַנק-אויסדרוק צו גאָט, איז נאָר שווייגן און אויסהערן דאָס קול פון דעם תורה-געבער (נותן התורה). ער האָט עס אויך פאָרגעשלאָגן די אַלע באַשעפענישן, און זיי האָבן דערויף ענדלעך מסכים געווען.

אין יענער שעה, האָט גאָט אַראָפּגענידערט אויפן באַרג סיני מיט צוויי און צוואַנציק טויזנט כיתות מלאכים. די גאַנצע נאַטור האָט אַנער-קענט זיין מאַכט און אים געלויבט שטילשווייגנדיק. קיין פויגל האָט ניט געפּיפּטשעט, קיין עוף איז ניט געפלויגן, קיין אָקס האָט ניט געבריוועט. דער ים האָט זיך ניט באַוועגט, מלאכים האָבן קיין שירה ניט געזאָגט און קיין מענטש האָט פון זיין מויל קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

די וועלט האָט אויסגעהערט מיט ציטער און שרעק דאָס געטלעכע קול: „אנכי ה' אלוקיך", וואָס האָט מעכטיק אָפּגעקלונגען פון איין עק וועלט ביזן צווייטן.

אַלע באַשעפענישן האָבן זיך דערפרייט מיט דער טייערער מתנה פון וועלט-באַשעפער און די אידן אַלס אויסדערוויילט פאָלק, האָבן איר האַרציק אויפגענומען מיט אַ הילכיקן אויסגעשריי פון „נעשה ונשמע": מיר וועלן אויספאָלגן דאָס וואָס מיר הערן.

דער קעניג און דער פוילער פּאַכטער

אַ קעניג האָט פאַרמאָגט אַ פעלד און עס געוואָלט איבערגעבן אין די הענט פון אַ פּאַכטער, ער זאָל עס געטריי באַאַרבעטן און אַלס לוין נעמען אַ חלק פון דער תבואה. האָט ער געשיקט רופן עטלעכע באַ-קאַנטע קאָלאָניסטן און זיי פאַרגעשלאָגן דאָס געשעפט.

קומענדיק צום קעניג, האָט זיך דער ערשטער גלייך אַנטזאָגט פון דער אונטערנעמונג, צוליב זיין פיזישער שוואַכקייט. אַזוי האָבן אויך דער צווייטער און דער דריטער און נאָך אַנדערע, אָנגעגעבן מאָטיוון און ניט געוואָלט אָננעמען די שווערע פעלד-אַרבעט. ענדלעך, איז צו-געגאַנגען איינער אַ יונגער ערד-אַרבעטער און צוגעזאָגט צו באַאַר-בעטן דאָס פעלד מיט דער פולער אחריות און עס האַלטן אין דער בעסטער אָרדענונג. קומענדיק אָבער אין אַ צייט אַרום אָנקוקן דאָס פעלד, איז דער קעניג זייער אַנטוישט געוואָרן. ער האָט געטראָפן דאָס פעלד וויסט און ליידיק, אָפּגעלאָזט און פאַרנאַכלעסיקט, ניט גע-אַקערט און ניט פאַרזייט. אויסער דערנער און ווילדע גראָזן, האָט ער גאָרניט געפונען אין זיין פעלד.

נו, אויף וועמען האָט דער קעניג באַדאַרפט מער אין כעס ווערן, אויף די וועלכע האָבן זיך פון אָנפאַנג אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט, צי אויף דעם פוילן, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען טון די זאַך בשלימות און ניט געטאָן?

אַזוי אויך: איידער גאָט האָט געגעבן די תורה אויפן באַרג סיני, האָט ער זיך געווענדעט צו אַלע פעלקער פון דער וועלט און זיי אָנ-געבאָטן דעם טייערן אוצר זיינעם, די תורה. האָבן זיי אַלע צוליב פאַר-שידענע מאָטיוון זיך אָפּגעזאָגט פון איר. די אידן אָבער, האָבן זיי מקבל

געוועזן גערן מיט אַ הילכיקן אויסגעשריי: „נעשה ונשמע", מיר וועלן פאָלגן און הערן.

נו, ווער איז מער פאַראַנטוואָרטלעך, פאַר ניט וועלן אויספאָלגן און מקיים זיין אירע הערלעכע דינים און געזעצן, ניט די אידן? זיי זיינען דאָך אליין בייוועזנד געווען ביי דער וואונדערלעכער דערשיינונג פון געטלעכן כבוד אויפן באַרג סיני, און אויסגעהערט מיט ציטער און שרעק, דורך דונערן און בליצן, די הייליקע צען געבאָט (עשרת הדברות) וועלכע זיינען פון הימל אליין פראָקלאַמירט געוואָרן פאַר דער מענטש־הייט פון דער וועלט.

דעם קעניגס צוויי בעכערס

אַ קעניג האָט פאַרמאָגט צוויי טייערע גלעזערנע בעכערס פון לוי־טער קרישטאָל, באַדעקט מיט גינגאָלדענע פאַסן פון אויבן. רופט ער אַמאָל צו זיינע דינער און הויז־מענטשן און זאָגט צו זיי אַזוי:

— זעט, קינדער, זייט זייער פאָרזיכטיק מיט די בעכערס און היט זיי גוט אָפּ, זיי זאָלן חלילה ניט צעבראָכן ווערן.

האָבן די געטרייע דינער אין אַכט גענומען דעם קעניגס באַפעל און געהאַלטן וואָרט.

מאַכט זיך אַמאָל אַזאַ פאַל:

טראָגנדיק אין אַ טאָגביידע גלעזערנע כוסות אין פּאַלאַץ, האָט דער דינער צוליב איילעניש, געכאַפּט אַ שטויס פון אַ קאַלב, וואָס איז געשטאַנען אין הויף ביים איינגאַנג. עס איז אומגליקלעכערווייזע אַרויס־געפאַלן פון זיינע הענט איינער פון די בעכערס און זיך צעבראָכן אויף פּיצלעך.

שטייט דער דינער פאַרן קעניג אַ געבראָכענער, פול מיט שרעק און קלאָגט. עס קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן און אַלע זיינע איברים טרייסלען זיך און ציטערן:

— אוי, ה' קעניג, אַן אומגליק. דער קאַלב האָט מיך געשטויסן אין צעבראָכן איינעם פון אייערע בעסטע כלים. וואָס טוט מען איצט?

— הער אויס, דו לייכטזיניקער מענטש, זאָגט אים דער קעניג, די זאַך איז שוין אַן אָפּגעטוענע, עס איז דאָך פאַרפאַלן. זע אָבער, זיי פאָר־זיכטיק מיטן צווייטן בעכער און היט אים גוט אָפּ, וועט דיר פאַרגעבן ווערן די זינד.

ענלעכעס האָט אויך גאָט געזאָגט צו די אידן: צוויי בעכערס האָט איר פאַר מיר אָנגעגאָסן אויפן באַרג סיני, איינעם מיט „נעשה" און דעם צווייטן מיט „נשמע". דעם בעכער מיט „נעשה" האָט איר גלייך צעבראָכן, דערמיט וואָס איר האָט געמאַכט דעם גאָלדענעם קאַלב (עגל

הזהב); זעט, היט כאַטש גוט אָפּ דעם „נשמע", וועט איר געלייטערט ווערן פון אייערע שווערע זינד.

ווען אַ מענטש פאַלט אַראָפּ פון דאַך און צעברעכט זיך רוק און לענד, קומט אַ דאָקטער און פאַרבאַנדאַזשירט אים. ער פאַרגיפּסעוועט אַלע זיינע אברים, די הענט, די פיס, דעם קאָפּ, אויסער די אויערן לאָזט ער פריי, כדי דער מענטש זאָל קענען הערן און אויספאָלגן די מעדיצי-נישע פאַראָרדענונג און הייל-מיטלען. וואָס דער רופא זאָגט אים אָן, כדי זיין קערפּער זאָל אויסגעהיילט ווערן און בלייבן לעבן, ווייל דאָס „הערן" איז די בעסטע רפואה.

ניט פאַרלוירן די האָפענונג

אַ קעניג האָט אַמאָל אַרומגערייזט איבער מדינות און לענדער און געזוכט אַ פרוי פון קעניגלעכן אָפּשטאַם, כדי מיט איר חתונה צו האָבן.

קומענדיק אין אַ לאַנד, האָט ער געטראָפן אַ יונגע, שיינע פּרינצע-סין אין אַ גאָלדענעם פּאַלאַץ, וועלכע האָט אים באַצויבערט מיט איר יוגנט-רייץ און מיט אירע שיינע מאַנירן. זי איז אים זייער געפעלן גע-וואָרן און ער האָט איר פאַרגעלייגט זיין וואונש מיט איר חתונה צו האָבן און געבעטן איר צושטימונג.

— וואָס פאַראַ מתנות וועסטו מיר שענקען צו אונזער חתונה? —פרעגט די פּרינצעסין.

—אַ גאָלדענע חופּה וועל איך דיר שטעלן. אין פּורפּור-ליינענע קליידער, באַפּוצט מיט דימענטן און בריליאַנטן וועל איך דיר באַקליידן. אַזויפיל און אַזויפיל שיפן אויפן ים וועל איך דיר שענקען און אויך שטעט אויף דער יבשה וועלן אויף דיין נאָמען פאַרשריבן ווערן. — ענטפערט דער קעניג און דערלאַנגט איר אין האַנט אַ כתובה, וואו אַלץ איז אויסגערעכנט און פאַרשריבן געוואָרן.

דער פּרינצעסין זיינען געפעלן געוואָרן די רייכע מתנות. זיי האָבן ביידע חתונה געהאַט און געפירט אַ גליקלעך לעבן.

אין אַ צייט אַרום אָבער איז אויסגעקומען דעם קעניג, צוליב דרינ-גענדע מלוכה-ענינים אויסצווואַנדערן אין דער פרעמד. ער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין היים און פרוי און אָפּרייזן העט-ווייט, וואו ער האָט פאַר-זאַמט אַ היפּשע צייט.

בלייבנדיק אַליין פאַראיינזאַמט, פלעגן אַריינקומען שלעכטע שכנות און פאַרביטערן דאָס לעבן פון דער פּרינצעסין. זיי האָבן זיך מיט איר גערייצט און געזאָגט:

— זע, דער קעניג האָט דיך פאַראַטן און פאַרגעסן. ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט צוריקקערן, ווייל ער האָט דיך פיינט באַקומען.

די פּרינצעסין פלעגט האַלטן אין איין וויינען און קלאָגן. דאָך אָבער

האָט זי נישט אויפגעגעבן איר האָפענונג און גלויבן אויף אַ בעסער לעבן. זי פלעגט אָפטמאָל אַרויסנעמען די כתובה פון שופלאָד און לייע-נען וואָרט ביי וואָרט וועגן די רייכע מתנות, וואָס דער קעניג האָט איר פאַרשפּראָכן און אַזוי אַרום געפונען אַ טרייסט.

ענדלעך האָט זיך דער קעניג צוריקגעקערט אַהיים און באַנייט זיין זים לעבן מיט דער פרוי, ווי אַמאָל.

— פון וואַנען האָט זיך צו דיר גענומען אַזוי פיל געדולד צו וואַרטן אויף מיר, טייערע מיינע? — פרעגט זי דער מאַן און וואונדערט זיך.

— די כתובה האָט מיר געגעבן מוט און מיך דערהאַלטן ביים לעבן, — ענטפערט די פרוי. — ווען ניט די איינציקע כתובה, וואָלט איך דאָך נישט געווען געקענט אַריבערטראָגן די שרעקלעכע יסורים און פיין, וואָס מיינע שלעכטע שכנים האָבן מיר פאַרשאַפט.

אַזוי אויך:

זינט די אידן וואַגלען אַרום אין גלות, פאַרפינסטערן זיי די פעלקער דאָס לעבן און רייצן זיך מיט זיי: אייער גאָט האָט דאָך אייך פאַרלאָזן און פאַרגעסן. ער ווענדט-אָפּ זיין פנים און וויל אייך נישט קענען, ביז ווי לאַנג נאָך וועט איר געפירט ווערן צו דער שחיטה צוליב זיין נאָמען?

די אידן אָבער מישן-אויף זייער אַלט חומש'ל און לייענען-אַרום פון דאָרט ווערטער, אָנגעשריבן מיט גאָטס פינגער:

„איך וועל זיך ווענדן צו אייך און וועל אייך פרוכפּערן און מערן... איך וועל מאַכן רוען מיין שכינה צווישן אייך און וועל גיין מיט אייך..."

און אָט אין אַזעלכע ווערטער געפינען זיי אַ טרייסט און באַקומען מוט און האָפענונג אויסגעלייזט צו ווערן.

צומאָרגנס נאָך דער גאולה וועלן די אידן אליין באַוואונדערן זייער גבורה און זיך אליין פרעגן: וואו האָבן מיר גענומען אַזאַ אייזערנעם געדולד אויסצושטיין אַזוי פיל צרות אין גלות, וואַרטנדיק אויף גאָטס גענאָד?

דער ענטפער איז:

ווען נישט די תורה וואָלט שוין די אידן לאַנג געווען פאַרניכטעט געוואָרן צוליב דער גרויזאַמער באַהאַנדלונג מצד זייערע שכנים, די פיינטלעכע פעלקער. די איינציקע טרייסט זייערע איז די תורה, וועלכע ראַטעוועט זיי פון אומקום און פאַרניכטונג.

דאָס זעלבע האָט אויך דוד המלך געזאָגט אין זיין ספר תהילים:

„ווען נישט דיין תורה זאָל זיין מיין דערקוויקונג, וואָלט איך פאַר-לוירן געוואָרן אין מיין פיין". (לולא תורתך שעשועי, כי אז אבדתי בעניי).

די פעלקער האָבן ניט געוואָלט אָננעמען די תורה

דריי חדשים נאָכן באַפרייען פון מצרים, האָבן די אידן אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם מצרים-שטויב פון דער שווערער אַרבעט ביי ליים און ציגל, אין וועלכער זיי זיינען געווען טיף פאַרזונקען פון קאָפּ ביז די פיס הונדערטער יאָרן. אין די דריי חדשים האָבן זיי זיך גערייניקט און געלייטערט, כדי רייף ווערן אויפצונעמען גייסטיקעס און באַגרייפן געטלעכע רייד, לויט די וואונדער וואָס זיי האָבן מיט די אויגן געזען ביי יציאת מצרים און דאָס ברויט וואָס איז זיי געפאַלן פון הימל.

— נו, איצט וועל איך זיי גיין געבן מיין תורה! — האָט גאָט געזאָגט משה׳ן. איך מוז זיך אָבער פריער ווענדן צו די פעלקער פון דער וועלט און זיי אויך אָנבאָטן מיינע הייליקע צען געבאָט, כדי ניט אַרויסרופן דערנאָך קיין טענות ביי אַנדערע, פאַרוואָס עס האָט זיך צו זיי מיין כבוד ניט אַנטפּלעקט.

אין אָנפאַנג איז גאָט געקומען צו עשו׳ם קינדער מיט דער תורה אין האַנט און זיי זי רעקאָמענדירט אַלס געטלעכע לערע, וואָס פאַרלענגערט די יאָרן און ברענגט נוצן.

— וועלכער איז דער הויפּט-געבאָט פון דיין תורה, וואָס דו ווילסט אונז געבן? — פרעגן די בני-עשו.

— „זאָלסט ניט מאָרדן!״ (לא תרצח) — ענטפערט זיי גאָט.

— ניין, אַזאַ געבאָט איז אוממעגלעך פאַר אונז און ער שטימט ניט מיט אונזער גייסט און וויסן. מיר זיינען קריגס-מענער פון געבוירן אָן; בלוט-פאַרגיסער און געווער-שלייפער. פון דער שווערד וואָס מיר האַלטן אין האַנט, לעבן מיר און געניסן רייכקייט און פאַרמעגן. ניין, מיר ווילן ניט די תורה!

— אפשר ווילט איר אָננעמען מיין תורה? — ווענדעט זיך גאָט צו ישמעאל׳ס קינדער.

— וואָס איז אָנגעשריבן אין דיין תורה? — פרעגן נייגעריק די בני ישמעאל.

— „זאָלסט ניט גנב׳ענען!״ (לא תגנב!) — ווייזט זיי אָן דער אויבערשטער דעם שטרענגן פאַרזאָג און וואָרנונג.

— ווי קען מען עס לעבן אָן גניבה? — וואונדערן זיך די ישמעאלים. — עס איז דאָך אַן אוממעגלעכע זאך. אונזער גאַנצע עקזיסטענץ און גורל איז אָפּהענגיק פון גנב׳ענען און רויבן. אַנדערש איז ניט געזיכערט אונזער לעבן און קיום.

די כנענים ווידער, האָבן זיך דערוואוסט, אַז די תורה פאַרבאָט שטרענג דעם שווינדל ביי מסחר און הייסט האַנדלען אָרנטלעך און ערלעך; אַז לויט די געבאָטן פון דער תורה, מוזן איינגעשטעלט ווערן אין די געשעפטן גערעכטע וואָגשאָלן און גאַנצע מאָס און וואָג פאַר

מעסטן און וועגן; אַז מען טאָר ניט אָפּנאַרן און מען טאָר ניט פעלשן, — האָבן זיי זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט און אפילו ניט געוואָלט הערן פון אַזעלכע געבאָטן.

איינזעענדיק אַז צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט, געפינט זיך ניט אַזעלכער וואָס זאָל פאַרשטיין אָפּצושאַצן די וויכטיקייט פון דער תורה, לויט איר פאַרנעם און ווערט, האָט גאָט געזאָגט: „נישטאָ דערפאַר קיין בעסער פאָלק פון די אידן. זיי זיינען צוגעפּאַסט צו אַזעלכע איידעלע געזעצן! כ'וועל אַראָפּנידערן אויפן באַרג סיני און זיי גלייך אין די הענט אריין איבערגעבן מיין הייליקע תורה, וועלכע איז געוואונטשן פאַר זייער אַרט לעבן און כאַראַקטער.

צוויי קרוינען

משה האָט אַרויסגעפירט דאָס פאָלק פון די געצעלטן, און עס אַוועקגעשטעלט ביים באַרג סיני, וועלכער איז געווען איינגעהילט אין רויך און אין פייער-פלאַמען. פון דאָרט האָט דאָס פאָלק דערהערט די צען געבאָט און גלייך געענטפערט: „מיר וועלן טון און מיר וועלן הערן” (נעשה ונשמע).

עס האָבן דאַן אַראָפּגענידערט פון הימל זעקס הונדערט טויזנט מלאכים, לויט דער צאָל פון די אידן און באַקרוינט יעדן אידנס קאָפּ מיט צוויי קרוינען. איינע פאַרן וואָרט „נעשה” און די צווייטע פאַרן וואָרט „נשמע”. די מלאכים האָבן אַזוי געזאָגט: „נאָט אייך, אידן, אַ מתנה פון גאָט, דערפאַר וואָס איר האָט גענומען די תורה און ניט פאַראויס-געפרעגט וואָס עס שטייט אין איר געשריבן. היט אָבער אָפּ די קרוין פון דער תורה מיט אייער גאַנץ לייב און לעבן, וועט זי אייך באַשיצן פון בייזע שונאים און גרויזאַמע פאַרפאָלגער, וועלכע וועלן אייך פאַרפאָלגן אין אַלע עקן פון דער וועלט. היט אָפּ די תורה. זי וועט זיין אייער רעטונג און פאַנצער. פאַר דעם בייז וואָס עס דראָט אייך צווישן די פעלקער. קיין כוח אויף דער וועלט וועט אייך פון היינט און וויטער נישט קענען אויסראָטן און אומברענגען!

די תורה

די חכמים האָבן געזאָגט: אַלע בערג זיינען ווערט געווען אַז די תורה זאָל אויף זיי געגעבן ווערן. דאָך האָט דערצו זוכה געווען נאָר דער באַרג סיני, צוליב זיין באַשיידענער האַלטונג, ווייל ער האָט ניט געזוכט פאַר זיך קיין גדולה.

אַלע פעלקער זיינען ווערט געווען צו קריגן די תורה, דאָך איז זי געגעבן געוואָרן צו די אידן, דערפאַר וואָס זיי רעכענען זיך פאַר גאָטס קנעכט און זיינען ניט קנעכט צו קנעכט (עבדים לעבדים).

יעדער מענטש פון די אידן איז ווערט געווען די תורה זאל געגעבן ווערן דורך אים; דאך האט קיין אנדערער ניט פארדינט דעם זכות אוי-סער משה'ן, צוליב זיין באשיידנקייט פון וועלכער ער האט אליין נישט געוואוסט, ביז די תורה האט אים באטיטלט מיטן נאמען „עניו" (והאיש משה עניו מאוד).

גרויס איז די תורה, וועלכע יעדער איד קען מקיים זיין, אומעטום וואו ער געפינט זיך. וואויל איז אבער דעם מענטשן וואס האט א מעג-לעכקייט מקיים צו זיין די תורה אין ארץ-ישראל!

אין דער נאכט פון שבועות

די אידישע ימים טובים, זיינען אין אלע צייטן געווען ווי דערנער אין די אויגן ביי די אנטיסעמיטן פון אלע לענדער. זיי האבן זיך באמיט אויסמישן דעם אידישן יום-טוב מיט טרויער דורך פארשידענע בלוט-בלבולים און שרעקלעכע פארפאלגונגען, כדי צו פארשטערן דעם אידן זיין שמחה און אים פארביטערן דאס לעבן.

וועגן שבועות, דעם שיינעם קולטור יום טוב פון אונזער פאלק, ווערט דערציילט פאלגנדע היסטארישע פאסרונג:

אין זעכצנטן יארהונדערט, האט געלעבט אין פראג איינער א רייכער און חשוב'ער איד, ר' יצדוק הכוהן, אן אנגעזעענע פערזענלעכקייט אין די רעגירונגס-קרייזן.

איינמאל אין א נאכט פון שבועות, ווען ר' צדוק איז געזעסן ביי זיין רייכן טיש צוזאמען מיט זיין פאמיליע און געפייערט דעם שיינעם יום-טוב, האט זיך דערהערט א קלאפ אין טיר און עס איז אריינגעקו-מען זיין פריינט, דעם קעניגס סעקרעטאר, וועלכער האט אים אוועק-גערופן אין א זייט און פארטרויט שטילערהייט א סוד.

— הערט, אוים ר' צדוק —הויבט אן דער מענטש דערציילן— שוין איינינקע טעג ווי איך זע דעם קעניג ארומגיין פארטראכט און שלעכט געשטימט. פרעגנדיק אים די סיבה פון זיין פארזארגטקייט, האט ער מיר דערציילט, אז עס איז צו אים געקומען זיין אלטער לערער, א קא-טוילישער גלח, און פון אים שטרענג געפאדערט מיטן צלם אין האנט און דורך א שבועה ארויסטרייבן ביז דריי וואכן צייט אלע אידן פון פראג, אן אויסנאם.

דעם קעניג אבער, אלס אידן-פריינט, איז א שאד די אידן, וועמען ער האלט פאר נוצלעכע מענטשן און געטרייע בירגער פארן לאנד. דאך אבער, אפהאלטן דעם גירוש איז אוממעגלעך, ווייל ער האט געשוואוירן ביים צלם און געגעבן זיין ווארט.

* * *

אויסהערנדיק די טרויעריקע נייעס, איז ר׳ צדוק דערציטערט גע־וואָרן. ער איז גלייך אַוועק צום רב און אים געמאָלדן וועגן דעם אומ־גליק. זיי האָבן זיך געישוב׳ט און באַשלאָסן זיך ווענדן צום קעניג אַליין און זען מיט אַלע מיטלען אָפּשרייען די ביטערע גזירה.

נאָך אין דער זעלבער נאַכט פון שבועות האָט זיך ר׳ צדוק הכוהן אָנגענומען מיט מוט און אַוועקגעלאָזט זיך קיין ווין, רייטנדיק אויף אַ פערד, צו בעטן רחמים ביים קעניג פאַר זיינע ברידער.

אָנקומענדיק אַהינצו אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט ער זיך אַוועקגע־שטעלט וואַרטן ביים פּאַלאַץ.

דערזעענדיק צופאָרן דעם קעניג אין אַ קאַרעטע, האָט ר׳ צדוק אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פון קאָפּ און איז געפאלן אויף די קני און בימער געוויינט.

— וואָס פאַרלאַנגסטו, איד און פון וואַנען ביסטו ? — פרעגט דער קעניג און קוקט אים אָן.

— איך בין געקומען פון פראג אייך בעטן, גנעדיקער קעניג, איר זאָלט רחמנות האָבן אויף מיינע ברידער, די אידן ,און זיי נימט אַרויס־טרייבן פון פראג.

— פון וואַנען ווייסטו עס און ווער האָט דיר דעם סוד אַנטדעקט?

— וואונדערט זיך דער קעניג.

— אין דער הייליקער נאַכט פון שבועות האָט זיך צו מיר באַוויזן אליהו הנביא און געהייסן מיר בעטן אייך פערזענלעך איר זאָלט האָבן גאָט אין האַרצן און אָפּרופן דעם גירוש. ער האָט מיר אויך געזאָגט —דערציילט אים ווייטער ר׳ צדוק,— אַז דער נייער פּויפּסט פון רוים וועט אייך אויפבינדן פון דער שבועה. די אידן וועלן געהאָלפן ווערן און איר וועט זיין געבענטשט אויף אייביק.

— אויב אַזוי, פאָר קיין רוים און זע עס אויספּועל׳ן ביים פּויפּסט, זאָגט דער קעניג, און דערלאַנגט אים אַ בריוו צום פּויפּסט מיט זיין אייגענער האַנטשריפט. — דו מוזט זיך אָבער צוריקקערן ביז דריי וואָכן צייט, פאַרן טערמין פון גירוש — וואָרנט אים דער קעניג.

מיטן זעלבן מוט און האָפנונג, האָט זיך ר׳ צדוק אַוועקגעלאָזט קיין רוים און געוואַרט דאָרט פיר טעג. ערשט אויפן פינפטן טאָג, ווען ער איז געשטאַנען אין וואַטיקאַן האָט ער דערזען ווי צוועלף יונגע גלחים טראָגן אויף אַ גאָלדענעם שטול דעם נייעם פּויפּסט, פּיום דעם פערטן און אַלע קניען און בוקן זיך צו אים.

ר׳ צדוק איז קניענדיק צוגעלאָפן צום פּויפּסט און אים אָפּגעגעבן דעם קעניגס בריוו.

נעמענדיק דעם בריוו אין האַנט האָט דער פּויפּסט גלייך דערקענט דעם קעניגס חתימה און דערלויבט ר׳ צדוק׳ן רעדן און פאַרלייגן זיין בקשה.

ר׳ צדוק האָט געשילדערט מיט טרערן אין די אויגן די טרויעריקע

לאנגע פון די אידן און וואס פאר אן אומגליק עס דערוואַרט זיי, אויב זיי וועלן אַרויסגעטריבן ווערן פון פראג. זיינע ווערטער האבן טיף גערירט דעם פויפסט און ער האט זיך אנגערופן:

— יא, איך וועל שוין באפרייען מיין ליב קינד, דעם קעניג, פון דער שבועה.

צומארגנס האט ר׳ צדוק געקראגן א בריוו פון פויפסט, וועלכער שאפט אפ דעם קעניגס שבועה.

ער איז גלייך אַוועק קיין ווין און אים איבערגעגעבן דעם קעניג. דער ערשטער דעקרעט וועגן גירוש איז אפגערופן געוואָרן און ר׳ צדוק האט זיך צוריקגעקערט קיין פראג.

צוקומענדיק צום טויער פון שטאט האט דער זייגער געקלונגען עלף. ר׳ צדוק האט געטראפן שטיין אלע אידן, מענער, פרויען און קינדער. די קראנקע און אלטע זיינען געלעגן אויף וועגענער. אלע זיינען געשטאנען גרייט צו פארלאזן פראג, ווען דער זייגער וועט אויסשלאגן די צוועלפטע שעה. דער רב איז געשטאנען פאראויס און האט געוויינט. פלוצלינג איז דערשינען ר׳ צדוק אויף זיין פערד און האט געהאלטן אין האנט דעם קעניגס נייעם דעקרעט וועלכן ער האט דערלאנגט דעם קאמיסאר פון שטאט.

— דער גירוש איז אפגעשאפט אין נאמען פון קעניג! — האט דער קאמיסאר אויפגעהויבן א ווייסע פאן און אויסגעשריען אויף א קול.

די אידן זיינען דאן צוגעלאפן צו ר׳ צדוק׳ן און האבן אים אויף די הענט געהויבן אריינטראגנדיק אים אין שטאט אריין. זיי זיינען געלאפן אין די שולן מיט גרויס פרייד און געדאנקט גאט פאר דעם נס וואס איז דורך ר׳ צדוק הכהן געשען אין דער נאכט פון שבועות.

די טרויער-חדשים תמוז-אב

די צוויי חדשים תמוז און אב זיינען פון אנפאנג אן באשטימט געווארן פאר פרייד און שמחה. איז אבער אונטערגעקומען די זינד פון עגל און האט פארוואנדלט די דאזיקע חדשים אין טרויער פאר די אידן פון דער גאנצער וועלט.

דער נביא פון צער און צארן, ירמיהו, האט באקלאגט די דאזיקע צוויי חדשים אין זיין מגילת-איכה מיט פאלגנדע קלאג-ווערטער: „אלע אירע נאכיאגער האבן זי דערגרייכט צווישן די ענגענישן", (כל רודפיה השיגוה בין המצרים) — דאס מיינט: תמוז און אב.

וואס איז געשען אין תמוז? אין דעם חודש האט משה אראפגעבראכט די לוחות פון בארג סיני און געוואלט מאכן די אידן פאר פרייע בירגער און א מאראליש פאלק.

טרעפנדיק זיי אבער ארומטאנצן ווילד און נאריש ארום א גאלדענעם קאלב, איז ער אנטוישט געווארן. ער האט געכאפט די לוחות און מיט כעס א שליידער-געטון צו דער ערד און זיי צעבראכן. פון דעמאלט

אַז איז דער חודש פאַרבליבן אַ קלאָג אויף דורות (בכיה לדורות).

אין תמוז האָט אויפגעהערט עקזיסטירן דער קרבן-תמיד אין ערשטן בית-המקדש. אין זעלבן חודש האָט דער שונא איינגעדרונגען די שטאָט ירושלים אין די צייטן פון צווייטן בית-המקדש. אפאָסטאָמוס הרשע האָט פאַרברענט אַ ספר תורה און האָט אוועקגעשטעלט אַ צלם אין הייליקן היכל.

אויך נאָענט צו אונזערע צייטן איז דער חודש תמוז פאַרבונדן מיט טרויער און פאַרלוסט: אין דעם מאָנאַט האָבן די אידן פאַרלוירן דריי לינטיקע און גרויסע פּערזענלעכקייטן פון דור: צוואַנציק טאָג אין תמוז איז פריצייטיק איבערגעריסן געוואָרן דאָס שעפערישע לעבן פון אומשטערבלעכן ציוניסטישן מנהיג בנימין זאב הערצל, וועלכער האָט געקעמפט פאַר אַ אידנשטאַט און געשטרעבט צו באַפרייען זיין פאָלק פון גלות און עס איינאָרדענען אַלס זעלבסטשטענדיקע אומה אויף אַן אייגענעם באָדן. ער האָט עס אָבער נישט דערלעבט און נישט זוכה געווען צו זען די אויפלעבונג פון ציון און ירושלים.

מיט יאָרן שפּעטער, איינאונצוואַנציק טאָג אין תמוז, (כ"א תמוז) האָט דער טויט אוועקגערויבט פון אונזער מיט דעם גרעסטן נאַציאָנאַלן דיכטער פון אונזער צייט, רבי חיים נחמן ביאַליק, דער גאון פון דער מאָדערנער העברעאישער פּאָעזיע, וועלכער האָט דערמוטיקט מיט זיין קרעפטיקן ליד דאָס פאַרביטערטע האַרץ פון די אידן אין גלות און זיי דערמונטערט און געשטאַרקט מיט האָפענונג אויף קיום און גאולה.

23 טאָג אין תמוז איז געשטאָרבן דער אומדערמידלעכער קעמפער פאַר דער דערלייזונג פון זיין פאָלק, זאב (וולאַדימיר) זשאַבאָטינסקי.

* * *

איינאונצוואַנציקן יום-טוב וואָלטן די אידן יאָ געווען פאַרמאָגט אין דעם דאָזיקן חודש, איז ער אויסגעמישט געוואָרן מיט זעכציק מאָל אבילות: פערצן טאָג אין חודש תמוז האָבן די פרומע פרושים באַזיגט די צדוקים און באַשטימט דעם טאָג פאַר יום-טוב. איז ער אָבער נישט אָנגענומען געוואָרן ביים פאָלק צוליב די ווייטערדיקע טרויעריקע געשעענישן און איז פאַרגעסן געוואָרן ביז היינט.

וועגן דעם ביטערן חודש אב, אין דער געשיכטע פון דער אידישער מאַרטיראָלאָגיע, איז איבעריק צו דערמאָנען. עס זיינען דאָך שוין לאַנג באַוואוסט די שוידערלעכע פאַסירונגען און פורעניות'ן, וואָס די אידן זיינען אויסגעשטאַנען ביי ביידע חורבנות אין דעם דאָזיקן חודש, ווע- מעם בלוטיקע שפּורן עס זעען זיך גאַנץ בולט אַן אויפן צעווייטיקטן קערפּער פון אונזער פאַרפּאָלגטער אומה.

דער דערלייזער פון ישראל אָבער האָט ענדלעך געטרייסט די דודשים תמוז און אב און פאַרזיכערט צו פאַרוואַנדלען זיי אין חדשים פון טרייסט און האָפענונג, גאולה און אויפלעבונג פאַרן אידישן פאָלק, אין דעם לאַנד פון זיינע אבות.

תשעה באב

דער כאראַקטער פון תענית

תשעה-באב ווערט פאַררעכנט ביי די אידן פאַר דעם גרעסטן טרויער-טאָג אין דער אידישער געשיכטע. מיט 2.500 יאָר צוריק איז אין דעם דאָזיקן טאָג חרוב געוואָרן דורך נבוכדנצר מלך בבל אונזער ערשטער בית-המקדש און די אידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד. מיט אומגעפער 6 הונדערט יאָר שפּעטער האָט דער גרויזאַמער רוימישער קעניג, טיטוס הרשע, אינם זעלביקן דאַטום חרוב געמאַכט דעם צווייטן בית-המקדש און פאַרטריבן די אידן פון זייער לאַנד. מיט פופציק יאָר שפּעטער איז אין דעם דאָזיקן דאַטום באַזיגט געוואָרן בר-כוכבא און עס איז געפאַלן די פעסטונג ביתר.

אויף וויפל דער טאָג איז געווען פאַטאַל פאַרן אידישן פאָלק איז אַ באַוויז, וואָס דער גירוש-שפּאַניע איז אין אים פאָרגעקומען (1492) און אויך אין אונזער צייט האָט אין דעם דאָזיקן טאָג אויסגעבראָכן די בלוטיקע ערשטע וועלט-מלחמה (1914), וועלכע האָט מיטגעבראַכט דעם חורבן פון צענדליקער אידישע קהילות און שפּעטער די פּאָגראָמען פון די יאָרן 1917-18.

תשעה-באב פאַסט מען און מען לייענט מגילת איכה, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן פון דעם נביא ירמיהו, וועלכער האָט בייגעלעבט דעם חורבן און צוגעזען מיט זיינע אויגן די גרויסע טראַגעדיע וואָס ער האָט געבראַכט אויף אונזער פאָלק.

לויט דער לעגענדע איז אין דעם 9-טן טאָג אין אב געבוירן געוואָרן משיח, וואָס וועט אויסלייזן די אידן פון זייער ביטערן גלות, און פון דעם גרעסטן טרויער-טאָג וועט ער פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם **גרויסן יום-טוב פון דער פולער אידישער דערלייזונג.**

★

לעגענדעס אַרום תשעה - באב

נבוכדנצר און די טויערן פון בית-המקדש

נבוכדנצר הרשע האָט זיך אריינגעריסן מיט זיינע האַרן און דינער אין הויף פון בית-המקדש און געדראָט אַנגיין אויף ווייטער מיט זיין גרויזאַמער צעשטערונגס-אַרבעט, אַלץ חרוב צו מאַכן און פאַרניכטן מיט בייזן צאָרן און ווילדן כעס.

ווען די טויערן פון בית-המקדש האָבן דערזען ווי אומריינע גויים באַטרעטן מיט זייערע שמוציקע פיס די הייליקע ערד פון גאָטס הויז און שטייען אַנטקעגן זיי, האָבן זיי זיך פעסט צוגעשלאָסן און בשום אופן זיך נישט געלאָזט אויפעפענען.

נבוכדנצר האָט געשיקט רופן אַן אָפּטיילונג פון זיינע סאָלדאָטן, וועלכע זיינען גלייך געקומען אויף זיין רוף און געבראַכט מיט זיך דריי-הונדערט און זעכציק קעמלען, באַלאָדענע מיט שווערע אייזנס, האַמערס און העק, כדי אויפצוהאַקן און צעשטורעמען די טויערן. צוטרע-טנדיק אָבער צו דער אַרבעט, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַן אויפ-רייס פון איינעם פון די פאָדערשטע טויערן, וועלכער האָט די אַרבעטער צעריסן אויף שטיקער און שטיקלעך פאַר איינמאָל און זיי פאַרשאָטן אונטער זיינע ברוך-שטיקער.

די אינערלעכע טויערן פון בית-המקדש זיינען געבליבן פאַרריגלט און פאַרשלאָסן און ווי שווערע פעסטונגען האָבן זיי זיך געהאַלטן פעסט און אומבאַרירט און אַלץ זיך ניט געלאָזט עפענען, ביז עס איז אונטער-געקומען דער בייזער רשע פרניטוס, וועלכער האָט געשאָכטן אַ חזיר אין הויף פון בית-המקדש און באַשפריצט מיט זיין בלוט אַלע טיילן פון הייליקן הויז און עס גרויזאַם פאַראומריייניקט. ערשט דאַן, ווען דער בית-המקדש איז טמא געוואָרן דורך דעם אומריינעם חזיר-בלוט און עס איז דערפון פאַרשוואונדן דער געטלעכער כבוד און קדושה, וואָס האָבן דערויף געשוועבט טאָג ווי נאַכט מיט הימלישע שיין, ערשט דאַן האָבן זיך צעעפנט די טויערן פאַרן שונא און אים אַריינגעלאָזט אינע-ווייניק פריי און אומגעשטערט.

דאָס בלוט פון זכריה הנביא

אַריינקומענדיק אין בית-המקדש, האָט זיך נבוכדנצר הרשע אָוועק-געזעצט אין דער עזרה פון זכריה בן יהוידע כוהן גדול, וועמענס בלוט עס האָט דאָרט געקאָכט און געזאָטן לאַנגע יאָרן אויף דער ערד אומ-אויפהערלעך און זיך ניט איינגעשטילט, אָנוואַרפנדיק אויף אַלעמען אַ שרעק און מורא, פאַר דער זינד וואָס איז קעגן דעם נביא באַגאַנגען געוואָרן.

— וואָס פּאַסירט דאָ? — פרעגט דער קעניג, אַ דערשיטערטער פון אויפרעגונג. וועמענס בלוט קאָכט עס און זידט דאָ אַזוי אומרואיק און שרעקלעך?

— אַ נביא איז געווען צווישן אונז, זכריה האָט ער געהייסן — ענטפערן דעם קעניג די עלטסטע פון די אידן, מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ. — ער פלעגט אונז שטענדיק מוסר זאָגן און שטראָפן מיט האַרבע רייד פאַר אונזערע לייכטזיניקע מעשים און געצנדינערישע מנהגים, האָבן מיר אים ניט געפאָלגט און ניט געדולדעט. ביז מיר האָבן אים ענד-לעך דער׳הרג׳עט אָט-אָ-דאָ, אין בית המקדש. זיין בלוט אָבער שרייט אַרויס פון דער ערד און שטילט זיך ניט איין, שוין זייער לאַנג!

— איך וועל איינשטילן דאָס בלוט, וואָס שרעקט אַזוי און וואַרפט אַן אימה — האָט נבוכדנצר געזאָגט.

וואָס האָט ער געטון? דער רשע האָט געהייסן ברענגען פיר טויזנט כוהנים, אויסגעפוצטע אין זייערע כהונה-קליידער און באַפוילן אויס-שחט׳ן זיי איינציקווייז אויפן בלוט פון זכריה הנביא.

זעענדיק אָבער אַז עס העלפט ניט און דאָס בלוט קאָכט ווייטער, האָט זיך דעם רשע׳ס בייזער צאָרן נאָך מער צעפלאַקערט. ער האָט אַ טופע-געטון מיטן פוס אויף דער ערד און אויסגעשריען:

— בלוט, בלוט, אויב דו וועסט זיך באַלד ניט איינשטילן, וועל איך אויסשחטן די גאַנצע אומה אויף דיר!״, איז באַלד אַ נס געשען: דאָס

בלוט האָט אויפגעהערט קאָכן און איז פארשלונגען געוואָרן טיף אין דער ערד.

די כוהנים וואַרפן זיך אין פייער

ווען דער כוהן-גדול האָט דערזען ווי דאָס בית-המקדש שטייט איינגעהילט אין פייער-פלאַמען און די בעסטע פון זיינע ברידער-כוהנים זיינען טראַגיש אומגעבראַכט געוואָרן דורך דער מערדערישער האַנט פון רשע, האָט ער זיך אָנגעטון אין זיינע הייליקע כהונה-קליידער, אַרום-געגאַרטלט מיט זיין שיינעם בייגאַרטל אַרום די לענדן און נעמענדיק אין האַנט די שליסלען פון בית-המקדש, איז ער מוטיק אַרויף אויפן דאַך פון הייליקן היכל און האָט אויסגעשריען מיט טיפן צער און ווייטיק:

— דאָס הויז ווערט דאָך אָפּגעגעבן און איבערגעענטפערט צו זיין ריכטיקן בעל-הבית, נו, צו וואָס טויגן איצט די שומרים!... אַרויסקרעכצנ-דיק פון זיין האַרץ דעם לעצטן ווי-געשריי, האָט ער זיך האַסטיק אַראָפּ-געוואָרפן פון דער הויך, גלייך אין פייער און איז פארשלונגען געוואָרן צווישן די פייערצונגען, וואָס האָבן געפלאַקערט און געברענט דעם בית-המקדש.

אים האָבן נאָכגעפאָלגט די אַנדערע כוהנים און לויים. זיי האָבן גענומען אין זייערע הענט די פידלען און האַרפעס און איינער נאָכן אַנדערן זיך געוואָרפן אין פייער אריין, מיט הייליקער גבורה און העלדן מוט.

*

די שוואַלב און די שפין

אויף אַ צווייגהאַפטיקן בוים אין ירושלים, האָט זיך מיט טויזנ-טער יאָרן צוריק באַוויזן אַ יונגע שוואלב און האָט טאָג-טעגלעך גע-זונגען שיינע ניגונים.

האָבן קינדער אויפגענומען מיט פאַרגעניגן דאָס געזאַנג און איר געבראַכט פילע הויפנס מיט קערנער צום עסן.

די שוואלב האָט געגעסן צו זאַט און געדאַנקט די קינדער פאַר זייערע מתנות און זיי שטאַרק ליב באַקומען, איבערגעבנדיק די דאַ-זיקע קינדער-ליבע בירושה צו אירע קינדער און קינדס-קינדער, אויף לאַנגע דורות.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען שלמה המלך האָט געבויט דעם בית-המקדש אין ירושלים, האָט די שוואלב נישט גערוט; פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט, פלעגט זי טראָגן אין איר שנאָבל וואַסער, ליים און גאַנצע שטיקער ערד און האָט מיטגעהאָלפן די בויער אין זייער הייליקער אַרבעט.

— דו אַרבעסט דאָך אומזיסט! — פלעגן זי אַנדערע פייגעלעך

אויסלאכן — ביי אזא ריזיקן בנין פון געהאקטע שטיינער, וואָס האָלט דריי הונדערט איילן בלויז די לענג, וואָס פּארא ווערט האָבן דיינע עטלעכע שנאָבל-וואסער און ליים וואָס דו טראָגסט?

— עס מאכט נישט אויס, טון אביסל גוטס, איז נאָך אַלץ בעסער ווי גאָרנישט טון — פּרעגט זיי די שוואַלב ענטפערן און האָט ווייטער פאָרגעזעצט איר ארבעט אומדערמידלעך,

אזוי זיינען גאַנצע שורות וועגט אויפגעשטעלט געוואָרן און דאָס בוי-ווערק איז פון טאָג צו טאָג אַלץ העכער און שענער געשטיגן. נאָך א שורה ציגל, נאָך אַ שנאָבל-וואסער מיט ערד און דער גראנדיעזער בנין איז פארענדיקט געוואָרן און צוזאמען מיט אים אויך אַ ווארעמע נעסט פאר דער מיזאמער שוואלב, וואָס זי אליין האָט אויפגעבויט אונטערן דאך ביי דער רינע. דאָרט איז זי געזעסן און האָט אויסגע-בריט יונגע שוועלבעלעך, וועלכע האָבן אויך ליב געהאט קינדער. ווען די קויים האָבן געזונגען זייערע לויב-לידער צו גאָט, פלעגט די שוואלב מיטזינגען און ווען דער כוהן האָט געבענטשט דאָס פאָלק, האָט זי געענטפערט „אמן"! קינדער פלעגן זי שפייזן מיט קערנער און זי פלעגט פאר זיי זינגען.

* * *

דערזעענדיק דער שוואַלבס שיינע ארבעט און איר חן ביי די קינדער, האָט איר די שפין מקנא געווען און געטראכט:

— איך וועל וועבן מיין שפינוועבס און אריינגאַרן פליגן צום נאָגן און קינדער וועלן מיינען, אז איך וועב אויס אַ פרוכת פארן הייליקן ארון, אָדער אַ קלייד פארן כוהן גדול, וועלן זיי מיך אויך ליב האָבן און ברענגען מתנות.

פאַרקלייבנדיק זיך אין אַ ווינקל, גאָר אין דער הויך פון די אי-נעוויינקסטע צימערן, האָט די שפין געטון איר ארבעט און געוואַרט אויף מתנות. אַהינצו פלעגט אָבער קיינער נישט אריינקומען. אוי-סער דעם כוהן גדול איינמאָל אין יאָר. איז די שפין הונגעריק געוואָרן און זי האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין הויף פון בית-המקדש, וואו זי האָט אויפסניי געוועבט אירע גַעדיכטע פעדים און געפאנגען פליגן-קרבנות.

— אוי, אַ נעץ, אַ פאסטקע אויף פליגן! — האָבן קינדער אָנגע-הויבן שרייען — זעענדיק ווי אומבאַהאָלפענע פליגן פלאָנטערן זיך צווישן דעם געוועב, און כאפנדיק אַ שטעקן, איז איינער אַ געוואַג-טער אינגל אַרויפגעקראָכן אויף אַ לייטער און האָט צעריסן די שפי-נענוועבס און אזוי ארום צעשטערט אירע פארעטערישע פלענער.

פון דאַן אָן, האָט די שפין פיינט באַקומען קינדער און האָט גע-שוואוירן נעמען פון זיי נקמה. די דאָזיקע שנאה איז אויך איבערגע-גאַנגען צו אירע קינדער און קינדס-קינדער אויף שפּעטערדיקע דורות.

* * *

נאָך פיל הונדערטער יאָרן, ווען נבוכדנצר הרשע האָט אָנגעצונ־דן דעם בית־המקדש אין ירושלים און אים איינגעהילט אין פלאמען, זיינען געקומען איילנדיק צופליען די שוואלבן פון זייערע נעסטן און האָבן געטראָגן פולע שנאָבלען מיט וואסער אויסצולעשן דאָס פייער. זיי איז געלונגען אָפצוראטעווען די איינציקע מערב־וואנט, וואָס שטייט נאָך ביז היינט אויפן בארג מוריה. דאקעגן, האָבן די שפינען גוט געדענקט די שנאה און געטראָגן פייער אין זייערע מיילער צו פארגרעסערן די שרפה.

דערפאר האסן קינדער די שפין און באווארפן זי מיט שטיינער, אַז׳ער דערקוועטשן איר מיט די פיס. די שוואלב אָבער איז פארבליבן אייביק באַליבט און געטריי און עס איז אַן אומפאַרצייל׳עכער פאַר־ברעכן, ווען מען צעשטערט אַ שוואלבן־נעסט.

עס ווערט דערציילט, אַז אַלע יאָר — תשעה־באב, זאמלען זיך צונויף גאַנצע מחנות שוואלבן אַרום דער מערב־וואנט און ווארטן עס זאָ׳ן קומען די בויער און ווידער אויפבויען דעם בית־המקדש, כדי זיי זאָלן קענען מיטהעלפן אין דער הייליקער בוי־ארבעט.

הלוואי, עס זאָל געשען נאָך אין אונדזערע צייטן!

איינעם טאָג פון חורבן בית - המקדש

אין דעם טרויעריקן טאָג פון חורבן בית־המקדש, ווען די אידן זיי־נען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד און האָבן אָנגעהויבן פאַרזוכן דעם ביטערן טעם פון גלות, האָט זיך אויך די נאַטור באַטייליקט אין זייער טיפן צער און מיטגעפילט דעם נאַציאָנאַלן בראָך פון דער אי־דישער אומה.

אין יענעם טאָג האָט זיך די זון נישט געאיילט אַרויסלאָזן אויף איר טור צו באַשיינען די וועלט. די ווארימע צארטע פרימאָרגן־ווינטן, וועלכע פלעגן טאָג־איין, טאָג־אויס באַגינען צייט אויפוועקן די גראָזן פון נאַכט־שלאָף, האָבן אין יענעם טאָג אויפגעהערט צו בלאָזן. שמע־קנדיקע רויזן און בלומען, וועלכע פלעגן דערקוויקן די הערצער פון אַלע באַדערפענישן, מיט געשמאַקע דופטן און בשמים־ריחות, האָבן אָפּ־געשטעלט זייער אַרבעט און מער נישט געוואָלט וואַקסן און בליען.

דער אידישער צער האָט געשוועבט איבערן גאַנצן חלל פון דער וועלט און אָנגעפולט די לופט מיט ווייי און קרעכץ און געמאַכט אויפ־ציטערן אַלעמען, וואָס האָט נאָר אין זיך אַ לעבעדיקן אָטעם.

די גאַנצע וועלט האָט זיך איינגעהילט אין אַ גרויסן טרויער־מאַנטל און שמערצלעך געיאָמערט און געקלאָגט: הימלען בלייענע, ערד פאַר־שוואַרצטע, אַן שפורן פון לעבן און אַן פרייד פאַר דעם לעבנס־באַשאַף.

דערזעענדיק דעם וועלט־צער צוליב אידישע צרות און חורבן אַרץ־

ישׂראל, האָט זיך דער אויבערשטער אליין פאַרבאָרגן אין באַהעלטעניש, איינגעהילט אין אַ טרויער-קלייד און האָט געקלאָגט:

— ווי צו מיינע קינדער, וואָס צוליב זייערע זינד האָב איך געמוזט חרוב-מאַכן מיין הייליקן היכל. ווי איינזאַם עס איז געבליבן זיצן די שטאָט ירושלים" (איכה ישבה בדד העיר!).

די געטלעכע ביטערע קלאָג האָט געמאַכט אויפטרייסלען די הימלען און דערשיטערט די מלאכים.

עס זיינען דאַן דערשינען פאַרן געטלעכן טראָן מיכאל און גבריאל. זיי האָבן אָנגעהויבן טרייסטן זייער האַר, דעם וועלט-באַשעפער, מיט פאָלגנדע טרייסט-ווערטער:

— האַר פון דער וועלט! זאָל דיין טרויער נישט אָנהאַלטן לאַנג. ארץ-ישׂראל וועט ווידער אויפגעבויט ווערן און דיין פאָלק וועט זיך פרייען מיט דער שמחה פון ירושלים, וועלכע וועט ווערן ווי אַן איינגעפאַסטער דימענט-שטיין אין דער קרוין אויף דיין קאָפּ און באַצירן דיין געטלעכן טראָן. פרייט אייך מיט מיט ירושלים, פרייט אייך די אַלע, וואָס האָבן צוגעזען איר חורבן און געטרויערט אויף אירע רואינעס.

* * *

האָבן די טרייסט-ווערטער פון די מלאכים געקראָגן אַן אָפּקלאַנג אין די הימלישע ספערן און דערמוטיקט אַלעמען.

גאָט אליין האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין טרויער-שטול און צוגערופן די נביאים. ער האָט זיי געשיקט טרייסטן די אידן און אַזוי געזאָגט:

— „טרייסט, טרייסט מיין פאָלק, זאָגט אייער גאָט" (נחמו, נחמו עמי, יאמר אלקיכם).

עס האָט דאַן מעכטיק אָפּגעהילכט אַ בת-קול פון הימל און אויסגעשריען:

— משיח איז געבוירן געוואָרן, משיח איז געבוירן געוואָרן!

די זון האָט אויפגעשיינט ריין און גלאַנצנדיק מיט אירע לויטערע צויבער - שטראַלן. פרימאָרגן-ווינטעלעך האָבן אָנגעהויבן בלאָזן צאַרט און מילד, אויפוועקנדיק פאַרשלאָפענע גראָזן און פאַרשמאַכטע בלומען, וועלכע האָבן זיך אויף שנעל צעבליט און צעוואַקסן און אויסגעשפּרייט אַרום זיך געשמאַקע בשמים-ריחות.

די וועלט האָט פאַרשמעקט און אַלע באַשעפענישן האָבן אָפּגעאָטעמט און אויפגעלעבט.

פון יענער צייט אָן, שטייט דאָס אידישע פאָלק און וואַרט מיט אומגעדולד אויף משיח'ן און אויף דער פולשטענדיקער גאולה. עס האָפט אויסגעלייזט צו ווערן פון ביטערן גלות, וואו עס ווערט גרויזאַם געפייניקט, און שטרעבט צוריקקערן קיין ארץ-ישׂראל, כדי צו קענען לעבן פריי און זעלבסטשטענדיק.

ווען איבער ירושלים האָט זיך באַוויזן אַ שטערן

נאָך העט-העט פריער, איידער דאָס בית-המקדש איז חרוב געוואָרן, האָבן זיך באַוויזן אין די הימלען וואָס איבער ירושלים, טרויעריקע און שרעקלעכע צייכנס, וואָס האָבן אָנגעדייטעט און פאָראויסגעזאָגט דעם חורבן און אונטערגאַנג פון יהודה.

דאָס אומגליקלעכע פאָלק אָבער האָט דערויף קיין אַכט נישט גע-לייגט און קנאַפּ-וואָס געגלויבט אין די אַלע בייזע סימנים, ביז דאָס אומגליק איז געשען.

צום ערשטן, האָט זיך באַוויזן איבער דער שטאָט ירושלים אַ שטערן אויפן הימל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שווערד, און אַ יאָר צייט נאָכאַנאַנד זיך פון אָרט ניט גערירט.

שפּעטער, ווען אידן זיינען געקומען קיין ירושלים צו פייערן דעם יום-טוב פסח, האָט פּלוצלינג אין אָוונט אויפגעשיינט אַ שטראַלנדיק ליכט און באַדעקט דעם מזבח און היכל אין משך פון אַ האַלבער שעה צייט. דאָס האָט אַרויסגערופן גרויס דערשטוינונג און באַוואונדערונג ביי די מער פאַרשטענדיקע לייט, וועלכע האָבן דערין געזען אַ צייכן און אָנזאָג אויף דער צוקונפט.

דער אינערלעכער מזרח-טויער פון היכל, וועלכער איז געמאַכט געוואָרן פון לויטער קופּער און איז געווען שטענדיק פעסט צו-געשלאָסן מיט שלעסער און ריגלען, אַריינגעשמידט טיף אין דער שטיי-נערדיקער שוועל, דער דאָזיקער טויער, וואָס ניט ווייניקער פון 20 פּערזאָן פלעגן אים מוזן אַלע אָוונט פאַרשליסן, האָט זיך אַמאָל אינמיטן דער נאַכט אַליין צעעפנט, און עס האָט לאַנג געדויערט אים צוריק-שליסן. אַ צייכן האָט מען דערין אַרויסגעזען: אַז דער טויער האָט זיך פאַרן פיינט געעפנט.

* * *

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט ביים זון-אונטערגאַנג, האָבן זיך אויפן הימל באַוויזן מלחמה-קאַרעטן מיט באַוואָפנטע מיליטער-לייט, וועלכע האָבן מאַרשירט צווישן די וואָלקנס און זיך דאָרט אַ וועג אויסגעטראָטן.

פיר יאָר פאַר דער מלחמה, ווען דאָס לעבן אין ירושלים האָט נאָך געפלאָסן נאָרמאַל און רואיק, איז פון ערגעצוואו דערשינען אַן איינ-פאַכער פויער מיטן נאָמען ישוע בן-חנינה און האָט פּלוצלינג אַלאַר-מירט די גאַנצע שטאָט מיט אַ שניידנדיק, הילכיק קלאָג-ליד:

— איך הער אַ שטימע פון מזרח און אַ שטימע פון מערב; מיט אַ שווערער נבואה וועגן היכל, וועגן חתן-כלה און וועגן דעם גאַנצן פאָלק!... טאָג ווי נאַכט, האָט דער דאָזיקער קלאָג-זינגער אַרומגעקרייזט די גאַסן פון שטאָט און אַלעמען אין די אויערן אַריינגעזונגען זיין פאַר-צווייפלונג און יאוש, וואָס האָט שטאַרק באַאומרואיקט די באַפעלקע-

רונג; און אויף יעדן איינציקן אַ שווערן איינדרוק געמאַכט, ביז מען האָט אים פּאַר די קללות גענומען באַשטראָפן און שלאָגן.

ער האָט זיך אָבער ניט געוועדט, נאָר שטיל און געדולדיק געליטן שמערץ און ווייטיק און קיינעם ניט געוואָלט ענטפערן. זיין טיפן צער און צאָרן האָט ער נאָר אויסגעדריקט דורך די זעלבע קללות און שטראָף-רייד מיט וועלכע ער האָט אָנגעהויבן.

ווען מען האָט ישוע'ן געבראַכט פאַרן רוימישן פּאַרוואַלטער, אַלס באַשולדיקטער אין שטערן די עפנטלעכע רו און שילטן דאָס פאָלק, האָט דער טיראַן זיין לייב געהייסן דרעשן מיט אייזערנע ריטער, ביז עס האָבן זיך אַרויסגעזעצן די ביינער.

דער מענטש האָט אָבער אפילו קיין איינציקע טרער נישט געלאָזט, נאָר אויף די קלעפּ וואָס ער האָט געקראָגן,האָט ער מיט די לעצטע כוחות אויסגעשריען „ווי איז צו דיר, ירושלים!".

אויף דער פראַגע ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט, — האָט ער קיין ענטפער ניט געגעבן און קיינעם ניט געטאַדלט, כאָטש מען האָט אים מערדערלעך געשלאָגן. אויך האָט ער ניט באַדאַנקט דעם וואָס האָט אים ברויט געגעבן, זיינע ליפּן האָבן נאָר אַרויסגעברומט די ביטערע קלאָג און שרעקלעכע נבואה!...

די גאַנצע צייט, האָט ישוע'ס טרויער-ליד נאָכאַנאַנד אָפּגעקלונגען בייז און שטרענג אויף אַלע עפנטלעכע פלעצער, וואו דאָס פאָלק האָט זיך פאַרזאַמלט, איבערהויפּט אין די שבתים און ימים-טובים. זיין קול איז ניט פאַרטריקנט געוואָרן און נישט פאַרמאַטערט, ביז ירושלים איז ענדלעך באַלאַגערט געוואָרן פון שונא. דאַן איז זיין ליד אויף אייביק פאַרשטומט געוואָרן.

אַרומרינגלענדיק אַמאָל דעם מויער פון שטאָט, האָט ער אַלץ איבערגע'חזר'ט דאָס זעלבע: — „ווי איז צו דיר, ירושלים!... און לעצטנס נאָך צוגעגעבן: ווי, ווי איז אויך צו מיר!".

ביי די דאָזיקע ווערטער, האָט אַ שטיין אים געטראָפן אין קאָפּ, פון וועלכן ער איז שטערבלעך פאַרוואונדעט געוואָרן.

ביים אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם-צוג, האָבן זיך פון זיין מויל, קרעכצנדיק דערהערט פאָלגנדיקע ווערטער:

— גאָטס אויג וואַכט אויף די וועגן פון מענטשן, ווען ער אַנטפלעקט הילף און באַט אַן רעטונג. נאָר צוליב לייכטזיניקייט און שלעכטע מעשים, פאַרלאָזן די מענטשן דאָס גוטס און קלייבן זיך אויס די וועגן פון טויט.

——*——

גאָט, ווען וועסטו אָפּווישן די טרער פון דיין פאָלקס פּנים?

דאָרט, אין די הויכע הימלען, נאָענט צום טויער פון רחמים, (שער הרחמים), געפינט זיך דער טרערן־היכל. אָפן זיינען זיינע טויערן טאָג ווי נאַכט און ווערן קיינמאָל ניט פאַרשלאָסן. א יונגער מלאך, אַ מלאך פון גוטס און פון חסד, וואַכט שטענדיק איבער דעם היכל און לאָזט פון אים קיין אויג ניט אַראָפּ. ער שוועבט אַרום פון איין עק וועלט ביזן צווייטן און ווי נאָר ער זעט אַ מענטשלעכע טרער, זאַמלט ער און גיסט איר אריין אין די טרערן־לאָגלען וואָס שטייען אין היכל. עס זיינען פאַראַן צוויי לאָגלען: איינער פאַר טרערן פון צער און דער צווייטער — פאַר טרערן פון פרייד.

דער טרערן־לאָגל פון צער איז שוין לאַנג איבערפולט. זיינע טרערן האָבן זיך צעגאָסן און זיינען געוואָרן פלייצנדע טייכן. פון די טייכן הויבט זיך אויף אַ שוואַרצע פאַרע און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פינס־טערע וואָלקן, וועלכער פאַרדעקט די שיין פון דער זון. די פעלדער וויסטן, דער ווינט שטורעמט און די בוימער ציטערן פאַר שרעק. פון די שוואַרצע וואָלקנס גיסן נודנע רעגנדלעך אָן אויפהער און פאַרפלייצן די גאַסן, מענטשן פילן זיך דאַן שלעכט און זאָגן: „זעט, אויך די הימ־לען וויינען".

אין איינער פון די אַמאָליקע ווייטע צייטן, מיט פיל דורות צוריק, האָט דער גוטער מלאך אַראָפּגענידערט אויסצוליידיקן דעם טרערן־לאָגל, דעם לאָגל פון צער, אין איינעם פון די טייכן. איבערציילנדיק זייער צאָל, האָט ער געזען אַז די אידישע טרערן זיינען גרעסער אין צאָל פון אַלע פעלקער פון דער וועלט. האָט אים זייער פאַרקלעמט ביים האַרצן און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר גאָטס טראָן און אָנגע־הויבן שרייען:

— גאָט, ווען וועסטו אָפּווישן די טרערן פון דיין פאָלקס פּנים און ביז ווי לאַנג נאָך, וועט זיך ניט דערוועקן דיין רחמנות אויף די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב?

שטייענדיק אַזוי פאַרן געטלעכן טראָן מיט תפילה פון רחמים פאַרן פאָלק ישראל, איז אַרויסגעפאַלן דער טרערן־לאָגל פון מלאכ'ס האַנט און האָט זיך צעבראָכן, די טרערן האָבן זיך צעגאָסן און זיינען געוואָרן אַ פלייצנדיקער טייך, אָנגעפולט אויף אַלע זיינע ברעגן מיט אידישע טרערן: טרערן פון נויט און פיין, פאַרשקלאַפונג און גלות.

— דער טייך דערמאָנט מיך די זינד פון מיין פאָלק — זאָגט גאָט צום מלאך, — און ווען ער וועט אויסטרוקענען, וועלן דאַן די אידן אויס־געלייזט ווערן פון גלות!

— מיט וואָס קענען דיינע קינדער אויסטרוקענען אָט די דאָזיקע טרערן? — פרעגט דער מלאך.

— מיט פייערליבע צום פאָטערלאַנד, וואָס כ'האָב פאַרשפּראָכן

צו זייערע עלטערן, די ערשטע אבות — ענטפערט־אָפּ אַ געטלעך קול.

פון יענעם טאָג אָן און ווייטער, ביז היינט, שפּאַלט דער גוטער מלאך די הימלען אין דער נאַכט פון תשעה־באב: ער מאָנט און פאָדערט, בעט רחמים פאַרן אידישן פאָלק.

אין איינער פון די נעכט, מיט פיל צייט צוריק, האָט דער מלאך געזען ווי דער ערשטער בית־המקדש שטייט איינגעהילט אין פייער. דער פלאַם האָט זיך אויפגעהויבן ביזן הימל און דערגרייכנדיק צום טרערן־טייך וואָס פאַר גאָט, איז ער אין אים פאַרלאָשן געוואָרן.

עס זיינען אַריבער דורות נאָך דורות. אויך דער צווייטער בית־המקדש האָט אָפּגעברענט אין דער זעלבער נאַכט פון תשעה־באב און אויך זיין פייער האָט אַלץ נישט אויסגעטרוקנט דעם טייך פון טרערן. דער מלאך פון רחמים איז נאָך מערער אַנטוישט געוואָרן און פרעגנדיק ביי גאָט די פראַגע וועגן דעם וואונדערלעכן סוף, האָט ער געקראָגן אַזאַ ענטפער:

—גיי, זאַמל צונויף וואו נאָר אַ פונק פון ליבע אין האַרץ פון מיינע קינדער צו זייער פאַרוויסט לאַנד, און ווען די אַלע פונקען וועלן זיך פאַראייניקן צו איין גרויס פייער, זאָלסטו עס ברענגען צום טרערן־טייך און אים אויסטרוקענען.

* * *

פון דאַן אָן זיינען דורות פאַרשוואונדן און יאָרן פאַרגאַנגען. די אידן זיינען צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן צווישן די פעלקער אין ווייטע גלות־לענדער, וואו זיי טרינקען דעם ביטערן בעכער מיט גאַל פון די שכנים׳ס הענט און ווערן פאַרגיפטעט. זייערע טייכן־טרערן פאַרמערן זיך פון טאָג צו טאָג און פאַרפלייצן די ערד פון עק ביז עק.

שוועבט אַרום דער מלאך פון רחמים פון לאַנד צו לאַנד און זוכט פונקען אין די אידישע הערצער צו זייער ליב לאַנד.

ער זאַמלט פונק צו פונק, פלאַם צו פלאַם. די פונקען אָבער פאַראייניקן זיך ניט ניט צוו איין מעכטיקן פייער־פלאַם, וואָס זאָל זיין בכוח אויסצוטרוקענען דעם טרערן־טייך וואָס פלייצט און ברויזט יאָרן אויף יאָרן, אָן ענדע און ווערט ניט אויסגעטרוקנט.

— אוי, האַר פון דער וועלט! ביז ווי לאַנג נאָך ביז ווי לאַנג?

—ברעכט אויס דער גוטער מלאך אין אַ געוויין און פאַרהילכט אַלע זיבן הימלען.

— אין יענעם טאָג, ווען דאָס אידישע האַרץ וועט זיך צעפלאַקערן אין אַ גרויסער שטרעבונג, צו לעבן פריי אין זייער אייגן לאַנד, וועל איך זיי דערלייזן — זאָגט גאָט.

נידערט אַראָפּ דער מלאך פון רחמים און שוועבט אַרום צווישן די פאַרשטויסענע און פאַרפּלאָגטע אידן אין די גלות׳ן, ער הערט יעדנס קרעכץ, פאַרנעמט יעדנס וויי־געשריי, קוקט זיך צו צו יעדער צרה,

און זאמלט צונויף פונק צו פונק און ווארט אויף דעם גרויסן טאג פון דער גאולה.

חמשה עשר באב

אמר רבן שמעון בן גמליאל: לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכפורים׳ שבהן בנות ירושלים יוצאות בכלי לבן שאולים, שלא לביש את מי שאין לו ובנות ירושלים יוצאות וחולות בכרמים ומה היו אומרות? — בחור, שא נא עיניך וראה, מה אתה בורר לך? אל תתן עיניך בנוי, תן עיניך במשפחה — „שקר החן והבל היופי, אשה יראת ד׳ תתהלל״.

(תענית כ״ו)

(האט געזאגט רבן שמעון בן גמליאל: עס זיינען נישט געווען אזעלכע ימים-טובים ביי אידן ווי חמשה עשר באב און ווי יום כפור, וואס אין זיי פלעגן די טעכטער פון ירושלים ארויסגיין אין געליענע ווייסע קליידער, כדי נישט פארשעמען די, וואס האבן נישט. און די טעכטער פון ירושלים זיינען ארויסגעגאנגען און האבן געטאנצט אין די וויינגערט־נער, און וואס האבן זיי געזאגט? — בחור הויב אויף דיינע אויגן און זע: וואס קלייבסטו דיר אויס? קוק נישט אויף קיין שיינקייט, קוק אויף משפחה — חן איז אן אפנאר, און שיינקייט איז נישטיק, א גאטס פארכטיקע ווייב, זי זאל געריטט ווערן).

טענץ אין די וויינגערטנער

צווישן די ימים-טובים וואס האבן געטראגן א ריין פאמיליארן כא־ראקטער, האט זיך אויסגעצייכנט מיט פראכט און גלאנץ דער יום-טוב חמשה עשר באב. די יוגנט האט זיך אין אים געלאזט וואוילגיין און פריילעך פארווילט. יונגע פארלעך, אינגלעך און מיידלעך, פלעגן זיך לעבעדיק און לוסטיק ארויסלאזן איבער די גערטנער און טאנצן, מיטן צוועק צו באקענען זיך און אזוי ארום אויסקלייבן זיך יעדערער זיין זיווג.

אין דעם דאזיקן טאג פלעגן זיך די שיינע אידישע טעכטער אויספוצן ניט אין קיין זיידענע קליידער און ניט אין קיין קאלירטע, נאר אין איינ־פאכע מלבושים פון ווייסע לייוונט. אויך די דאזיקע פראסטע קליידער זיינען נישט געווען קיין אייגענע, נאר געליענע איינע ביי דער צווייטער, כדי ניט צו פארשעמען די וואס האבן אזעלכע ניט פארמאגט.

אפילו די רייכע פרינצעסין, ביי וועמען זייד און סאמעט האבן גע־האט א קליינע ווערט, איז אנגעקומען צום כוהן גדול׳ס טאכטער און ביי איר געבעטן:

— ליי מיר, חבר׳טע, א ווייס קלייד צו גיין טאנצן אין גארטן, צו־זאמען מיט אלע אידישע טעכטער!

— נא דיר מיין קלייד, נעם עס מיט פארגעניגן און טאנץ, שיינע פרינצעסין! — פלעגט איר דעם כוהן-גדול׳ס טאכטער דערלאנגען איר ווייס קלייד.

דעם כוהן-גדול׳ס טאָכטער האָט זיך געווענדעט צום געהילף-כוהנ׳ס טאָכטער און געבעטן לייען. יענע איז געגאנגען צו אַ קלענערן כוהנ׳ס טאָכטער און געליען איר קלייד, און אַזוי פון גרוים צו קליין, פון רייך צו אָרים און פארקערט. און די אָרימסטע איז אוועק צום קעניגס מאָכטער און געליען איר קלייד. באַשיידן און הארציק האָט יעדע איינע דער צווייטער באַגריסט און אויפמערקזאַם געמאַכט אַז ס׳איז נימאָ וואָס צו שעמען זיך, ווייל אַלע מענטשן זיינען גלייך, ניטאָ קיין מיוחסים. איינע דער צווייטער האָט געוואונטשן דערפאָלג, אַז עס זאָל איר געלונגען צו געפינען סימפּאַטיע אין די אויגן פון דעם יונגנמאַן, מיט וועמען זי וועט ארויסגיין טאַנצן און געווינען זיין הארץ.

אַזוי האָבן אידישע טעכטער פאַרווײלט אַן די גערטנער אין דעם שיינעם יום-טוב חמשה-עשר-באב, אין געליענע קליידער, אָן אונטער-שיד פון אָרים און רייך. אַלע אין ווייסן, זויבער און ציכטיק, ווי הימ-לישע באַשעפענישן; זיך געפרייט און געטאַנצט ווי סאַמעט-זיידענע שמעטערלינגען מיט צויבער און פראַכט.

אידישע יונגעלייט, האָבן מאַסנווייז, פון אַלע שטאָט-טיילן איבער-פילט די גערטנער וואו עס זיינען פאָרגעקומען די טענץ.

ווער עס איז געשטאַנען אויף די בערג און האָט אַראָפּגעקוקט אונ-טן, האָט זיך אים אויסגעדוכט, ווי פון דער ערד וואָלטן ארויסגעשפּראָצט קינדער צווישן די ווײנשטאָקן, האַלטן זיך געאָרעמט און צוזאַמענגע-שלאָסן, אַקסל צו אַקסל און האַנט צו האַנט, פעסט און זיכער, פּאָרל קעגן פּאָרל און טאַנצן צווישן די רייען פון די הויך-שטאַלצע פרוכט-באַרע בוימער פון גאָרטן.

✻

ימים נוראים

ראש השנה

בחדש השביעי באחד לחדש יהיה לכם שבתון זכרון תרועה מקרא קדש.

(אין זיבעטן חודש, אין ערשטן טאָג פון חודש, זאָל זיין ביי אייך אַ רואונג, אַ דערמאָנונג דורך שאַלונג, אַ הייליקע צונויפרופונג).

ויקרא, כ״ג, כ״ד.

„תקעו בחדש שופר בכסה ליום חגנו כי חק הוא לישראל משפט לאלקי יעקב״.

(בלאָזט אַ שופר אום ראש־חודש, אין האַלב חודש צו אונזער יום־טוב. וואָרים דאָס איז אַ חק פאַר ישראל, אַ געזעץ פון דעם גאָט פון יעקב).

תהלים, פ״א.

דער כאַראַקטער פון ראש־השנה

ראש־השנה פאַלט אויס אין ערשטן און צווייטן טאָג אין חודש תשרי. עס איז אידישער ניי־אָר און צוזאַמען מיט יום־כפור רופט ער זיך ימים נוראים. זיי דינען אַלס טעג פון חשבון־הנפש און געבעט פאַר פאַרגעבונג פון די זינד און אויסבעסערונג.

✶

לעגענדע אַרום ראש - השנה

אַ ניי און זיס יאָר

ערב ראש השנה פאַרנאַכט, ווען דאָס אַלטע יאָר ענדיקט זיך און האַלט ביים פאַרשוואונדן אין דער אייביקייט, און אַ ניי יאָר קומט אָן און לאָזט זיך אַראָפּ מיט ריזן־שריט פון דער הויך צו באַנייען דאָס לעבן און שאַפן פאַר דער וועלט עפּעס נייעס, גוטס, אָדער חלילה שלעכטס, האָבן זיי זיך ביידע אַמאָל צוזאַמענגעטראָפן אינמיטן וועג, צווישן הימל און ערד.

אָפּגעלעבט און באַ׳צער׳ט זעט אויס דאָס אַוועקגייענדיקע יאָר, אַ פּנים פול מיט קנייטשן און צעריסענע קליידער טראָגט עס. איינגע־הויקערט, באַטריבט, מיט אַ טיפן וויטיק אין האַרץ קלעטערט עס מיט שווערע טריט, קוים, קוים, איבער בערג און פעלזן אַרויף צום הימל, כדי אָפּצוגעבן אַ באַריכט און חשבון פון דער אָפּגעטוענער אַרבעט און דערגרייכונגען.

דאָס נייע יאָר ווידער, שיין און יונג, שיינענדיק פול מיט יוגנט־בלי און גלאַנץ, שפּאַנט אַראָפּ שטאָלץ און דערנענטערט זיך צו אונזער וועלט.

פיר מלאכים באַגלייטן עס: פון רעכטס און פון לינקס, פון פאָרנט און פון הינטן.

דאָס נייע יאָר פרעגט דעם אַלטן:

— אוועקגייענדיק יאָר, עלטערע שוועסטער מיינע! אויף וואָס זיפצסטו אַזוי און ביזט באַטריבט?

דאָס אַלטע יאָר ענטפערט:

— אוי, שוועסטער-לעבן, מיר איז ניט גוט!

— ווי אַזוי זעט אוים די אידישע לאַגע איבער דער גרויסער וועלט?

— אַ, די אידישע לאַגע —קרעכצט דאָס אַלטע יאָר— ביז גאָר שלעכט און ביטער!

— „שלעכט און ביטער" —חזר'ט איבער דאָס ניי-יאָר— אַלזאָ, וואָס וואָלט איך געקענט טון, כדי צו ענדערן דאָס שלעכטס און זים מאַכן דאָס פאַרביטערטע אידישע לעבן צום נייעם פעריאָד?

אַרומשוועבענדיק אַזוי צוזאַמען, פאַרטיפט אין געדאַנקען און כל-ערליי עצות וועגן דער צוקונפט, זיינען זיי צוגעקומען צו אַ פרוכט-באַרן וויינגאָרטן.

— שיינער וויינגאָרטן! פרוכטבאַרע ביימער! —ווענדעט זיך צו אים דאָס ניי-יאָר— וואָס טוט מען עפּעס אויף צו לינדערן די פאַרפאַל-גונגען פון די אידן, וועמענס לאַגע עס ווערט אויף דער וועלט וואָס אַמאָל מער אומדערטרעגלעך און גרויזאַמער?

האָבן גאַנצע רייען וויינשטאָקן איינגעבויגן די קעפּ און פאַרבליבן אומבאַוועגלעך, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געפילט געטראָפן פון דער דאָזיקער אַנגעווייטיקטער פראַגע.

— אָט, הענגען אַראָפּ אונזערע הענגלען וויינטרויבען, אָנגעגאָסן פול מיט זאַפט —האָבן זיי פלוצלינג מיט אַ געוויש געענטפערט,— רייסט זיי אָפּ איינציקווייז און פאַרזים מיט זיי דאָס אידישע לעבן!

האָבן די מלאכים גלייכצייטיק אָפּגעריסן אַ גרוים-וואָגיק הענגל וויינטרויבן, און אויף צוויי שטאַנגען עס געטראָגן.

טראַכטנדיק אַלץ מער און מער וועגן דער אידישער לאַגע צווישן די פעלקער, וואָס איז אַזוי ביטער און פינסטער, זעצט פאָר דאָס ניי-יאָר איר וועג מיט פעסטע טריט און זוכט מיטלען.

גייענדיק אַזוי ווייטער, האָט עס אָנגעטראָפן אויף אַ שיין בליענ-דיקן צעוואַקסענעם גרינס-גאָרטן, אין וועלכן עס זיינען געזעסן אויף בינשטאָקן מאַסן בינען און פריילעך געזשומעט.

— פלייסיקע בינען! —פאַרקלאָגט זיך פאַר זיי דאָס ניי-יאָר,— העלפט מיר צו פאַרבעסערן די לאַגע פון אידישן פאָלק, וואָס ווערט אַזוי גרויזאַם געפּייניקט און שוידערלעך צעטראָטן אונטער די פים פון פייניקער און פאַרפאָלגער!

— אָט שטייט אונזער זיסער האָניק גרייט —האָבן די בינען מיט אַ פריילעכן זשום געענטפערט, — נעם פון אים און פאַרזים דאָס אידיש לעבן!

האָבן די מלאכים צונויפגעזאַמלט פון די בינשטאָקן זיסן האָניק און אין קריגלעך אַוועקגעטראָגן.

ראש-השנה אויפדערנאַכט, ווען די אידן האָבן זיך צוריקגעקערט פון די שולן אַהיים, האָבן זיי ביים קידוש-וויין געטראָפן זאַפטיקע העג-גלען וויינטרויבן און שיסלען זיסן האָניק. פון דעם וויינטרויבן - זאַפט האָבן זיי פאַרזוכט און אין דעם זיסן האָניק זייער חלה איינגעטונקען און פאַרגעסנדיק דאָס ביטערקייט פון פאַרגאַנגענעם יאָר, האָבן זיי הויך און דרייסט געוואונטשן איינער דעם צווייטן: אַ גוט געבענטשט יאָר! אַ ניי און זיס יאָר! דערביי האָבן די מלאכים געענטפערט: אמן, אמן. אזוי זאָל עס זיין!

דאָס ניי-יאָר איז דערשינען מיט פיל גליק און פרייד...

יעדן איד וועט אָנגעשריבן ווערן אַ גוט יאָר

דער באַרימטער צדיק און הייסער אידן-ליבהאָבער, ר׳ לוי-יצחק בערדיטשעווער, האָט זיך פאַראייביקט אין זכרון פון פאָלק, אלס פאַר-טיידיקער און פאַרמיטלער צווישן דעם אידן און זיין באַשעפער אין הימל.

ער האָט כסדר געהאַט טענות צו גאָט, פאַרוואָס ער האָט זיך אָנ-געזעצט אויפן אָרימען פאָלק ישראל און פאַרפאָלגט עס מער פון אַלע פעלקער, אויף טריט און שריט. באַזונדערס האָט ער עס געטון אין די הייליקע ימים-נוראים, בשעת די תפילות אין שול. דאָ האָט ער גע-פונען זיין ריכטיקן פּלאַץ פאַר פאַרטיידיקונג, פונקט ווי אַן אויפריכ-טיקער און אויסגעפּרואווטער אַדוואָקאַט, וועלכער שטעלט זיך אַוועק אין געריכט-זאַל פאַרן אויבער-ריכטער, כדי צו ריינוואַשן אַ באַשול-דיקטן פון יעדער שולד, און זוכן אויף אים אַ זכות.

יאָר-יערלעך, פאַר שופר-בלאָזן, פלעגט דער ליבהאַרציקער ר׳ לוי יצחק אַרויפגיין אויפן בעלעמער אין שול און רעדן פאַרן עולם טרייסט-ווערטער און אַלעמען פאַרזיכערן, אפילו גאָר דעם פּראָסטן אידן, אַז זיינע תפילות וועלן אָנגענומען ווערן אין הימל און יעדן איד וועט אָנ-געשריבן און געחת׳מעט ווערן אַ גוט יאָר.

* * *

כדי אויפצומונטערן דעם עולם צום דאַווענען און אריינגעבן אין יעדן אידיש האַרץ ליבע צו גאָט, האָט ר׳ לוי-יצחק אַמאָל דערציילט, וואָס מיט אים אליין האָט אַמאָל פּאַסירט:

— איך בין אַמאָל, פאַרנדיק אויף אַ יאַריד, —הויבט ער אָן דער-ציילן— אריינגעקומען גאַנץ פרי אין אַ איינפאַר-הויז, און דאָרט גע-טראָפן סוחרים פון דער גאַנצער וועלט, וואָס זיינען זיך צוזאַמענגע-פאָרן אויפן יאַריד דאַווענען בצבור. איך האָב זיך ניט געקענט אָפּ-וואונדערן ווי אַזוי די סוחרים איילן זיך און שלינגען פשוט די ווער-

טער, און עס איז אומעגלעך געווען צו פאַרשטיין, וואָס זיי זאָגן און ווי אידן כאַפּן אָפּ אַזעלכע האַרציקע תפילות. מיך האָט אַזאַ סאָרט דאַווענען זייער פאַרדראָסן, און איך האָב נאָכהער אַריינגערופן אייניקע פון זיי צו מיר אין צימער און כלומרשט אָנגעהויבן צו פאַרפירן מיט זיי אַ געשפּרעך וועגן מסחר, אָבער ניט מיט קיין פאַרשטענדלעכער און קלאָרער שפּראַך, נאָר מיט האַלבע ווערטער: „בע", „מע"...

שטייען די אידן און קוקן מיך אָן ווי אַ משוגענעם: — אין וואָס פאַר אַ שפּראַך רעדט איר צו אונז, ר' איד? מיר פאַרשטייען דאָך קיין וואָרט נישט: וואָס מיינט איר מיט אַזאַ לשון?

— אָ, עס געפעלט אייך ניט מיין שפּראַך? —רוף איך זיך אָפּ צו זיי— און ווי אַזוי דאַוונט איר? ווי אַזוי שעמט איר זיך ניט פאַרן קעניג פון אַלע קעניגן, פאַר וועלכן איר שטעלט זיך אַוועק אויסגיסן אייער האַרץ דורך תפילה?

פון אַזעלכע ווערטער האָבן זיך די סוחרים געפונען שטאַרק באַליידיקט און געטראָפן, אויסער איינעם, אַ קלוגן אידן, וועלכער האָט מיר אָפּגעענטפערט און געזאָגט:

— הערט, ר' איד, איר זענט אפילו גאַנץ גערעכט, דאָך, דערלויבט מיר אייך עפּעס זאָגן: ווען אַ קינד ליגט אין וויגעלע און פאַרלאַנגט מען זאָל אים עפּעס געבן, קען ער דאָך נאָך שאַרף ניט רעדן. וואָס טוט ער? ער הויבט אָן וויינען און שטאַמלען אויף זיין קינדעריש לשון: בע... מע... נו, זאָלן דאָן קומען די גרעסטע חכמים פון דער וועלט וועלן זיי דען געוויס פאַרשטיין דעם קינדס פאַרלאַנג? די איינציקע וואָס טרעפן יאָ, זיינען נאָר פאָטער און מוטער, זיי פאַרשטייען זיין שפּראַך און קומען גלייך נאָר דעם באַגער פון זייער ליב קינד.. דאָס זעלבע געשעט אויך דאָ. מיר אַלע זיינען גאָטס קינדער, און ווי אַזוי מיר זאָלן פאַר אים ניט בעטן, פאַרשטייט ער, ווייל די מחשבות פון יעדן מענטשן און זיינע אינערלעכע וואונטשן, זיינען פאַר אים אַנטפּלעקט. די הויפּט-זאַך איז די כונה...

— רבותי, —האָט מיט אימפּעט אויסגעשריען ר' לוי-יצחק,— אָט אַ-דער סוחר האָט מיך פולשטענדיק באַזיגט. איך האָף צו גאָט און בין פעסט איבערצייגט, אַז אונזערע תפילות וועלן ווי געהעריק אָנגענומען ווערן און דערגרייכן צום דערהויבענעם קעניגלעכן טראָן. יעדע תפילה וואָס גייט אַרויס פון אַ אידיש מויל, אפילו פון אַזעלכן וואָס פאַרשטייט ניט גענוי די באַדייטונג פון וואָרט, וועט אויך געפינען אָן אָפּקלאַנג אין די הויכע הימלען. זאָל נאָר דער מענטש זיך פאַרטראַכטן ערנסט און ווענדן זיין האַרץ צום באַשעפער פון דער וועלט.

✻

אַ פאָלק וואָס רייניקט זיך

ערב ראש-השנה איז אַמאָל צום באַרדיטשעווער רב געקומען איי-נער פון די פאַרגעשריטענע און צו אים געזאָגט:

—רבי, ביז ווי לאַנג נאָך וועט איר אַלץ זיין אַ מלמד-זכות אויף אידן? אַט האָט דאָך ישעיה הנביא געשטראָפט אַמאָל דאָס אידישע פאָלק מיט אַזוינע ביטערע ווערטער: „הוי, גוי חוטא — ווײ, דו זינדיק פאָלק, עם כבד עוון — אַ פאָלק שווער מיט זינד, זרע מרעים — שלעכ-טע קינדער, בנים משחיתים — פאַרדאָרבענע קינדער, עזבו את ד׳ — זיי האָבן פאַרלאָזן גאָט, נאצו את קדוש ישראל — זיי האָבן דערצאָרנט דעם הייליקן פון די אידן, נזורו אחור — זיי האָבן זיך אָפּגעקערט אַהינטער"...

האָט דער באַרדיטשעווער אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט צום משכיל:

— ווען איר זאָלט וויסן די אמת׳ע טייטש פון די ווערטער, וואָלט איר געזען, אַז ישעיה האָט געלויבט די אידן דערמיט.

— אדרבא, רבי זאָגט איר, וואָס איז די טייטש פון די דאָזיקע ווערטער?

— קומט מאָרגן אין שיל וועט איר הערן די טייטש — האָט אים דער גרויסער צדיק געענטפערט.

ראש-השנה פאַר תקיעות האָט דער באַרדיטשעווער זיך אַוועק-געשטעלט און גע׳טענה׳ט צום אויבערשטן:

— „הוי גוי חוטא — אָך, ס׳אַראַ פאָלק וואָס רייניקט זיך פון זינד; עם כבד עוון — אַ פאָלק, ווענען ס׳איז שווער צו זינדיקן; זרע מרעים — קינדער, וואָס זיינען פריינט צו יעדן באַשעפעניש; בנים משחיתים —זיי, וואָס פאַרדאַרבן דעם גוף, כדי צו דערהויבן די נשמה; עזבו את ד׳ — אויב זיי טוען אַמאָל פאַרלאָזן גאָט, ח״ו; נאצו את קדוש ישראל — זיי דערצאָרענען דעם הייליקן פון ישראל; נזורו אחור — איז באַלד קערן זיי זיך אום צוריק און טוען תשובה"... זאָג, גאָט, צי האָסטו נאָך אַזאַ פאָלק אויף דער וועלט?...

דער יונגערמאַן איז געבליבן שטיין פאַרגאַפט און האָט זיך מיט אַן אָפענעם מויל איבערצייגט אין דער גרויסקייט פון צדיק.

*

ווי אַן אָרימער קרעמער וואָס קומט איינקויפן סחורה...

דעם דובנער מגיד׳ס אַ משל איז אַלעמאָל אויסגעהערט געוואָרן מיט גרויס אינטערעס, ווייל אויסערדעם וואָס ער פלעגט עס דערציילן שיין און הערלעך, איז ער דערמיט נאָך אויסן געווען צו פאַרטייטשן די שווערסטע זאַך, עס זאָל פאַר אַלעמען קלאָר ווערן דאָס וואָס מען פאַרשטייט ניט ווי געהעריק.

דעריבער טאָקע פלעגט מען אים ביי יעדער געלעגנהייט אַרום-

רינגלען און שטעלן פראגן, אויף וועלכע דער קלוגער און פרומער איד, ר' יעקב, — אַזוי האָט ער זיך גערופן,— האָט אַלעס פאַרענטפערט בדרך משל.

אַזוי האָט מען אים איינמאָל, ימים-נוראים-צייט, געפרעגט אַזאַ פראַגע:

— ר' יעקב, וואָס איז די מעשה, וואָס אַלע „אבינו מלכנו'ס” פון דעם סדר התפילה זאָגט דער עולם מיט אַן אויסגעשריי און מיט אַ הויך קול, ווי נאָר אָבער עס קומט צום לעצטן „אבינו מלכנו חננו ועננו כי אין בנו מעשים”. לאָזט מען אַראָפּ דעם טאָן און מען זאָגט עס שטילערהייט?

— איך וועל אייך דערויף געבן אַ משל —ענטפערט דער מגיד,— און פאַנגט אָן דערציילן אַ געשיכטע:

אַמאָל האָט זיך אַ קליינשטעטלדיקער אָרעמער קרעמערל אַוועק-געלאָזט אין דער גרויסער שטאָט אריין איינקויפן סחורה צום סעזאָן.

אריינקומענדיק אין אַ הורט-געשעפט פון אַ באוואוסטער פירמע, האָט ער דערלאַנגט אַ צעטל פון פאַרשידענע מינים סחורה, וואָס ער איז געקומען קויפן, און האָט אויסגעשריגן שטאָלץ אויף אַ הויך קול:

— גיט מיר אַזוי פיל און אַזוי פיל מעטער לייוונט, כך וכך מעטער זייד, אַזויפיל מעטער סאַמעט, און נאָך אַנדערע מינים, אַזאַ און אַזאַ צאָל.

ווען דער בעל-הבית פון הורט-געשעפט האָט דערזען דעם סוחר מיט וואָס פאַר אַ פּאַרנעם ער איז געקומען און וואָס פאַראַ ווערט-פולע סחורות ער פאָדערט, האָט ער גלייך געגעבן אַ באַפעל צו זיינע אָנגעשטעלטע און זיי זיינען צוגעלאָפן צו די פּאָליצעס און אַראָפּגע-נומען פון דאָרטן סטאָקן סחורה און אים פאַרקויפט. איינער האָט גע-מאָסטן מיטן מעטער, דער צווייטער האָט אָפּגעשניטן, דער האָט גע-מאַכט פעקלעך און יענער האָט פאַרבונדן מיט שטריק. די אַרבעט אין קראָם איז געגאַנגען שנעל און לעבעדיק, ווייל ,ווי קען דען זיין אַנ-דערש? ס'איז דאָך אַ קונה, און מען דאַרף אים באַהאַנדלען ווי עס געהער צו זיין.

ענדלעך, ווען די סחורה איז שוין געווען אָפּגעמאָסטן און אָפּגע-שניטן, פאַרפּאַקט אין גרויסע פּעק און פאַרשנורעוועט פון אַלע זייטן, איז דאָס סוחר'ל צוגעגאַנגען צום באַלעבאָס, אָבער שוין נישט אַזוי שטאָלץ, נאָר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און זיך שטילערהייט אָנגע-רופן, גלייך ווי ער רוימט אים איין אַ סוד אין אויער:

— הערט-אויס, באַלעבאָס לעבן, קיין מזומן געלט פאַרמאָג איך נישט, טוט מיר אַ טובה און נעמט ביי מיר אַ וועקסל, און ווי נאָר איך וועל אָפּלייזן פאַר דער סחורה, וועל איך אייך באַצאָלן.

— דאָס זעלבע איז אויך מיט אונז—פאַרענדיקט דער מגיד זיין משל, ווען מיר קומען ימים-נוראים אין שול אריין און שטעלן זיך אַוועק אויס-בעטן אַ גוט יאָר, שרייען מיר אויס אויף אַ קול און בעטן גאָט: פאָטער

אונזערער, קעניג, שרייב אונז אָן אַ גוט לעבן... פֿאַרצייכן אונז אין בוך פֿון פּרנסה... לייז אונז אויס פֿון ביטערן גלות און העלף אונז... צום סוף אָבער ווענדן מיר זיך צו אים, ווי צו אַן אייגענעם פֿאָטער און דערציילן אים אויס שטילערהייט מיט אַ שוואַך קול אונזער אָרימקייט, אַז מיר פֿאַרמאָגן, נעבעך, גאָרנישט:

— אונזער פֿאָטער און קעניג, לייטזעליק אונז און ענטפֿער אויף אונזער נויט. מיר האָבן נישט קיין מעשים, קיין מזומן פֿאַרמאָגן מיר נישט. נעם ביי אונז אַ וועקסל, — טו מיט אונז צדקה און העלף אונז...

רבי אמנון

ווען דעם, ווי אַזוי גרויסע אידישע פּערזענלעכקייטן האָבן זיך אַמאָל געלאָזט מקריב זיין פֿאַר זייער הייליקן גלויבן, ווערט דערציילט פֿאָלגנדע פֿאָלקס־לעגענדע:

ר׳ אמנון, (דער גלויביקער), וועלכער האָט געלעבט מיט פֿיל הונדערטער יאָרן צוריק אין מאַינץ, דייטשלאַנד, איז געווען דער הויפּט־ראַטגעבער ביים דאָרטיקן פֿירשט און האָט ביי אים זייער נושא־חן געווען. זיין כבוד און רום איז געשטיגן פֿון טאָג צו טאָג און צוליב אים האָט דער פֿירשט געטון טובות צו אַלע אידן פֿון זיין לאַנד.

טראָץ דער גאַנצער ליבשאַפֿט אָבער, האָט דער פֿירשט נישט געקענט מוחל זיין ר׳ אמנון׳ען וואָס ער איז אַ איד און אים אָפֿטמאָל געגעבן אָנצוהערן ער זאָל זיך שמד׳ן. ר׳ אמנון אָבער, אַלס געטרייער זון פֿון זיין פֿאָלק, האָט זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק. ער פֿלעגט עס אויסהערן מיט ווייטיק און שווייגן.

איינמאָל האָט דער פֿירשט אים אַריינגערופֿן צו זיך און געזאָגט:

— זע, אמנון, איך האָב דיך גרויס געמאַכט און דערהויבן איבער אַלע מיינע הערן. און צוליב דיר לעבן גליקלעך דיינע ברידער, די אידן, אין מיין לאַנד און געניסן פֿולע רעכט, גלייך מיט אַלעמען. פֿאָלג מיך און נעם אָן אונזער גלויבן, וועסטו דאַן נאָך מערער געשעצט ווערן און אויך דיין גאַנץ פֿאָלק וועל איך מער שעצן, אין קעגנטייל וועלן אַלע אידן אַרויסגעטריבן ווערן פֿון מיין לאַנד אין איין טאָג.

דערהערנדיק אַזאַ ביטערע בשורה, אַז צוליב אים דראָט אַ גירוש זיין פֿאָלק, איז רבי אמנון דערשיטערט געוואָרן און איז געבליבן שטיין פֿאַרצווייפֿלט, ניט ווויסנדיק וואָס צו ענטפֿערן. כדי אָבער צו געווינען צייט, רופֿט ער זיך אָן צום פֿירשט:

— גיט מיר דריי טעג צייט צו באַטראַכטן זיך.

אַרויסגייענדיק פֿון פּאַלאַץ, האָט אים דאָס האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן, דאָס געוויסן צו פּייניקן, און ער האָט חרטה געהאַט פֿאַר וואָס ער האָט ג״לייך ניט צוריקגעוויזן דעם פֿירשט׳ס פֿאָרשלאָג, אָנצונעמען אַ פֿרעמדן גלויבן.

די גאַנצע דריי טעג האָט ר' אמנון געוויינט און געקלאָגט, געפאַסט און מתפלל געווען צו גאָט ער זאָל אים מוחל זיין אויף דער זינד פון זיין מויל, וואָס עס האָט זיך באַנאַרישט און זיך גלייך ניט אָפּגעזאָגט.

די דריי טעג זיינען אַריבער און ר' אמנון האָט זיך ניט געוויזן אין פּאַלאַץ און האָט קיין ענטפער ניט געגעבן. דער פירשט איז בייז געוואָרן און האָט אים געהייסן ברענגען אויף כוח, געשמידט אין קייטן.

— פאַרוואָס האָסטו ניט געהאַלטן קיין וואָרט און ביסט ניט גע-קומען צום באַשטימטן טערמין? — פרעגט אים שטרענג דער פירשט און וויל אים דאָך מוחל זיין, אויב ער וועט זיך שמד'ן.

— ניין, מיין האַר, איך קאָן עס בשום אופן ניט טאָן! — ענטפערט ר' אמנון מיט אַנטשלאָסנקייט און גיט אַליין אויף זיך אַרויס אַ פּסק: מען זאָל אים אָפּשניידן די צונג דערפאַר, וואָס ער האָט ניט מקיים געווען זיין צוזאָג.

— ניין, די צונג וועל איך דיר ניט אָפּשניידן, זי האָט צוגעזאָגט, נאָר דו האָסט זי ניט געפאָלגט. איך וועל דיר אָפּהאַקן די פיס, וואָס האָבן ניט געוואָלט גיין צו מיר און דיינע הענט דערפאַר, וואָס זיי האָבן דעם צלם ניט געוואָלט אָננעמען.

נאָך אין דעם זעלבן טאָג (ראש השנה איז עס געווען), האָט דער גרויזאַמער מושל געהייסן אָפּהאַקן ר' אמנונען די הענט און פיס און אים אָפּגעשיקט אהיים.

דער קאַלטער רוצח האָט ביי דעם פרומען מאַן אָפּגעשניטן נאָר די קערפּערלעכע אברים, אָבער דאָך ניט איבערגעריסן זיין הייליקן גייסט און בטחון אין אידישן גאָט.

ליגנדיק אין גסיסה-צושטאַנד, צווישן טויט און לעבן, האָט דאָך דער פרומער צדיק ניט פאַרגעסן אין דעם „יום-הדין", און געבעטן מען זאָל אים מיט זיינע אָפּגעהאַקטע אברים אין בעטל, אריינטראָגן אין שול און אַוועקשטעלן ביים ארון-קודש. ווען מען האָט אים אַהינצו אריינגעבראַכט, האָט דער חזן געהאַלטן ביי „קדושה", דאַן האָט ר' אמנון מיט די לעצטע כוחות אויסגעשריען: „ונתנה תוקף קדושת היום", און נאָכן פאַרענדיקן די תפילה, האָט ער אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם און איז אויסגעגאַנגען ריין און הייליק.

ר' אמנון האָט זיך פאַרייביקט אין דער פאָלקס-לעגענדע, אַלס מחבר פון דער באַרימטער תפילה „ונתנה תוקף", וואָס ווערט געזאָגט מיט טרערן און געוויין, אין אַלע אידישע שולן, אין די הייליקע טעג פון ראש-השנה און יום-כפור.

מיטן קאָמיסאַרס הילף

מיט פיל יאָרן צוריק, האָבן די אידן אין פּראַג זייער פיל געליטן פון אַן אַנטיסעמיטישן קאָמיסאַר, אַ גרויסער רשע, וועלכער האָט זיי פאַרפאָלגט אויף טריט און שריט און פאַרשאַפט צרות.

אַן אויסנאַם אין שטאָט, איז געווען איין איד, אַ פּראָסטער שניידער, וועמען דער קאָמיסאַר האָט ליב געהאַט און אים געטון טובות.

דערוויסנדיק זיך וועגן אים אַלס חשוב ביים קאָמיסאַר, פלעגן זיך מענטשן צו אים ווענדן ער זאָל זיך פאַר זיי משתדל זיין און אים דערפאַר גוט באַצאָלט.

דער שניידער האָט דערווייל אָנגעשלאָגן פולע קעשענעס מיט געלט און איז רייך געוואָרן.

אָנגעזאַמלט אַ גרויס פאַרמעגן, האָט זיך דער אויפגעקומענער גביר אָנגעהויבן גרויסהאַלטן און געזוכט כבוד.

איינמאָל אין אַ יאָר האָט ער זיך אַריינגענומען אַ געדאַנק אין קאָפּ און עס האָט זיך אים פאַרגלוסט צו ווערן דעם ראש-השנה דער בעל-תוקע אין דער גרויסער שול „אַלט-ניי".

וויסנדיק אָבער אַז מען וועט עס אים בשום אופן ניט דערלויבן, איז ער אַוועק צו זיין פריינט, דעם קאָמיסאַר, און האָט אים געבעטן:

— הער קאָמיסאַר, אַזוי ווי ביי אונז אידן איז אַ מנהג צו בלאָזן שופר אין שול ביידע טעג ראש-השנה, וויל איך האָבן דעם כבוד און טון די הייליקע אַרבעט אין דער „אַלט-ניי"-שול. דורך אייך קען איך עס אויספירן, ווייל אייך וועט מען פאָלגן.

— יאָ, פאַרוואָס דען נישט, האָסט גע'פּועל'ט! — ענטפערט אים דער קאָמיסאַר.

באַלד אויף מאָרגן האָט די קאָמיסיאָן פון דער שול געקראָגן אַ באַפעל פון קאָמיסאַר, אַז דער שניידער זאָל אומבאַדינגט בלאָזן שופר דעם ראש-השנה.

איז געוואָרן אַ רעש אין שטאָט און אַ גרויסער טומל.

— ס'טייטש, אַ שניידער אַן עם-הארץ זאָל זיין דער בעל-תוקע? ניין, עס קען ניט זיין, בשום אופן ניט!

מען האָט פאַרופן אַ דרינגענדע פאַרזאַמלונג און עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ דעלעגאַציע, וועלכע איז גלייך אַוועק צום קאָמיסאַר און אים דערקלערט דעם ענין פון שופר בלאָזן אום ראש-השנה, אַלס הויפּט הייליקע זאַך וואָס מוז געטון ווערן דורך אַ פרומען אידן, אַ צדיק און ניט דורך אַ פּראָסטן מענטשן, אַ שניידער.

— ניין, עס וועט אייך ניט העלפן! —צעבייזערט זיך דער קאָמיסאַר.— איך וועל מיין וואָרט ניט ענדערן. דער שניידער מוז שופר בלאָזן!

— איך האָב אַן עצה! — רופט זיך אָן איינער פון די דעלעגירטע, זייער אַ קלוגער איד.

— איניקע טעג נאָך ראש-השנה, פאַלט אוים יום-כפור, וואָס איז ביי אונז אידן דער היילקסטער טאָג פון יאָר און מען בלאָזט אויך שופר. וועלן מיר טון אייער ווילן, הער קאָמיסאַר, און מכבר זיין דעם שניידער מיט דער מצוה. טוט אונז צוליב. מיר וועלן אייך אייביק דאַנקבאַר זיין און ווינטשן גליק.

דעם רשע'ס האַרץ איז ווייכער געוואָרן און ער האָט מסכים געווען.

ווען דער שניידער האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער אַוועק צום קאָמיסאַר און זיך גענומען באַקלאָגן און געהאַט טענות.

— מיין וואָרט איז הייליק —זאָגט דער קאָמיסאַר,— איך פאַר-זיכער דיר, אַז דו וועסט יום-כפור בלאָזן שופר אין דער גרויסער שול. וואָס איז דען דער אונטערשיד?

— וואָס רעדט איר, מיין ליבער הער קאָמיסאַר? —שרייט דער שניידער,— ראש-השנה בלאָזט מען דאָך הונדערט קולות און יום-כפור קומט מען אָפּ מיט איין בלאָז און פטור.

— שוטה איינער! — צעלאַכט זיך דער קאָמיסאַר, — ווען דו וועסט אריינקריגן דעם שופר אין האַנט, ווער וועט דיך ניט לאָזן בלאָזן וויפיל דיין האַרץ וועט גלוסטן?

דער שניידער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן און איז אַוועק אַהיים אַנטוישט און פאַרשעמט.

צום גדליה

נאָכדעם, ווי נבוכדנצר האָט פאַרענדיקט זיין גרויזאַמע אַרבעט אין יהודה און אַרויסגעטריבן די אידן קיין בבל, האָט ער באַשטימט גדליה בן אחיקם פאַרן הויפּטמאַן און פאַרוואַלטער איבער די אי-בערגעבליבענע אין לאַנד (שארית הפליטה).

גדליה, אַלס באַשיידענער און פרידלעכער מענטש, האָט זיך גע-פריינט מיט יעדן איבערגעבליבענעם און מיט יעדן צוריקגעקערטן פון דער פרעמד. ער האָט אַלעמען געהאַלטן פאַר פריינט און קיינעם ניט פאַרעכנט אַלס שונא. זיין האַרץ האָט אים קיינמאָל ניט פאָראויס-געזאָגט אַז אַ פאַרבאָרגענער פיינט לויערט אויף זיין לעבן און וויל אים אומברענגען. אַלעמען האָט ער געגלויבט און געשאָנקען פולן צוטרוי.

ביים צוריקקערן זיך אָבער פון ישמעאל בן-נתניה, האָבן אים גוטע פריינט און נאָענטע חברים געוואָרנט:

— „גדליה, זיי פאָרזיכטיק און היט זיך פאַר דעם אידן וואָס הייסט

ישמעאל, ער שטאמט פון קעניגלעכע פאמיליע, פארדריסט אים אויף דיר דערפאר וואס דו האסט באקומען די מאכט".

גדליה האט עס אבער ניט געגלויבט. ער איז געווארנט געווארן און האט זיך ניט געהיט. דערזעענדיק ישמעאל'ן האט ער אים זייער הארציק אויפגענומען און געטרונקען מיט אים וויין.

זיין טראגישער סוף האט אים ניט אויסגעמיטן:

אין דריטן טאג פון חודש תשרי, איז ישמעאל גרויזאם באפאלן גדליה'ן און האט אים דערמארדעט מיט זיין שווערד.

פארשאלטן האט געמענט ווערן אזא רשע, וואס האט באצאלט מיט שלעכטס פאר גוטס און פארגאסן אומשולדיק בלוט.

דערהערנדיק וועגן דעם אומגליק, אז א איד האט דערהרג'עט א אידן, האט דאס פאלק געטרויערט און ביטער געקלאגט און געפאסט יענעם גאנצן טאג..

פון דאן אן, איז דער דריטער טאג פון חודש תשרי, צומארגנס נאך ראש-השנה, פארבליבן א תענית און געווין אויף דורות און ווערט אנגערופן „צום גדליה".

יום כפור

אך בעשר לחדש השביעי הזה יום הכפורים הוא מקרא קדש יהיה לכם ועניתם את נפשותיכם.

(אָבער אין צענטן טאָג פון דעם דאָזיקן זיבעטן חודש איז דער טאָג פון פאַרגעבונג; אַ הייליקע צונויפרופונג זאָל זיין ביי אייך, און איר זאָלט פייניקן אייער זעל).

ויקרא, כ״ג, כ״ז.

כל מלאכה לא תעשו חקת עולם לדורותיכם בכל משבותיכם: שבת שבתון הוא לכם ועניתם את נפשתיכם בתשעה לחדש בערב מערב עד ערב תשבתו שבתכם.

(קיין אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן; אַן אייביק געזעץ אויף אייערע דור-דורות אין אין אַלע אייערע וואוינערטער. אַ שבת פון רואונג איז עס פאַר אייך; און איר זאָלט פייניקן אייער זעל; אין ניינטן טאָג פון חודש אין אָוונט, פון אָוונט ביז אָוונט, זאָלט איר האַלטן אייער שבת).

ויקרא, כ״ג, ל״א, ב׳.

כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ד׳ תטהרו: שבת שבתון היא לכם ועניתם את נפשתיכם חקת עולם.

(ווארום אין דעם-דאָזיקן טאָג וועט מען מכפר זיין אויף אייך, אייך צו ריניקן; פון אַלע אייערע זינד וועט איר ריין ווערן פאַר אייער גאָט. אַ שבת פון רו איז דאָס פאַר אייך, און איר זאָלט פייניקן אייער זעל; אַן אייביק געזעץ).

ויקרא ט״ז, ל׳, ל״א.

דער כאַראַקטער פון יום-כפור

יום כפור פאַלט אויס אין צענטן טאָג פון חודש תשרי. ער איז פאַרעכנט אַלס דער הייליקסטער טאָג פון יאָר, אַלס דער טאָג פון רייניקונג פון די זינד, באַגאַנגענע אין משך פון פאַרלאָפענעם יאָר. ער איז אַ טאָג פון פאַסטן און תפילה טאָן.

די לאָזונג פון ימים נוראים איז: „ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה“ (תשובה, געבעט און צדקה אַנולירן די שלעכטע גזירות).

✶

לעגענדעס ארום יום-כפור

פאר כל-נדרי

איינמאל יום כפור צו כל-נדרי, איז די גרויסע שיל געווען אנגעפאקט מיט א געדיכטן עולם, פול מיט אידן, וועלכע זיינען געשטאנען מיט געבויגענע קעפ אין דעם הייליקן אוונט, אנגעטון אין ווייסן און איינגעהילט אין טליתים, זאגנדיק די „תפילה זכה" מיט געפיל און מיט אויגן אנגעגאסענע פול מיט טרערן און געבעט. צענדליקער וואקסענע ליכט אין אלע ווינקלען פון שול האבן געשפריצט מיט פונקען, און דער חזן פארן „עמוד" האט זיך שוין געגרייט אנצוהויבן „כל נדרי", איז נאך אבער דער אלטער רב ניט געהאט געקומען. דער גאנצער עולם האט געווארט מיט גרוים אומגעדולד און ניט פארשטאנען וואס מיט אים האט געקענט געשען.

— וואו זאל ער עס זיין אזוי שפעט? — האבן אלע ווי איין מענטש געהאלטן אין איין פרעגן, און נייגעריק געווארפן זייערע בליקן צו דער טיר, און זיך ניט געקענט אפוואונדערן. אויך דער גבאי אליין, האט זיך זייער געחידושט און טאקע באלד געשיקט דעם שמש צום רב אהיים, געוואויר ווערן וואס דארט האט פאסירט. האט זיך אבער דער שמש צוריקגעקערט אין שול און געמאלדן אז די טיר איז פארשלאסן, און קיינער איז אין שטוב ניט פאראן.

און געשען איז אט וואס: ארויסלאזנדיק זיך פון שטוב אין שול אריין, איז דער רב פארבייגעגאנגען נעבן א קליין ארים שטיבל, אין אן עק גאס, וואו צו זיינע אויערן האט דערגרייכט א קול פון א וויינענדיק קינד, וואס האט איינגעלייגט די וועלט, און א קליין שוועסטערל איז דערביי געזעסן און האט אויך געוויינט, און אויסגעשריען: „אוי, גאט, וואס טוט מען?".

דערהערנדיק פון דרויסן דאס געוויין, האט דעם אלטן רב פארקלעמט דאס הארץ, און אריינקומענדיק אין ארימען הויז, איז ער צוגעגאנגען צום מיידעלע און זי געפרעגט, פארוואס זי וויינט אזוי?

— די מאמע איז אוועק אין שול צו כל-נדרי, —האט זיך דאס מיידעלע נאך שטארקער צעוויינט,— און מיך איבערגעלאזט מיטן קינד, האט עס זיך פון שלאף אויפגעכאפט. עס איז הונגעריק און איך ווייס ניט וואס מען טוט און ווי אזוי מען שטילט עס איין.

— גיי, טאכטער, אין שול און רוף די מאמע אהיים, —זאגט איר דער רב,— איך וועל דא זיצן אוןווארטן.

ווי דאס מיידעלע איז ארוים פון שטוב, האט דער אלטער רב גענומען דאס קליינע קינד אויף די הענט און זיך דערמיט געשפילט, הארציקע ניגונים האט ער אים געזונגען, צארט און זים, ביז עס האט זיך בארואיקט און אויפגעהערט וויינען. א לענגערע צייט האט געדויערט,

ביז דאָס מיידעלע האָט אָפּגעזוכט איר מוטער צווישן די פרויען אין שול און איר אהיימגערופן.

אריינקומענדיק אין שטוב, איז די מוטער געוואָרן אויסער זיך, ווען זי האָט געטראָפן דעם אלטן פרומען רב, ווי ער זיצט אָנגעטון אין טלית און קיטל, ער האַלט איר קליין קינד אויף די הענט און שפּילט זיך דערמיט אזוי געטריי און זינגט אריין זים און האַרציק אין זיינע אויערלעך:

— ונסלח לכל עדת בני ישראל...

אויפן קינדס ליפּעלעך האָט א פריילעכער שמייכל געשוועבט און אין זיינע אייגעלעך האָבן פּערל-טרערעלעך געפינקלט. ער האָט דעם שיינעם אלטיטשקן, גלייך אין פּנים געקוקט און מיט די האָר פון זיין ווייס-זילבערנער באָרד זיך אזוי רואיק געשפּילט.

— נאָ דיר דאָס קינד און זויג עס אָן, עס איז דערויף א רחמנות!

— זאָגט דער רב און גיט עס איבער דער מוטער מיט געטריישאַפט און אליין איז ער באַלד ארויס פון שטוב און זיך אוועקגעלאָזט אין שול.

— רבי, וואָס האָט מיט אייך פּאַסירט? — איז אים דער עולם אנטקעגנגעלאָפן און געפרעגט:

— מיר דאַרפן וויינען און בעטן גאָט ער זאָל אונז פארגעבן די זינד פון א גאַנץ יאָר, — ענטפערט זיי דער רב מיט טרערן אין די אויגן. דאָרט אָבער, האָט געוויינט אַן אומשולדיק קינד, אַן אָרים עו-פה'לע, וואָס ווייסט נאָך נעבעך פון גאָרניט; האָב איך עס געמוזט באַרואיקן און איינשטילן.

דער חזן האָט גלייך אָנגעהויבן זאָגן כל-נדרי.

די קייט פון די אבות

אין די טרויעריקע צייטן פון דעם שפּאַנישן אידנטום, אונטערן דרוק פון דער אינקוויזיציע פונם פופצנטן יאָרהונדערט, האָבן די אנו-סים (מיט געוואַלד געטויפטע), דאָך שטרענג אָפּגעהיט די רעליגיעזע מנהגים און טראַדיציעס פון זייערע עלטערן.

הייליק און טייער איז ביי זיי געווען דאָס פראַווען די סדרים אין די נעכט פון פּסח אין זייערע פאַרבאָרגענע היימען.

אין א זייער געהויבענער שטימונג האָבן זיי אויך דורכגעפירט יאָר-יערלעך דעם התרת-נדרים אין דער הייליקער נאַכט פון יום-כפור. זיי פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין געהיימע שולן פון אונטערערדישע היילן און זאָגן כל-נדרי מיט גרוים כוונה, אַז גאָט זאָל זיי מוחל זיין אויף די נדרים און שבועות וואָס זיי האָבן געגעבן און געמוזט געצוואונגענער-הייט אָנערקענען א פרעמדן גלויבן און אמונה. און ווען זיי זיינען אַנט-דעקט געוואָרן דורך געהיים-אַגענטן און שפּיאָנען פון דער אינקוויזיציע

און פארמשפט געווארן פארברענט צו ווערן אויף די שייטערהויפנס, זיינען זיי מוטיק און אנטשלאסן געגאנגען צום טויט און ארויסגעוויזן צוגעבונדנקייט מיט טויזנטער פעדים צום גלויבן פון זייערע עלטערן, אליין זיינען זיי אין פייער געשפרונגען מיט „שמע ישראל” אויף די ליפן און זיך ניט אונטערגעגעבן דעם שונא אנצונעמען זיין אמונה, וואס דאס וואלט געהייסן פארראטן דאס אייגענע פאלק און איבעררייסן די קייט פון די אבות.

וועגן אזא פאל גיט מען איבער פאלגנדע לעגענדע:

צווישן די נאענטסטע פריינט פון שפאנישן קעניג פערדינאנד האט זיך געפונען א געוויסער דאן מאנועל, וועלכער איז געווען אין לאנד זייער פאפולער. דער דאזיקער דאן מאנועל איז אמאל אנטדעקט געווארן דורך די שפיאנען פון דער הייליקער אינקוויזיציע און דער טריבונאל האט אים פארמשפט פארברענט צו ווערן אויפן אויטא-דע-פע, דעם צערעמאניאל פון דער עקזעקוציע האט בייגעוואוינט דער קעניג זעלבסט, וועלכער האט אין דער לעצטער מינוט אויסגעדריקט זיין פארלאנג צו באגנאדיקן אים, בתנאי, אז ער זאל עפנטלעך אויסדריקן זיין חרטה און שווערן פון היינט אן טרייהיים דער קריסטלעכער אמונה.

דאן מאנועל האט זיך פארטראכט א ווייל און דאן האט ער זיך געווענדעט צום קעניג און גענומען שרייען:

— די קייט! די קייט! ווי אזוי רייסט מען איבער די קייט?

— וועלכע קייט? —פרעגט אים דער קעניג,— דו ביסט דאך נישט געבונדן אין קייטן!

— די קייט! —האט דאן מאנועל ניט אויפגעהערט צו שרייען,— די קייט פון אברהם, יצחק ויעקב; די קייט, וואס ציט זיך איבער דוד המלך (דאן מאנועל האט געהאט א יחוס-בריוו, אז ער שטאמט פון דוד המלך'ס פאמיליע): ווי אזוי קען איך פועל'ן ביי זיך די דאזיקע קייט איבערצורייסן?

און דאן האט דאן מאנועל אויסגערופן: „שמע ישראל!” און איז ארייננעשפרונגען אינעם ברענענדיקן שייטערהויפן.

א צענטער צום מנין

מיט דרייהונדערט יאר צוריק, איז די צאל אידישע איינוואוינער אין חברון געווען זייער א קליינע און האט צומאל צו קיין מנין ניט דערגרייכט. עס איז אפילו מערערע מאל אוממעגלעך געווען צו דאווענען בצבור, סיידן עס איז אונטערגעקומען א גאסט פון דער פרעמד, א הענדלער, אדער א דורכרייזנדער, וועלכער איז צופעליק פארבייגעפארן חברון, פלעגט מען אים מצרף זיין צום מנין און דאווענען בצבור.

איינמאל, ערב יום-כפור פארנאכט, ווען די זון האט זיך שוין גע-האלטן ביים זעצן און די שפיצן בוימער האבן זיך געטונקען אין דער

לעצטער גאָלדענער שקיעה-שיין, האָט זיך נאָך אין חברון קיין אורח נישט באַוויזן.

די אידן האָבן זיך זייער מצער געווען און אַלע מיטאַמאָל האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט איבער די וועגן וואָס אויסער דעם שטעטל און זייַנען געשטאַנען און אויסגעקוקט אומגעדולדיק אין אַלע זייטן, אפשר — וועט דער אויבערשטער באַווייזן אַ נס און עמיצן צושיקן. עס איז דאָך עפּעס דער „יום הקדוש" און ווי דאַווענט מען עס אָן אַ מנין?

פּלוצלינג האָבן זיי דערזען פון ווייטן אָנקומען אַן אַלטן גרייזגרויען מאַן מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, וועלכער שפּאַנט מיט שנעלע טריט מיטן וועג פון מערת-המכפלה און דערנענטערט זיך צו זיי מיט האַסטיקע טריט. זיין גאַנצע הויך איז געווען איינגעהילט אין ווייסן קיטל און טלית. אויך אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ ווייס היטעלע, באַפּוצט מיט זילבערנע שטערנדלעך.

די אידן פון חברון זיינען איבו מיט גרויס פרייד אַנטקעגנגעלאָפן און מיט זייער אַ פריינטלעכן ברוך-הבא האָבן זיי דעם גאַסט איינגעלאַדן אין שול אַריין צום דאַווענען.

* * *

די גאַנצע נאַכט פון יום-כפור און אויך דעם מאָרגנדיקן טאָג, האָט די פרומע עדה זייער היים געדאַווענט צוזאַמען מיט זייער אַנגעלייגטן גאַסט. זיי האָבן געזאָגט סליחות און די תפילה-זכה. גלייכצייטיק אָבער, האָבן זיי קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון דעם וואונדערלעכן אַלטן מאַן וואָס געפינט זיך צווישן זיי, און איז בדרך נס, פּונקט צו כל-נדרי, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן; אים צו פאַרדאַנקען קאָנען זיי דאַווענען בצבור.

פיר און צוואַנציק שעה נאָכאַנאַנד, איז ער אָן אָפּרו אויף די פיס געשטאַנען און זיך אויף קיין איין רגע פון אָרט ניט גערירט. זיינע ליפּן האָבן זיך געשאָקלט מיט אַ שטילער תפילה. דאָס פּנים האָט ביי אים געשיינט מיט געטלעכער שיין און די אויגן האָבן זיך אַלע ווײַלע מיט הייליקע פייערלעך אָנגעצונדן.

ביים אַרויסגענדיקן דעם תענית, ווי נאָר עס האָבן זיך באַוויזן דריי שטערן אין הימל, פאַר מעריב, האָט יעדער איינער פון עולם איינגעלאַדן דעם גאַסט צו זיך אַהיים.

נאָכדעם אָבער ווען מען האָט געוואָרפן גורל, האָט דער פרומער חזן פון דער קהלה געהאַט דאָס גליק, דער אורח זאָל גיין צו אים אַהיים. מיט גרויס שמחה האָט ער אים ביי דער האַנט אָנגענומען און געפירט צו זיך אין אַרימען האַלב-איינגעפאַלענעם שטיבל אין עק פון אַ פינסטערן געסל. דער חזן איז געגאַנגען פאָראויס און נאָך אים דער ליבער גאַסט.

צוקומענדיק אָבער צום הויז, וואו זיי האָבן געזאָלט די טיר עפענען

און אריינגיין אין שטוב, איז דער אַלטער פּלוצלינג פאַרשוואונדן פון אויג און ס׳איז פון אים קיין שפור ניט פאַרבליבן.

דער חזן האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און געזוכט זיין אורח, ער האָט אָבער קיינעם ניט געטראָפן, גלייך ווי די ערד וואָלט מיטאַמאָל איינגעשלונגען זיין מיטגייער.

פון גרויס האַרץ-קלעמעניש איז ער אליין אריין אין שטוב און זיך אויף זיין אָרעמען געלעגער אנידערגעוואָרפן און איז האַרט איינגע-שלאָפן, ניט פאַרזוכנדיק קיין שום עסן נאָכן פאַסטן אַ גאַנצן מעת-לעת.

אין חלום האָט זיך צו אים באַוויזן זיין אורח און געזאָגט:

— האָב קיין יסורים ניט, ליב קינד, איך בין אייער פאָטער אברהם. אייער זאָרג וועגן אַ מנין אויף יום-כפּור האָט דערגרייכט צו מיר אין דער מערת-המכפלה, בין איך געקומען אַלס צענטער צום מנין, כדי איר זאָלט קענען דאַווענען בצבור און אויסבעטן אַ גוט יאָר. זייט גע-בענטשט און געגריסט, אַ גוט יאָר אייך, אַ גוט יאָר!...

דער פּיש

אין אַ רוימישער שטאָט האָט אַמאָל געוואוינט אַן אָרימער שניי-דער, וועלכער פלעגט אַ גאַנץ יאָר אַרבעטן שווער און ביטער מיט שער און אייזן און קוים זיין לעבנס-מיטל פאַרדינט.

אַמאָל אין אַן ערב יום כפּור האָט זיך דער אָרימער אַרבעטער אַרויסגעלאָזט אויפן מאַרק קויפן פיש לכבוד יום-טוב. אין יענעם טאָג האָט אויך דער דאָרטיקער גובערנאַטאָר געשיקט זיין דינער אין דער פריע איינקויפן עסנוואַרג, צווישן וועלכן קיין פיש האָט ניט געטאָרט פעלן. דער טאָג איז דאַן געווען אַ קילער און אַ טריבער, ווען אויף פיש איז אַ גרויסער מאַנגל.

שטייענדיק לאַנג אויפן מאַרק, האָט זיך ענדלעך באַוויזן אַ פישער און געבראַכט צו פאַרקויפן איין און איינציקן גרויסן העכט, פאַר וועלכן ער האָט געפאָדערט אַ הויכע פרייז.

האָבן אים ביידע געוואָלט קויפן: דעם גובערנאַטאָרס דינער און דער שניידער, און קאָנקורירט מיט די פרייזן. גיט דער אַזוי פיל, גיט דער צווייטער מערער.

ווען דער דינער האָט שוין געהאַלטן ביי צען גילדן, האָט דער שניי-דער געהעכערט אויף צוועלף און דער פיש איז טאַקע געבליבן פאַר אים, און ער האָט אים מיט גרויס שמחה אַוועקגעטראָגן אַהיים פאַר דער ערב יום-כפּור-סעודה.

— פאַרוואָס דערלאַנגסטו נישט קיין פיש צום עסן? — האָט דער גובערנאַטאָר געפרעגט זיין קעלנער, זיצנדיק ביים טיש. ווייסטו דען

נים, אַז ביי מיר איז פיש דער הויפּט-מאכל, אַז וועלכן עס באַקומט מיר נישט דער גאַנצער מאָלצייט?

— אַ אידישער שניידער האָט ביי מיר היינט אויסגעדונגען אין מאַרק דעם פיש וואָס כ׳האָב געקויפט — הויבט אָן דער קנעכט אויס-דערציילן זיין האַר די גאַנצע געשיכטע, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אינדערפרי ביים פיש-איינקויף. ווען עס איז געקומען איינער אָן אַרי-מער שניידער און באַצאָלט צוועלף גילדן און אויסגעדונגען דעם פיש.

— ווי אַזוי איז עס מעגלעך אַז אַן אָרימאַן אַ שניידער, זאָל באַ-צאָלן אַזוי פיל געלט פאַר אַ פיש? —באַוואונדערט עס שטאַרק דער גו-בערנאַטאָר,— גיי נאָר און זוך אים גלייך אָפּ און ברענג אים אַהער. ניט קיין אָרימאַן איז ער, אַז אוצר געפינט זיך אין זיין הויז, וואָס מוז גיך קאָנפיסקירט ווערן פאַר דער רעגירונג!

* * *

דער שניידער איז באַלד געבראַכט געוואָרן צום רוימישן שטאָל-פּאַרטרעטער, פאַר וועלכן ער האָט געמוזט דורך אַ שטרענגן פאַרהער געגוי דערקלערן, ווי אַזוי ער האָט געוואַגט אויסדינגען דעם פיש און פאַרשטערן דעם רייכן מיטיק, וואָס האָט געזאָלט דעם טאָג פאַרקו-מען אין געבורנאַטאָרס הויז, לכבוד געסט און הויכע רעגירונגס-לייט.

— מיין האַר! —דערקלערט אים דער שניידער מיט טרערן אין די אויגן— איך בין גאָר קיין רייכער מאַן ניט, נאָר אַן אָרימער אַרבעטער וואָס פאַרמאָגט גאָרניט, איין טייערן אוצר פאַרמאָגן מיר אידן יאָ אין אונזער לעבן: דאָס איז דער הייליקער יום-כפור, דער חשבון הנפש און יום-הדין פאַר יעדן אידן, ווען מיר זאַמלען זיך צונויף אין די שולן און בעטן פאַרגעבונג אויף די זינד פון גאַנצן יאָר. אין דעם טאָג פאַסטן מיר און גיסן אויס אונזער האַרץ פאַר גאָט מיט געבעט פאַרן שלום און גליק פון דער גאַנצער וועלט. נו, זאָל איך כאָטש איין מאָל אין יאָר זיך ניט פאַרגינען פראַוועון אַ סעודה, כדי צו פאַרפאַסטן ערב דעם היי-ליקן טאָג, ווען מיר פייניקן פיזיש אונזער גוף און בעטן גליק פאַר דער גאַנצער מענטשהייט? דאָס גאַנצע יאָר שפּאָר איך דאָך און קאַרג דעם לעצטן ביסן פון מויל, כדי זיך פאַרשאַפן פאַרגעניגן ערב יום-כפור.

איצט, זאָגט אַליין, גרויסער הערשער, בין איך טאַקע באַגאַנגען אַ פע-לער דורכן אויסדינגען ביי אייער דינער דעם פיש? אויב יאָ, בין איך גרייט אָפּצוקומען מיין שטראַף, און טוט מיט מיר וואָס איר ווילט.

אויסהערנדיק אַזעלכע האַרציקע ווערטער פון אַ פּראָסטן אידישן שניידער, איז דער גובערנאַטאָר טיף גערירט געוואָרן און באַפרייט דעם אָרימען אידן פון יעדער שולד און אים מיט גרוים כבוד אהיים געשיקט.

קומענדיק אהיים, האָט דער שניידער געעפנט דעם פיש און גע-פונען אין אים אַ טייערן דימענט-שטיין, וועלכן ער האָט פאַרקויפט און איז שוין זיין גאַנץ לעבן געבליבן רייך און גליקלעך...

ר׳ יונתן פראגער און זיין פרומער שכן אין שול

דער בארימטער פראגער רב און גרויסער למדן ר׳ יונתן, וועמענס נאמען עס קלינגט נאך ביז היינט איבער גאר דער אידישער וועלט, פלעגט ליב-האבן אין די ימים-נוראים זוכן א געלעגנהייט, צו זעצן זיך אין שול נעבן א פרומען אידן, וואס דאוונט מיט גרוים כוונה. ביי זיך אין שטאט, וואו ער האט אלעמען געקענט איז אים גאר לייכט אנגעקומען אויסקלייבן זיך א פלאץ נעבן אזעלכן, לויט זיין וואונטש.

זייענדיק אבער אמאל אין דער פרעמד, האט ר׳ יונתן ניט געוואלט ענדערן זיין מנהג און איז ערב יום-כפור פארנאכט, מנחה-צייט, אריינגעקומען אין א שול און דערזען ווי צווישן א געפאקטן עולם מתפללים איז געשטאנען איינער אן אלטער איד איינגעבויגן איבער זיין מחזור און געדאוונט זייער פרום. פון זיינע אויגן האבן געגאסן טרערן און מיט א שווער געמיט און צעבראכן הארץ האט ער א פאר מאל איבער-געחזרט די באוואוסטע תפילה און איבערגעטייטשט אויף אידיש:

— „עפר אני" — איך בין שטויב; „בחיי" — ביי מיין לעבן; „קל וחומר" — איז שוין געוויס; „במיתתי" — נאך מיין טויט...

— אט דא האט מיר גאט צוגעשיקט א כשר'ן אידן — טראכט זיך דער רב און בלייבט צופרידן. — איך מוז זען אומבאדינגט פארנעמען א פלאץ נעבן אים און דאוונען אין זיינע פיר איילן.

* * *

אוועקלויפנדיק אין דער גיך אהיים, האט ר׳ יונתן אויף שנעל פארפאסט און זיך צוריקגעקערט אין שול, וואו ער האט זיך טאקע אנידערגעשטעלט אויף דעם געוואונטשענעם פלאץ, זייט ביי זייט, נעבן יענעם פרומען אלטן און געדאוונט מיט געפיל און מיט גרוים התלהבות.

אויך אויף מארגן האט דאס זעלבע פאסירט. דער איד איז די גאנצע צייט געשטאנען ווי צוגעשמידט צום פלאץ און אויף קיינעם נישט גע-קוקט, נאר געהאלטן דעם קאפ טיף אריינגעגראבן אין מחזור און מתפלל געווען גלייך ווי ער וואלט זיך געפונען צווישן מלאכים.

אבער בשעת לייענען די תורה, ווען דער גבאי האט אים אויפגע-רופן רביעי, האט ער זיך אן אויפגערעגטער, א הויב-געטון פון ארט און זיך אנגעצונדן ווי א שוועבעלע:

— וואס איז דאס? דו, אזוינער און אזוינער! — האט ער אויף א קול געשריען צום גבאי — יענעם, אזא נידעריקן מענטשן, וואס פאר-מאגט נישט מיין מיסט, האסטו געגעבן שלישי, און מיר, אזא שיינעם אידן, וועלכער שטייט מיט הונדערט פראצענט העכער, גאר רביעי? ס'טייטש, וואו האט זיך עס געהערט אזא הפקרות?!

ר׳ יונתן איז דערשטוינט געווארן און זיך נישט געקאנט אפ-וואונדערן:

— ר' איד, וואָס איז מיט אייך געשען? —האָט ער אים אויפ-מערקזאַם געמאַכט,— איר האָט דאָך ערשטע ניט לאַנג מיט אייער אייגן מויל געשריען: „איך בין שטויב און אַש", און זיך געהאַלטן אַזוי נישטיק, ווי אַזוי-זשע קאָנט איר איצט, דערצו נאָך אום יום-כפור באַ-ווייזן אַזאַ כעס און זוכן כבוד?

— פאַרשטייט איר מיך, רבי לעבן, —ענטפערט דער איד, שוין אַביסל רואיקער,— ס'איז טאַקע ריכטיק, קעגן גאָט בין איך שטויב און אַש און האָב קיין שום ווערט ניט, דאָקעגן אָבער קעגן יענעם גראָבן יונג, וועלכער איז אַלע יאָרן מיינער אַ שונא, שטיי איך העכער און בע-סער, דעריבער פיל איך מיך טיף באַליידיקט, דערפון וואָס ער האָט געקראָגן אַ שענערע עליה...

אַזוי האָט זיך דער פרומער דאַווגער אַנטשולדיקט פאַרן רב און ווייטער זיך אָנגעהויבן שאָקלען ביי די תפילות און געדאַוונט מיט גרויס כוונה.

דער שטיינהעקער

אַמאָל האָט איינער אַ גרויסער צדיק זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין רייזע-וועג אין אַ דאָרף און באַשלאָסן דאָרט איבערצונעכטיקן.

נאָכפרעגנדיק זיך ביי די דאָרפס-לייט וועגן אַן אכסניה, האָט מען אים אָנגעוויזן אויף אַ הויז וואו עס האָט געוואוינט דער איינציקער איד אין דאָרף און אים אַהינצו געשיקט.

אריינקומענדיק אין שטוב, טרעפט דער צדיק די באַלעבאָסטע און פרעגט ביי איר וועגן אַ פּלאַץ צום איבערנעכטיקן.

— יאָ, מיין האַר, דאָס גאַנצע הויז איז פאַר אייך — ענטפערט די פרוי העפלעך.

זי האָט פאַר אים געגרייט אַ טיש און אויסגעבעט אַ בעט.

— און וואו איז דער בעל-הבית? — פרעגט דער גאַסט און קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן.

— מיין מאַן איז נאָך ביי דער אַרבעט און וועט מסתמא באַלד אַהיימקומען — ענטפערט די פרוי און בעט אים זיצן.

אוועקזעצנדיק זיך אָפּרוען פון וועג, האָט דער פרעמדער דערפילט אַ ריח פון קדושה, וואָס שוועבט אַרום איבערן הויז און שמעקט אַרויס פון יעדער ווינקעלע.

— דער בעל-הבית מוז אוודאי זיין זייער אַ פרומער און הייליקער מאַן — טראַכט זיך דער צדיק, — אַ דאַנק גאָט דערפאַר וואָס ער האָט מיך אַהער געבראַכט. איך מוז זיצן און וואַרטן ביז דער מענטש וועט אַהיימקומען, כדי איך זאָל זיך מיט אים באַקענען פּערזענלעך און זען זיינע מעשים.

באלד איז אנגעקומען דער בעל-הבית פון דער ארבעט און האט אוועקגעלייגט דאס געצייג פון האנט. ער האט זיך געשטעלט דאווענען מעריב. נאכן אפדאווענען, זיך געוואשן צום עסן, אפגעגעסן, געבענטשט און זיך געלייגט שלאפן. עס איז ניט קענטיק געווען, ניט פון זיין דאווענען און ניט פון זיינע אנדערע פירונגען אזעלכעס, וואס זאל פארמאגן אין זיך עפעס העכערס, אויפן שטייגער פון די גרויסע צדיקים.

דער צדיק איז געזעסן און האט צוגעקוקט און ניט פארשטאנען פון וואנען נעמט זיך א ריח פון קדושה אין הויז.

— דער מענטש מוז זיין פון יענע פארבארגענע צדיקים, וואס פארהוילן זייערע מעשים פון יעדן אויג! — קלערט ביי זיך דער צדיק, לאמיר נאר זען ווי אזוי פירט ער זיך אויף ביינאכט.

* * *

נאכשפירנדיק אים די גאנצע נאכט, האט דער צדיק געזען ווי דער מענטש איז געשמאק געשלאפן א מידער אין בעט און איז צומאל ניט אויפגעשטאנען צו „תיקון חצות".

— אים איז געלונגען אויסבאהאלטן פאר מיר זיין נאכט-עבודה. איך וועל אים נאכשפירן א גאנצן טאג און זען אין וואס באשטייט זיין הייליקייט — טראכט דער צדיק און לאזט פון אים קיין אויג ניט אראפ.

ביים בלויען כאור, ווי נאר דער מארגנשטערן האט אויפגעשיינט, איז דער מענטש אראפ פון בעט און האט געוואשן די הענט און דאס פנים מיט וואסער. ביים דאווענען האט ער קיין לאנגע שהיות ניט געמאכט, נאר גערדאווענט קורץ און שנעל ווי א פראסטער איד. ער האט איבערגעביסן, גענומען זיין געצייג און איז אוועק צו דער ארבעט.

דער צדיק איז אים נאכגעגאנגען פון הינטן, טריט נאך טריט און האט געזען ווי דער מענטש קומט צו צו א הויכן בארג ווייט פון שטאט און האקט שטיינער. יעדן אפגעהאקטן שטיין גלייכט ער ארום פון אלע פיר עקן און מאכט אים גלאט, פירקאנטיק, קונציק, ווי אויסגעטאקט. בשעת דער ארבעט איז ער ארייגעטון מיט אלע זיינע חושים אין דער זאך מיט וועלכער ער באשעפטיקט זיך, ניט אויפהויבנדיק צומאל דעם קאפ אין קיין זייט, נישט אהין און נישט אהער. ער ווענדעט ניט אפ זיין בליק פון שטיין און ארבעט ערלעך.

— איז דאס דיין שטענדיקע פראפעסיע און דערפון ציסטו דיין היונה? — דערנענטערט זיך דער צדיק צום שטיינהאקער און פרעגט ביי אים.

— יא, מיין האר, — שאקלט יענער נאך מיטן קאפ. איך האק שטיינער און מאך זיי גלאט און פירקאנטיק. אין שטאט זיינען פאראן הייזערבויער, וועלכע קומען און קויפן זיי ביי מיר. זיי באצאלן מיר פאר מיין ארבעט און אזוי לעב איך זיך אדורך.

דריי טעג און דריי נעכט, האט דער צדיק פארבראכט אין הויז

פון דעם שטיינהאַקער און האָט קיין שום באַזונדערעס ניט געזען, אוי-סער די טאָג-טעגלעכע שווערע ארבעט פון שטיינהאַקעריי, מיט וועלכע דער מענטש באַשעפטיקט זיך און נישט מער.

— וואָס באַדייט עס ? —האָט דער צדיק זיך נישט געקענט אָפּ-וואונדערן,— צוליב דעם אליין וואָס ער האַקט שטיינער, האָט ער זוכה געווען אַז אין זיין שטוב זאָל ארומשוועבן אַ געטלעכער גייסט, אָנגע-פולט מיט ריח פון קדושה און שמעקן מיט דערהויבנקייט ?

ענדלעך האָט ער פאַרפירט מיט אים אַ געשפרעך און געפרעגט מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך אין דער פרייער צייט, נאָך דער ארבעט.

— אזוי ווי איר זעט מיך היינט, געבמן און אייערגעכטן, אזוי פיר איך זיך אַלע מיינע יאָרן — ענטפערט דער מענטש.

— איר ווייסט, אַז די ימים נוראים דערנענטערן זיך גאַר איינגיכן, וואו דאַוונט איר ראש השנה און יום כפור ? ביי אייך אין דאָרף איז דאָך קיין מנין ניטאָ.

— ראש-השנה און יום-כפור דאַוון איך אין שטאָט, אין יענעם און יענעם בית-המדרש.

— איך וועל אים אפשר דערקענען דורך זיינע תפילות אין די פורכ-טיקע טעג — טראַכט זיך דער צדיק.

* * *

אריינקומענדיק שטילערהייט יום-כפור אין שול אריין, האָט אים דער צדיק געטראָפן שטיין ביי דער טיר דאַווענען ווי אַ פּראָסטער איד, אָן שום באַזונדערע כוונות.

— גאָט אין הימל! —וואונדערט זיך דער צדיק— צוליב וואָס האָט דער מענטש זוכה געווען אַז די ווענט פון זיין הויז זאָלן אויפברענגען אַזאַ ריח פון קדושה פאַר דיר ?

אָט די זעלבע פראַגע האָט ער געפרעגט אין נאַכט-חלום, מוצאי יום-כפור, און האָט באַקומען אַן ענטפער פון הימל, אַז די קדושה פון שטיינהאַקער ליגט אין זיין ארבעט, וועלכע ער טוט ערלעך מיט זיין גאַנצן געוויסן, אָן שום אָפּווענדן זיין הארץ צו אַנדערע זאַכן. די ליב-שאַפט פון זיין מלאכה מאַכט אים גרוים און הייליק און באַהעפט אים צו זיין באַשעפער אין הימל, וועלכער קוקט אראָפּ פון דער הויך און האָט הנאה.

צומאָרגנס נאָך יום-כפור, איז דער צדיק געלאָפן מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ כאַפּן נאָכאַמאָל אַ בליק אויף דעם הייליקן געשטאַלט פון וואונ-דערלעכן מאַן און האָט אים אָוועקגעטראָגן אַן אתרוג מיט אַ לולב, אַ מתנה אויף סוכות.

— צו וואָס האָסטו מיך באַאומרואיקט און גענומען פרעגן וועגן מיר אין הימל ? —שרייט דער שטיינהאַקער— איך האָב דאָך שוין פון איצט אָן מער קיין דערלויבעניש ניט צו פאַרבלייבן מיט אייך אויף דער וועלט.

— אוי, בענטש מיך, מײַן האַר, הײליקער מאַן! — בויגט אַן דער צדיק זײַן קאָפּ און בעט זיך מיט געוויין און מיט ציטער.

אַרויסקריגנדיק אַ ברכה, האָט זיך דער צדיק געזעגנט און איז אַוועק בשלום.

נאָך אין זעלבן חול-המועד סוכות, איז דער שטײנהאַקער נפטר געוואָרן און מען האָט אים געפירט אין שטאָט אַרײַן צו קבורה.

חג הסוכות

סוכות

בחמשה עשר יום לחדש השביעי הזה חג הסכות שבעת ימים לד׳.

(אין פופצנטן טאָג פון דעם־דאָזיקן זיבעטן חודש איז דער יום-טוב פון סוכות זיבן טעג צו גאָט).

ויקרא, כ״ג, ל״ד.

בסכת תשבו שבעת ימים — — — למען ידעו דרתיכם כי בסכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים.

(אין סוכות זאָלט איר זיצן זיבן טעג — — — כדי אייערע דורות זאָלן וויסן, אַז אין ביידלעך האָב איך געמאַכט זיצן די קינדער פון ישראל, ווען איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים).

שם, מ״ב, מ״ג.

ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר כפת תמרים וענף עץ עבות וערבי נחל ושמחתם לפני ד׳ אלקיכם שבעת ימים.

שם, מ׳.

(און איר זאָלט אייך נעמען אין ערשטן טאָג פרוכט פון אַ שיינעם בוים, טײַטלבלעטער און צווייגן פון אַ געדיכטן בוים, און ווערבעס פון טייך, און איר זאָלט זיך פרייען פאַר אייער גאָט זיבן טעג).

דער כאַראַקטער פון סוכות

סוכות פאַלט אוס אין פופצנטן טאָג פון חודש תשרי. דער דאָזיקער יום-טוב טראָגט אַ רעליגיעזן און נאַציאָנאַל-אַגריקולטורעלן כאַראַקטער. אַ רעליגיעזן — אַלס אָנדענק פון די סוכות אין וועלכע די אידן האָבן געלעבט אין משך פון די פערציק יאָר פון זייער וואַנדערן אין דער מדבר, און אַ נאַציאָנאַל-אַגריקולטורעלן אַלס דער חג האסיף, דער יום-טוב פון איינזאַמלען די תבואה פון די פעלדער.

סוכות בענטשט מען אתרוג.

★

דער יום-טוב סוכות

אידן זיינען אַמאָל געווען אַ שטאַרק פאָלק, אַ פאָלק וואָס האָט אָנגעוואָרפן שרעק אויף אַלע אַרומיקע שכנים.

אידן זיינען געזעסן פעסט און זיכער אויף אַ פעטן באָדן אין דעם געבענטשטן לאַנד ארץ-ישראל, יעדער אונטער זיין ווייַנשטאָק און פייגנבוים, וואו ער האָט געשעפּט פולע הויפנס נחת און זיך גרוים פאַרגעניגן פאַרשאַפט פון דעם אלדאָס גוטס וואָס גאָט האָט אים צוגעטיילט.

אָט איז די הייליקע הויפּטשטאָט ירושלים, די פּראַכטפול-געבויטע מיט גלאַנץ און רום. אירע שיינע פּאַלאַצן און הויכע טורעם-געביידעס

דערהויבן זיך שטאָלץ צו די הימלען. אירע גערטנער און וויינשטאָקן פאַרבאַפּן דאָס אויג און פולן עס אָן מיט צויבער.

אויפן בארג ציון שטייט גראַנדיעזי דער קעניגלעכער פּאַלאַץ, באַפּוצט מיט קעניגלעכער לוקסוס-אויסשטאַטונג. אַנטקעגן אים, אויפן באַרג מוריה, דער בית-המקדש, וועלכער שטייגט איבער מיט זיין בוי-געשמאַק און הערלעכקייט, יעטוועדע וואונדערלעכע רום-געביידע. אַ מעכטיקע גרויסע בריק אינ׳ם געשטאַלט פון אַ רעגנבויגן, איז אויסגע-שפּרייט פון באַרג ציון צום הייליקן היכל, אויף וועלכער עס גייט דער קעניג מיט זיינע הויכגעשטעלטע הארן אין די יום-טוב-טעג, געוויזן ווערן פאַר גאָט אין דער באַגלייטונג פון גרויסע פאָלקס-מאַסן צו די טויערן פון בית-המקדש, אונטער די זיסע טענער און מוזיק קלאַנגען פון דער הערלעכער פאָלקס-פייערונג, וואו אַלץ איז לעבעדיק און לוסטיק.

אַט האָט דערגרייכט די גליקלעכע צייט פון איינזאַמלען די תבואות און פּרוכט פון פעלד און גאָרטן. די העכסט-געוואונטשענע טעג פון מזל און ברכה, ווען יעדער איינציקער קאָלאָניסט האָט מיט פיל פרייד און ענטוזיאַזם צונויפגעזאַמלט זיין האָב און גוטס, זיין האָניק און זאַפטיקע פּירות.

די שפּייכלער זיינען פול געוואָרן מיט קאָרן און די קעלטער האָבן געדרוישט פון וויין און בוימל.

דאָס געזאַנג האָט אָפּגעהילכט העט-ווייט און אַ דערהויבענע שטי-מונג האָט זיך געטראָגן פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן.

דאָך, ביי אַזעלכע גליקלעכע אומשטענדן און פריילעכע טעג האָט זיך דאָס פאָלק דערמאָנט אין זיין יוגנט, די מאַטערניש און ליידן וואָס זייערע עלטערן זיינען אַמאָל אויסגעשטאַנען ווען זיי האָבן פערציק יאָר נאָכאַנאַנד אַרומגעוואַנדערט אין דער שרעקלעכער ווילדער מדבר, צווישן גיפטיקע שלאַנגען און עקדישן, וואו ברענענדיקע זון-שטראַלן האָבן די קעפּ געפייערט און הייסע מדבר-זאַמדן האָבן זייערע פיס געבראָטן.

צום אָנדענקן פון יענע וואַנדערונגען און די מדבר-ביידלעך, האָט דאָס גאַנצע פאָלק פון לאַנד אויף זיבן טעג פאַרלאָזט זייערע הייזער און זיך באַזעצט אין סוכות. אָבער ניט אין אַזעלכע אָרימע און פאַר-שטויבטע, ווי די אין וועלכע זייערע אור-עלטערן האָבן געוואוינט אין דער מדבר, נאָר רייך-באַפּוצטע, באַהאַנגען מיט די שענסטע און בעסטע פּרוכט און אויסגעשפּרייט מיט גרינע צווייגן פון טייטלבוימער, שמע-קנדיקע אתרוגים און הדסים, וועלכע האָבן אָנגעפילט די לופט מיט דופטיקע ריחות.

טויזנטער פוסגייער פון אַלע עקן לאַנד, האָבן זיך באַוויזן אין דער הויפּטשטאָט ירושלים און האָבן געטראָגן אין די הענט הדר-ביימ-לעך און צווייגן פון טייטלען. לויב-געזאַנגען צו גאָט דורך האַרציקע

לידער האָבן פון זייערע העלזער ארויסגעזונגען ביזן ארויפטרעטן אויפן הייליקן באַרג פון בית-המקדש.

די שטאָט איז דורכאויס געווען באַפלאַגט מיט נאַציאָנאַלע פענער וואָס האָבן אַראָפּגעפּאָכעט פון יעדער הויז און טורעם. אין אַלע גאַסן האָט מען געזונגען און געטאַנצט. פון אומעטום האָט אַרויסגעשטראַלט פרייד און שיינענדיקע פּנים׳ער.

אַזוי האָט אויסגעזען דער אַמאָליקער יום-טוב סוכות אין ארץ-ישראל, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געפייערט הערלעך און אימפּאָזאַנט, ווען עס האָט געלעבט פריי און אומאָפּהענגיק אויף זיין אייגענעם באָדן און לאַנד.

לעגענדעס אַרום סוכות

די פיר מינים

די פיר מינים, איבער וועלכע די אידן בענטשן אין דעם פריילעכן יום-טוב סוכות, זיינען געגליכן צו די פיר מינים מענטשן, וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט.

ווען גאָט האָט באַשאָפן דעם מענטשן, האָט ער אים באַשאָנקען מיט דריי מתנות: שיינקייט, חכמה און גוטהאַרציקייט.

האָבן אָבער נישט אַלע מענטשן אָפּגעהיט די ירושה פון זייערע עלטערן און נישט געקראָגן די אַלע דריי מתנות צוזאַמען. איינער איז שיין, איז ער נאַריש. דער צווייטער איז קלוג, איז ער מיאוס. דער דריטער איז שיין און קלוג, איז ער אָבער האַרטהאַרציק. דער פערטער איז גוטהאַרציק, איז ער אָרים און האָט נישט מיט וואָס אַרויסצוברענגען זיין גוטהאַרציקייט. און זעלטן איז צו טרעפן אַ מענטשן, וואָס זאָל פאַרייניקן אין זיך די אַלע דריי נאָבעלע אייגנשאַפטן: שיינקייט, חכמה און אַ גוט האַרץ. און ווען ס׳זאָל זיך יאָ געפינען צווישן אַלע מענטשן, אַזאַ מין סאָרט מענטש, אפילו איינער פון טויזנט, וואָלט ער ווערט געווען באַגריסט צו ווערן אַלס אַזעלכער און מען וואָלט געמעגט מאַכן אויף אים די ברכה: „געבענטשט איז גאָט, דער האַר פון דער וועלט, וואָס האָט אָפּגעטיילט פון זיין חכמה צו אַ מענטשן, אַ בשר ודם״. אַזוי בענטשן אויך די אידן די פיר מינים, וועלכע פאַרמאָגן אין זיך שיינקייט, טעם און גוטן ריח.

אין דעם טאָג פון איינזאַמלען די תבואה

ווען ס'איז די אידן פאַרזאָגט געוואָרן צו פייערן דעם יום-טוב פון צונויפזאַמלען די תבואה (חג-האסיף), זיינען דערשינען די שפּראָצונגען פון געטלעכן טראָן און האָבן אויסגערופן:

— האַר פון דער וועלט! די שמחה געהער דאָך אויך צו אונז. גיב אונז אויך אַ חלק אין דעם יום-טוב.

— יאָ, איר זענט גערעכט, מיינע טייערע, — זאָגט זיי גאָט, — פיר מינים זיינען פאַראַן צווישן מענטשן; פיר מינים פאַרמאָגן אויך די שפּראָצונגען. איך האָב אייך אַלעמען ליב. דעריבער וועל איך אָנזאָגן מיינע קינדער, די אידן, זיי זאָלן מאַכן איבער אייך אַ ברכה אין זייער פריילעכן יום-טוב. — וועלכע שפּראָצונגען פון אייך פאַרמאָגן שיינקייט, טעם און גוטן ריח? — פרעגט זיי גאָט.

— איך! — האָט זיך דער אתרוג גלייך געמאָלדן.

— ווער פון אייך פאַרמאָגט נאָר שיינקייט און גוטן ריח? — פרעגט גאָט אַ צווייטן מאָל.

— איך! — ענטפערט דער הדס און גיט-אָן זיינע מעלות, אַלס שיינער און שמעקעדיקער.

— וועלכע שפּראָצונג פון אייך פאַרמאָגט נאָר שיינקייט אַליין — פרעגט גאָט אַ דריטן מאָל.

— איך בין שיין! — שרייט-אויס דער לולב מיט שטאָלץ.

— און וועלכע שפּראָצונג פון אייך איז נישט שיין און שמעקט נישט און האָט אויך קיין טעם נישט? — פרעגט ענדלעך גאָט.

איז אויפגעגאַנגען די ווערבע פון טייך און האָט זיך גענומען באַקלאָגן מיט אַ וויינענדיק קול:

— אוי, מיין האַר גאָט! איך בין דאָך די אומגליקלעכסטע פון אַלע שפּראָצונגען. איך בין נישט שיין און האָבן נישט קיין טעם. אויך קיין ריח פאַרמאָג איך נישט!

האָט גאָט רחמנות געהאַט אויף דער אָרימער ווערבע און געזאָגט צו די אידן:

— אין פופצנטן טאָג פון זיבעטן חודש זאָלט איר פייערן אַ יום-טוב צו גאָט זיבן טעג. איר זאָלט נעמען די פרוכט פון אַ שיינעם בוים (אתרוג), טייטל-בלעטער (לולב), צווייגן פון געדיכטן בוים (הדס), און ווערבעס פון טייך (ערבה) און איר זאָלט זיך פרייען פאַר גאָט, אייער גאָט, זיבן טעג.

גאָט האָט געטרייסט די אָרימע ווערבע און צו איר געזאָגט:

— וויין נישט, טאָכטער מיינע, אין זיבעטן טאָג סוכות, „הושענא רבה", וועסטו אויסדערוויילט ווערן אַלס הויפּט פון די מינים און מען וועט מיט דיר גאָט לויבן און דיר גרויס כבוד אָפּגעבן.

✻

דו שעמעוודיקע, דו שעמעוודיקע

אין אן ערב סוכות, האבן זיך די ביימער פון גארטן אוועקגעשטעלט גרייט אויפצונעמען אידישע קינדער און זיי צרויסטיילן מתנות לכבוד יום-טוב.

— איך וועל זיי געבן לאנגע און גרינגע לולבים, — זאגט דער טייטלבוים.

— און איך וועל זיי שענקען פון מיינע בעסטע אתרוגים, אויף וועלכע עס געפינט זיך ניט קיין פלעק, קיין פינטעלע, — בארימט זיך דער הדר-בוים.

נאר דער הדס האט גארניט גערעדט. ער האט נאר ברייט צעעפנט זיינע שיינע בעכערלעך און ארויסגעלאזט פון זיך א געשמאקן און זיסן ריח, וועלנדיק דערמיט זאגן: „מיינע שמעקעדיקע צווייגן וועלן פארשאפן די קינדער פיל פארגעניגן, פון וועלכע זיי וועלן מערער געניסן ווי פון אייערע ביידנס מתנות".

און פון יעדער זייט גארטן, איז געשטאנען א ווערבע (ערבה), ביים ברעג טייך, אראפגעלאזט דעם קאפ און האט געטראכט:

— וואס קען אזא ארימע ווי איך געבן די אידישע קינדער? איך פארמאג דאך ניט, ניט קיין פירות, ניט קיין ריח און אויך נישט קיין שיינע צווייגן. זי האט געהאלטן אראפגעבויגן איר פנים און געקוקט אין טייך אריין א פארשעמטע.

באלד זיינען אנגעקומען אידישע קינדער מיט פרייד און געזאנג און ארויפקריכנדיק אויפן טייטלבוים, האבן זיי אפגעשניטן לאנגע לולבים און געזאגט: „הלוואי זאל הערשן שלום און איינקייט צווישן אידישע קינדער, אזוי ווי צווישן די לולבים-צווייגן וואס אויף דעם טייטלבוים, וועלכע לעבן בשלום און האלט זיך ווי איינס".

אנדערע קינדער האבן אפגעריסן אתרוגים פון הדר-בוים און זיך פריילעך צעזונגען:

— אזוי ווי דער אתרוג האלט זיך א גאנץ יאר אויף זיין צווייג, פעסט, זאפטיק און פריש, אזוי זאלן אידישע קינדער שטענדיק אויסזען לעבעדיק, פריש און געזונט.

אויך די קלענערע קינדער, ניט קענענדיק ארויפקריכן אויף הויכע ביימער, האבן אפגעשניטן שמעקעדיקע צווייגן פון הדס און זיך צוגעוואונטשן:

— ווי דער הדס מיט זיינע ווייט-שמעקעדעקע ריחות זאל אפקלינגען דער נאמען פון אידישע קינדער, מיט לויב און רום, איבער ווייטע לענדער.

ארויפשפרינגענדיק אויף דער ארימער ווערבע, האט איינער א אינגל אנגעריסן צווייגן און האט געזאגט:

— אויב איר באשטייט פון דריי בלעטלעך — דריי זייבען געוועזן

אונזערע אבות: אַברהם, יצחק און יעקב. און אויב פון פינף בלעטלעך — פינף חומשים זיינען פאַראַן אין דער תורה.

די קינדער האָבן צוזאַמענגעבונדן אַלע פיר מינים: לולב, אתרוג, הדס און ערבה און זיך געלאָזט צוריקגיין אין שטאָט מיט פרייד און געזאַנג.

די ערבה האָט געציטערט פאַר שמחה און זיך געשעמט צו קוקן גלייך. זי האָט אויסגעדרייט איר פנים אויף צוריק און אריינגעקוקט אין טייך אריין,

דער טייך האָט געלאַכט און געלאַכט: אַך, דו, שעמעוודיקע, שעמעוודיקע!

זים איז דער שלאָף פון אַרבעטער

ווען שלמה המלך האָט פאַרפאַסט זיין באַרימטן ספר קוהלת, האָבן מענטשן באַוואונדערט די לעבנס-חכמה און טיפע געדאַנקען וואָס שפּרודלען אַרויס פון יעדער וואָרט און פון יעדער פראַזע.

צוקומענדיק אָבער צום פסוק: „עס איז זים דער שלאָף פון אַר-בעטער, ווען ער האָט אפילו ווייניק געגעסן", האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען, ווי האָט אַזאַ חכם ווי שלמה, געקענט אַרויסזאָגן אַ זאַך, וואָס שטימט ניט מיט דערווירקלעכקייט. ווען אַ מענטש עסט ווייניק, איז ער דאָך אומרואיק און דער שלאָף ווערט פון זיינע אויגן אַוועק-געטריבן!

שלמה האָט אָבער מיט דעם פסוק געוואָלט פאַרענטפערן אַ זאַך אין באַצוג צו תורה-לערנען: ווען איינער האָט, צום ביישפּיל, מער ניט געלעבט ווי דרייסיק יאָר און האָט צוואַנציק פון זיי געווידמעט פאַר לערנען תורה און טון מצוות, ווערט זיין שכר ניט פאַרמינערט און ער איז געגליכן צו איינעם, וואָס האָט געלעבט אַכציק יאָר און גע-לערנט תורה. דער יונגער למדן האָט נאָר זיין לעבן פאַרלוירן, אָבער נימ זיין שכר. ער איז גלייך צו יענעם, וואָס האָט לאַנג געלעבט און לאַנג געלערנט. אָט דאָס איז דער זין און טייטש פון דעם פסוק: „עס איז זים דער שלאָף פון אַרבעטער, ווען ער האָט אפילו ווייניק געגעסן". און אָט דעם געדאַנק האָט דער „חכם מכל אדם" געוואָלט אַרויסברענגען אין קורצע ווערטער.

ר' זירא האָט דערצו צוגעגעבן אַ משל:

אַ קעניג האָט אַמאָל פאַרמאָגט אַ פרוכטבאַרן וויינגאָרטן און האָט געדינגען מענטשן אים צו באַאַרבעטן. האָט זיך צווישן זיי געפונען איינער, אַ יונגער, זייער פלייסיקער מענטש, וועלכער האָט זיך אויס-געצייכנט מיט זיין געשיקטקייט ביי דער אַרבעט מער פאַר אַלעמען און האָט אויפגעטון אין צוויי שעה צייט אַזויפיל, ווי די אַנדערע אין

זעקס. איז ער זייער געפעלן געוואָרן דעם קעניג און ער האָט אים אוועקגערופן און מיט אים שפּאַצירט אַ לאַנגע צייט און געשמועסט.

ביים פאַרענדיקן די אַרבעט אין אָוונט-צייט, זיינען געקומען די אַרבעטער צום קעניג אָפּנעמען זייער טאָג-לוין. צווישן זיי איז אויך געשטאַנען דער יונגער מענטש, וועלכער האָט מער ניט געאַרבעט ווי אַ פּאָר שעה אין ווייַנגאָרטן און האָט דאָך געקראָגן באַצאָלט ווי פאַר אַ גאַנצן טאָג.

— פאַרוואָס קומט אים דער זעלבער לוין גלייך מיט אונז אַלעמען, פאַר אַזוי ווייניק אַרבעטן? — וואונדערן זיך זיינע חברים און פרעגן ביים קעניג מיט פאַרדרוס.

— וואָס פאַרדריסט אייך אַזוי שטאַרק, איר נאַרישע מענטשן? — ענטפערט זיי אָפּ דער קעניג, — זעט איר דען ניט, אַז דער מענטש האָט באַוויזן אויפצוטון אין צוויי שעה דאָס זעלבע, וואָס איר, שטייענדיק אַ גאַנצן טאָג און שווער געאַרבעט און זיך געמיט? — אַלזאָ, פאַרוואָס זאָל איך פאַרמינערן זיין שכר?...

די אַרבעטער האָבן ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן און זיך באַלד באַרואיקט.

קוהלת ווערט געלייענט שבת, חול-המועד סוכות, פאַר קריאַת-התורה.

אתרוגים אַלס הייל-מיטל

מיט פיל יאָרן צוריק, האָט אין אַ שטאָט, ביים האָפן פון ים, געוואוינט אַ גוטהאַרציקער פרומער איד, אָבער אַ גרויסער אָרימאַן, וועלכער האָט געפירט זייער אַן אָרעם לעבן און דאָך זיך באַנוגנט מיט ווייניק און קיינעם נישט מקנא געווען. ער האָט אפילו קיינמאָל זיך נישט אריינגעקלערט אין דער וועלט-אָרדענונג, פאַרוואָס דער אָרנטלעכער מענטש ווערט פון גורל ביטער געפּייניקט און דווקא דער שלעכטער און גרויזאַמער געניסט פון בעסטן און לעבט אַ גוטן טאָג.

זיין פרוי אָבער, וועלכע איז געווען דער קאָנטראַסט פון אים, פלעגט אָפטמאָל זיך קלאָגן אויף איר נויט און פיין און האָט באַלעסטיקט דעם מאַן מיט שטענדיקע טענות און דערביי אים שטרענג געוואָרנט, ער זאָל כאָטש דאָס לעצטע נישט צעטיילן פאַר אָרעמע, לויט זיין שטייגער פון אייביק אָן.

אין אַ צייט אַרום, ווען דאָס עלטסטע קינד איז גרויס געוואָרן און שוין געמוזט גיין אין שולע, האָט די מוטער, אָפּשפּאָרנדיק פון מויל, צונויפגעזאַמלט אַ קליין ביסל געלט און געשיקט איר מאַן קויפן דעם קינד אַ מאַנטעלע. אַרויסקומענדיק אויפן מאַרק איז צו אים צוגעגאַנגען איינער אַ גאָר נאָענטער באַקאַנטער און זיך פאַר אים פאַרטרויעט, אַז

ער פארמאגט נאך גארניט אויף יום-טוב און אין דער היים זיצט זיין פרוי מיט די זיבן קינדער, וועלכע ליידן הונגער און נויט.

דעם פרומען מאן האט ביים הארצן פארקלעמט און לאנג ניט גע-טראכט, האט ער אויסגעליידיקט זיין קעשענע און אים אוועקגעגעבן דאס ביסל געלט פאר וועלכן ער איז געקומען קויפן א מלבוש. נישט קאנענדיק אהיימקומען מיט ליידיקע הענט, איז ער אוועק אין שול דאוונען און געקלערט, פון וואנען וועט קומען זיין הילף?

זיצנדיק אזוי פארצווייפלט האט ער דערזען ווי קינדער קלייבן צו-נויף די אפגעבענטשטע אתרוגים, וואס נוצן מער נישט אויף ברכה, איז ער אויך ארוים אויפן שול-הויף און אנגעקליבן א היפש ביסל אתרו-גים, וועלכע ער האט איינגעפאקט אין א קעסטל און זיך ארויסגעלאזט אין א שום ציל אין גאס אריין.

צוקומענדיק צום האפן, האט ער געטראפן אן אנגעלאדענע שיף, וועלכע שטייט גרייט צו אפשווימען אין א ווייטן לאנד.

— נעם מיך מיט, —האט ער זיך געבעטן ביים קאפיטאן,— קיין געלט אויף הוצאות האב איך נימ, דערפאר וועל איך ארבעטן צוגלייך מיט דער מאנשאפט און וועל טון די שווערסטע ארבעט!

דער קאפיטאן האט אים אויפגענומען אלס ארבעטער אויף דער שיף. ער איז אפגעפארן א פאר טעג און אנגעקומען אין דער הויפט-שטאט פון קעניג.

* * *

אראפגייענדיק פון שיף מיטן קעסטל אתרוגים אויפן אקסל, האט ער עפעס באמערקט ווי דאס גאנצע פאלק טרויערט.

— וואס האט דא ביי אייך פאסירט? — פרעגט דער אנגעקומע-נער א דערשראקענער.

— אוי, אן אומגליק! — האבן אים מענטשן געענטפערט — איין-איינציקע טאכטער פארמאגט אונזער קעניג, זייער א טייער קינד, ליגט זי נעבעך שוין א צייט געפערלעך קראנק און די דאקטוירים געפינען ניט קיין מיטל פאר איר.

— איך וועל אוועקטראגן די אתרוגים צום קעניג און הייסן מאכן פון זייער זאפט א רעצעפט, אפשר וועט דורך מיר פון הימל געשען א נס און די פרינצעסין וועט געזונט ווערן, — האט א געדאנק א בליץ-געטון דעם מענטש אין מוח.

— לאזט מיך צו צום קעניג, —האט ער זיך געבעטן ביי די לייב-וועכטער— אין מיין קעסטל געפינט זיך א טייערע רפואה פאר זיין טאכטער, וועלכע וועט איר, מיט גאטס הילף, אפראטעווען.

אריינקומענדיק אין פאלאץ, האט דער פרעמדער דערציילט, אז ער האט פון אידישן לאנד געבראכט וואונדערבארע אתרוגים און ווען מען זאל זיי אויסקאכן אין הייסע וואסער און די זאפט געבן טרינקען דער קראנקער, וועט זי געהאלפן ווערן.

— וואָס וויל דער איד מיט זיין נאַריש מיטל? —האָבן די גרעסטע דאָקטוירים אים אויסגעלאַכט,— ער מאַכט אַ שפּאַס?

דאָך האָט דער קעניג געהייסן מאַכן אַ פּרואוו. מען האָט די אתרוגים אריינגעלייגט אין אַ זודיקן קעסל וואַסער און זיי גוט אויסגעקאָכט און ווי נאָר מען האָט פון זייער זאַפט דערלאַנגט דער קראַנקער דעם ערשטן זופּ, האָבן זיך ביי איר די אויגן געעפנט און זי איז גלייך פון טויט לעבעדיק געוואָרן.

די דאָזיקע געשעעניש איז פון גאַנצן לאַנד באַוואונדערט געוואָרן מיט גרויס רום. דער קעניג אליין האָט דערין אַרויסגעזען אַ געטלעכן וואונדער, וואָס איז אים גלייך פון הימל אַראָפּגעשיקט געוואָרן דורך אַ אָרימען אידן, צו ראַטעווען זיין טאָכטער פון אַ שווערער קרענק און פון אַ זיכערן טויט.

דאָס אויסגעליידיקטע קעסטעלע פון אתרוגים האָט דער קעניג געהייסן אָנפילן מיט גאָלדענע רענדלאַך און עס מיט גרויס דאַנקבאַרקייט דעם איד אין האַנט דערלאַנגט. אויך אַ ספּעציעלע שיף האָט דער קעניג געדונגען און דעם פרעמדן מיט פיל כבוד און פאַרמעגן אַהיימגעשיקט, וואו ער האָט אַלע יאָרן געלעבט גליקלעך און פאַרגעזעצט שטיצן נויטליידנדע און אָרעמע מיט דער ברייטער האַנט.

עפּיזאָדן וועגן סוכות

ר' מרדכי נעסוויזשער

דער באַרימטער גאון און צדיק, ר' מרדכי נעסוויזשער, איז געווען כל ימיו אַ גרויסער אָרימאַן און האָט געלעבט אין נויט און אין דחקות. דאָך האָט קיינמאָל נישט אויסגעפעלט אין זיין הויז קיין אתרוג אויף סוכות. ער פלעגט אַ גאַנץ יאָר קלייבן סענט צו סענט, כדי צו קענען זיך קויפן אַן אייגענעם אתרוג אויף יום-טוב און ניט דאַרפן אָנקומען צו קיינעם נאָך אַ געליענעם, לויט דער מצוה פון דער תורה צו בענטשן אויף אַן אייגענעם אתרוג (ולקחתם לכם משלכם).

איינמאָל אין אַן ערב יום-טוב, האָט זיך ר' מרדכי אַרויסגעלאָזט אין גאַס מיט אַ שפּאָר ביסל געלט אין קעשענע, איינצוהאַנדלען אַ שיינעם אתרוג. קומענדיק אין מיטן מאַרק, האָט ער דערזען ווי אַ איד זיצט און וויינט און פאַרגיסט ביטערע טרערן.

— וואָס האָט פּאַסירט מיט אייך, ר' איד? — דערנענטערט זיך צו אים דער רב און פרעגט.

— אוי, רבי, אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן! —שרייט יענער און ברעכט די הענט — איך בין אַן אָרימער וואַסערפירער. שוין יאָרן לאַנג ברענג איך וואַסער אין שטאָט אריין. איך צעפיר עס צווישן ד

שטיבער און צו דערפון מיין אָרים שטיקל ברויט. איז אָבער ביי מיר היינטיקן ערב יום-טוב געשען אָט-וואָס: מיין פערד האָט געפּלאַצט און איז אַנידערגעפאַלן טויט. אוי, וואָס טוט מען איצט? איך האָב ניט מיט וואָס צו אַרבעטן און עס קומט מיר אויס ניט אַנדערש ווי בעטן נדבות!

— האָב קיין יסורים ניט, מיין ליבער איד, — זאָגט ר׳ מרדכי,— נאָט אייך געלט און גייט קויפן אַ פערד.

ר׳ מרדכי האָט לאַנג נישט געטראַכט און אויסגעשאָטן זיין גאַנצן קאַפּיטאַל פון קעשענע דעם וואַסער-פירער אין האַנט און איז אַוועק אַהיים.

אריינקומענדיק אין שטוב, האָט דעם רב׳ס פּנים געשטראַלט פאַר פרייד און ער האָט געזאָגט מיט גרויס שמחה:

— געלויבט איז גאָט, פאַר דער גרויסער מצוה וואָס מיר איז באַשערט געווען צו טון צום היינטיקן יום-טוב. אַלע אידן וועלן בענטשן אויף אַן אתרוג און איך וועל דאַנקען און בענטשן גאָט וואָס האָט מיר צוגעשיקט די מצווה פון באַזאָרגן אַן אָרעמען וואַסער-פירער מיט אַ פערד פאַר זיין פעסל.

פּסח און סוכות

דער דוכס פון מאַנהיים איז געווען גוט באַהאַוונט אין אידישע מנהגים און פלעגט נאָכפאָלגן מיט אינטערעס אַלע אידישע ימים טובים.

איינמאָל האָט ער זיך געווענדעט צו ר׳ צבי פון בערלין און ביי אים געפרעגט:

— זאָגט מיר, אידישער געלערנטער, איך בעט אייך, פאַרוואָס זענט איר זיך נוהג אַז אום פּסח פרעגן ביי אייך די קינדער זייערע עלטערן „מה נשתנה” און סוכות ניט? מיר דוכט, אַז סוכות פּאַסט גיכער פאַרן קינד צו פרעגן די דאָזיקע פראַגע, ווייל סוכות איז דאָך די טרחה גרעסער פון פּסח. אַ איד ענדערט זיין גאַנץ שטייגער-לעבן, ער פאַרלאָזט זיין שטענדיק וואוינאָרט, די שטוב און וואַנדערט אויס אויף גאַנצע זיבן טעג אין אַ ציטווייליק געצעלט, אין אַ הילצערנער סוכה, געמאַכט פון דינע ברעטלאך מיט אַ ביסל גראָז אויפן דאַך, וואו ער געפינט זיך אומבאַקוועם און אומזיכער.

— איך וועל אייך דערויף ענטפערן, גנעדיקער האַר, —זאָגט ר׳ צבי.— פּסח זעט דאָס אידישע קינד ווי זיינע עלטערן זעצן זיך אַרום צופרידן ווי פרייע מענטשן, בני חורין, גאָרניט אויפן גלות-שטייגער, שיין געדעקטע טישן פאַרגרייט מיט אַלדאָס גוטס. זיי זיצן רואיק, ניט ווי אידן זיינען געוואוינט צו לעבן אין גלות, נאָר ווי אמת׳ע פּרינצן, בני-מלכים, רופט עס אפילו ביים קינד ארויס פאַרוואונדערונג און ער פרעגט, וואָס פּאַסירט דאָ: מה נשתנה הלילה הזה?

אַנדערש איז אָבער סוכות. דאָס קינד זעט ווי זיין פאָטער מאַטערט זיך און שטעלט אויף אַ הילצערןביידל, אַן אָרים סוכהלע. ער פאַר-לאָזט די שטוב און זיצט אין דרויסן, אין אַ דאַך איבערן קאָפּ, וואו דער רעגן רינט אָפּט מאָל אַריין און פאַרנעצט אַלעמען. אַזאַ זאַך איז ביים קינד גאַנץ פאַרשטענדלעך און עס איז ביי אים פון די קליינע נייעסן. ער וואונדערט זיך צומאָל ניט און שטעלט קיינע פראַגעס נישט, ווייל ער איז דאַך דערצו גוט צוגעוואוינט, לויטן שטייגער פון די אידן אין גלות...

צוליב צוויי מצוות

אין יענעם יאָר, ווען ר׳ לוי-יצחק בערדיטשעווער האָט זיך באַ-דאַרפט געזעגענען מיטן לעבן און אַריבערגיין אין דער אומשטערבלעכ-קייט, האָט ער מוצאי יום-כפור צונויפגערופן זיינע נאָענטע פריינט און צו זיי געזאָגט:

— איר ווייסט, היינט האָב איך פאַרענדיקט די צאָל פון מיינע יאָרן און איך מוז שטאַרבן. עס איז מיר אָבער אַ שאָד אוועקצוגיין פון דער וועלט, אין דער צייט ווען אַזעלכע צוויי טייערע מצוות ווי סוכה און אתרוג, שטייען מיר אַנטקעגן און דאַרפן אָנקומען אין נאָך אַ פאָר טעג אַרום. דעריבער האָב איך געבעטן ביי גאָט, ער זאָל פאַר-לענגערן מיין לעבן און אָפּלייגן מיין פטירה ביז נאָך יום-טוב, כדי איך זאָל נאָך קענען מקיים זיין אָט-אָ-די שיינע צוויי מצוות.

און אַזוי איז טאַקע געשען: אסרו-חג איז דער הייליקער צדיק קראַנק געוואָרן און צומאָרגנס האָט ער אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה.

חנוכה

חנוכה

אין די טעג פון מתתיהו בן-יוחנן כוהן־גדול, חשמונאי און זיינע זין, ווען עס איז אויפגעשטאַנען די גרויזאַמע מלכות יון אויף דיין פאָלק ישראל, זיי צו מאַכן פאַרגעסן דיין תורה און אַראָפּפירן פון די געזעצן פון דיין ווילן, און דו מיט דיין גרויס רחמים ביזט זיי ביגעשטאַנען אין דער שעה פון זייער נויט. האָסט זיך אָנגענומען זייער קריווּדע, האָסט גענוקמט זייער נקמה, האָסט איבערגעגעבן גבורים אין די הענט פון שוואַכע, און אַ מערהייט אין דער האַנט פון די ווייניקע. און אומריינע אין דער האַנט פון ריינע, און רשעים אין דער האַנט פון צדיקים, און בייזוויליקע אין דער האַנט פון די רויבער פון דיין תורה. און דיר האָסטו געשאַפן אַ גרויסן, הייליקן נאָמען אין דיין וועלט און פאַר דיין פאָלק ישראל האָסטו געבראַכט אַ גרויסע ישועה און אויסלייזונג ווי דער הײנטיקער טאָג: און דערנאָך זיינען אריינגעקומען דיינע קינדער אין דיין הייליקן דביר און האָבן אויסגעראַמט דיין היכל, און אויסגערייניקט דיין בית-המקדש, און האָבן אָנגעצונדן ליכט אין דיין הייליקע הויז, און האָבן באַשטימט די דאָזיקע אַכט טעג חנוכה, פאַר לויבן און רימען דיין גרויסן נאָמען.

דער כאַראַקטער פון חנוכה

חנוכה פאַלט אויס דעם 25-טן כסלו און האַלט אָן אַכט טעג. ער ווערט געפייערט אַלס אָנדענק פון דער באַפרייאונגס־מלחמה פון די מכבייער איבער דעם גרויזאַמען שונא אנטיוכוס אַפּיפנוס, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אויף דעם אידישן פאָלק און זיין תורה. די דאָזיקע מלחמה האָט זיך פאַרצויגן פון יאָר 167 — 140 פאַר דער נייער צייט-רעכענונג און האָט זיך פאַרענדיקט מיטן גרויס זיג פאַר די אידן.

אַלס אָנדענק צינדן אידן יאָר־יערליך אין די 8 טעג ליכטלעך, וואָס ווערן אָנגערופן די „חנוכה-ליכט“.

*

אין די צייטן פון מתתיהו גדול גדול

איינגעטונקען אין זונענשיין און אַרומגערינגלט מיט איילבירטן און טייטל-בוימער, איז געשטאַנען דערהויבן אויף אַ באַרג דאָס רו־איקע קליינע שטעטעלע מודיעין, דאָרט וואו עס האָט לאַנגע יאָרן געוואוינט די באַוואוסטע כהנים-משפּחה, מתתיהו מיט זיינע פינף זין: יוחנן, שמעון, יהודה, אליעזר און יונתן.

שטיל און באַשיידן האָט זיך דאָס שטעטל זיין נאָרמאַל לעבן געפירט און קיינמאָל פון קיין שלעכטס ניט געוואוסט, ביז עס האָבן זיך אויף דעם גאַנצן אידישן לאַנד שוואַרצע כמאַרעס אָנגערוקט און באַדעקט די הימלען. דאַן איז אויך אויף מודיעין אָנגעקומען דער גרויסער אומגליק.

אַ שווערע גריכישע אַרמיי, בראש פון אַ גרויזאַמען גענעראַל, האָט אַלע גאַסן באַלאַגערט און אין צענטער פון שטעטל, אין מאַמע מיטן מאַרק, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ מזבח צום גריכישן אָפּגאָט.

— גייט, גייט! — האָט דער גריכישער הערשער אויפגעפאָדערט די אידישע באַפעלקערונג — קניט און בוקט זיך צו אונזערע מעכטיקע געטער, צו די זעלבע וואָס דער גרויסער אַנטיוכוס אליין דינט. פאַר־לאָזט אייער גאָט, וועלכער האָט אייך שוין לאַנג פון זיך אָפּגעשטויסן און איבערגעגעבן אין אונזערע הענט; פאַרגעסט אייער תורה, צוליב וועלכער איר ווערט ווי די שאָף געשאָכטן... זעט אייער בית־המקדש איז וויסט; די שיינע פּאַלאַצן וואו איר האָט געוואוינט שטייען רואי־נירט; אייערע אוצרות ווערן צערויבט; טויזנטער קינדער אייערע פאַלן פון אונזערע שווערדן און ווערן קרבנות; דאָס גאַנצע לאַנד אייערס, איז דאָך פאַרוואַנדלט אין איין גרויסן בית־עולם, — בלויז מיט קברים פאַרזייט...

אויסהערנדיק אַזעלכע ווערטער פון גריכישן האַר, אין נאָמען פון זיין קעניג, וואָס וואַרפט אַ שרעק אויף פעלקער און לענדער, איז דאָס אידישע פאָלק פאַרציטערט געוואָרן און זיך קיין עצה נישט געקענט געבן.

פּלוצלינג, האָט דער גאַנצער עולם זיך צעטיילט אין צוויי רייען און געמאַכט אַ וועג פאַר אַן אָנגעקומענעם גרייז־גרויען מאַן.

— דער כהן־גדול גייט! — האָבן זיך געלאָזט הערן קולות פון אַלע זייטן.

* * *

אָנגעטאָן אין זיינע הייליקע כהונה־קליידער, האָט זיך באַוויזן דער אַלטער כהן מתתיהו מיט זיין לאַנגער ווייס־זילבערנער באָרד און פּאַט־ריאַרכאַליש פנים: די ווייסע האָר פון זיין קאָפּ און באָרד, האָבן העל אָפּגעגלאַנצט קעגן די זונען־שטראַלן מיט זייערע זילבערנע פעדים. פון זיינע אויגן האָבן פייער־פונקען געשפּריצט פון איינגעהאַלטענעם כעס און אויף די בלאַסע ליפּן זיינע איז פון צייט־צו־צייט אַ שרעקלעכער ציטער אַדורכגעלאָפן...

— מתתיהו! — ווענדעט זיך צו אים דער גענעראַל, — דו, אַלס כהן־גדול און פאָלקס־פירער, וועמענס וואָרט עס ווערט אויפמערקזאַם אויסגעהערט, דאַרפסט דער ערשטער ווייזן אַ ביישפּיל דעם פאָלק און אויספאָלגן דעם קעניגס באַפעל: ברענג אַ קרבן צום גריכישן גאָט, וועמ־ען דערמיט ראַטעווען דיינע ברידער.

— ניין, ניין, דו גרויזאַמער האַר! אין קיין פאַל וועל איך עס ניט טון, — האָט זיך דער אַלטער כהן בייז צעשטורעמט מיט זיין רייזן־שטימע, — צו דיין אומריינעם מזבח וויל איך ניט צוטרעטן און דיינע שטומע הילצערנע און שטיינערנע בילדער וועל איך ניט דינען! דו שונא פון מיין פאָלק און גאָט, וועלכער איז מיט פייער און אייזן געקו־

מען חרוב מאַכן מיין לאַנד און אויסשעכטן מיינע זין. דיין מזבח איז העסלעך און דיינע געטער זיינען נישטיק. געטריי וועל איך בלייבן דעם גלויבן פון מיינע עלטערן און מיט מיין גאַנץ לייב און לעבן וועל איך עס פאַרטיידיקן ביז מיין לעצטן טראָפּן בלוט. דיין מאַכט און שטאַרקייט האָט ביי מיר קיין שום ווערט ניט.

— שווייג, האַלט ס'מויל! — האָט זיך דער גריכישער גענעראַל צעבייזערט אויפן אַלטן מתתיהו און געכאַפּט די שווערד אין האַנט.

— גענענט צום מזבח, איר פאַרשאָלטענע קנעכט! — האָט ער אויסגערופן צו די קינדער פון פאָלק; קושט די שטיינער, בוקט זיך צו אונזער גאָט, שנעל, איך וואַרט!

דער דאָזיקער שטרענגען באַפעל האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלע פאַרזאַמלטע וועלכע האָבן זיך דאָרט געפינען, און איינער אַ איד איז גלייך צו צום מזבח און זיך אויף די קני געשטעלט.

פלוצלינג אָבער, איז מיט פלאַם-פייערדיקע אויגן, אָנגעגאָסענע מיט גבורה און כעס, צוגעלאָפן צו אים דער גרייז-גרויער כוהן מתתיהו, וועלכער האָט אַרויסגעצויגן אַ שאַרף מעסער און דעם אידישן פאַרעטער דערשטאָכן און נאָכהער ערשט, זיך אויפן מערדערישן הערשער אַ וואָרף געטון, און האָט אים צום טויט דערשלאָגן.

— קינדער זין מיינע, וואו זענט איר? קומט, אַנטבלויזט אייערע שווערדן, לאָמיר נקמה נעמען! — האָט דער העלדישער זקן זיך צעברומט ווי אַ לייב.

* * *

ווי אַ דונער וואָס קלינגט-אָפּ העט ווייט, איבער בערג און טאָלן ביז די ווילדסטע מדבריות, אַזוי האָט זיך געלאָזט הערן דער שטאַרקער רוף פון דעם אַלטן חשמונאי איבערן גאַנצן לאַנד יהודה, וועלכער האָט טיף אריינגעדרונגען אין יעדער שטאָט און דאָרף, אין יעדער שטוב און הארץ: מחנות'ווייז יונגע העלדן האָבן זיך אַרום די חשמונאים פאַרזאַמלט און מיט זיי צוזאַמען אין ענג-געשלאָסענע רייען פאַרטיידיקט זייער לאַנד.

ניט קיין טאָג און ניט צוויי, האָט זיך דער העפטיקער קאַמף געצויגן. דער אַלטער מתתיהו מיט זיינע פינף זין, האָבן נאָכאַנאַנד אָפּגעהאַלטן גרויסע נצחונות און לאַנגזאַם, טריט נאָך טריט, יעדער שפּאַן ערד באַפרייט פון פרעמדן יאָך.

פיל וואָכן און חדשים זיינען אַריבער, טייכן בלוט האָבן זיך געגאָסן, ביז עס איז אָנגעקומען דער הייליקער און גליקלעכער טאָג — כ"ה כסלו, ווען דעם שונא'ס חיילות האָבן גרויסע פאַרלוסטן געליטן און דער מכבים-זיג איז געוואָרן זיכער און דערפאָלגרייך.

אַזוי איז דאַן באַוואונדערט געוואָרן די העלדישקייט פון די אידישע גיבורים, וועלכע האָט אויפגערודערט די גאַנצע וועלט און איז פאַר-

בליבן איינגעקריצט אין הארץ פון פאָלק אויף אייביקע צייטן, אַלס סימבאָל פון העלדנטאַט און דערמוטיקונג, איבערצולעבן אַלערליי צרות און ליידן אין די גלות-לענדער...

לעגענדעס ארום חנוכה
יוחנן חשמונאי - און דער רשע ניקנור

אינם דרייאונצוואַנציקסטן יאָר פון אנטיוכוסעס טיראַנישער הער-שאַפט, האָט אַ בייזער גייסט אַנגעפּולט זיין הארץ מיט שנאה און האָס אויף די אידן און אים אַנגערעדט צו באַלאַגערן ירושלים און איר איינ-נעמען.

— איר ווייסט, מיינע הארן און דינער —האָט זיך דער קעניג אָנ-גערופן צו זיינע געטרייע הויפּט-מענער און גענעראַלן, — אין ירושלים וואוינט זייער אַ געוואַגט און בייז פאָלק, וועלכעס פירט אַן אייגנאַר-טיק שטייגער-לעבן און היט ניט אָפּ אונזערע געזעצן. דאָס דאָזיקע פאָלק האַלט זיך שטאָלץ און טרעט אָפּטמאָל ארויס מיטן אויפגעהוי-בענער האַנט מורד-זיין אין אונז. עס האָפט אויף אונזער מפּלה און וויל באַהערשן די וועלט פון איין עק ביזן צווייטן, מיט כח און מאַכט. קומט, לאָמיר דעם פאָלק דערקלערן מלחמה און אָפּמעקן דעם אידישן נאָמען פון דער וועלט. לאָמיר עס פארטיליקן אַזוי, אַז עס זאָל דערפון קיין זכר נישט בלייבן אויף אייביק!...

איז דעם קעניגס פּלאַן שטאַרק געפעלן געוואָרן אַלע גענעראַלן פון זיין שטאַב און זיי האָבן אים גוטגעהייסן און באַשטעטיקט.

אנטיוכוס האָט גערופן זיין העלדישן פעלדמאַרשאַל ניקנור און אים אַוועקגעשיקט קיין ירושלים מיט אַ באַוואָפנטער ארמיי, וועלכע זאָל שטורעמען די שטאָט און פארפירן דאָרט אַ בלוטיקע שלאַכט און מאַכן אַ שרעקלעכע שחיטה אויף אירע אידן.

ווען ניקנור האָט איינגענומען די שטאָט, האָט ער זיך אריינגע-ריסן אין הויף פון בית-המקדש און דאָרט אויפגעשטעלט אַ מזבח צום גריכישן אָפּגאָט. ער האָט געשאָכטן אַ חזיר-קרבן און אריינגעבראַכט דאָס אומריינע בלוט אין דער הייליקער עזרה און דערמיט באַשפּריצט די ווענט פון גאָטס הייליק הויז.

דערוויסנדיק זיך וועגן דעם שונא'ס שענדלעכן טאַט און גרויזאַמע לעסטערונג קעגן אידישן גאָט און גלויבן, האָט אויפגעציטערט און אויפגעקאָכט דאָס געטרייע הארץ פון יוחנן חשמונאי, מתתיהו הכוהנ'ס העלדישער זון, און ער האָט געשוואוירן נקמה נעמען פון דעם געוואַגטן רשע.

* * *

וואָס האָט געטון דער יונגער חשמונאי? ער האָט זיך אויסגע-שמידט אַ שאַרף שווערדל און עס אַנגעטון אונטער זיינע קליידער.

אריינקומענדיק קיין ירושלים, האָט זיך יוחנן אָוועקגעשטעלט ביי די טויערן פון ניקנור׳ס פּאַלאַץ און געבעטן די וועכטער זיי זאָלן אים צולאָזן צום הערשער, צוליב אַ וויכטיקער מעלדונג פון די אידן.

ווען ניקנור האָט אויפגענומען דעם אידישן כוהן, האָט ער זיך פאַר אים אויסבאַרימט מיט זיינע דערפאָלגרייכע נצחונות און דערביי געדראָט אומברענגען די אידן, אויב זיי וועלן זיך קעגנשטעלן זיינע באַפעלן.

— יוחנן! — ווענדעט זיך צו אים דער רשע, — דו, אַלס אידישער פאָרשטייער, פאָלג מיך און ווייז אַ מוסטער דיין פאָלק, שעכט אַ חזיר אויפן מזבח צו אונזער גאָט. איך וועל דיך דערפאַר גליקלעך מאַכן. קעניגלעכע קליידער וועסטו טראָגן און צוזאַמען מיט מיר אין איין קאַרעטע פאָרן, אַלס נאָענטער פריינט פון קעניג.

— יאָ, מיין האַר, איך וואָלט עס זיכער געטון, — ענטפערט יוחנן — האָב איך אָבער מורא פאַר די אידן, זיי זאָלן מיך ניט באַוואַרפן מיט שטיינער און דערמאָרדן. הייס אַלע דיינע דינער און קנעכט אַרויסגיין פון דאַנען, וועלן מיר זיך באַטראַכטן וואָס צו טון. ווען זיי זיינען ביידע פאַרבליבן אַליין אין צימער, האָט יוחנן אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און געזאָגט: „גאָט פון מיינע עלטערן, אברהם, יצחק און יעקב, שטאַרק מיך דאָס מאָל, און גיב מיר כוח צו באַזיגן דעם רשע, וואָס לעסטערט דיך און וויל דערנידעריקן דעם אידישן כבוד". נאָכן פאַרענדיקן די קורצע תפילה האָט יוחנן אַרויסגעצויגן דאָס שאַרפע שווערדל פון אונטער זיינע מלבושים און עס אריינגעשטאָכן אין האַרץ פון שונא און אים אויפן אָרט אַוועקגעלייגט אַ טויטן.

ווען אנטיוכוס האָט זיך דערוואוסט וועגן ניקנור׳ס טויט, האָט זיך נאָך אַ גרעסערער פייער-האַס אָנגעצונדן אין זיין האַרץ אויף די אידן. ער האָט געשיקט זיין צווייטן קריגס-פירער בגרים הרשע, וועלכער האָט פאַרגעזעצט דעם קאַמף אין ירושלים.

* * *

אנטיוכוס האָט אַרויסגעגעבן אַ שטרענגען געזעץ אין ירושלים, אַז ווער עס וועט היטן שבת, אָדער מל זיין אַ קינד, זאָל באַשטראָפט ווערן מיטן טויט. אידן האָבן אָבער געקעמפט מיט גרויס מסירות-נפש פאַר זייער גלויבן און ניט אויפגעגעבן די הייליקע געבאָטן פון זייערע עלטערן.

איינע אַ פרוי פון אַ לוי, האָט געבוירן אַ קינד נאָכן טויט פון איר מאַן, וואָס איז געפאַלן אין קאַמף מיט די גריכן און האָט עס מל געווען אויפן אַכטן טאָג.

מורא האָבנדיק אָבער ניט אריינצופאַלן אין די מערדערישע הענט פון בגרים הרשע, איז זי אַרויפגעקראָכן אויפן מויער פון שטאָט, האַלטנדיק דאָס קינד ביי דער ברוסט, און האָט אויסגעשריען אויפן קול:

— בגרים הרשע, דיר וועט זיך ניט איינגעבן צעשטערן דעם איי-

ביקן בונד צווישן גאָט און ישראל. די מצוות פון שבת און מילה וועלן מיר נימו אויפגעבן..

און מיט די ווערטער: „שמע ישראל", האָט זי זיך, צוזאַמען מיטן קינד אַראָפגעוואָרפן פון מויער און איז טראַגיש אומגעקומען אויף קידוש-השם.

אַזעלכע פאַלן האָבן שטאַרק דערמוטיקט די חשמונאים און זיי געגעבן גענוג כוח און ענערגיע צו קעמפן פאַר זייער תורה און מצוות.

יוחנן מיט זיינע ברידער האָבן העלדיש פאַרטיידיקט זייער פאָלק און עס גאָר אינגיכן באַפרייט פון די באַדריקער.

דער נס מיטן קליינעם קריגעלע בוימל

אין די צייטן פון אַנטיוכוס הרשע איז די אידישע לאַגע אין יהודה געווען אַ טרויעריקע און שווידערלעכע: דער בית-המקדש איז אַריינגעפאַלן אין דעם שונא'ס הענט. די גריכן האָבן אויסגעמאָרדעט איינעם נאָכן אַנדערן כוהנים און לוויים און פאַראומריייניקט גאָטס הויז מיט אָפּגעטער. די בעסטע זין פון אידישן פאָלק זיינען גלייך פון געפענגעניש געפירט געוואָרן צו דער שחיטה וואו זיי זיינען טראַגיש אומגעקומען פאַר זייער גלויבן. גרויס, אומגעהויער גרויס, איז געווען דער אידישער בראָך, צוזעענדיק ווי די גרויזאַמע גריכן דערנענטערן זיך צום בית-המקדש און ברעכן אויף די טירן, האַקן אויס די פענסטער און ווילן פאַרוואַנדלען דעם געטלעכן פּאַלאַץ אין אַ חורבה.

* * *

עס איז געוואָרן נאַכט. אין די גאַסן פון ירושלים האָט געהערשט אַ טויט-שטילקייט. די לעבנגעבליבענע אידן זיינען געליגן באַהאַלטן אין די היילן און האָבן מורא געהאַט צו באַווייזן זייערע פּנימער אויפן גאַס.

די גריכן האָבן זיך אַריינגעריסן אין בית-המקדש און זיך געזעצט אָפּרוען, נאָכדעם וואָס זיי האָבן אַ גאַנצן טאָג געבושעוועט אין שטאָט און געמאָרדעט אָן רחמנות די אידישע באַפעלקערונג.

דערזעענדיק די הייליקע קריגלאַך בוימל אין די אינעווייניקסטע צימערן, האָט איינער אַ גריך געכאַפּט איינעם פון זיי און אויפגעריסן דעם זיגל. דערנאָך האָט ער צעריסן דעם פּרוכת אויף שטיקלאַך און געמאַכט קנויטן, אַריינגעלייגט אין אַ זילבערנעם בעקן, און אָנגעצונדן און זיך אָוועקגעזעצט קעגן זייער שיין, איבערצוציילן די אָנגערויבטע געלטער און חפצים, וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן ביי די דערמאָרדעטע אידן פון זייערע קעשענעס, נאָכן טויט.

אין דעם מאָמענט האָבן די קריגלאַך בוימל אויפגעציטערט פון זייערע פּלעצער און אָנגעהויבן ביטער קלאָגן:

— מענטשן האָבן אונז געבראַכט צוליב דעם הייליקן צוועק, כדי צו באַלויכטן דעם בית המקדש. איצט אָבער זיינען מיר אריינגעפאַלן אין די בלוטיקע הענט פון רויבער און מערדער!

— וואָס זאָלן מיר זאָגן און וואָס זאָלן מיר רעדן? —רופט זיך אָן אַנדערע קריגלאַך— ווי אַזוי קענען מיר באַקלאָגן אונזער אייגענעם גורל, אין דער צייט ווען אידיש בלוט גיסט זיך ווי וואַסער?

— מיר איז ביטערער פון אייך! —שרייט אויס איין קליין קריגעלע פון אַ ווינקל-אַרויס.— די מענטשן וואָס האָבן אייך געבראַכט אַהער לעבן נאָך. זיי וועלן נאָך פלאַנצן אייבירטן און ברענגען נייעם בוימל אין בית-המקדש אריין. דער מענטש אָבער וואָס האָט מיך געבראַכט לעבט שוין מער נישט. ערשט נעכטן איז ער דערמאָרדעט געוואָרן.

— פון וואַנען ווייסטו עס? — פרעגן נייגעריק די קריגלאַך.

— ביז נעכטן איז מיין בוימל געווען לויטער, ריין און קלאָר ווי קרישטאָל. היינט אָבער איז ער פלוצלינג רויט געוואָרן ווי בלוט.

— אמת טאַקע, האָט זיך דערהערט אַ ווידער-קול פון אַ ווינקל בית-המקדש: — אליפלט בן אלצפן, האָט געהייסן דער מענטש. אים האָט יהודה המכבי געשיקט אַלס געהיים-אַגענט אין דער גריכישער אַרמיי, כדי אויסצושפּיאָנירן די מיליטערישע קראַפט פון שונא. צוריק-קערנדיק זיך ביינאַכט, האָט ער אָנגעצונדן זיין לאַמטערן צו זען דעם וועג, פלוצלינג האָט אים געטראָפן אַ פייל און ער איז שווער פאַר-וואונדעט געוואָרן. די גאַנצע נאַכט איז דער פאַרוואונדעטער געקראָכן אויפן בויך און זיך קוים דערשלעפּט צו יהודה׳ן, וועמען ער האָט גע-מאָלדן וועגן אַלץ וואָס ער האָט געזען. ער האָט אָבער באַלד אויסגע-הויכט זיין לעצטן אָטעם און איז געשטאָרבן.

— אוי אַ שאָד, אַ שאָד! — האָט אַלע קריגלאַך בוימל באַדויערט דעם מענטשן וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פאַר זיין פאָלק און לאַנד, און כדי צו פאַראייביקן זיין אָנדענק, האָבן די קריגלאַך אַזוי געטון:

זיי האָבן זיך אַלע אויסגעשטעלט אין די ערשטע רייען און דאָס קלענסטע קריגעלע בוימל פאַררוקט הינטער זיי אין אַ זייט, דער שונא זאָל עס נישט דערזען ווען ער וועט קומען.

— ווער ווייסט! —האָבן זיי עס געטרייסט— אפשר וועט נאָך דער פּראַגיש-אומגעקומענער אליפלט זוכה זיין אַז זיין קליין קריגעלע בוימל זאָל בלייבן אומבאַרירט און באַלויכטן דעם בית-המקדש.

* * *

העלדיש האָט יהודה המכבי געקעמפט קעגן מעכטיקן שונא און אים באַזיגט.

נאָכן אַרויסטרייבן די לעצטע גריכישע סאָלדאַטן פון ירושלים, זיינען די אידן אריינגעקומען אין בית המקדש און אים גענומען ריין-מאַכן און באַנייען, אינם פינף-און-צוואַנציקסטן טאָג אין כסלו. זוכנדיק

בוימל אנצוצינדן דעם נר-תמיד, האבן זיי געפונען אין א ווינקל א קליין קריגעלע, וועלכעס איז פארבליבן אומבארירט און האט פארמאגט בוימל אויף צו לייכטן נאר איין טאג און איין נאכט, ביז מען וועט קריגן אנדערן צום ברענען. איז אבער געשען א נס און דאס ביסל בוימל פון קליינעם קריגעלע האט באלויכטן דעם בית-המקדש גאנצע אכט טעג.

אזוי האט אליפלט בן אלצפן, דער וועלכער איז געפאלן א קרבן פאר זיין פאטערלאנד, זוכה געווען, אז מיט זיין קליין קריגעלע בוימל זאל געשען דער נס, וואס וועט לויכטן אויף דורות און צייטן, אלס סימבאל פון אויסדויער און עקזיסטענץ און אלס אנזאג אויפן אייביקן אידישן ליכט, וואס וועט קיינמאל נישט פארלאשן ווערן.

די חנוכה-ליכט פון אונזער צייט

ווען די אידן האבן געוואנדערט אין דער מדבר און געבויט דעם משכן, איז די ארבעט פארענדיקט געווארן פינף און צוואנציק טעג אין כסלו. אין דעם טאג וואס עס פאלט אויס חנוכה אין אונזערע צייטן. די אידן האבן זיך זייער געפרייט מיט דעם פראכטפולן בוי-ווערק פון משכן און געזען אין אים א סימן פון פארגעבונג אויף די שווערע זינד פון עגל, וואס האט געהאנגען איבער זייערע קעפ ווי א קללה.

גאט האט אבער אפגעלייגט די באנייאונג פון משכן אויף ניסן. ווייל אין דעם דאזיקן חודש זיינען די אידן אויסגעלייזט געווארן פון מצרים און וועלן אויך אין זעלבן חודש אויסגעלייזט ווערן פון אנדערע גלות-לענדער. (בניסן נגאלו ישראל ובניסן עתידין להגאל).

ווען כסלו האט דערהערט אז די שמחה פון באנייאונג איז פון אים צוגענומען געווארן און דער כבוד ווערט צוגעטיילט אן אנדער חודש, האט ער זיך געפילט געטראפן און זיין פנים איז בלאס געווארן פאר בושה. האט גאט געטרייסט דעם חודש און אים אזוי געזאגט:

— זארג נישט, כסלו, דיין זכות וועט דיר בײשטיין אין די צייטן פון די חשמונאים: פינף און צוואנציק טעג אין חודש, נאכן זיג איבערן שונא, וועלן זיי באנייען דעם בית-המקדש און אנצינדן ליכט גאנצע אכט טעג און מאכן א יום-טוב.

גאטס הבטחה איז מקוים געווארן:

אין הונדערטער יארן ארום האבן די חשמונאים העלדיש באקעמפט דעם גרויזאמסטן שונא פון יענער צייט, אנטיוכוס הרשע,, און אים פארטריבן פון אידישן לאנד.

אריינקומענדיק אין בית-המקדש האבן זיי אים ריין געמאכט פון די פרעמדע געטער און באניים.

ווענדיק אנצינדן די ליכט לכבוד דעם זיג און ניצחון, האבן זיי קיין ריינעם בוימל נישט געפונען, אויסער א קליין קריגעלע בוימל וואס

איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון בית-המקדש, פאַרזיגלט מיט דעם כוהן גדול׳ס זיגל, וועלכעס האָט געקענט געבן שיין נישט מער ווי אויף איין מעת-לעת.

דערמאָנענדיק אָבער גאָטס צוזאָג וועגן דעם חודש כסלו, עס זאָל אין אים געפייערט ווערן אַ יום-טוב, האָבן די חשמונאים אויסגענוצט דאָס ביסעלע בוימל פון קליינעם קריגעלע און אָנגעצונדן ליכט, וועלכע האָבן על פי נס געברענט אַכט טעג כסדר און העל באַלויכטן דעם בית-המקדש.

פון דאַן אָן פלאַקערן די חנוכה-ליכטלעך אין יעדן אידיש האַרץ און ווערן קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן. זיי דערמאָנען אונז די גבורות איבער אונזערע אַמאָליקע שונאים און צינדן אָן אין אונזערע הערצער פעסטן גלויבן און האָפנונג איבערצולעבן אויך אונזערע היינטיקע שונאים.

מיר צינדן זיי אָן אַלס גאולה-ליכט ווען אונזער דור האָט געהאַט די זכיה און דערלעבט דעם גרויסן טאָג פון דער פאַרווירקלעכונג פון אונזער צוויי טויזנט יעריקן חלום וועגן אַ אידנשטאַט, וועלכער איז אין אונזערע טעג אַנערקענט געוואָרן עפנטלעך, דורך די גרעסטע פעלקער פון דער וועלט.

מיר בענטשן חנוכה-ליכט און שרייען אויס אויף אַ קול הויך און קלינגענדיק, מיט פרייד און געזאַנג:

זאָל לעבן די אידישע מדינה און לעבן זאָל דאָס פאָלק ישראל, וואָס קערט זיך אום אין זיין אַלט-נייער היים — ארץ-ישראל!

עשרה בטבת

דער חודש טבת (פון וואָרט טוב), האָט תחילת געזאָלט אָנגערופן ווערן „רעות" (שלעכטס), איבער די גרויסע ליידן וואָס אידן זיינען אין אים אויסגעשטאַנען און האָבן דורכגעמאַכט. כדי אָבער ניט צו פאַרמינערן זיין כבוד קעגן די איבעריקע חדשים פון יאָר און אים ניט מבייש שטעלן, איז זיין נאָמען נישט געענדערט געוואָרן. דערפאַר אָבער איז ער פאַרבליבן אויף שטענדיק חסר, ד. ה. ער האַלט נישט מער ווי נײַן-און-צוואַנציק טעג, דאָס איז אויך לטובת די אידן: זיי זאָלן ליידן מיט אַ טאָג ווייניקער.

וואָס אַזוינס איז געשען אין אָט דעם דערמאָנטן חודש?

דעם ערשטן טאָג אין טבת, איז יכניה מלך יהודה פאַרטריבן געוואָרן אין גלות בבל.

דעם פינפטן טאָג: איז געקומען אַ פליכטלינג (פליט) פון ירושלים, צו יחזקאל הנביא קיין בבל און האָט דערציילט, אַז די שטאָט איז רוּאינירט געוואָרן דורכן שונא.

דעם אַכטן טאָג: איז פאַרענדיקט געוואָרן די איבערזעצונג פון דער תורה אין גריכיש דורך די זיבעציק זקנים (תרגום השבעים). דער דאָזיקער טאָג איז געווען שווער פאַר אידן, ווי ווען דאָס עגל־איז געמאַכט געוואָרן און די חכמים האָבן גוזר תענית געווען, אויס מורא, אַז אידן זאָלן אויפהערן לערנען די תורה אין אָריגינאַל און צוליב אָרום פאַרגעסן אונזער הייליק לשון.

דעם ניינטן טאָג: איז נפטר געוואָרן עזרא הסופר און האָט ניט איבערגעלאָזט זיין גלייכן.

דעם צענטן טאָג: האָט נבוכדנצר מיט זיין חיל באַלאַגערט ירושלים און איר אַרומגעשטעלט מיט באַריקאַדן. דער דאָזיקער טאָג איז באַשטימט געוואָרן אַלס תענית אויף דורות.

דעם צוואַנציקסטן טאָג אין טבת פון יאָר 1206, האָט אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה, דער גאון ד׳תורה, רבינו משה בן מימון (רמב״ם) און ער האָט איינגעהילט זיין פאָלק אין טרויער.

דעם אַכט און צוואַנציקסטן טאָג האָבן זיך די פרושים אויפסנייַ אָפּגעטיילט פון די צדוקים, אַלס אַ באַזונדערער סנהדרין, בראש מיט רבי שמעון בן שטח און געמאַכט אַ יום־טוב, ער איז אָבער אין משך פון דער צייט פאַרגעסן געוואָרן.

אַזוי האָבן די טרויעריקע געשעענישן פון גאַנצן חודש טבת, איינע נאָך דער אַנדערער, פאַרפאָלגט די אידן און זייער פאַרבימערט דאָס לעבן.

און זאָל דאָ דערמאָנט ווערן צום גוטן, מיט ליב און רום, דער ליכטיקער אָנדענק פון די העלדישע כוהנים־חשמונאים, וועלכע האָבן געטוואָס פאַרזיסט די ביטערקייט פון דעם דאָזיקן חודש און אריינגע־צויגן חנוכה ביזן צווייטן טאָג אין טבת...

חמשה עשר בשבט

דער כאַראַקטער פון יום-טוב

אין ארץ ישראל הויבט אָן די בוימער וואַקסן אינם טאָג פון חמשה עשר בשבט.

לויט דער משנה איז דער טאָג פון חמשה עשר בשבט דער ראש-השנה פון די בוימער און ער טראָגט פאַר זיי דעם זעלביקן כאַראַקטער וואָס אונזער ראש-השנה פאַר אונז. אין דעם דאָזיקן טאָג ווערט באַשטימט וועלכער בוים עס זאָל פאַרדאַרט ווערן און בלייבן פרוכטלאָז און וועלכער עס זאָל ווייטער וואַקסן און בלייבן און געבן פרוכט.

דער דאָזיקער טאָג איז געפייערט געוואָרן אין גלות און האָט געפינען זיין אויסדרוק אין די לעצטע יאָרן, זינט דעם נייעם שיבת-ציון אין ארץ ישראל.

✶

חמשה עשר בשבט, דער טאָג פון בוים אין ארץ-ישראל

נאָכדעם, וואָס די אידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער ליב היימלאַנד ארץ-ישראל און אַוועק אַפּריכטן גלות אין פרעמדע לענדער, איז דערשינען פאַרן געטלעכן טראָן דער פופצנטער טאָג פון חודש שבט (חמשה-עשר בשבט), איינגעהילט אין שוואַרצן, איינגעבויגן און באַלאָדן מיט די זיבן מינים, מיט וועלכע ארץ-ישראל איז געבענטשט געוואָרן, און האָט אָנגעהויבן ביטער וויינען און קלאָגן:

— האַר פון דער וועלט, וואָס וועט ווערן פון די צווייגהאַפטיקע און פרוכטבאַרע בוימער פון אידישן לאַנד און וואוהין וועלן אַהינקומען זייערע זיסע פירות?

אַלס ענטפער דערויף האָט אַ קול פון הימל אויסגעשריען טרויעריק:

— אויב מיינע קינדער זיינען אַזוי גרויזאַם פאַרטריבן געוואָרן פון זייער פאָטערס טיש, זיינען די פירות איבעריק. ווער וועט דען מיט זיי מיין טיש באַצירן? זאָלן די פירות וועלקן און די בוימער פאַרטריקנט ווערן ביז די וואָרצלען, כדי קיינער זאָל פון זיי קיין הנאה נישט האָבן און נישט געניסן פון זייער פרוכט.

— מעכטיקער האַר און וועלט-באַשעפער! — שרייט ווידער אויס דערשיטערט דער ט״ו בשבט — ווען עס וועט דערגרייכן די גליקלעכע שעה פון דער גאולה, לויט ווי עס האָבן פאָראויסגעזען דיינע הייליקע נביאים, און די קינדער פון ישראל וועלן זיך צוריקקערן מיט פרייד צו זייער געבענטשטן אַלט-ניי-לאַנד, וועלן זיי זיך געוויס נויטיקן אין די בוימער צו שיצן זיך אונטער זייער שאָטן און געניסן פון די זאַפטיקע פירות, כדי צו דערהאַלטן דאָס חיות און אויסהיילן די וואונדן פון זייערע אָנגעווייטיקטע הערצער, פון די גלות-ליידן, וואָס זיי איז אויסגעקומען אויסצושטיין.

גאָט האָט זיך דאַן איינגעהילט אין זיינע רחמים-קליידער און האָט זיך אַזוי אָנגערופן צו ט"ו בשבט:

— דערפאַר, וואָס דו האָסט ביי מיר דערוועקט רחמנות אויף מיינע קינדער, וועל איך דיך באַשטימען אַלס שליח, מיטצוגיין מיט די אידן אין גלות. טרייסט זיי אויף און טרייסט זיי. גיב זיי האָפענונג אויף בעסערע צייטן און וועק אויף אין זייער האַרץ די אַמאָליקע ליבע צו די פרוכטבאַרע בוימער פון זייער לאַנד. זאָג זיי גלייכצייטיק אָן די ליכטיקע בשורה וועגן דעם אויפקום און אויפבלי פון ארץ-ישראל, ווען אפילו פוסטע בוימער פון וואַלד און פעלד וועלן אין דער צייט פון דער גאולה פאַרוואַנדלט ווערן אין פרוכטבאַרע. דיין שכר וועט זיין גרויס און דיין לוין פאַרדינסטפול. ווי נאָר מיין פאָלק וועט צוקומען צו די איינענע גרענעצן, וועלן זיינע קינדער טייער האַלטן דיין נאָמען און פאַראייביקן דיין אָנדענק. זיי וועלן אומעטום, ווי נאָר אַ ווינקל פון זייער לאַנד, פלאַנצן בוימער אינם טאָג פון חמשה עשר בשבט. די יונגע בוימער וועלן זיך צעבליען און אָנזאָגן די בשורה וועגן דער באַנייאונג פון דער נאַטור און וועגן דעם אָנקום פון ליכטיקן פרילינג.

פון דעמאָלט אָן באַגלייט דער ט"ו-בשבט די אידן אין פאַרשיידענע פינסטערע גלות'ן און ברענגט זיי יאָר-איין יאָר-אויס אַ מתנה פון די ארץ-ישראל-פירות.

* * *

אין דעם טאָג ווערן אין דער באַניימטער ארץ-ישראל אַלע אידישע קינדער באַפרייט פון זייערע לימודים אין די שולעס און זיי לאָזן זיך ארויס אויף דער פרייער נאַטור איבער גערטנער און פרדסים, זיי פלאַנצן בוימער און זינגען לידער.

חמשה עשר בשבט ווערט באַצייכנט און געפייערט איבער דער גאַנצער אידישער וועלט אַלס ניי-יאָר פון בוים (ראש-השנה לאילנות) און ער דערמוטיקט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק צו אַ נייע פרוכטבאַר לעבן אין לאַנד פון זיינע אבות.

דער באָקסער-בוים — אַ סימבאָל פון האָפנונג און דערלייזונג

פאַרצייטנס, איז דאָס אידישע לאַנד זייער רייך געווען מיט פלאַנצונגען, גערטנער און ווייַנשטאָקן, אויף יעדער טריט און שריט. די בערג זיינען באַדעקט געוואָרן מיט פרוכט-בוימער און די טאָלן מיט גרין גראָז. פאַרשידנאַריקע פרוכטן האָבן די בוימער אַרויסגעגעבן פון כל-ערליי סאָרטן. יעדער איינער לויט זיין אָפּשטאַם און אָרט, אַלע צוזאַמען האָבן פיל גליק געבראַכט דעם לאַנד און אירע איינוואוינער...

די נידעריק-וואַקסיקע ווײַנשטאָקן האָבן אויסגעשפּרייט זייערע צווײַגן אין דער ברייט, אײַנפֿלעכטנדיק זיך אײנע אין דער צווייטער, און האָבן פֿאַרשטעלט דעם גאַנצן שטח מיט פֿריש-זאַפֿטיקע הענגלעך ווײַנטרויבן. אייל־בירטן האָבן באַצירט די הויכע בערג און זיי באַשטראַלט מיט זייערע זילבער-געליטערטע בלעטער. אַנטקעגן זיי, האָט דער בליענדיקער מאַנדלבוים צעשפּרייט אַ בשמים-ריח, ווי דער ריח פֿון גן-עדן...

מילגרוימען און פֿײַגנבוימער, האָבן זיך געצויגן העט-ווײַט איבער דער לענג און ברייט און פֿאַרפּלייצט מיט פּירות אַרום און אַרום, גלײַך ווי דאָס לאַנד וואָלט זיך געבאָדן אין זיי.

שיין און פּראַכטפֿול איז געוואָרן דאָס לאַנד, פֿול מיט שמעקנדיקע בלומען און דופֿטיקע רויזן, וועלכע האָבן פֿאַרכאַפּט דאָס אויג און עס אָנגעפֿולט מיט צויבער.

האָט דאַן די זון אין הימל זיך פֿאַרליבט אין די שיינע נאַטור-געשאַנקען און זיי באַשטראַלט מיט איר ליכט און געטרייע וואַרימקייט.

מענטשן האָבן קיין כוח ניט געהאַט איבערצוטראָגן די פֿײַערדיקע ליבע און ברענענדיקע היץ פֿון דער צעפּלאַמטער זון און האָבן געזוכט אַ ביסל שאָטן ווײַט אויסצובאַהאַלטן זיך פֿון דעם פֿײַער און היצע־שטראַלן. שאָטן איז געוואָרן אַ זעלטענע דערשיינונג. די בוימער זײַנען געשטאַנען באַלאָדן מיט שווער-וואַקסיקע פּרוכטן, און דערפֿאַר זײַנען זייערע בלעטער שיטערער געוואָרן, און דער שאָטן אונטער זיי איז ווי פֿאַרבריִט געוואָרן.

* * *

האָבן די מענטשן ביסלעכווײַז פֿאַרלאָזט דעם שיינעם טאָל און פֿרוכטבאַרן געגנט און זיך אָנגעהויבן דראַפּען אויף די העכסטע בערג, צו זוכן פֿרישע לופֿט אָפּצואָטעמען אונטער שאָטנדיקע בוימער. האָבן זיי עס דאָרט אויך ניט געפֿונען. אַלע וועגן זײַנען געלעגן נאַקעט און אומבאַוואַקסענע, און האָבן אויסגעזען ווי אַ גרויסער זאַמד-מדבר און גלאַטע וויסטעניש, זעלטן-וואו עס האָט זיך באַוויזן אַ דורכגייער וועלכער איז פֿון דאָרשט און טרוקעניש פֿאַר׳חלש׳ט געוואָרן.

דאַן האָט מען אָנגעהויבן זוכן פֿאַרשידענע בוימער, וועלכע פֿאַרמאָגן שאָטנדיקע בלעטער און צווײַגן און זיי גענומען איבערפֿלאַנצן בײַ די זײַטן פֿון די וועגן.

האָבן פֿיל בוימער, וועלכע פֿאַרמאָגן אָט די דאָזיקע מעלות, גענומען מיט זיך שטאָלצירן און געזאָגט: — זעט נאָר, די מענטשן האָבן אונז גאָר פֿאַרשיקט אין דער וויסטער מדבר אַרײַן! דערפֿאַר וועלן מיר פֿאַרמײַדן פֿון זיי אונזערע בלעטער און צווײַגן.

זיי האָבן זייערע שטאַמען אינדערהויך פֿאַרריסן, אויסער די העכסטע שפּיצן זייערע, זײַנען מיט ווינציק בלעטער באַקרוינט געוואָרן...

דער איינציקער וועלכער האָט מיטגעפילט דעם מענטשנס נויט און איז נאָכגעקומען זיין פאַרלאַנג, איז געווען דער באָקסערבוים, אים האָט דער מענטש איבערגעפלאַנצט אויף די וועגן צו באַשיצן די דורכגייער און וואַנדערער. זיינע צווייגן האָט ער צעשפּרייט ווייט און די פרוכטן געלאָזט הפקר צו די שטראַלן פון דער זון, און אַזוי שטייט ער ביז היינט צו טאָג אינמיטן וועג און באַשיצט מענטשן פון דער ברענענדיקער היץ.

יעדער דורכרייזנדער, וועלכער גייט פאַרביי אים, דערקוויקט זיך מיט זיינע באָקסערן און רוט אָפּ אין זיין שאָטן.

דערפאַר, ווען די אידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד, האָבן זיי קיין פרוכטן ניט מיטגענומען אין וועג אריין, אויסער די האַרטע און שוואַרצע באָקסערן.

יאָר-איין יאָר-אויס, פופצן טעג אין שבט, ווען די ביימער פייערן דעם טאָג פון בוים, ד. ה. „ראש השנה", וועלכער וועקט אויף אין זייערע הערצער האָפענונגען אויף בליאונג און פרילינגען אין לאַנד פון זייערע אבות, דאַן עסן אידישע קינדער די באָקסער-פרוכטן און אויך אין זייערע הערצער דערוואַכן נייע האָפענונגען וועגן אַ ליכטיקער צוקונפט, וועלכע וועט באַפרייען דאָס אידישע פאָלק פון נויט און פיין און וועט עס דערלייזן פון ביטערן און שווערן גלות.

פורים

פורים

אין די טעג פון מרדכי און אסתר אין שושן הבירה, ווען עס איז אויפגעשטאַנען אויף זיי המן הרשע. ער האָט געוואָלט פאַרטיליקן, טויטן און אויטראָטן אַלע אידן, פון יונג ביז אַלט, קינדער און פרויען, אַלע אין איין טאָג, אין דרייצנטן טאָג פון צוועלפטן חודש, אדר, און זיי באַרויבן פון זייער פאַרמעגן און דו מיט דיין גרוים רחמים האָסט צעשטערט זיין עצה, און צונישט געמאַכט זיין בייזע מחשבה, און האָסט צוריקגעקערט זיין שטראָף אויף זיין קאָפּ, און מען האָט אויפגעהאַנגען אים מיט זיינע זין אויף דער תליה.

פורים פאַלט אוים דעם 14־טן פון חודש אדר, און ווערט געפייערט אין דער גאַנצער אידישער וועלט, אַלס אָנדענק און דער נידערלאַגע פון דעם שונא־ישראל המן בן המדתא.

דער נאָמען פון דעם דאָזיקן יום־טוב נעמט זיך פון וואָרט פור אין פערסיש, וואָס מיינט גורל. דער רשע המן האָט געוואָרפן אַ גורל אין וועלכן טאָג אומצוברענגען דאָס אידישע פאָלק.

אין די דאָזיקע טעג פרייט מען זיך און מען שיקט מתנות איינער דעם אַנדערן, איבערהויפּט די אָרעמע לייט. דאָס ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען משלוח־מנות און פאַרקירצט, אויך: שלח־מנות.

★

לעגענדע ארום פורים

די ביימער האָבן ניט געוואָלט האָבן אויף זיך המנ׳ען

ווען די בוימער פון קעניג אחשורוש׳עס וויינגאָרטן, האָבן דער־הערט דעם שטרענגען באַפעל פון זייער האַר, אויפצוהענגען המנ׳ען אויף איינעם פון זיי, וואָס האָט פופציק איילן די הויך, זיינען זיי פאַר־ציטערט געוואָרן און אַ שרעק און גרויל האָט זיי אַלעמען אַרומגע־כאַפּט. ווי מיט איין געדאַנק האָבן זיך אַלע קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אַרויפצונעמען אויף זיך דעם אומריינעם קערפּער פון בייזוויליקן רשע און אידנפיינט, המן; זיין טריף־בלוט זאָל זייערע פרוכטבאַרע צווייגן ניט באַפלעקן.

אַ דרינגענדע פאַרזאַמלונג איז צווישן זיי פאַררופן געוואָרן, אויף צו באַטראַכטן פלענער, ווי אַזוי און דורך וועלכע מיטלען און תרוצים, אַרויסצודרייען זיך פון דער לאַגע, אַז קיין בוים פון וויינגאָרטן זאָל ניט אַרויפנעמען אויף זיך אַזאַ עקלהאַפטיקע בריאה.

— איך בין פון נידעריקן וואוקס און האָב פיל וויניקער פון פופ־ציק איילן — האָט צום ערשטן אויסגערופן דער וויינשטאָק, — ניט אויף מיר קען המן געהאַנגען ווערן. אויסערדעם, דערפרייט דאָך מיין וויין גאָט און לייט, טאַ ווי וועל איך דאָס טראָגן אויף זיך אַזאַ ביטערן פאַרשוין?

— אויך איך וויל נישט, המן זאָל אויף מיר הענגען, — רופט זיך אָפּ שטאָלץ דער פייגנבוים. פון מיר מלעגט מען דאָך ברענגען די ערש-צייטיקע פרוכט אַ מתנה דעם כהן-גדול אין בית-המקדש אריין. און נאָך אַ גרעסערע מעלה פאַרמאָג איך, וואָס פון מיינע בלעטער האָבן אדם און חוה זייערע ערשטע קליידער אויפגענייט.

— אויף מיר טאָר געווים המנ׳ס טויט-אורטייל נים אויסגעפירט ווערן — האָט זיך דער איילבירט-בוים גענומען באַרימען, — מיין בוימל איז דאָך גענוצט געוואָרן אָנצוצינדן די הייליקע מנורה אין גאָטס הויז.

— גאָט אין הימל! —האָט זיך גענומען אויסטענה׳ן דער טייטל-בוים,— עס איז דאָך פאַר קיינעם קיין סוד ניט וואָס פאַר אַ מערדער און נידערטרעכטיקער פאַרשוין עס איז המן, דאָס אייניקל פון עמלק. ווי אַזוי-זשע איז רעכט אַז פון זיין אומריין בלוט זאָל מיין שיינער שטאַם באַשמוצט ווערן? ניין, איך וואַרף דאָס אָפּ.

— באַרואיק זיך! —האָט אַ קול צו אים דערגרייכט,— צו דיר וועט דער רשע ניט געבראַכט ווערן, ווייל צו די אידן ביסטו געגליכן!

— איך אַנטזאָג זיך אוודאי! —האָט דער אתרוג זיך פון דער-ווייטנס געהאַלטן,— ווייל מיט מיינע פרוכט ווערט גאָט געלויבט.

— און איך בין דאָך אַ שותף צום אתרוג! —האָט דער הדס-בוים ברייט צעעפנט זיין מויל,— מיט אונז צוזאַמען בענטשט מען און מען פרייט זיך פאַר גאָט, מיט לויב און געזאַנג.

— בשום אופן וועל איך המנ׳ס קאָפּ אויף זיך ניט לאָזן אַרויפ-ציען — האָט בייז דער מילגרוים זיך קעגנגעשטעלט,— נאָר צדיקים און אָרנטלעכע לייט, קענען זיך צו מיר גלייכן, אָבער קיינמאָל נישט אַזעלכע ברוטאַלע און פאַרשאָלטענע, ווי המן-הרשע מיט זיין באַנדע.

אַזוי האָט בוים נאָך בוים געהאַלטן אין איין עקשנ׳ען זיך, ניט וועלנדיק פאַראומרייניקן זייערע צווייגן און שטאַם דורך טראָגן המנ׳ען אויף זיך.

דעם צעדערבוים האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן:

— אויב אַזוי, —האָט ער ענדלעך בייז אויסגעשריען,— פאַרלאַנג איך, אַז המנ׳ס ביטערער סוף און פאַרדינטע מפלה זאָל וואָס שנעלער אויף מיר אויסגעפירט ווערן. הענגט אים אויף גלייך אויף מיר! איך בין דער זעלבער בוים, וואָס ער האָט פאַר זיך אַליין צוגעגרייט...

✻

אין איינער א פורים-נאכט

פון אייביקע צייטן אן, כמעט אין יעדן דור, נאך ביזן היינטיקן טאג, שפראצן ארויס ווי פון אונטער דער ערד, אלערליי גרויזאמע שונאים און פארביסענע אידן-פיינט, וועלכע ווילן פארניכטן און אפמעקן דעם אידישן נאמען פון דער וועלט. א סאך אזעלכע זיינען שוין לאנג פאר-שוואונדן און קיין זכר איז פון זיי נישט געבליבן, אויסער זייער שענד-לעכער נאמען וואס איז פארצייכנט געווארן אין דער אידישער גע-שיכטע צו אייביקער קללה.

אין א קליין שטעטל אויף דער גרעניץ צווישן פוילן און דייטש-לאנד האט אמאל געוואוינט א רייכער פירשט, וועלכער האט פאר-מאגט גיטער און אוצרות, שטעט און דערפער, וועמענס איינוואוינער האבן זיך גערעכנט פאר זיינע קנעכט און אונטערטאנער.

דער פירשט האט ארויסגעוויזן גרויס פארדארבנקייט און טיראניע צו אלע זיינע איינוואוינער און באזונדער צו אידן. אין א חגא-טאג, ווען ער האט געוואלט זיך לוסטיק מאכן און פארברענגען פרייליך, פלעגט ער צונויפרופן די אידן פון שטעטל און ווארפן צוקערלעך און פארשידענע נאשערייען, כדי זיי זאלן כאפן און דערביי פלעגט ער אנריי-צן בייזע הינט, וועלכע האבן זיך ארויסגעלאזט פון הויף, באגלייט פון ווילדע יונגען מיט א שרעקלעכער בילעריי און אנגעהויבן בייסן און רייסן שטיקער פלייש פון די צעשראקענע אידן. ער אליין ווידער, איז זיך געשטאנען אויפן באלקאן פון פאלאץ און האט געשעפט נחת און גרויס הנאה פון דעם דאזיקן ספעקטאקל און געהאלטן אין איין לאכן מיט פולן מויל.

אזעלכע טרויעריקע סצענעס פלעגן זיך אפטמאל איבערחזרן אין שטעטל און האבן שטארק דערנידעריקט די אידן און פארביטערט זיי-ער לעבן.

לויט א באפעל פון פירשט אליין, איז יעדער איד געווען מחויב זיך בוקן און שטעלן זיך אויף די קני פאר אים, ווען ער האט זיך בא-וויזן אין גאס און דער וואס האט נישט געפאלגט, איז לויטן געזעץ שטרענג באשטראפט געווארן.

א ראטגעבער האט דער גרויזאמער פירשט פארמאגט, נאך אן ערגערן פון זיך. ער האט איבערגעשטיגן מיט זיין אכזריות און שלאנ-גען-גיפט זיין „הויכגעשעצטן האר". אלע צרות און אומגליקן וואס זיינען געפאלן אויף אידישע קעפ האבן געשטאמט פון אים. צוליב זיין העצעס זיינען אלע בייזע דעקרעטן און ביטערע גזירות ארויסגעגעבן גע-ווארן. דעריבער האט ער טאקע קיין אנדערן נאמען ניט געקראגן ביי די אידן ווי המן. ווייל פונקט ווי המן הרשע אין זיין צייט, האט זיך אויך דער דאזיקער שונא ארומגעטראגן מיט בייזע געדאנקען, וועגן אומ-ראטן די אידן פון זיין לאנד און זיי גענצלעך פארניכטן.

גייענדיק אַמאָל אין גאַס, האָט זיך צו זיינע אויערן דערטראָגן עפּעס אַ מאָדנע ניגון פון דער מגילה, וואָס אַ גרופּע אידן האָבן אויסגעזונגען אויפן קול: — „אָט גיין המן!". אין אָנפאַנג האָט ער זיך נישט-וויסנדיק געמאַכט, ווייל ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס עס באַדייט. ווען ער איז אָבער אַ צווייט מאָל באַגלייט געוואָרן מיט די זעלבע אויסרופן, איז אים שוין אריין אין קאָפּ אויסצופאָרשן און דערגיין וואָס מיינען די אידן מיט די דאָזיקע ווערטער. ער איז דערפון זייער אויפגעברויזט געוואָרן און זיך אַמאָל פאַרקלאָגט פאַרן פירשט, פון דאַן אָן איז אַ שטרענגע וואָרענונג אַרויסגעגעבן געוואָרן, אַז ווער ס'וועט אַרויסריידן דאָס וואָרט „המן", זאָל געטויט ווערן.

דער בייזער ראַטגעבער האָט אָבער נישט געקענט פאַרגעסן און האָט אַלץ געזוכט אַליין נעמען נקמה.

אַמאָל, פאַר פּורים, איז ער אריינגעקומען אין פּאַלאַץ און האָט דערציילט דעם פירשט אַזאַ געשיכטע:

— דו ווייסט, מיין האַר, ווי אַזוי די אידן דערמאָנען אונזער נאָמען צו שאַנד און שפּאָט און שילטן אונז? עס איז ביי זיי פאַראַן אַ יום-טוב וואָס הייסט פּורים, ווען וועלכן זיי טראָגן זיך אַרום מיט אַ פאַלשער לעגענדע פון אַ פּערסישן קעניג וואָס האָט געהאַט אַ ראַטגעבער המן, וועלכער האָט זיי געוואָלט פאַרניכטן, האָט זיך אָבער דאַן געפונען אַ איד מרדכי, וועלכער האָט אויפן ראַטגעבער פאַלש עדות געזאָגט און אים אויף אַ בוים אויפגעהאַנגען און די אידן זיינען געראַטעוועט געוואָרן. פון יענער צייט אָן, ווערט זיין נאָמען פאַרדאַמט ביים גאַנצן אידישן פאָלק און זיי שילטן זייערע פיינט. יעדער פירשט און האַר, וואָס באַהאַנדלט זיי שלעכט, רופט זיי אָן מיטן זעלבן נאָמען. אויך דיר, גרויסער פירשט, שילטן זיי און שרייען: ארור המן! באַלד איז זייער יום-טוב פּורים, אויב דו ווילסט, קום מיט מיר צו זייער רב אין הויז, דאָרט וואו עס זאַמלט זיך צונויף דאָס גאַנצע שטעטל צו פייערן דעם יום-טוב, וועסטו דאַן זען און הערן, ווי וויט ריכטיק עס זיינען מיינע ווערטער.

— יאָ, איך וויל זיך טאַקע איבערצייגן, צי איז דאָ אַ גרונט צו גלויבן אין דיינע ווערטער — האָט דער אויפגערייצטער פירשט זיך פאַרקרומט און זיין פּנים איז בלאַס געוואָרן פון אויפרעגונג. וועט זיך אַלץ אַרויסווייזן אמת, וועל איך די אידן פאַרניכטן ביז איינעם; אויב אָבער ניט, וועסטו דערפאַר טייער באַצאָלן!

— זאָל זיין אַזוי, מיין האַר! — האָט דער ראַטגעבער נאָכגעשאָקלט מיטן קאָפּ און איז פולקאָם זיכער געווען אין זיין דערפאָלג.

* * *

אין דער נאַכט פון פּורים, האָבן זיך טאַקע די מערהייט פון די אידן פאַרזאַמלט ביי זייער רב און געפייערט מיט גרויס שמחה דעם אָנגעלייגטן יום-טוב. מען האָט געטאַנצט און געזונגען, געהוליעט און גע-

הייבן פּיס און זיך געמטאַרעט צו פאַרגעסן די גרויסע צרות און גע-
ברענטע ליידן וואָס יעדן איז אויסגעקומען איבערלעבן דאָס גאַנצע יאָר.

פונקט אין דעם מאָמענט האָט זיך דערנענטערט דער פירשט, צו-
זאַמען מיט דעם רשע צום רב׳ס הויז און געשטעלט זיך שטילערהייט
הינטער דער טיר, צו הערן ווי די אידן שילטן זיי און שרייען: ארור המן.

צום גליק אָבער, האָט דער עולם פון צופיל ווייַן טרינקען אַנגעהויבן
פּלאָנטערן מיט די צינגער און פאַרדרייען די ניגונים, ניט ווייסנדיק
אַליין דעם אונטערשייד פון די ווערטער, אַזוי, אַז אַנשטאָט ארור המן
האָט זיך דערטראָגן צום פירשט׳ס אויערן פונקט פאַרקערט: ברוך...
המן! ברוך... המן!

אַן אַנטוישטער האָט דער פירשט פּלוצלינג צעעפנט די טיר און
איז אַריין אין שטוב. דערזעענדיק זייער שונא, האָבן די אידן נאָך
שטאַרקער אָנגעהויבן טאַנצן און זינגען: — ברוך... המן! ברוך.. המן!
ד. ה. געבענטשט זאָל זיין המן, וואָס אַ דאַנק זיין מפּלה האָבן מיר אַזאַ
פריילעכן יום-טוב דערלעבט!...

פון גרויס באַגייסטערונג און דערשטוינונג, איז דער פירשט מיט-
נעריסן געוואָרן מיטן עולם אידן, וועלכע האָבן אים אויך אין ראָד
אַריינגענומען און ער האָט צוגלייך מיט אַלעמען געטאַנצט און געזונגען.

פון דאַמאָלט אָן איז דער שונא ישראל אַן אַנדער מענטש געוואָרן
אין באַצוג צו די אידן און האָט גענצלעך אַנולירט די אָנגענומענע, בייז-
וויליקע דעקרעטן און גזירות, וואָס זיינען פון אים אַרויסגעגעבן גע-
וואָרן.

דעם געמיינעם אויפהעצער און גרויזאַמען ראַטגעבער, דעם המן
פון זיין צייט, האָט ער באַלד באַזייטיקט פון פּאַלאַץ און געענדערט
זיין באַציאונג און כאַראַקטער צו אַלע איינוואוינער פון זיינע געגנטן.

דער דאָזיקער אַקט איז אינ׳ם שטעטל פאַרצייכנט געוואָרן אין אַ
באַזונדערער מגילה אַלס גאָר גרויסער נס און איז יאָרנלאַנג געלייענט
געוואָרן ווי אַ צוגאָב צו מגילת אסתר, אין דער נאַכט פון פּורים.

דער המן-קלאַפּעה

ווען המן הרשע האָט געקראָגן זיין מפּלה אויף דער תליה, איז זיין
קערפּער געהאַנגען דריי טעג און דריי נעכט אויף דעם בוים און ער
האָט פאַרפּעסטעט דעם גאַנצן געגנט מיט שלעכטע ריחות. זיינען גע-
קומען דעם קעניג אחשורוש׳עס קנעכט און געוואָלט אים אַרויספירן
אויסער דער שטאָט און פאַרשליידערן ערגעץ אויפן פעלד, פאַר די
הונגעריקע הינט.

אַראָפּציענדיק אָבער זיין קערפּער פון בוים, האָבן זיך קיין שטאַנ-
גען נישט געפונען אַוועקצוטראָגן אים. וואָס טוט מען? האָבן זיך די

קנעכט באַלד אַן עצה געגעבן און דעם זעלבן תליה-בוים צעשפּאַלטן אויף פיר דרענגעס, אויף וועלכע זיי האָבן אָוועקגעשלעפּט דעם רשע העט-ווייט אין פעלד אריין און צוריקגעקערט אַהיים.

דערשמעקנדיק דעם נבלה-ריח זיינען געקומען צופליען ראָבן און האָבן געוואָלט עסן דאָס פליייש. ווי נאָר אָבער איינער אַ ראָב האָט זיין שנאָבל אריינגעשטעקט און געפּרוואוו אויספּיקן אַן אויג, איז ער גלייך געפאַלן טויט.

— זיינע אויגן זיינען אָנגעגאָסן מיט סם! — האָבן אַלע ראָבן גענומען שרייען.

זיינען אַנדערע צוגעטראָטן און אָרויסגעריסן דאָס האַרץ אויפצו-פרעסן עס, האָבן זיך אָבער פון האַרץ אַרויסגעשלענגלט גיפטיקע ווערים און אויך יענע ראָבן זיינען געפאַלן טויט.

— גיפטיק איז זיין האַרץ! —האָבן אַלע אויסגעשריען,— מיר וועלן עס ניט עסן. גיפט! גיפט! מיר דאַרפן עס נישט!

דאָך האָט זיך דערנאָך באַוויזן אַ דריטע גרופּע ראָבן, מער גע-וואַגטע און האָבן אַרויסגעשלעפּט די צונג פון המנ'ס מויל און גענומען פאַרזוכן. ס'האָט אָבער פון איר פייער און שוועבל אַרויסגעשפּריצט און ווי מיט אַן עלעקטרישן שטראָם זיי פאַרברענט.

* * *

ווען די שטאָנגען האָבן דערזען ווי יעדער אבר המנ'ס איז שעדלעך און פאַרשפּרייט אַרום זיך טויט און פאַרניכטונג, האָבן זיי זיך שטאַרק דערשראָקן.

—אוי, ווי געפערלעך און גרויזאַם איז דער דאָזיקער נפש געווען ביים לעבן און אפילו שוין איצט, נאָכן טויט! —האָט שטאַנג צו שטאַנג געזאָגט: מיט די אויגן פאַר'סמ'ט ער, זיין האַרץ איז גיפטיק און די צונג — דורכאויס ברענענדיקע שוועבל און מיר האָבן נאָך אַזעלכן גע-לאָזט הענגען אויף זיך און גאַרניט געוואוסט. אוי, וואָס וועט איצט זיין מיט אונז? מיר וועלן דאָך פאַרשאָלטן ווערן פון אַלע בוימער, וואָס אויף דער ערד...

— זאָרגט ניט, שטאַנגען! —האָט זיך איינע פון זיי אָפּגערופן,— אויב מיר זיינען טאַקע באַגאַנגען אַ פעלער, פאַר לאָזן אויפהענגען דעם אומריינעם פאַרשוין אויף אונז, איז דאָך פאַראַן אַ געוויסע נוץ אין אונזער אַרבעט. ווייל דער טויט פון רשעים ברענגט רו אויף דער וועלט. שטעלט אייך פאָר, ווען המן זאָל נישט געווען אויפגעהאַנגען ווערן, ווי-פיל צרות און פיין וואָלט ער נאָך געווען פאַרשאַפט דער וועלט, מיט זיין רשעות און גרויזאַמקייט?

— אָבער מיט אונז אַליין, וואָס וועט זיין? —פרעגן די איבעריקע דריי שטאַנגען— זאָג, אפשר ווייסטו?

דערהערנדיק דאָס טרויערן און קלאָגן פון די פּאַרצווייפלטע, האָט ווייט פון די הויכע הימלען דער מלאך צמחיאל אַראָפּגענידערט, אָט דער גוטער מלאך, וועלכער גיט אַכטונג אויף אַלע בוימער און שפּראָצונגען, זיי זאָלן וואַקסן, און זיי מיט פאָלגנדע טרייסט-ווערטער באַרואיקט:

— שרעקט אייך ניט, איר טייערע, און האָט קיין מורא נישט פאַר אַ שלעכטן סוף! אייער שליחות האָט איר זייער ערלעך און אויפריכטיק אויסגעפירט. איך שווער אייך, אַז אייער לוין וועט גאָר נישט פאַרמינערט ווערן. יאָר-יערלעך וועלן אידישע קינדער מאַכן פון אייך הילצערנע גראַגערס, מיט וועלכע זיי וועלן הילכיק פאַרגראַגערן און שלאָגן המן-הרשע אין די פורים-טעג און זיי וועלן דערמיט פרייילעכער מאַכן דעם יום-טוב...

דער מיסטעריעזער גאַסט

אין אַ לאַנד, וואו עס האָט געהערשט אַן אַנטיסעמיטישע רעגירונג, איז אַמאָל אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ שטרענגער באַפעל, אַז די אידן זאָלן נישט אָנגיין מיט זייער אַלטן מנהג און נישט קלאַפּן המנ'ען, פורים, ביים לייענען די מגילה.

פון אָנפאַנג אדר אָן זיינען אַלע ווענט פון שטאָט באַהאַנגען געוואָרן מיט גרויסע פּלאַקאַטן און אויפרופן, אונטערגעשריבן פון קעניג אליין, אַז אַלע אידן פון לאַנד זאָלן באַצייטנס אריינטראָגן די האַמערס און גראַגערס, אויך אַנדערע קלאַפּער-געצייג, וואָס געפינט זיך אין זייער באַזיץ און זיי אָפּגעבן די קאָמיסאַרן פון זייערע באַצירקן אין די הענט אריין. דער אָבער וואָס וועט ניט אויספאָלגן און זיך מאַכן ניט ווייסנדיק, זאָל מיט גוטן אליין פאַרלאָזן דאָס לאַנד, איידער מ'וועט אים אַרויסטרייבן מיט געוואַלד און זיין פאַרמעגן וועט קאָנפיסקירט ווערן.

האָבן די אידן אויפגענומען מיט גרוים ציטער און שרעק דעם דאָזיקן דעקרעט און באַשלאָסן אויסצופאָלגן דעם שטרענגען פאַרבאָט. וואָס טוט מען אָבער מיט די יונגע קינדער, וועלכע זיינען ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע מעשים? זיי קלאַפּן און שטורעמען, טופּען מיט די פיס, ווען זיי דערהערן דעם נאָמען „המן״ אַרויסלייענען פון דער מגילה און פאַרטויבן די אויערן!

דאָך אָבער, האָט מען אויסגערופן אין אַלע שולן, אין נאָמען פון די רבנים און קהילה-פאַרשטייער, אַז מען זאָל דאָס יאָר אויפגעבן דאָס קלאַפּן המנ'ען, ווייל די רעגירונג דערלויבט עס נישט בשום אופן.

תענית-אסתר פאַרנאַכט, ווען די גרעסטע שטאָט-שול איז געווען איבערפולט מיט מענטשן, וועלכע זיינען געקומען הערן די מגילה, זיינע, ביי אַלע טירן געשטאַנען פּאָליציי-אַגענטן און געהיימע נאָכשפּירער

וואָס די רעגירונג האָט אוועקגעשטעלט, כדי צו האַלטן אַן אויג אויף די אידן און היטן די אָרדענונג.

מען האָט געדאַווענט מנחה, געלייענט „ויחל" און פון ס'ניי אויס-געררופן, אַז קיינער זאָל נישט וואָגן עובר זיין אויפן קעניגס פאַרבאָט, ווייל דאָס קען נאָך, חלילה, ברענגען צו אַן אומגליק. דער עולם האָט עס גוט אין אַכט גענומען און באַשטימט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויס-פאָלגן.

נאָך מעריב איז דער חזן אַרויף אויפן בעלעמער און ברייט צע-וויקלט די מגילה. ער האָט געמאַכט די ברכה מיט גרויס כוונה און אָנ-געהויבן לייענען אויפן קול מיטן נוסח. ווי נאָר אָבער עס האָט זיך פון זיין מויל דערהערט דער נאָמען פון דעם טרויעריק-באַרימטן העלד, „המן בן המדתא האגגי", כאָטש אין גרויס איילעניש, גלייך ווי ער וואָלט אליין וועלן מיט אַמאָל אָפּכאַפּן און פאַרשלינגען די ווערטער אומ-באַמערקט, האָט אָבער דאָך פלוצלינג פון אַלע פיר עקן שול אַרויסגע-דונערט אַ מעכטיק קלאַפּעריי פון האַמערס און שטאַרקן טופּען מיט די פיס, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ געוואַלדיקן רעש, ממש טויב צו ווערן און גלייכצייטיק אַלעמען פאַרוואונדערט, נישט וויסנדיק פון וועמען עס שטאַמט, ווייל יעדער זיצט דאָך רואיק, ווי צוגעשמידט צו זיין פּלאַץ און וואָגט צומאָל נישט מיט קיין האַנט און פוס רירן. פון וואַנען-זשע קומט עס?

עס זיינען באַלד אַריינגעלאָפן די קעניגלעכע אָרדנונגס-היטער און אָנגעהויבן זוכן אין יעדער ווינקעלע פון שול, צי עס ליגן נישט באַ-האַלטן ערגעץ-וואו, אונטער די בענק, געהיימע המן-קלאַפּערס. נישט געפינענדיק אָבער אַזעלכע, איז זיי אַליין געוואָרן די זאַך אומ-פאַרשטענדלעך, עפּעס ווי אַ רעטעניש.

* * *

דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, האָט דער קעניג געהייסן אוועקשטע-לן נעבן יעדן אידן באַזונדער אַ באַוואָפנטן שומר, כדי גוט אַכטונג געבן און אומבאַדינגט אויפדעקן דעם אידישן שווינדל, פאַר וועלכן זיי זאָלן גאַנץ שטרענג באַשטראָפט ווערן.

ווען דאָס זעלבע האָט אָבער פּאַסירט אויך פּורים אינדערפרי, האָט שוין דעם קעניג אַליין פאַראינטערעסירט צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן וואָס דאָ קומט פאָר.

אַריינקומענדיק אין שול, אין דער באַגלייטונג פון זיין שטאַב, די גרעסטע מלוכה-באַהערדן, האָבן זיי צוגעקוקט די רואיקע האַלטונג פון די אידן ביים לייענען די מגילה, ווי קיין איינער רירט זיך נישט פון אָרט. מ'זאָגט נאָר נאָך וואָרט נאָך וואָרט דעם חזן. ווי נאָר אָבער עס איז דערמאָנט געוואָרן דער נאָמען פון המן הרשע, האָט ווי אַ גע-היימע קראַפט אָראָפּגעשטורעמט אַ הילכיק גראַגערן און קלאַפּן מיט די

פים, פונקט ווי שווערע העלצער-קלעפּ אויף דינע בלעכן, און האָט צע־טרייסלט די ווענט פון שול, אומצופאלן און דערהרגענען אלע מענטשן.

ענדלעך האָט דער קעניג דערזען צווישן עולם אַן אַלט גרייז־גרויען מאַן, אַנגעטון אין אַ ווייס-בלויען כאַלאַט, מיט אַן אַראָפּגעלאָ־זענער ווייס-זילבערנער באָרד איבער זיין ברוסט, וועלכער איז געשטאַ־נען רואיק און האָט געהערט די מגילה. ווען דער חזן האָט אָבער דער־מאָנט המנ׳ס נאָמען, האָט זיך אין זיינע אויגן אָנגעצונדן אַ העליש פייער, ער האָט זיי צום הימל אויפגעהויבן און עס האָבן זיך אין דער רגע מעכטיקע קלעפּ אַראָפּגעלאָזט ווי שטאַרקע דונערן. מיט כעס און רציחה האָט זיך דער קעניג אַ לאָז געטון צו דעם מיסטעריעזן מאַן, גרייט אים אָנצוכאַפּן און פאַרהאַלטן, ער איז אָבער פון זיינע אויגן פאַרשוואונדן, גלייך ווי די ערד וואָלט אים פּלוצלינג איינגעשלונגען, און פון אַלעמענס אויגן פאַרבאָרגן. דער קעניג האָט זיך זייער דער־שראָקן און באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט געווען קיין מענטש, נאָר אַ געטלעך אַנזען, וואָס האָט זיך באַוויזן אין מענטשן-געשטאַלט. אויך נישט קיין מענטשלעכע הענט האָבן המנ׳ען געקלאַפּט, נאָר אַ געהיימער כוח פון דער הויך און פון דער נידער, און פון אַלע פיר עקן וועלט, אַ פאַרבאָרגענער און אומזעבאַרער שטייט כסדר גרייט, נקמה צו נעמען פון די שונאים, וואָס ווילן די אידן פאַרניכטן פון דער וועלט. דערמאָנענדיק דעם שונא׳ס נאָמען, מוז ער ווערן פאַרשאָלטן און פאַר־פלוכט, פאַרהילכט און פאַרקלאַפּט, אָפּגעמעקט זיין אָנדענק און פאַר־טיליקט פון אונטער די הימלען.

דער קעניג האָט דערין געזען גאָטס האַנט, וועלכע באַשטראָפט די פאַרפאָלגער און רשעים. ער האָט צונישט געמאַכט אַלע בייזע גזי־רות, וואָס זיינען ביז דאַן אַרויסגעגעבן געוואָרן און די אידן האָבן פון דעמאָלט אָן געפּראַוועט פורים מיט גרויס שמחה און פרייד.

דער מגן-דוד און זיין באַדייט

דער מגן-דוד ווערט פאַררעכנט אַלס נאַציאָנאַלער סימבאָל ביים אידישן פאָלק. ער איז אויסגעהעפּט אויפן פּרוכת פון ארון-קודש און אויף די מענטעלעך פון ספרי-תורות. ער ווערט אויך אויסגעמאָלט אויף טיר און טויערן פון שולן און אויסגעקריצט אויף מצבות פון קברים. אונזערע זין טראָגן אים אויף די לאַצן פון זייערע קליידער, אַלס נאַציאָנאַלן צייכן און ער דינט אויך ווי אַ צירונג פאַר אונזערע שיינע אידישע טעכטער צו באַפּוצן זייערע העלזער.

אַלע שעצן אים מיט ליבע און כבוד, ווייל ער איז אונז געקומען בירושה פון אונזערע עלטערן און אור-עלטערן, נאָך נאָר פון פאַרצייטיקע דורות.

דער מגן-דוד באַשטייט פון זעקס אותיות, דריי און דריי און צוויי ווערטער. דאָס ערשטע וואָרט, מגן, איז דער סימבאָל פון די דריי אבות, אברהם יצחק און יעקב, צו וועמען גאָט האָט זיך באַוויזן צום ערשטן צו אברהם׳ען, ביים בונד צווישן די שטיקער (ברית בין הבתרים) און אים געזאָגט: „האָב קיין מורא ניט, אברהם, איך בין דיין פאַנצער" (אנוכי מ ג ן לך).

דאָס צווייטע וואָרט פון די אַנדערע דריי אותיות, דוד, באַדייט, אַז גאָט, די אידן און די תורה זיינען איינס (קודשא בריך-הוא, ישראל ואוריתא חד הוא). דערפאַר האַלטן זיך די צוויי דריי-עקן פון מגן-דוד, אויבן און אונטן, פעסט איינגעשלאָסן איינער אינעם צווייטן, אַלס צייכן פון אייביקן צוזאַמענבונד און פאַראייניקונג צווישן די אויבנדערמאַנטע דריי, וועלכע וועלן זיך קיינמאָל ניט פאַנאַנדערפאַלן און צעשיידן. לויט דער מסורה, האָט דוד המלך געטראָגן דעם דאָזיקן פאַנצער (מגן) ווי אַ ברוסט-שילד אויף זיין האַרץ, בעת ער איז אַרוים אויפן שלאַכט-פעלד כּולחמה האַלטן מיט זיינע פיינט, אַלס צייכן, אַז גאָט איז אונזער פאַנצער און באַשיצער אין דער צייט פון נויט און ליידן. אויך איז דער זעלבער מגן-דוד געווען אויסגעקריצט אינ׳ם זיגל פון שלמה המלך, וועלכן מ׳האָט דאַמאָלט גערופן „מגן שלמה". מיט דער הילף פון מגן-דוד ושלמה, האָט דער קעניג שלמה געפאַנגען דעם אשמדאי און אים געשמידט אין אייזערנע קייטן און דערביי אויך פאַרטריבן פון אַרום זיך בייזע שדים און אומריינע גייסטער.

* * *

אין מגן-דוד שפּיגלט זיך אָפּ די לאַגע פון אידישן פאָלק אין גלות: דער ברייטער שטרייף פון אויבן באַווייזט, אַז עס ווערט אונז ברייט דער וועג. דערנאָך קומט אַן ענג ווינקל, אַ סימן אויף ענגשאַפט און קלעם; באַלד אָבער גייען מיר איבער צו אַ ברייטער שורה און גלייכן

שטרייף. עס ווערט אונז ווידער אַמאָל לייכטער און בעסער. פון דאָרט צים זיך אויפסניי אַ שמאָלער שאַרף-שפּיציקער קאַנט, אַלס צייכן פון שלעכטס, ווייל אַזוי ענדערט זיך צייטנווייז דער אידישער גורל אין פרעמדע לענדער. מיר שטייגן אַרויף און פאַלן באַלד צוריק. מיר ני-דערן אַראָפּ און ווערן דערהויבן.

אונזער מגן-דוד אַנטפּלעקט זיך אין דעם פאָרם פון אַ געטלעכן שטערן, וועלכער קוקט אַראָפּ פון הימל. ער וואַכט איבער אונזערע טריט און באַלויכט אונזער וועג צו דער גאולה.

דערפאַר שיינט ער אַראָפּ העל אין ליכטיק פון דער ווייס-בלויער פאָן און איז געוואָרן דער אָפיציעלער סימבאָל פון די אידישע לעגיאָ-נען אין ארץ-ישראל, פאַר דער צייט פון דער ערשטער און צווייטער וועלט-מלחמה.

און זאָל ער דינען אויך אויף ווייטער, אַלס צייכן פון האָפענונג און שוץ, ביי די היינטיקע העלדישע פּאַרטיידיקער פון אונדזער לאַנד (מגיני-ארץ) און זיי דערמוטיקן צו קאַמף און דעראָבערונג, זיג און דערלייזונג, קיום און גאולה.

אינהאַלט

ערשטע אָפּטיילונג

אגדות און עפּיזאָדן

	זייט
די לעגענדע	5-7
ווי די פייגעלעך האָבן זיך אויסגעלערנט זינגען	7-9
די שנאה צווישן קאַץ און הונט	9-11
דער בוים זינגט	11-12
דער ווייַנשטאָק	13-14
די זון, די לבנה און דער האָן	14-15
די ירושה	16
דאָס גאָלדענע ניסעלע	17-18
פאַרגיטיקט דעם שאָדן	18-20
פאַרבאָרגן זייַנען די וועגן פון גאָט	20-23
אויפן גאָלדענעם אינזל	23-24
דער מלאך איבער די ברעקלעך	25-26
די שטאָט פון אמת	26-28

זייט

דער פויער, דער גרויסהאַלטער	28-31
דעם פרוכטהענדלערס שטערן	31-34
צוויי שכנים	34-35
דאָס אָרעמע שוסטערל	35-37
דער ציפּרעס	38-39
ניט געוואָלט שווערן אפילו אויף אַן אמת	40-42
אַ ליבהאָבער פון וויין	42-44
די וואַלד־בלימעלעך	44-45
אָפּגעהאַלטן פון אַ פאַרברעכן...	45-47
די קלוגע קעניגין	47-50
די צוויי לעבלעך ברויט	50-52
דער שניידער און די לבנה	53-55
אָנגעפולט אַ זאַק מיט רייד...	55-58
אַ טשערעפּאַכע, אַ פלאַפּלערקע	58-60
דער קעניג, דער בעל־תשובה	61-62
גוטע פריינט — בעסער פון געלט	62-64
דער ווינטער און זיין מאַכט	64-66
דער גלח און דער שמיד	66-69
פאַראַרעמט געוואָרן צוליב אַן אוצר	69-70
אַ קראַליק מיט פליגל	70-72
דער קעניג און דער אידישער שניידער	72-74
דער פילאָזאָף און דער מאַטראָז	74-76
אַרבעט צאָלט זיך אָפּ	76-78
דער אומעטיקער קעניג און דאָס לאַכעדיקע מיידעלע	78-82
העלדישקייט פון אַ געפאַנגענעם	82-83
דער הינקענדיקער און דער בלינדער	84-86
דער וואונדערלעכער שניידער	86-89

	זייט
די שלאַנג, דער מענטש און דער פוקס	91-89
דער שמעטערלינג און די בלום	93-91
דער מענטש און זיינע קליידער	94-93
דריי ברידער	97-95
דער שמעטערלינג	98-97
דער קעניג און זיינע ראַטגעבער	100-99
צוליב אַ טראָפּן האָניק	104-100
די פּויק	106-104
דער זאַטער פּויער און דער אָרעמער וועבער	108-106
די געהיימע האַנט	109-108
דריי האָבן זיך געשטעלט גאָט בעטן	111-110
דער רייכער מאַן און זיין ליכטזיניקער זון	113-111
די פיר קוואַלן וואַסער	115-113
דער אמת און דער ליגן	117-115
דער אָרעמער האָלצהעקער	118-117
רעדן אָדער שווייגן — וואָס איז וויכטיקער?	120-119
דער שטיין	122-120
דער קלוגער אַראַבער	123-122
אַ פרוי אַ ניט פאַרגינערין	125-123
די פּרוכט פון גרויסהאַלטונג	126-125
דורך אַ קלוגן איינפאַל זיך געראַטעוועט פון אַ רויבער	128-127
די ריכטיקע פּרינצעסין	130-128
דער איינזאַמער און זיין קלוגער גאַסט	132-130
דער גוטהאַרציקער מענטש און זיין קעגנער	135-133
געראַטעוועט געוואָרן דורכן געלערנטן זון	137-135
צוויי ברידער	139-137
די חכמה פון אַ ריכטער	141-140
אַ שנירל פּערל	144-142

	זייט
באַצאַלט מיטן לעבן פאַר קליגערן זיך צופיל	145-144
דער קאַליף פון באַגדאַד און דער קלוגער אַראַבער	147-146
ווינטער און זומער	149-148
דער קאַרגער גביר און זיין שכן דער לץ	151-150
אַ הערשער וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויפן מיסט	154-152
דאָס עלנטע קינד און דער מלאך איבער די ווינטן	156-154
דער דאָרפסמאַן און זיינע חתנים	157-156
דעם אָרעמאַן איז באַשערט געווען דאָס גליק	159-158
נאַביק און זיין פערד	161-159
דער סולטאַן און זיין ריכטער	163-161
דער קלוגער סוחר און זיין זון	165-164
די שטראָף פאַר גאווה	167-165
דער וועג פון לעבן	168-167
צוויערליי כבוד־אב	170-169
דער זעעוודיקער און דער בלינדער	171-170
די טייערסטע שטיינער	172
דאָס וואונדערלעכע פייגעלע	174-173

צווייטע אָפטיילונג

שבת, ימים טובים און תעניתים

	זייט
ש ב ת	
אלה מועדי ד׳	177
די מלאכים פון שבת	182
די ערשטע שבת־סעודה	183-182
יוסף, דער שבת־פרינץ	184-183
אַ קו, אַ שבת־היטערין	185-184

	זייט
דער כוח פון היטן שבת	187-185
דער בשמים־וואורצל: שבת	187
פסח	
פסח, דער יום־טוב פון אונזער באפרייאונג	193-192
דאס ארעמע פארפאלק אין דער נאכט פון פסח	196-194
אליהו און זיינע מיטהעלפער אין א פסח־נאכט	198-196
דער גאלדענער כוס	201-198
ישראלי'ק האט געזען אליהו הנביא	202-201
אן אורח אויף פסח	204-203
דער ווילנער גאון צום סדר ביים רב פון שטאט	206-204
ניין טעג פסח...	208-206
דער חודש אייר און זיין שיינער יום־טוב ל"ג־בעומר	210-209
ל"ג בעומר	
ל"ג בעומר	212-210
דער יונגער שטערן	214-212
חג השבועות	
אין טאג פון מתן־תורה	219-218
דער קעניג און דער פוילער פאסטעך	220-219
דעם קעניגס צוויי בעבערס	221-220
ניט פארלוירן די האפענונג	222-221
די פעלקער האבן ניט געוואלט אננעמען די תורה	224-223
צוויי קרוינען	224
די תורה	225-224
אין דער נאכט פון שבועות	227-225
תמוז־אב	
די טרויער־חדשים תמוז־אב	228-227
תשעה באב	
נבוכדנצר און די טויערן פון בית־המקדש	231-229
די שוואלב און די שפין	233-231

זייט

אינעם טאָג פון חורבן בית המקדש — — — — — — — — — — 234-233
ווען איבער ירושלים האָט זיך באַוויזן אַ שטערן — — — — — 236-235
גאָט, ווען וועסטו אָפּווישן די טרער פון דיין פאָלקס־פּנים? — 239-237
חמשה עשר באב — — — — — — — — — — — — — — — 240-239

ראש השנה

אַ נײַ און זיס יאָר — — — — — — — — — — — — — — 245-243
יעדן איד ווערט אָנגעשריבן ווערן אַ גוט יאָר — — — — — — 246-245
אַ פאָלק וואָס רייניקט זיך — — — — — — — — — — — — 247
ווי דער אָרעמער קרעמער וואָס קומט אײַנקויפן סחורה — — 249-247
רבי אמנון — — — — — — — — — — — — — — — — 250-249
מיטן קאָמיסאָרס הילף — — — — — — — — — — — — — 252-251
צום גדליה — — — — — — — — — — — — — — — — 253-252

יום כפור

פאַר כל־נדרי — — — — — — — — — — — — — — — — 256-255
די קיום פון די אבות — — — — — — — — — — — — — 257-256
אַ צענטער צום מנין — — — — — — — — — — — — — — 259-257
דער פיש — — — — — — — — — — — — — — — — — 260-259
ר׳ יונתן און זײַן פרומער שכן אין שול — — — — — — — 262-261
דער שטיינהעקער — — — — — — — — — — — — — — 265-262

סוכות

דער יום טוב סוכות — — — — — — — — — — — — — — 271-269
די פיר מינים — — — — — — — — — — — — — — — — 271
אין דעם טאָג פון אײַנזאַמלען די תבואות — — — — — — 272
דו שעמעוודיקע, דו שעמעוודיקע! — — — — — — — — — 274-273
זיס איז דער שלאָף פון אַרבעטער — — — — — — — — — 275-274
אתרוגים אַלס תויל־טיטל — — — — — — — — — — — — 277-275
עפּיזאָדן וועגן סוכות — — — — — — — — — — — — — 279-277

זייט

חנוכה

אין די צייטן פון מתתיהו כוהן גדול — 286-283
יוחנן חשמונאי און דער רשע ניקנור — 288-286
דער נס מיטן קליינעם קריגעלע בוימל — 290-288
די חנוכה־ליכט פון אונזער צייט — 291-290
עשרה בטבת — 292-291

חמשה עשר בשבט

חמשה עשר בשבט, דער טאָג פון בוים אין ארץ־ישראל — 294-293
דער באָקסער־בוים — אַ סימבאָל פון האָפענונג און דערלייזונג 296-294

פורים

די ביימער האָבן ניט געוואָלט האָבן אויף זיך המנען — 300-299
אין איינער אַ פורים־נאַכט — 303-301
דער המן־קלאַפּער — 305-303
דער מיסטעריעזער גאַסט — 307-305

דער מגן־דוד

דער מגן־דוד און זיין באַדייט — 309-308

☆

אויסבעסערונגען:

צוליב א פארדריסלעכן פארזען איז ארויסגעפאלן די ארבעט וועגן תענית אסתר.

זייט 189, שורה 13, פון אונטן ארויף, פעלן די דריי יודן אין די ווערטער יציאת מצרים.

זייט 205, שורה 12, אנשטאט דאס ווארט דורות, דארף זיך לייענען: דריי און פירט אלץ אויף אן אנדער שטייגער. האט עס אים פארדראסן:

זייט 239, שורה 8, פון אויבן אראפ, אנשטאט „אשה יראת ד' תתהלל", דארף זיך לייענען: אשה יראת ד' היא תתהלל".

פון זעלבן מחבר:

„פון אידישע קוואלן", ערשטער טייל, א"נ: „ביבלישע מאטיוון און לעגענדעס".

„פון אידישע קוואלן", צווייטער טייל, א"נ: „תלמודישע אגדות, היסטארישע שילדערונגען, עפיזאדן און געשטאלטן".

★

צוגעגרייט צום דרוק:

א בוך משלים און לעגענדעס, געזאמלט פון פארשידענע מקורות.

אויפמערקזאם, פריינט לערער און לייענער!

איך בעט זיך געבן רעכענונג וועגן די דרוק-פעלערן וואס זיינען אריינגעפאלן אין מיין בוך, נישט צוליב מיין שולד, און זען ווי ווייט מעגלעך זיי פאריכטן.

Este libro fué impreso en la
Imprenta "Poliglota", para el
mes de marzo del año 1948. —
Buenos Aires, Corrientes 3114.

Copyright by **EFRAIM GOLDBERG**
Buenos Aires, 1948.
Printed in Argentine — Impreso en la Argentina

דרוק־פעלערן

זייט	שורה	אנשטאט	דארף זיין
10	17	האָט	האָבן
19	6	שלייכל	שלייכל
28	16	אירע	איר
35	5	איפגנקאָכט	אויפגעקאָכט
46	1	ארויסגעקוקט	ארויסגערוקט
46	9	פאַראומרואיק	פאַראומרייניק
54	21	פאַל	פאַר
103	37	מענטשן	מענטש
106	10	אויבן	אויוון
120	7	זיין	זיי
122	4	האָט	האָב
127	24	געשטערט	גענישטערט
149	8	מיר	מיט
173	36	שטרעקער	שטרעקעס
194	7	אין	איין
222	30	וואָלט	וואָלטן
225	16	פּאַסרונג	פּאַסירונג
228	31	מארטראָלאָגיע	מאַרטירּאָלאָגיע
273	25	האָלט	האָלטן
289	4	רופט זיך	רופן זיך אָן
289	25	האָט	האָבן

באַמערקונג:

די צעפלעטשטע שורות 18, 19 און 20 פון זייט 295, לייענען זיך אַזוי: אַ ביסל שאָטן וואו אויסצובאַהאַלטן זיך פון דעם פייער און הייסע שטראַלן. שאָטן איז געוואָרן אַ זעלטענע דערשיינונג. די בוימער זיינען געשטאַנען באַלאָדן מיט שווערוואָגיקע פרוכטן און דערפאַר זיינען זייערע בלעטער שיטערער געוואָרן.